STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05378

IN ROYTN GLI

Abraham Raphael Forsyth

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם פאַרסייט

אין רויטן גלי

(ראָמאַן אין 3 טיילן)

ערשטער טייל

אַ לעבן ווערט געבאָרן

צווייטער טייל

אָן גלויבן

דריטער טייל

אַ טאָג ווערט געבאָרן

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פונעם

יצחק אייזיק הורוויץ בראַנטש 10, אידיש-נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

פון זעלבן מחבר:

בר־כוכבא

היסטאָרישער ראָמאַן

Copyright by

ABRAHAM FORSYTH

New York, 1947

209

PRINTED IN U.S.A.

פון מחבר

אונדזער דור לעבט אין אַ צייט, וואָס וועט זיכער פאַרעכנט ווערן אין דער מענטשלעכער געשיכטע ווי די עפּאָכע פון גרעסטע סאָציאַלע ענדערונגען.

מיר שטייען אינמיטן פון טיפע סאָציאַלע פּראָצעסן, וועלכע האָבן אַ דירעקטע ווירקונג אויף אונדזערע פּערזענלעכע לעבנס. נאָר ווייל מיר שטייען אַזוי נאָענט צו די פּראָצעסן און געשעענישן, איז אונדז אָפט שווער צו באַנעמען די גאַנצע מאָוימדיקייט און וויכטיקייט פון די פּאַסירונגען.

די גרעסטע פּאַסירונג אין אונדזער צייט איז די גרויסע אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע. אירע וועלט־גייענדיקע צילן, איר פאַרנעם און דער אופן ווי אַזוי זי ווירקט אויף אונדז, זענען פון גוואַלטיקער וויכטיקייט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

איך בין געווען אין רוסלאַנד אין יענע שיקזאַלפולע טעג און ערשטע יאָרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע. איך האָב געלעבט מיט איר אָטעם. די בילדער, געשטאַלטן און איבערלעבונגען פון יענע טעג האָבן געמאָנט, איך זאָל זיי פאַרצייכענען. איך האָב אָבער געפילט, אַז מיר זיינען נאָך צו נאָענט צו די פּאַסירונגען, און אַז עס פעלט נאָך די דיסטאַנץ פון פּערספּעקטיוו אָפּ־צושאַצן זיי. און דעריבער האָב איך זיך אָפּגעהאַלטן פון שרייבן וועגן דעם. אַזוי זענען אַוועק עטלעכע און צוואַנציק יאָר.

דער אויפקום און דער אויפשטייג פון פאַשיזם, און איבערהויפּט דער ראַשיקער גאַנג פון נאַציזם, וואָס האָט פאַרכאַפּט גרויסע טיילן פון אייראָפּע; זיך פאַרמאָסטן צו פאַרניכטן די אַלע אויפטואונגען פון דער רוסישער רעוואָ־לוציע; פאַרמאָסטן זיך אומצוברענגען אונדזער פאָלק און פאַרשקלאַפן די גאַנצע מענטשהייט, — האָט מיך געצוואונגען צו ענדערן מיין שטעלונג.

אין יענע טעג, ווען היטלער איז געגאַנגען פון איין דערפאָלג צום צווייטן; ווען ער האָט פאַרכאַפּט לאַנד נאָך לאַנד און עס האָט זיך אָפט געדאַכט, אַז ס'איז ניטאָ קיין קראַפט וואָס זאָל אים אָפּשטעלן; אין יענע טעג, ווען עס האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט דער פאַרמעסט פון די צוויי הויפּט־כּוחות פון דער גאַנצער מענטשהייט: דער גאַנג פון די מענטשן פאָראויס, דער סאָציאַלער אויפשוואונג פון די האַרעפּאַשנע מאַסן פון איין זייט, און פון דער אַנדער זייט

פון מחבר

די גאַנצע מאוימדיקייט פון דער היטלעריסטישער קאָנטער־רעוואָלוציע, וואָס האָט פאַר אונדז יידן געמיינט ניט בלויז פאַרשקלאַפונג, נאָר פולקאָמענע פאַר־ניכטונג, — אָט אין יענע טעג האָב איך אַלס מענטש און ייד זיך ניט געקענט באַפרייען פון די מאַטערנדיקע געדאַנקען: „האָט די רוסישע רעוואָלוציע געגעבן דעם מענטשן אַזוינס, וואָס האָט ביי אים געשאַפן אימוניטעט קעגן דעם נאַצי־גיפט? האָט זי אים געגעבן עפּעס אַזוינס, וואָס די דייטשע רעוואָ־לוציע האָט פאַרפעלט צו געבן? זענען דאָ דערגרייכונגען, פאַר וועלכע די פעלקער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד וועלן מסירת־נפשדיק קעמפן, אָדער — אויך זיי וועלן נכשל ווערן, אַנגעשטעקט ווערן מיט די באַצילן פון נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם?“

און ווי אַן ענטפער אויף די מאַטערנדיקע געדאַנקען, האָבן דאַן אויפ־געטויכט אין מיין זכרון די געשטאַלטן, וועלכע איך האָב געקענט אין יענע יאָרן פון דער גרויסער איבערקערעניש. ניט די גרויסע פערזענלעכקייטן. ניין. דער פשוטער האַרעפּאַשניק, וואָס האָט אַנגענומען די רעוואָלוציע, דער־גאַנגען צו איר ניט דורך איבערגעטראַכטע טעאָריעס, וועלכער איז צו איר און פון איר געפירט געוואָרן דורך זיין האַרץ, זיין גלויבן, זיין קרבנות־גרייטקייט, זיין עקשנות. איך האָב אין אָט דעם האַרעפּאַשניק דערזען די האָפענונג פון דער גאַנצער מענטשהייט און די האָפענונג פון אונדז יידן, ווייל אין אונדזער צייט איז אוממעגלעך אָפּצוטיילן דעם יידישן גורל פון דעם גורל פון דער וועלט. איך האָב דערפילט, אַז עס איז וויכטיק צו ברענגען צום יידישן לייענער אָט די געשטאַלטן אין זייער אידייען־וועלט, און דאָס פּרוביר איך טאָן אין מיין באַשיידענער אַרבעט.

ערשטער טייל

אַ לעבן ווערט געבאָרן

קאַפּיטל איינס

פון שפּעט אין אָוונט און דורך דער גאַנצער נאַכט איז געפאַלן אַ וואַרעמער זומער־רעגן. פאַרטאָג, ווען דער רעגן האָט אויפגעהערט, האָט אַ ווינט געטראָגן די אויסגעלייידיקטע וואָלקנס צום מערב. אַ לייכטער נעפּל, אַרויס־געאָטעמט פון דער וואַרעמער ערד, האָט זיך באַוועגט מיטן ווינט.

טאַטיאַנאַ איז היינט אויפגעשטאַנען פריער ווי אַלעמאָל. היינט האָט זי זיך געקליבן צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל. זי איז אַרויס אין דרויסן און מיט די אויגן דורכגעזיפּט דעם הימל פון ראַנד צו ראַנד. דער פאַרוואָלקנטער הימל האָט ניט געוויזן אויף קיין גוטן וועטער. וועט זי אפשר מוזן בלייבן דאָ נאָך אַ טאָג. זי איז צוריק אַריין אין קיך. אַ טאָג אַרבעט שטייט איר פאַרויס!

דאָס ערשטע — שטעלן דעם סאַמאָוואַר. ס'איז געווען איינגעפירט אין הויז פון די גאָלדשטיינס, וואו טאַטיאַנאַ האָט געדינט, אַז אַ הייס־זידנדיקער סאַמאָוואַר האָט געדאַרפט שטיין גרייט ווען די משפחה פלעגט אויפשטיין. טאַטיאַנאַ האָט אויסגעגאָסן דאָס איבערגעבליבענע וואַסער, האָט אַרויסגעשאָטן פון סאַמאָוואַר די אַלטע, אויסגעברענטע קוילן און געוואָלט אָנגיסן פריש וואַסער, ערשט דאָס וואַסער אין פעסל איז געווען ביים דנאָ. האָט זי גענומען דעם קאַראָמיסל מיט די עמערס. פאַרן אַרויסגיין איז זי צוגעגאַנגען צום בעט, וואו דאָס עופהלע, איר אַנדריושקאַ, איז געשלאָפן, האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן, אים בעסער צוגעדעקט און איז אַרויס.

ווען זי איז צוריקגעקומען מיט די עמערס וואַסער, האָט זי אין קיך געטראָפן די באַלעבאָסטע, די אַלטע גאָלדשטיין.

— גוט מאָרגן, באַלעבאָסטע!

— גוט מאָרגן, טאַטיאַנאַ. וואָס־זשע? גייסט טאַקע היינט אַוועק?

— אויב ס'וועט זיך אויסלייטערן, וועל איך גיין.

— אפשר וואָלסטו פאָרט פאַרבלייבן?

— איך קען ניט. בשום אופן ניט. איך ווייס, איר זענט גוט צו מיר. נאָר...

טאַטיאַנאַ האָט געוואָרפן אַ בליק צום שלאָפנדיקן עופהלע. די באַלעבאָסטע גאָלדשטיין האָט אויפגעכאַפּט טאַטיאַנאַס בליק. מיט איר מאַמעשער האַרץ האָט

זי באַלד באַגריפן טאַטיאַנאַס שווער געמיט. זינט זי, טאַטיאַנאַ, איז געקומען צו איר מיטן קינד פון דער הייב־אַם, געפינט זיך טאַטיאַנאַ אין אַ מאָדנעם אומרואיקן צושטאַנד. פון איין זייט ציט איר צום קינד. פון דער צווייטער זייט אָבער איז זי אין שטענדיקער שרעק, אַז די באַלעבאַטים זאָלן איר ניט אויפוואַרפן; אַז זי טוט ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין די אַרבעט. זי שרעקט זיך ווען דאָס קינד וויינט, צי דאָס וועט ניט בייז מאַכן דעם באַלעבאַס, דעם אַלטן שלמה גאָלדשטיין. איר דוכט זיך אַלץ אויס, אַז דער אַלטער, שלמה גאָלדשטיין, איז ניט צופרידן מיט דער גאַנצער זאַך. אין שטוב איז דאָ אַ כלה־מויד און דאָ נעמט זיין ווייב אַריין טאַטיאַנאַן מיט אַן אומגעזעצלעך קינד.

עס איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבן טאָג, ווען טאַטיאַנאַ איז ענדלעך פאַרטיק געוואָרן מיט דער הויז־אַרבעט. זי האָט שוין צוזאַמענגענומען אירע זאַכן, אַ קליין פעקל, וואָס זי האָט איינגעבונדן אין אַ ליילעך. מיט געניטקייט פון די פריערישע מאַמעס האָט זי צוגעפעסטיקט דאָס עופהלע צום ברוסט מיט דער פאַטשיילע און פאַרבינדן מיט אַ קנופּ פון הינטן.

די באַלעבאַסטע איז אַריין מיט אַ קליין פעקעלע.

— נאַ, נעם דאָס, טאַטיאַנאַ. כאַרטש אויפן וועג.

— אַ דאַנק, באַלעבאַסטע. אָבער איך דאַרף עס ניט. כ׳וועל נאָך צום אָוונט זיין אין דערהיים.

— דאָך, נעם. איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן אָן כאַרטש אויפן וועג. נעם, טאַטיאַנאַ.

— נו, זייט געזונט!

— גיי געזונטערהייט! — האָט רחל גאָלדשטיין זי באַגלייט ביז צו דער טיר.

טאַטיאַנאַ איז אַרויס, איז געגאַנגען מיטן שליאַך, ביז זי האָט פאַרלאָזן די לעצטע געסלעך פון שטעטל. דערנאָך האָט זי זיך צוגעזעצט, האָט זיך אָפּגעשפּיליעט און געגעבן דעם קינד די ברוסט.

בעת דאָס קינד האָט געצויגן די ברוסט, האָט זי פאַרגעסן איר שווער געמיט. דעמאָלט האָט זי נאָר געקוקט אויף דעם קליינעם נפשל און געפילט אַ שטראָם פון וואַרעמקייט און גליקזעליקייט, וואָס גיט זיך איר איבער דורך דעם באַריר פון די קליינע, צאַרטע ליפּעלעך. און פלעגט דאָס קינד אויפעפענען די בלויע, ליכטיקע אייגעלעך, פלעגט דער מאַמעס האַרץ אויפכוואַליען מיט פרייד.

אָנגעזעטיקט דאָס קינד, האָט טאַטיאַנאַ ווידער עס צוגעפעסטיקט צו איר ברוסט מיט דער פאַטשיילע, ווידער פאַרבונדן עס פון הינטן, האָט אַראָפּגענומען די שיך, זיי צוגעבונדן צום פעקל און האָט זיך געלאָזן באַרוועס מיט

האַסטיקע טריט אין וועג. זי איז, דוכט זיך, ניט געגאַנגען, נאָר האַלב געלאָפן. זי האָט זיך געיאָגט ווי איינע, וואָס ווערט אין וועג פאַרכאַפּט פון אַ זאַווערוכע, יאָגט זיך אַהיים נאָך וואַרעמקייט און רו.

און דער וועג, וואָס איז געגאַנגען צווישן פעלדער פון אויפגעגאַנגענעם קאָרן, האָבער און גערשטן, האָט זיך איצט געצויגן לאַנג. זי איז אָפּט מיד געוואָרן. די פּעקלעך אין די הענט, דאָס קינד ביי דער ברוסט, האָבן זי גע־צוואונגען זיך צו צוזעצן און אָפּרוען.

עס איז שוין געווען נאַכט ווען זי האָט זיך צום דאָרף דערקליבן. נאָך אַ טאָג פון שווערער האָרעוואַניע איז דאָס גאַנצע דאָרף געשלאָפן. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, אַ וואַרעמע. פון דער נאַכטיקייט האָבן זיך בלויז אַרויס־געשיילט די ווייס־געקאַלכטע הייזקעלעך. אַלע איבעריקע געביידעס: די שייערן פאַר דער תבואה, די שטאַלן פאַר די בהמות, אינאיינעם מיט די פאַר־קאַנעס, קוסטעס און ביימער, זענען איינגעקנוילט געווען אין געדיכטן חושך.

אַ מידע, אַן אויסגעשעפּטע, איז טאַטיאַנאַ געבליבן זיצן אויף דער „פראַשקין־פּאַליאַנע". דאָס איז געווען אַ פעלד ביים אַריינגאַנג אין דאָרף. דאָס פעלד האָט מען ניט פאַראַקערט און ניט פאַרזייט. פראַשקין איז געשטאָרבן און דאָס איבערלאָזן פאַר זיינעם אַ פּלימעניק, וועלכער האָט געוואוינט ערגעץ ווייט אין אַ גרויסער שטאָט. דער יורש האָט זיך ניט געקימערט וועגן זיין נחלה. דאָס פעלד איז געווען באַזוימט מיט אַלטע, שטאַרק־פאַנאַנדערגעוואַק־סענע ביימער. אַהערצו פלעגט זיך די יוגנט צונויפקלייבן פאַרברענגען.

טאַטיאַנאַ האָט דאָ אויף דעם פעלד פאַרבראַכט ניט איין אָוונט אין לוסטיקן געדריי און טאַנץ; ניט איין מאָל אויסגעזונגען איר פרייד מיט כאָרן פון דאָרפישע יונגען און מוידן. אַרום האָט איצט געהערשט נאַכט און שטילקייט. איצט האָט פון דער שטילקייט בלויז אַרויסגעזונגען דער אומאויפהערלעכער כאָר פון די גרילן, און פייער־פליגעלעך האָבן זיך געטראָגן אין שפּיל.

טאַטיאַנאַ האָט געפילט אַ דריקנדיקן אומעט. די טעג פון פרייד און טאַנץ האָבן זיך איר אויסגעוויזן צו זיין אַזוי ווייט. זי האָט זיך געפילט איינזאַם, ווי אין דער גאַנצער וועלט וואָלט זי געווען איינע אַליין, און די וועלט איז געווען פינצטער און פרעמד, ווי די נאַכט אַרום. אַ מידקייט און אַנמעכטיקייט האָט זי אַרומגענומען און זיצנדיק אַזוי, האָבן זיך אירע אויגן פאַרמאַכט און זי האָט איינגעדרעמלט.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט ווען דאָס קינד האָט זיך גענומען באַוועגן און אָנגעהויבן וויינען. אַ מאָמענט איז זי געווען צעטומלט. וואו איז זי? באַלד אָבער האָט זי זיך געכאַפּט, אַז עס שאַריעט שוין אויף טאָג. זי האָט זיך ראַפּטום אַ הויב געטאָן, גענומען די פּעקלעך און זיך געלאָזן דורכן דאָרף. מער וואָלט

איר ניט געפעלט, ווען די שכנים וואָלטן זי געפונען דאָ זיצנדיק! אַזוי אויך וועט מען, מסתמא, געבנוג רעדן וועגן איר אין דאָרף.

טאַטיאַנאַ איז דורכגעגאַנגען אַ העלפט פון דער לאַנגער גאַס און זיך פאַרקירעוועט צו אַ שמאָל געסל. זי איז צוגעקומען צו אַ כאַטע מיט אַ האַלב־איינגעפאַלענעם פאַרקנדל פון אַ הויף.

אַ הונט האָט זיך אויפגעכאַפּט און מיט אַ כריפּענדיקן געביל זיך אַ יאָג געטאָן צו איר, מיט אימפּעט און בייזקייט.

— זשוטשאָק! — האָט זי אַ פּיף געטאָן.

דער הונט האָט גלייך דערקענט אָן אייגענעם און האָט זיך גענומען פריידיק דרייען און רייבן זיך אַרום איר.

— זשוטשאָק! זשוטשאָק! דערקענסט מיך, הא? — האָט זי שטיל גערעדט צום הונט און, אַוועקלייגנדיק דאָס פּעקל, געגלעט זיין גלאַנציקע פעל. אַ וואַרעמקייט פון עפּעס אייגנס און נאָענטס איז אויפגעגאַנגען אין האַרצן.

דער הונט האָט פון פרייד גענומען שטיל סקאַוואוטשען, איז געשפּרונגען, געשטעלט זיך אויף די הינטערשטע לאַפּעס, זוכנדיק מיט דער מאָרדע צו דערלאַנגען ביז טאַטיאַנאַס פּנים. געלעקט אירע הענט.

— בו, בו, גענוג! גענוג! זשוטשאָק! — האָט טאַטיאַנאַ אים אָפּגעשטופּט פון זיך. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום פענצטער און אָנגעקלאַפּט.

אַ היבשע ווײַלע איז קיין ענטפער ניט געווען. דערנאָך האָט זיך דער־הערט ווי אינעווייניק באַוועגט מען זיך. דאָס פענצטער האָט זיך געעפנט און אַ קאָפּ מיט צעקודלעטע גרויע האָר האָט זיך אַרויסגערוקט. אַ שטימע, האַלב־בייז, האַלב־צעשראָקן, האָט הייזעריק אַרויסגעכריפּעט:

— ווער איז דאָרטן? וואָס איז געשען? שדים! לאָזן ניט שלאָפן!

טאַטיאַנאַ איז געבליבן פאַרגליווערט. דערנאָך קוים אַרויסגערעדט:

— מומעלע אַגאַפּענאַ!

— טאַטעלעך מיינע! טאַניושאַ, דו? — אַגאַפּענאַ איז אָפּגעטראָטן פון פענצטער און איז באַלד אַרויסגעקומען אין איר נאַכט־העמד, מיט אויס־געשטרעקטע הענט.

— טאַניושענקאַ, טייערע!

טאַטיאַנאַ האָט זיך אַ ריס געטאָן צו איר. דאָס שלאָפנדיקע עופהלע האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין.

די מומע אַגאַפּענאַ איז געבליבן שטיין ווי עמעצער וואָלט איר דערלאַנגט מיט עפּעס איבערן קאָפּ, דערנאָך געמאַכט אַ טריט צוריק פון דער אַנטקעגן־אַנקומענדיקער טאַטיאַנאַ. הייסט עס, עס איז אמת וואָס בייזע צינגער האָבן דערציילט: איר טאַטיאַנאַ, אירע האָדולקע, וואָס זי האָט פון אַ קליין קינד

אויסגעכאָוועט, צווישן מענטשן געבראַכט און דערנאָך חתונה געמאַכט פאַר דעם באַלעגוף יערעמענקאָ, פּירט זיך ניט אויף גוט. דער מאַן איז ביי די דייטשן אין פּלען און זי . . . אַך, פּאַסקודע!

טאַטיאַנאַ האָט דערפּילט ווי עמעצער וואָלט איר מיט אַ שניידנדיקער בייטש דערלאַנגט. פון ווייטיק האָט זי זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט, און מיט דער האַנט האָט זי שטאַרקער געדריקט דאָס קינד צו זיך.

אַזוי זענען זיי ביידע געשטאַנען אין גרויען פּרימאָרגן. ביידע ליבנדיק איינע די אַנדערע. ביידן האָט געצויגן צו פאַלן אין די אָרעמס איינע די אַנדערע, און דאָך זענען זיי געשטאַנען ווי געליימטע. אַגאַפּעניאַס פּנים איז געווען אויסגעקרימט און בייז. אויפן צונג זענען ביי איר געלעגן ווערטער גאַליקע, גיפטיקע. די ווערטער האָבן זיך געריסן צו שילטן און צו שימפן. זי האָט איר, טאַטיאַנאַן, געוואָלט ווײ־טאָן ביזן ביין, נאָר די צונג איז געבליבן שטום. אפשר האָט זי, אין איר ביטערקייט, געוואָלט אָפּרעכענען זיך פאַר די אַלע אַנטוישטע דערוואַרטונגען און האָפענונגען. איצט, אויף די עלטערע יאָרן, וואָלט זי זיך גאָר געדאַרפט אָפּרוען ביי טאַטיאַנאַן. צום סוף . . . דאָס אַלץ איז געלעגן ביי איר אויף דער נשמה. דאָס אַלץ האָט זי געפּייניקט און אין איר פּיין האָט זי געוואָלט אויך טאַטיאַנאַן ווײ־טאָן. נאָר אירע אויגן האָבן אין דערזעלבער צייט אַראָפּגעלייענט פון טאַטיאַנאַס פּנים איר גאַנצע דאָליע, וואָס זי האָט, מסתמא, לעצטנס אַדורכגעלעבט. גאָט אין הימל! וואָס איז געוואָרן פון איר טאַניושאַן? וואו איז אַהינגעקומען איר ליכטיקער בליק און דער גלאַנץ פון די אויגן? וואו זענען אַהינגעקומען אירע פולע באַקן? אַ שאָטן פון דער פריערדיקער טאַטיאַנאַ איז פאַר איר געשטאַנען. אַ דער־שלאָגענע, מיט אויסגעצערטן און בלאַסן פּנים, האָט טאַטיאַנאַ אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק. די אויגן האָבן געקוקט מיט געבעט.

די מומע אַגאַפּעניאַ האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן. זי האָט געמאַכט אַ טריט נענטער צו טאַטיאַנאַן און אויסגעשטרעקט די האַנט.

— מומעלע!!! — האָט זיך טאַטיאַנאַ אַ ריס געטאָן צו איר. איז צוגעפאַלן צו איר ברוסט און האָט זיך צעכליפּעט ווי אַ קליין קינד.

די אויסגעדאַרטע, אַלטע הענט, וואָס אַ מינוט פריער זענען זיי גרייט געווען אָפּצושטויסן טאַטיאַנאַן, האָבן איצט געגלעט אירע האָר. טרערן זענען גערונען פון דער אַלטערס אויגן. „גאָט מייבער! ווי דו זעסט אויס, טאַטיאַנאַ. קום!"

אָנבויגנדיק זיך האָט די אַלטע אַגאַפּעניאַ אויפגעהויבן טאַטיאַנאַס פּעקל און אָננעמענדיק טאַטיאַנאַן פאַרן האַנט, ווי זי פלעגט זי אָננעמען ווען יענע איז נאָך אַ קליין קינד געווען, האָט זי זי אַריינגעפירט אין שטוב.

טאַטיאַנאַ האָט פאַנאַנדערגעבונדן די פּאַטשיילע, פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס

עופּהלע. זי האָט אַרויסגענומען פון פּעקל טרוקענע ווינדעלעך און זיך גענומען איבערוויקלען דאָס קינד. דערביי האָבן אירע אויגן אויף קיין איין מינוט ניט אויפגעהערט נאָכצוקוקן די מומע אַגאַפּענאַ. זי האָט געוואוסט: די מומע אַגאַפּענאַ וועט איר צוריקקומען אַזוי גרינג ניט אַראָפּשלינגען. די מומע האָט זיך גענומען אָנטאָן, און פון אירע האַסטיקע, צופּנדיקע באַוועגונגען האָט טאַטיאַנאַ געזען, אַז עס רוקט זיך ווידער אָן אַ שטורעם.

אַגאַפּענאַ האָט אויסגעמיטן צו קוקן אין טאַטיאַנאַס זייט, נאָר אַלץ אין איר האָט געזאָטן: די אומפאַרשעמטע! געקומען! געבראַכט די חרפּה צו מיר אין כאַטע! ווי וועל איך זיך איצט פאַר מענטשן ווייזן? וואָס וועל איך זיי זאָגן?

אויסדרייענדיק זיך מיט אַמאָל צו איר, האָט זי אַרויסגעפּלאַצט:

— דערלעבט זיך?!! אַ פּאַטאַסקוכע געוואָרן . . .

טאַטיאַנאַ איז אויפגעשפּרונגען:

— שוויגט, מומעלע! שוויגט, קריסטוסן צוליב! אַניט וועל איך פון דאַנעט אַנטלויפן וואוהין די אויגן וועלן טראָגן!

— וואוהין וועסטו לויפן? וועסט ניט אַנטלויפן מיט דעם! — האָט אַגאַ־פּענאַ אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט אין דער זייט פון קינד. — האָסט זיך שוין דערלאָפן. ווייטער ניטאַ וואוהין. צו מיר געקומען. געבראַכט די חרפּה צו מיר אין שטוב. וואו וועל איך איצטער מיינע אויגן אַהינטאָן? וואָלסט כאַטש מיך געזשאַלעוועט. מיין עלטער געשאַנעוועט. צוגעוואַרט ביז איך וועל מיינע אויגן צומאַכן. דעמאָלט . . . וואָס־זשע ביסטו געקומען אינמיטן נאַכט? יעפים קאַרפּאָוויטש האָט דיך פון שטוב אַרויסגעטריבן?

— קיינער האָט מיך ניט געטריבן. איך בין אַליין אַוועק — האָט טאַטיאַנאַ גערעדט דורך טרערן. — וועל זיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן ביי אייך, מומעלע. וועל ווידער אַוועק אין שטעטל פאַר אַ דינסט, צי פאַר אַן אַם.

אַגאַפּענאַס בליק איז דערווייל געפאַלן אויף דעם קליינעם נפשל, וואָס האָט זיך געצאַפּלט אין טאַטיאַנאַס הענט. דאָס עופּהלע האָט אויפגעהערט צו וויינען, האָט אויפגעעפנט זיינע בלויע, קלאָרע אייגעלעך און געקוקט אויף דער מומע אַגאַפּענאַ. פון דעם בליק, פון די קינדערשע אייגעלעך, האָט זיך געלאָשן אַגאַפּענאַס כעס. די אייגעלעך האָבן, דאַכט זיך, געפרעגט: „וואָס בין איך שולדיק?‟. און פון דעם איז אַגאַפּענאַס האַרץ אָנגעפילט געוואָרן מיט וואַרעמקייט צו דעם ליכטיקן, הילפלאָזן נפשל. זי האָט זיך שוין מער ניט צוגעהערט צו דעם, וואָס טאַטיאַנאַ האָט גערעדט דורך טרערן.

זי איז צוגעגאַנגען צו טאַטיאַנאַן, אַרויסגענומען דאָס עופּהלע פון אירע הענט, באַטראַכט — אַ ייִנגל צי אַ מיידל? דערנאָך עס אויפגעהויבן אין דער־

הויך און מיט אַנטציקונג אָנגעקוקט דאָס זיס פּנימל, געטשמאַקעט מיט די ליפּן און גערעדט: „אַרעמינקער מיינער! זונעלע!“

אירע אַלטע, אויסגעלאָשענע אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט מוטערלעכער גוטסקייט. זי האָט געקראָגן אימפּעט, פּונקט ווי זי וואָלט אויף יאָרן יינגער געוואָרן. זי האָט שוין געוואוסט וואָס צו טאָן: ערגעץ־וואו אין שטעלכל האָט זי געהאַט פאַרשטעקט אַ טיף מולטערל. אין מולטער, וואָס איז געהאַנגען צוגעבונדן מיט שטריק צום באַלקן, האָט זי אַמאָל געהאָדעוועט טאַטיאַנאַן. דערנאָך האָט די מולטער געדינט צו קאָרעמען די חזירימלעך. דער אויבער־שטער ראַנד פון מולטער איז געווען האַלב־אָפּגעגריזשעט. איצט האָט זי עס ווידער אַרויסדעביוועט. זי האָט אַרויסגענומען אַן אַלטע פערינקע, האָט עס לאַנג געלופטערט און געקלאַפּט, און פון דעם איז געוואָרן אַ בעטעלע פאַרן קינד.

די גאַנצע צייט האָט טאַטיאַנאַ פון דער מומען די אויגן ניט אַראָפּגענומען. זי האָט געוואוסט: די מומע אַגאַפעגאַ קען זיך אָנציינדן מיט כעס, זי קען אָבער אויך שנעל אויסלעשן זיך. און באַלד איז עס טאַקע געקומען. מיט געמאַכטער שטרענגקייט האָט אַגאַפעגאַ אַ קער געטאָן זיך צו טאַטיאַנאַן.

— נו, וואָס שטייסטו דאָרטן, גולם, און גלאָצסט מיט די אויגן? גיי! מעלק אויס די קו! דאָס קינד דאַרף מילך!

פון דער מומע אַגאַפעגאַס ווערטער איז טאַטיאַנאַ אויפגעלעבט געוואָרן. טייערע, טייערע מומעלע! טאַטיאַנאַ האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין פירהויז, וואו דאָס מילך־שעפל איז געשטאַנען אַן אויסגעוואַשנס, איבערגעדעקט מיט אַ ווייס לייוונטל, גענומען עס, און שפּרינגענדיק געלאָפן אין שטאַל. אינעווייניק האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין נאָז דער אַלט־באַקאַנטער ריח פון מיסט און בהמהשער וואַרעמקייט. „העי, פאַשקאַ!“ — האָט זי אַ פּעטשל געטאָן די קו און זיך צוגעדריקט צו איר וואַרעמען האַלדז.

די קו האָט אַ קער געטאָן צו טאַטיאַנאַן איר מעלה־גירהדיקע מאָרדע און אָנגעקוקט זי צוטרוילעך מיט אירע בהמהשע אויגן.

טאַטיאַנאַ האָט זיך גענומען פלינק מעלקן די קו. און ליב איז איר געווען די אַרבעט, און אָנגענעם איז איר געווען דער ריח פון וואַרעמער מילך, צעמישט מיטן ריח פון שטאַל־מיסט; און היימיש האָט זי זיך געפילט צווישן די צעפאָרענע ווענט פון שטאַל און אונטער דעם צעשאָסענעם דאַך.

ווען זי איז צוריק אַריין אין כאַטע מיט אַ פולן שעפל מילך, האָט זי גע־טראָפן די מומע אַגאַפעגאַ עסקן זיך מיטן קינד. זי האָט אים געוואַשן מיט אַ נאַס טיכעלע, דערנאָך אָפּגעווישט דאָס נאַסע פּנימל, די הענטעלעך. זי האָט מיט אַנטציקונג אַ הויב געטאָן אים אינדערהויך. ער האָט געלויכטן מיט יענער שיינקייט, תמימותדיקייט פון אַ יונג נפשל, וואָס דערקוויקט שטענדיק

דאָס האַרץ. זי האָט זיך מיט אים עטלעכע מאָל אַ דריי געטאָן. גערעדט מיט ליבשאַפט: „עך, דו! קוקורוזע מיינע!", און האָט אים צוריק אַוועקגעלייגט אין מולטער.

אויפן טיש איז שוין געשטאַנען אַ זודיקער סאַמאָוואַר. אַ גרויסע שיסל מיט הייס־פּאַרעדיקע קאַרטאָפל און אַ לאַדישעק מיט זויערמילך. אַ לאַבן שוואַרץ ברויט און יונגינקע, רויטע רעטעכלעך.

ביידע, די מומע אַגאַפּענאַ און טאַטיאַנאַ, האָבן געגעסן שווייגנדיק זייער ערשטן מאָלצייט צוזאַמען. יעדע פון זיי פאַרטאָן אין אירע אייגענע געדאַנקען. אַגאַפּענאַ האָט שוין אין זיך אָנגענומען טאַטיאַנאַס צוריקקומען און מיט דעם שלום געמאַכט. איצט האָט זי געמאַכט פּלענער פאַר דער פאַרגרעסערטער משפּחה.

טאַטיאַנאַ אָבער האָט ערשט איצט גענומען באַנעמען, ווי שווער עס וועט איר זיין צו געפינען אַ מקום־מנוחה דאָ אין דאָרף. אַ מקום־מנוחה, נאָך וועלכן זי האָט אַזוי געגאַרט.

שפּעטער, ווען זי איז געלעגן לעבן דעם זויגנדיקן קינד, וועלכעס האָט גיריק געצויגן פון איר ברוסט, האָט זי אָן אַלץ פאַרגעסן. איר האָט ניט גע־שראָקן מער קיין זאַך. דאָס נפשל לעבן איר האָט איר אָנגעפילט מיט בלינדער זיכערקייט. אַ באַרואיקטע איז זי אַזוי ליגנדיק איינגעשלאָפן.

אַגאַפּענאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף דער שלאָפנדיקער פּאָר, מאַמע און קינד, און געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט אָפּגעווישט אַ טרער, וואָס איז געפאַלן אויף איר צעדאַרטן פּנים, און איז אַרויס צו דער אַרבעט.

אין דרויסן איז שוין געשטאַנען גרויסער טאָג.

קאַפּיטל צוויי

מיד פון שפּאַנען איבער דעם לאַנגן וועג, פון שטעטל צו דאָרף, און צעטרייסלט פון אויפרודערונג, איז טאַטיאַנאַ, אַן אויסגעשעפּטע, לאַנג און שטאַרק געשלאָפן.

ווען זי האָט זיך ענדלעך אויפגעכאַפּט, איז זי געבליבן זיצן האַלב־פאַרגליווערט. נאָך אַלץ פאַרשלאָפן, האָט זי זיך געריבן די אויגן. דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. די זון איז געשטאַנען הויך איבער די ווערבעס ביים טייך. הייסט עס, עס איז שוין שפּעט — שוין ווייט נאָך האַלבן טאָג.

טאַטיאַנאַ האָט זיך אָפּגעקערט פון פענצטער און אַ גיי געטאָן איבערן צימער. פאַרבייגייענדיק האָט זי געכאַפּט אַ קוק אויף זיך אין שפּיגל אויף דער וואַנט. זי האָט זיך קוים דערקענט. אַ פרעמד פּנים מיט לעבלאָזע אויגן און אויסגעבלאַסטע באַקן. די האָר צעוואָרפן. זי האָט זיך דערמאָנט: פון נעכטן אָן האָט זי זיך נאָך ניט געוואַשן.

טאַטיאַנאַ האָט אַ לויף געטאָן דורכן הויף, אַראָפּ צום טייכל, און געבראַכט אַן עמער קאַלט וואַסער. זי האָט זיך מיט אַ פּליוסק געוואַשן. און געפילט האָט זי, ווי אינאיינעם מיטן שמוץ וואַשט דאָס קאַלטע וואַסער אַראָפּ פון איר די פאַרטעמפּטקייט און דעם גלייכגילט. דאַכט זיך, אַז עס הויבט ווידער אָן צו ריזלען אין איר מיט לעבן. און זי האָט זיך דערפילט מונטערער, פרישער.

דאָס קינד איז רואיק געשלאָפן און טאַטיאַנאַ איז געזעסן לעבן אים אַ ווײַלע און געטריבן די איינגעגעסענע פליגן.

אַלץ אַרום איז שטיל געווען. אין שטיבל האָט, דאַכט זיך, קיין זאַך ניט געביטן זיך. אַלץ איז דאָ געווען ווי אַמאָל, ווען זי האָט צום לעצטן מאָל פאַרלאָזן דאָס הויז, באַגלייט מיט ברכות און ווינטשעוואַניעס. דער זעלביקער ברייטער אויוון, מיט אַ קאַטוך פאַר די הינער; דאָס ברייטע הילצערנע בעט, וואָס פאַרנעמט דעם גאַנצן שטח פון אויוון ביז דער וואַנט און אין וועלכן די גאַנצע פאַמיליע פלעגט שלאָפן; דאָס זעלבע מעבל: אַ פּראָסטער הילצערנער טיש מיט צוויי לאַנגע, גרויסע בענק, אַ פּאָר קליינע בענקלעך, און דער אַלטער, האַלב־צעפאַלענער קאַמאָד. בלויז די איקאָנע, גאָטס מוטער, וואָס הענגט אין דעם רעכטן ווינקל, איז אַ נייע. פון הינטער די אויסגענייטע, ווייסע לייוונטענע

האַנטיכער קוקן צו איר די אויגן פון דער „מוטער" מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט און גוטסקייט.

דורכן פענצטער, ווי ווייט דאָס אויג האָט געקענט כאַפּן, איז אויך געווען דער זעלביקער אַלטער געשטעל. רעכטס — דער הויף מיט די האַלב־צעפאַרענע שטאַלן פאַר די בהמות און פערד, און לינקס — דער תבואה־שפּייכלער. הינטער דעם, אין דער גאַנצער ברייט פון כאַטע און הויף, האָט זיך געצויגן דער גאָרטן מיט עטלעכע אַלטע צעקרימטע פּרוכט־ביימער, און נאָך די ביימער — גלייכע, לאַנגע בייטן מיט כלערליי גרינסן.

אַגאַפּענאַ האָט איצט געאַרבעט אויף די גרינס־בייטן. שטייענדיק איינגעבויגן האָט זי געיעט דאָס ווילד־גראָז און געוואָרפן עס אין פאַרטוך, וואָס זי האָט געהאַלטן אויפגעהויבן מיט דער צווייטער האַנט.

שוין ביים סאַמע עק פון גאָרטן, נאָך דעם קרויט־ווינקל, האָט זיך געצויגן אַ קליין לאַנקעלע, וואָס האָט נידערנדיק זיך אַראָפּגעלאָזן צום טייכל.

פון ביידע זייטן ברעג איז דאָס טייכל באַוואַקסן געווען מיט אַלטע ווערבעס. אין טייכל האָט איצט געווימלט מיט דעם נייעם אַרויסשיט פון יונגע ענטלעך און געענדז. די יונגע האָבן זיך געהאַלטן נאָענט צו דער מוטער, און וואו זי פלעגט זיך קערן, זענען זיי איר פלינק נאָכגעשוואומען. יעדעס מאָל ווען די מאַמע־ענטל פלעגט עפּעס אַרויסשנאַבלען פונעם וואַסער, פלעגן זיי, די יונגע, זיך אַ יאָג טאָן צו איר, אַרויסכאַפּן דאָס געפאַנג פון איר מויל און הונגעריק עס פאַרצוקן. די מאַמע־ענטל האָט זיי געגרן אַוועקגעגעבן דאָס געפאַנג און טאַקע באַלד ווידער געטויכט מיטן שנאָבל אין וואַסער נאָך נייער יניקה.

דאָס אַלץ איז טאַטיאַנאַן געווען גוט באַקאַנט. דאָ האָט זי געקענט יעדעס ביימעלע, יעדן קוסט, יעדעס גראָז־בערגעלע. אין הויף איז איר אַפילו באַקאַנט געווען יעדעס שטיינדעלע. דאָ, אין דער שטוב, אין דעם הויף ביי דער מומע אַגאַפּענאַ, האָט זי זיך אויסגעהאָדעוועט.

אַהער האָט זי די מאַמע אירע געבראַכט ווען זי איז געווען אַ קליין עופהלע און דאָ איבערגעלאָזן. איר טאַטע־מאַמען האָט טאַטיאַנאַ אינגאַנצן ניט געדענקט. די מומע אַגאַפּענאַ און דער פעטער יעגאָר האָבן אויסגעמיטן צו רעדן וועגן זיי. פאַר זיי איז טאַטיאַנאַ געווען דאָס גאַנצע לעבן און זיי האָבן זי געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד.

פון די אָפּגעריסענע שמועסן דאָ און דאָרטן, פון די באַמערקונגען פון די שכנים, האָט זי זיך דערוואוסט וועגן אירע עלטערן. די שכנים פלעגן, קוקנדיק אַמאָל אַזוי אויף טאַטיאַנאַן, פלוצלונג אַ זאָג טאָן: „אינגאַנצן איז זי געראָטן אין דער מאַמען." אָדער שפּעטער, ווען זי איז עלטער געוואָרן, פלעגט זי אויך הערן: אַ מויד — אַ ברען, ווי דער טאַטע." אַזוי האָט זי זיך דערוואוסט וועגן

איר טאַטע־מאַמע. איר פאָטער, אַנדרעי, איז געווען אַ באַטראַק און געאַרבעט אויף פּריצישע גיטער. ער איז געווען אַ דרייסטער. פלעגט זיך אָפט איינשטעלן פאַרן האַרעפּאַשנעם מענטשן. פלעגט „אויפקלערן" די פּויערים. די ערד, פלעגט ער טענהן, איז דאָך גאָטס ערד. פאַרוואָס־זשע קומט עס די פּריצים אַזוי פיל ערד, לאַנקעס און וואַלד? פאַרוואָס זאָלן מיר, פּויערים, פאַרצעווען אַזוי שווער און ביטער פאַר אַ שטיקל ברויט און דער פּריץ זאָל האָבן אַלדאָס וואוילטאָג? פאַרוואָס?... דער גאַנצער דרך פון דער וועלט איז אים ניט געווען געפעלן. ער האָט געהאַט איבער דער גאַנצער געגנט אַ שם פאַר אַ בונטאַר. אַדאַנק זיינע דרשות האָבן די פּויערים געוואַגט אַרויפצולאָזן זייערע בהמות אויף די פּריצישע פעלדער. געגומען, אַן דערלויבעניש, האָלץ פון דעם פּריצישן וואַלד. און ווען עס איז איינמאָל געשען, אַז דער ריזיקער שפּייכלער איז אַראָפּ מיט פייער, איז מען געקומען אים אַרעסטירן. נאָר אַנדרעי האָט זיך באַצייטנס פון דעם דערוואוסט און איז נעלם געוואָרן.

אַ לאַנגע צייט האָט מען ניט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען. דערנאָך האָט מען געהערט, אַז ער אַרבעט אין אַ פאַבריק אין דעם וייטן פעטערבורג. דערנאָך זענען דערגאַנגען ידיעות, אַז ער איז אַרעסטירט געוואָרן. מען האָט אים לאַנג געהאַלטן אין טורמע, פאַרמשפּט און פאַרשיקט אין סיביר.

טאַטיאַנאַס מוטער, גלאַפירע, האָט באַשלאָסן מיטצופאָרן מיטן מאַן.

פאַרן אַוועקפאָרן איז זי מיט דער קליינער טאַטיאַנאַ געקומען צו פאָרן צו דער מומע, אַגאַפּענאַ, געזעגענען זיך.

אַגאַפּענאַ האָט זיך געבעטן ביי איר: לאָז איבער טאַניושקאַן דאָ. איך וועל אויף איר אויפפּאַסן. וואוהין וועסטו אַזאַ פּיצל קינד שלעפּן אין דעם ווייסטן, קאַלטן סיביר?

איר מאַמע האָט זיך באַטראַכט און טאַקע איבערגעלאָזט די קליינע טאַטיאַנאַ ביי דער שוועסטער.

עס זענען אַוועק עטלעכע יאָר און מען האָט פון זיי גאָרניט געהערט. ביז איין טאָג, ווען אין וואָלאָסט פון דאָרף איז אָנגעקומען אַ מעלדונג, אַז גלאַפירע אָודעיענקאָ איז געשטאָרבן אין אַ שפּיטאָל.

די מומע אַגאַפּענאַ און דער פעטער יעגאָר זענען פאַר איר, פאַר טאַטיאַנאַן, געווען טאַטע און מאַמע. און דער דאָרף, מיט זיינע רונדע האָרי־זאָנטן — איר וועלט. דאָ האָט זי געשטעלט די ערשטע טריט אין לעבן און דאָ האָט זיך עס געשנירלט טאָג נאָך טאָג, דאָס לעבן פון אַן אָרעם פּויעריש קינד, וואָס איז פול מיט פרייד, וואָס די נאָענטקייט פון דער ערד ברענגט, און איז פול מיט זאָרגן, וואָס די דחקות צווינגט אַרויף.

פרי־זומערדיקע טעג, פול מיט וואַרעמקייט און זון! פול מיט פרייד! פול

מיט לעבן! ווי עס שפּראָצן אַרויס די גרינסן; ווי עס צעבליִען זיך דיביימער; ווי עס הויבט זיך דער יונגער גראָז, און די לאָנקע ווערט באַדעקט מיט אַ קאָלירפולן דעקטוך פון בלימעלעך; ווי עס הויבט זיך דער גרינער קאָרן; ווי עס גיסן זיך אָן די זאַנגען, רייפן און וויגן זיך כוואַליעסווייז אונטערן ווינטל; ווי עס צעבלויען זיך צווישן דעם קאָרן די קאָרן־בלומען; ווי עס שיסן אַרויס אין פעלד פון אונטער די פיס די זשאַוואָראָנקעס, הויבן זיך צום הימל אַרויף־אַראָפּ, אַרויף־אַראָפּ און זינגען מיט פרייד, זינגען אַזוי, אַז דאָס האַרץ ווערט פאַרגאַנגען פון בענקשאַפט; זומערדיקע טעג, ווען דער קערפּער, פול מיט מידקייט נאָך אַ טאָג אַרבעט בײַם היי, בענקט נאָך רו.

זומערדיקע טעג, ווען מען זעט נחת־רוחדיק ווי גאָט האָט איינגעזען דעם מענטשנס מי, און די ערד האָט אַרויסגעגעבן איר פולע מאָס; זומערדיקע טעג, ווען עס קלינגען די לידער פון די שניטער, וואָס קערן זיך אום פון פעלד מיט די שנייד־מעסערס פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען. לויטער און ווייט דערקייקלען זיך זייערע קלאַנגען, דערגייען אַזש ביזן וואַלד, און יענער, טונקל און געהיימניספול, ענטפערט אָפּ מיט אַן עכאָ צוריק. זומערדיקע טעג מיט ליכטיקע באַגינענס און גלי־פאַרביקע שקיעות; מיט די אָפּפרישנדיקע, בשמימדיקע אָוונטן; זומערדיקע טעג, ווען מען פרייט זיך מיט יעדן וואַרעמען רעגנדל, וואָס קומט אין צייט, און מען איז זיך מצער ווען די טריקעניש שטייט צו לאַנג.

און זומערדיקע טעג אין לעצטן גלי פון אָפּגיין, ווען אַ בענקשאַפט טוט נאָגן, וואָס דאָס אַלץ פאַרגייט און עס רוקן זיך אָנדערע טעג — אָסיענדיקע און ווינטערדיקע.

אָסיענדיקע טעג, ווען די כמאַרעס צעלייגן זיך איבערן הימל און מאַכן ענג די וועלט; ווען אַ דריבנער רעגנדל פאַלט און פאַלט פון הימל און וויל גאָרניט אויפהערן. אָסיענדיקע טעג פול מיט זאָרגן וועגן אַ גאַנצן שוך, וועגן אַ וואַרעמען בגד; אָסיענדיקע טעג, ווען דער פעטער יעגאָר און די מומע אַגאַפּענאַ קריגן מיט אַמאָל זייער ערנסטע פּנימער, רעדן זיך דורך פאַרזאָרגט צי עס וועט סטייען ברויט איבערן ווינטער, צי עס איז דאָ גענוג קאַרטאָפל, קרויט; צי עס וועט סטייען פיטער פאַר די בהמות. און כמעט שטענדיק דער זעלבער אויספיר: דער פעטער יעגאָר וועט מוזן צושטיין צו אַן אַרטעל פון היי־פּרעסער, כדי צו קענען דורכטראָגן דעם ווינטער. אָסיענדיקע טעג, ווען מען איילט זיך צו פאַרריכטן דעם דאַך און די שפּאַלטן אין די שטאַלן. אָסיען!

ווינטערדיקע טעג, ווען מען שטעלט אַריין די טאָפּלטע פענצטער; ווינ־טערדיקע טעג מיט די לאַנגע אָוונטן, פאַרשנייטע וועגן און זאַווערוכעס; מיט פראָסט־פאַרקאָוועטע פענצטער און טירן; ווינטערדיקע טעג מיט סקרוכיקע

פרימאָרגנס, ווען עס פרירט דאָס וואַסער אין שטוב; ווינטערדיקע טעג, ווען עס איז ניטאָ וואו אַהינצוטאָן די צייט און מען ליגט גאַנצע לאַנגע נעכט אויפן אויוון און מען חלומט און מען גאַרט נאָך פרילינג; ווינטערדיקע טעג, ווען מען נעמט אַריין אין שטוב דאָס נאָר־וואָס געבוירענע קעלבל און מען פרייט זיך מיט דעם ווי מיט אַ קינד.

אין איינעם פון אַזעלכע ווינטערדיקע טעג האָט פאַר טאַטיאַנאַן אויפגעלויכטן אויף אַ מינוט אַ האָפענונג. די מומע אַגאַפענאַ האָט געזאָגט:

— איך טראַכט, יעגאָר, מען האָט געדאַרפט אונדזער טאַניושקאַן שיקן צום פאָטערל. זאָל קלים אַנדרעיעוויטש זי אויסלערנען לייענען, שרייבן.

דער פעטער יעגאָר האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— צו וואָס דאַרף די מויד קענען לייענען און שרייבן? זי זאָל זיך אָנלייענען מיט טרייפענע ביכלעך, ווי איר טאַטע האָט געטאָן? עס וועלן דיר ניט פעלן קיין צרות. אַזוי אויך איז זי אַ צו „שוסטרע“ מויד.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט טאַטיאַנאַס האָפענונג אויף אַן איבעראַנדערשונג פון די טעג. ווידער האָבן זיך די טעג און יאָרן געצויגן אָנגעפיקעוועט מיט האָרעוואַניע און זאָרג.

בלויז די יום־טוב־טעג פון קריסטוסעס געבורטסטאָג, פאַסכאַ און טראָיצע האָבן דורכגעלויכטן מיט ליכטיקייט און פרייד. די מאָנאָטאָנקייט פון די טעג איז איבערגעריסן געוואָרן מיט גיין אין קלויסטער, מיט זינגען, מיט טראָגן אין דער פאַסכאַ־נאַכט דאָס ליכט פון קלויסטער. און די געשמאַקע מאכלים.

אָט דאָס זענען געווען טאַטיאַנאַס קינדער־יאָרן. זיי זענען פאַרשוואומען ניט־באַמערקטערהייט אין דעם שטענדיקן, אומאויפהערלעך־פליסנדיקן שטראָם פון צייט. זיי זענען אַוועק ווי עס גייט אַוועק דער פרילינג און רייפער זומער פאַרנעמט אומבאַמערקט זיין אָרט. דאָס דאַרע, הויכע מיידעלע מיטן בלאַסן פנים, מיט אַרויסשטאַרטשענדיקע קינבאַקן, האָט זיך שנעל אַנטוויקלט; די בריסטלעך האָבן זיך אויסגערייפט און האָבן זיך געשפּיצט פון אונטער דעם סאַראַפאַן; די היפטן זענען געוואָרן פולער, דאָס פנים איז געוואָרן רונדיקער און מען האָט שוין מער ניט געזען די קינבאַקן זאָלן אַרויסשטאַרטשען. פון דעם אויסגערונדיקטן פנים האָבן אַרויסגעשיינט גרויסע בלוי־גרוילעכע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף דער וועלט מיט נייגיר און אַרויסרוף.

די מענער פון דאָרף האָבן מיט אַמאָל גענומען הויבן זייערע בליקן אויף טאַטיאַנאַן. זיי האָבן זיך מיט חידוש געפרעגט: ווען האָט זי, דאָס קליינע מיידעלע, זיך צעוואַקסן אַזוי?

טאַטיאַנאַ, וואָס איז געווען אַ לעבעדיק און זאָרגלאָז קינד, איז איצט געוואָרן ערנסט. זי האָט זיך גענומען פאַרטראַכטן וועגן דעם לעבן אַרום איר.

דער לויף פון אירע טראַכטונגען איז פון אָנהויב ניט געגאַנגען ווייטער פון דאָרפישן האָריזאָנט און פון די פשוטע פויערישע זאָרגן פאַר עקזיסטענץ. דערנאָך איז די נייגעריקייט צו דעם אומבאַקאַנטן לעבן, וואָס ליגט ווייט הינטערן האָריזאָנט, געוואַקסן. טאַטיאַנאַ האָט געוואָלט וויסן, ווי עס לעבן די מענטשן אין שטעטל, וואו דער פעטער, יעגאָר, פלעגט גיין פאַרדינען אין די ווינטער־חדשים. עס האָט איר געגעסן אַ נייגעריקייט צו וויסן, ווי עס לעבן מענטשן אין די ווייטע, גרויסע שטעט.

און אָפט פלעגט זי אַריינפאַלן אין אַ מאָדנע אומרואיקייט און צעדרודערונג. עפּעס האָט איר געדרופעט און אָנגעפילט מיט אומצופרידנקייט אַפילו ווען אַלץ אַרום פלעגט זיין פול מיט לעבן און שיינקייט. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט זי ליב געהאַט צו פאַרקלייבן זיך אין וואַלד און בלייבן דאָרטן מיט זיך אַליין. אַ פיינלעך־זיסע בענקעניש פלעגט זי אַרומנעמען און מאַכן נאָגן דאָס האַרץ נאָך עפּעס אַן אַנדערן, אויסטערלישן לעבן. זי האָט אַליין ניט געוואוסט נאָך וואָס זי בענקט. זי האָט נאָר געפילט, אַז דער שטילער, געדיכטער וואַלד האָט אַ מאָדנע צויבער; אַז דאָ האָבן זיך די געפילן געוועבט שאַרפער; דאָס האַרץ האָט שטאַרקער געבענקט, די באַגערן זענען געווען הייסער. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דער שטילער, געדיכטער וואַלד האָט אין זיין טיפקייט פאַרהוילן אַלע סודות פון לעבן און וויל זיי ניט אַרויסגעבן.

אָבער זומער־צייט זענען די מאָמענטן פון אומרואיקייט ניט געווען קיין צו אָפטע. די אַרבעט האָט געיאָגט און צופיל אָפּצוגעבן זיך מיט די אייגענע געפילן איז ניט געווען ווען.

נאָר ווינטער, ווען דער הימל פלעגט הענגען נידעריק מיט בלייענע וואָלקנס; ווען דאָס גאַנצע לעבן פלעגט זיך דרייען מערסטנס אַרום כאַטע און הויף; ווען די פשוטע הויז־אַרבעטן, טאָג־אויס, טאָג־איין, אַלץ די זעלביקע, פלעגן אָפּגעטאָן ווערן, האָט טאַטיאַנאַ געפילט ווי זי ווערט דערדריקט.

איר האָט זיך געדאַכט ווי די ווענט, די סטעליע פון דער קליינער כאַטע ליגן אויף איר און דריקן זי צו דער ערד מיט זייער גאַנצער משא. און אָפט פלעגט זי ניט קענען אויסהאַלטן. זי פלעגט אויף גיך אַרויפכאַפּן אויף זיך די פּאַטשיילע, אַרויסלויפן אין גאַס און שטיין ביים טויערל פון הויף. אירע אויגן פלעגן גיריק קוקן צו דיביידע זייטן פון גאַס, פונקט ווי זי וואָלט אויף עמעצן געוואַרט.

דעמאָלט פלעגט אויך טרעפן, אַז אינמיטן פון עפּעס אַן אַרבעט פלעגן זיך די הענט אירע אָפּלאָזן און זי פלעגט בלייבן שטיין מיט אַ פאַרשטיינערט האַרץ. און פלעגט איר דעמאָלט אַגאַפּענאַ אויפוואַרפן, פלעגט זי איר אָפּהאָקן:

— אַ, לאָזט מיך צורו!

אַגאַפּעגאַ פּלעגט זי אָנקוקן פאַרוואונדערט: — וואָס איז מיט דיר? ביסט פון זינען אַרונטער?

ערשט דאַן פּלעגט טאַטיאַנאַ זיך כאַפּן, אַז זי האָט גערעדט צו פרעך צו דער מומען, און טרערן פּלעגן זיך איר שטעלן אין די אויגן.

די מומע אַגאַפּעגאַ פּלעגט דאַן, קוקנדיק אויף טאַטיאַנאַן, שאָקלען מיטן קאָפּ. געטראַכט: עפּעס איז די מויד ניט מיט אַלעמען. מען דאַרף די מויד היטן מיט ביידע אויגן. אַניט, וועט ניט פעלן קיין צרות.

***

און אַזוי האָט זיך ווייטער געצויגן טאַטיאַנאַס לעבן.

אויפן פופצנטן יאָר האָט זיך טאַטיאַנאַס מיידלשע, דאָרפישע לעבן איבער־געריסן. דער פעטער יעגאָר איז געשטאָרבן.

פאַרנאַכט־צו האָט דער אַלטער יעגאָר זיך אומגעקערט פון טייך, וואו ער האָט געשטעלט אַ בריקל. ער איז געווען איינגאַנצן דורכגענעצט און געפילט ווי עס קעלטערט אים, נאָר ער האָט צו דעם ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמ־קייט. אים האָט זיך געוואָלט אַריינכאַפּן און אין דעם זוניקן טאָג פאַרענדיקן די אַרבעט. הגם פאַרנאַכט איז שוין געווען גאַנץ קיל, האָט ער געאַרבעט ביז שפּעט.

אין דערהיים האָט ער דערפילט ערגער. עס האָט אים אָנגעהויבן שטאַרקער וואַרפן אין קעלט. האָט ער געשיקט טאַטיאַנאַן נאָך בראַנפן, האָט עס אויס־געטרונקען און געלייגט זיך שלאָפן. שוין ניט איין מאָל האָט אים אַ שקאָליק בראַנפן געשטעלט צוריק אויף די פיס.

אַ גאַנצע נאַכט האָט יעגאָר זיך געוואָרפן. אַגאַפּעגאַ, וואָס פּלעגט געווינלעך שלאָפן זייער שטאַרק, האָט די גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. פאַרטאָג האָט זי אַ טאַפּ געטאָן יעגאָרס שטערן. ער האָט אינגאַנצן געברענט פון היץ. האָט גערעדט מאָדנע, אומפאַרשטענדלעכע רייד.

אַגאַפּעגאַ האָט אויפגעוועקט טאַטיאַנאַן.

— לויף צו צום לעקאַר פּראָקאָפּ. זאָל ער באַלד קומען. זאָג: יעגאָר וואַסיליעוויטש איז קראַנק.

דער לעקאַר פּראָקאָפּ, אַ נידעריק, דאַר פּויערל מיט קליינע, קלוגע אויגן, האָט מיט זיינע קענטעגישן באַדינט דאָס דאָרף. צו אים האָט מען געהאַט צו־טרוי. ער איז באַלד געקומען מיט זיינע מכשירים. ער האָט געהאַט געציילטע רפואות. דאָס ערשטע איז געווען שטעלן באַנקעס. דאָס צווייטע — צו געבן די קראַנקע טרינקען די פליסיקייט פון אויסגעקאָכטע גראָזן.

אַזוי האָט ער אויך דאָסמאָל געטאָן. דאָס ערשטע האָט ער אויסגעפרעגט

וואָס יעגאָר האָט נעכטן געטאָן. אַהאַ! „געלאָדעוועט" דאָס בריקלביים טייך! דורכגענעצט זיך. „נו, מאַטוועיעוונאַ, האָסט ניט וואָס צו זאָרגן. עס איז בלויז אַ פאַרקילונג. אָט וועלן מיר אים באַנקעס שטעלן. און דערנאָך גיב אים יעדע שטונדע טרינקען אַ גלאָז נאַסטאָי פון אָט דעם גראָז. אויך טרוקענע מאַלינעס צום שוויצן האָב איך. די מאַלינעס גיב אים יעדע דריי שעה."

די אַלטע האָט באַצאָלט פּראָקאָפּן אַ פערטעלע. פּראָקאָפּ האָט צוגענומען דאָס געלט און געזאָגט: „פאַרנאַכט וועל איך קומען געוואָר ווערן. אַז עס וועט אים ניט גרינגער ווערן, וועל איך געבן אַנדערע גראָזן."

אַגאַפּענאַ האָט יעגאָרן געגעבן טרינקען די רפואות, נאָר דער אַלטער האָט ניט אויפגעהערט צו קרעכצן.

— וואָס איז דיר, יעגאָר? וואו טוט דיר ווי? — האָט אַגאַפּענאַ געהאַלטן אין איין פרעגן.

— איך ווייס ניט, אַגאַפּענאַ. עפּעס פיל איך ווי עמעצער וואָלט מיר אויסגעצאַפּט אַלע כחות.

יעגאָרן איז ניט בעסער געוואָרן. פאַרקערט, דורכן טאָג איז די היץ ביי אים געשטיגן. דאָס פּנים האָט זיך פאַרענדערט. די געזיכט־צוגן זענען געוואָרן מער אָפּגעצערט, שפּיציקער, און ביינאַכט איז יעגאָר געוואָרן באַוואוסטלאָז.

אַגאַפּענאַ האָט קוים דערוואַרט זיך, ביז ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן.

— מאַמעלעך מיינע, אָן אומגליק! — האָט זי פאַרבראָכן די הענט. — טאַטיאַנאַ! לויף, טאָכטער, שנעל צום פעלדשער פאַרפירי. זאָג, ער זאָל באַלד קומען. יעגאָר וואַסיליעוויטש איז פאַרביי.

טאַטיאַנאַ האָט זיך אויף שנעל אָנגעטאָן, האָט אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אַ פאַטשיילע און אין גרויען קאַלטן פרימאָרגן געלאָפן צום שכנותדיקן דאָרף צום פעלדשער.

דער פעלדשער, פאַרפירי טימאָפעיעוויטש, איז נאָך געשלאָפן ווען טאַטיאַנאַ האָט געקלאַפּט אין טיר. ער איז שלעפעריק אַרויס אין כאַלאַט.

— אָן אומגליק, גאָספּאָדין פעלדשער. דער פעטער יעגאָר איז שטאַרק קראַנק.

— יעגאָר? וועלכער יעגאָר? פון וואַנען?

— וואָס הייסט? מיין פעטער, יעגאָר וואַסיליעוויטש זאַניאַדין, פון באַראָוויצי.

— אַהאַ, איך ווייס שוין. און דו ביסט דאָס זיין פּלימעניצע? גוט. וואַרט צו. איך וועל זיך גלייך אָנטאָן.

טאַטיאַנאַ איז געזעסן ווי אויף נאָדלען, און דער פעלדשער פאַרפירי האָט

זיך ניט געאײלט. ער האָט זיך פּאַמעלעך אָנגעטאָן, געוואַשן און געשטעלט דעם סאַמאָװאַר. אַ פֿאַרפּוצטער, מיט די װאָנצעס פֿאַרדרייט אַרויף און אַזאַ זיכערער איז ער אַרויסגעקומען צו איר.

— קום! װעסט טרינקען טיי מיט מיר.

טאַטיאַנאַ האָט פּרובירט אָפּזאָגן זיך: „אַ דאַנק. איך וויל ניט.“

נאָר פֿאַרפּירי איז ניט אָפּגעטראָטן. האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי און אַוועקגעשטעלט פֿאַר איר.

— נאַ, טרינק, טײַבעלע. װעסט זיך דערװאַרעמען. שוין קאַלט אין די פֿרימאָרגנס.

אַליין האָט ער געטרונקען טיי מיט שמאַנט, אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז.

דערנאָך האָט ער אײַנגעשפּאַנט דאָס פֿערד אין דראָזשקע. טאַטיאַנאַ האָט זיך אַרײַנגעזעצט און זיי זענען אַוועקגעפֿאָרן.

דער פֿעלדשער פֿאַרפּירי איז אַרײַנגעקומען אין דער כאַטע, איז גלײַך צוגעגאַנגען צום חולה, אַ טאַפּ געטאָן זײַן פּולס.

אַגאַפֿענאַ האָט צו אים אַרויפֿגעקוקט מיט בעטנדיקע אויגן. זי האָט געהאַט צו אים צוטרוי, ווי צום גרעסטן דאָקטער: אָפּריער גאָט און דערנאָך פֿאַרפּירי. די גאַנצע צײַט, וואָס דער פֿעלדשער האָט עקזאַמענירט יעגאָרן, האָט זי פֿון אים די אויגן ניט אַראָפּגענומען. און פֿון דעם ערנסט פֿון פֿאַרפּירי'ס פּנים האָט זי אַראָפּגעלייענט די שלעכטע בשׂורה.

— וואָס־זשע איז אים געשען, פֿאַרפּירי טימאָפֿעיעוויטש? אַלעמאָל געווען אַ געזונטער מענטש. קיינמאָל ניט קראַנק געווען.

— ניט גוט, מאַטווייעווונאַ. אָרעמער יעגאָר וואַסיליעוויטש. ער האָט זיך שטאַרק פֿאַרקעלטערט. לונגען־אָנצינדונג.

— וואָס־זשע? אפשר שיקן נאָכן באַטיושקאַ? — האָט זיך אַגאַפֿענאַ דערשראָקן און אָנגעכאַפּט זיך אָן דער לעצטער האָפֿענונג.

פֿאַרפּירי האָט זיך אַ ווײַלע געיִשובֿט, ווי ער וואָלט זיך אָן עצה האַלטן מיט זיך אַליין.

— נו, וואָס? שיקט! גאָט איז גנעדיק. ער נאָר קען אים איצט העלפֿן.

ס'איז געקומען דער פּאָפּ קלים אַנדרעיעוויטש. אַ הויכער, פֿול־לײַביקער מיט אַ גוטן אָפֿענעם פּנים און לאַנגע בלאָנדע האָר. צודעקנדיק דעם חולהס פּנים מיט אַ טיכל, האָט ער אָנגעהויבן לייענען אין דער שטיל אַ תּפֿילה: „אַלמעכטיקער גאָט פֿון אַלע לעבעדיקע! דו, וואָס היילסט אויס אַלע קרענק, הייל אויך אויס די קראַנקהייט פֿון דײַן קנעכט יעגאָר וואַסיליעוויטש. הויב אים אויף פֿון קראַנקן בעט, וואו ער ליגט. . . . פֿאַרנעם די רייד פֿון נביא דוד: מיר גייען אויס אין אומגערעכטיקייטן און מיר לײַדן אַלע פֿאַר דיר...“

נאָר אויך די תפילות האָבן, קענטיק, ניט געהאָלפן. יעגאָר וואַסיליעוויטש האָט ניט לאַנג געצויגן. פאַרנאַכט־צו איז ער שטיל אויסגעגאַנגען, ווי ער וואָלט איינגעשלאָפן מיט אַ רואיקן שלאָף.

לאַנג און טרויעריק האָט אַגאַפּענאַ געוויינט. געריסן זיך. מיט אַ קלאָגנ־דיקן ניגון איינגעטענהט: „אויף וועמען לאָזטו מיך איבער, יעגאָר וואַסי־ליעוויטש! אַ וויסטע אלמנה, אָן אַ פריינט, אָן אַ גואל. איינע־אַליין אין דער גאָרער וועלט. ניכאַי וואָלט מיך דער טויט פריער צוגענומען!“

שכנים זענען אַריינגעקומען. פּרובירט טרייסטן: „גאָט וועט ניט פאַר־לאָזן, אַגאַפּענאַ מאַטוועיעוונאַ, שטאַרק זיך. וואָס די ערד האָט צוגענומען מוז פאַרגעסן ווערן.“

און אין אַ כמורנעם טאָג, ווען די לופט איז פול געווען מיט רעגן־שטויב, האָט מען די אָרעמע טרומנע אַוועקגעטראָגן אויפן דאָרפישן בית־עולם און דער אַלטער דיאַקאָן האָט מאָנאָטאָן נאָכגעזאָגט די תפילה:

„גאָטעניו! ראַטעווע און דערבאַרעם זיך! דערבאַרעם זיך אויף דיין קנעכט יעגאָר וואַסיליעוויטש...“

ווען אַגאַפּענאַ און טאַטיאַנאַ זענען געקומען אַהיים אין דער פוסטער שטוב, האָבן זיי זיך ביידע צעוויינט. נאָר אַגאַפּענאַ האָט זיך באַלד געשטאַרקט. איצט, האָט זי באַנומען, איז זי דער קאָפּ פון דער פאַמיליע. ניטאָ שוין מער איר מאַן יעגאָר וואַסיליעוויטש מיט זיין קלוגן מוח. זי האָט זיך שנעל באַהערשט. דאָס איז אַלע מאָל געווען איר טבע. קוים האָט זי באַנומען דעם אומגליק, האָט זי, פון ערגעץ אין דער טיף, געפונען כחות אַריבערצוטראָגן די צרות. איצט האָט זי שוין געטראַכט ווי אַזוי וועלן זיי לעבן אָן יעגאָרן. עס רוקט זיך אָן אַ ווינטער. קיין אָפּגעשפּאָרטע געלט איז ניטאָ. וואָס עס איז געווען, איז אַוועק פאַר דעם פעלדשער און דער לוויה.

טאַטיאַנאַ וועט מוזן אָנקומען אַרבעטן. אין אַ וואָך אַרום האָט זי אַגאַפּענאַ אָפּגעפירט צום דערבייאיקן שטעטל, צום רייכן סוחר סאָלאָמאָן גאָלדשטיין פאַר אַ דינסט.

***

דאָס שטעטל, וואוהין דער פעטער יעגאָר פלעגט פאָרן יעדן ווינטער אַרבעטן, דאָס איז געווען טאַטיאַנאַס ערשטער אַרויספאָר אין דער גרויסער וועלט. אמת, זי איז שוין דאָ געווען אויך פריער עטלעכע מאָל. דער פעטער יעגאָר האָט זי מיטגענומען ווען ער איז געפאָרן צום שטעטלשן יאַריד פאַר־קויפן פּראָדוקטן פון זיין באַלעבאַטישקייט: עופות, אייער, קאַרטאָפל, און פאַר דעם איינגעלייזטן געלט איינגעקויפט אין שטעטל די בויטיקע זאַכן פאַר דעם

אייגענעם געברויך.

טאַטיאַנאַ האָט ער מיטגענומען, זי זאָל היטן דעם וואָגן. ער האָט איר אָנגעזאָגט: „מיט הונדערט אויגן זאָלסטו היטן דעם וואָגן. דו שפּילסט זיך מיט די שטאָטישע גנבים!"

דאָס האָט פאַרוואַנדלט טאַטיאַנאַס יאַריד־באַזוך אין איין שרעק. זי איז ניט אָפּגעטראָטן פון וואָגן און יעדן קויפער אָנגעקוקט מיט חשד. און אַזאַ אומצוטרוי צום שטעטלשן מענטשן איז ביי איר פאַרבליבן אויך איצט.

דערנאָך, אַז מען האָט שוין, מיט מזל, אַלץ אויספאַרקויפט, האָט מען זיך אַוועקגעלאָזן אין די קראָמען איינקויפן שיך, סיץ פאַר קליידער, זאַלץ, זייף, דיעגעכץ צו שמירן די רעדער און אַנדערע נויטיקע זאַכן. אויך האָט דער פעטער יעגאָר ניט פאַרגעסן צו קויפן יעדעס מאָל אַ מתנה פאַר דער מומע אַגאַפּענאַ און אויך פאַר טאַטיאַנאַן. דערביי האָט דער פעטער יעגאָר ליב געהאַט צו דינגען זיך. דאָס איינקויפן איז פאַר טאַטיאַנאַן געווען אַן אמתע פּורעניות. דעם פעטער יעגאָר האָט זיך אַלץ אויסגעדאַכט, אַז מען נאַרט אים אָפּ. נו, וועט זיך דען דער פעטער יעגאָר לאָזן אָפּנאַרן? דערפאַר האָט ער ליב געהאַט צו דינגען זיך ביז דער גומען איז געוואָרן טרוקן ביי אים און ביי דער בידנער שטעטלשער קרעמערקע; פלעגט אַוועקגיין און ווידער צוריק־קומען, יעדעס מאָל העכערנדיק דעם מקח, וואָס ער איז שוין וויליק געווען צו צאָלן. די קרעמערקע, ווידער, פלעגט אים אָפּט רופן צוריק, אַרונטערלאָזנדיק יעדעס מאָל עטוואָס פון פּרייז. ביז ענדלעך ביידע צדדים פלעגן מושווה ווערן אויפן מקח. דער פעטער יעגאָר פלעגט דעמאָלט פאַוואָליע, נאָך אַלץ ישובנדיק זיך מיט זיך אַליין, אַרויסנעמען פון קעשענע זיין לעדערן בייטעלע, פלעגט מיט ציטערנדיקע פינגער אַרויסנעמען איין מטבע נאָך דער אַנדערער און ציילן. דערביי האָט ער אויף קיין רגע ניט געקענט אַוועקטרייבן פון זיך דעם חשד צום יידישן קרעמער, אַלץ געטראַכט: „אַך, מאַשעניקעס! זיי האָבן מיך פאַרט אָפּגענאַרט."

נאָך קוים האָט ער שוין איינגעקויפט און צוגענומען די זאַכן, פלעגט ער לייכטער אָפּציען דעם אָטעם. פלעגט אַרויסנעמען די פּאַטשיילע, אָפּווישן דעם שוויס און זאָגן: „גאָט צו דאַנקען, איינגעקויפט." ער פלעגט זיך איבער־צלמען. אַ משא איז אים אַרונטער פון קאָפּ.

— איצט — האָט ער געזאָגט צו טאַטיאַנאַן — קום אין טראַקטיר. נאָך געבליבן אויף אַ גלעזל וואָדקאַ.

אין טראַקטיר פלעגט ער זיך ברייט אַוועקזעצן. ער האָט זיך געמאַכט באַקוועם. פלעגט פאַנאַנדערשפּיליען דאָס רעקל, באַשטעלן בראַנפן, גע־פּרעגלטע פיש און בייגל.

נאָכדעם ווי ער פלעגט אויסטרינקען עטלעכע קעלישקעלעך, פלעגט ער ווערן גאָר אַן אַנדער מענטש. דאָס שטענדיק פאַרדאגהטע פּנים פלעגט זיך אויסלייטערן. די אויגן פלעגן אַ גלאַנץ טאָן מיט אַ נעפּל פון ניט־דאַאיקייט. דעמאָלט פלעגט ער זיך שווערן און שלאָגן אין האַרצן, אַז אַזעלכע געפּרעגלטע פיש, ווי מען קריגט אין יידישן טראַקטיר, קען מען אין ערגעץ אויף דער וועלט ניט קריגן. ער פלעגט זיך שווערן, אַז עס איז ניט אמת, אַז די יידן זענען מאַשעניקעס, און פלעגט קריכן קושן זיך מיטן שענקער, יאַנקל.

— נו, גוט! גוט! איך גלויב דיר אַזוי אויך, יעגאָר וואַסיליעוויטש — האָט דער שענקער יאַנקל אים פאַרזיכערט, און אויסגעמיטן זיין אומאַרמונג. דערביי האָט יאַנקל געשמייכלט מיט אַ ביטערן, איראָנישן שמייכעלע און גע־מורמלט: „פאַרט, ניט קיין שלעכטער פויער.“

איצט, אָנקומענדיק פאַר אַ דינסט צום גביר, שלמה גאָלדשטיין, האָט טאַטיאַנאַ טיף אין האַרצן געטראָגן מיט זיך דעם אומצוטרוי צום שטעטלשן מענטשן, און דאָס איז ביי איר אָפּט דערגאַנגען ביז שרעק.

דערפאַר איז זי געווען אָנגעשפּיצט די ערשטע טעג פון איר זיין ביי די גאָלדשטיינס. זי האָט זיך געהאַלטן שטיל אין קיך, ווי צוגעשטיקט, און פלעגט מען איר זאָגן עפּעס וואָס צו טאָן, פלעגט זי זיך אַ וואַרף טאָן אויספירן עס מיט אַ פאַרטייעטער שרעק אין האַרצן: טאָמער וועט עס ניט געפעלן און מען וועט זיך בייזערן.

נאָר אַז עס זענען פאַרביי עטלעכע טעג האָט טאַטיאַנאַ זיך באַפרייט פון איר שרעק. אין די עטלעכע טעג האָט זי זיך באַקענט מיט יעדערן פון דער משפּחה, גאָלדשטיינס. און זי איז אין אַלגעמיין געוואָרן היימישער.

מיט אַ מאָדנע נייגעריקייט האָט זי זיך צוגעקוקט צום שטעטלשן לעבן און צום לעבן פון די גאָלדשטיינס.

דאָס שטעטל איז געלעגן אין אַ ווינקל צווישן דער אייזנבאַן און דעם טייך דעסנאַ. אַמאָל איז דאָס געווען אַ דאָרף און איז געווען פאַרבונדן מיט דער גרויסער וועלט בלויז מיטן טייך דעסנאַ. און געפלאָסן איז די דעסנאַ צום דניעפּער אַ רואיקע, פאַוואָליע, ניט געאיילט זיך, פאַרביי געדיכטע סאָסנאָווע וועלדער, פאַרביי פאַסן זאַמד־ערד און שטיקער פעטע שוואַרץ־ערד. דעמאָלט איז דאָס לעבן אין דעם דאָרף געווען רואיק און פאַרשלאָפן. אָבער זייט מען האָט דאָ אויפגעבויט די אייזנבאַן, וואָס האָט אָט־דעם ווינקל פאַרבונדן מיט דער גרויסער און ברייטער רוסלאַנד, איז דאָס דאָרף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטעטל. איצט איז אַחוץ דעם מאַרק אין צענטער, אַרומגערינגלט פון אַלע פיר זייטן מיט קראָמען און הילצערנע בודעס, אויך אויסגעוואַקסן דער

„וואָקזאַל", די אַריסטאָקראַטישע גאַס, וואו עס זענען געשטאַנען די יוסטע הויפן מיט די היי און שטרוי פּרעסיר־זאַוואָדן.

צווישן אַט די פּרעסיר־זאַוואָדן איז גאָלדשטיינס זאַוואָד, מיט אַ פור־וואָג אין מיטן הויף, מיט די קלוביעס פון אַלע זייטן, דער סאַמע גרעסטער.

איצט, אָסיענצייט, ווען טאַטיאַנאַ איז אַהער אָנגעקומען, איז דער זאַוואָד געשטאַנען. עס האָט געהאַלטן אין רעגענען און די וועגן זענען געווען ניט דורכצופאָרן. די מענטשן האָבן זיך געהאַלטן ענג אין שטוב.

דער באַלעבאָס, שלמה גאָלדשטיין, אַ הויכער, פול־לייביקער, מיט אַ לייבן־קאָפּ פון געדיכטע גרוי־ווייסע האָר, ברייטער ווייסער באָרד און מיט טיף־שוואַרצע אויגן אונטער אָנגעסופּעטע ברעמען, וואָס האָבן אים צוגעגעבן אַ שטרענגן אויסזען, האָט איצט ניט געהאַט וואָס צו טאָן. גאַנצענע טעג האָט ער געקענט שפּרייזן איבערן שפּייז־צימער מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן. זיין הויכער שטערן איז געווען צעקנייטשט. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אָפּשטעלן ביים פענצטער און אַרויסקוקן אין גאַס, וואו אַ דריבנער אָסיען־רעגנדל איז געפאַלן און וואו עס זענען געשטאַנען קאַליוזשעס וואַסער.

עס איז געווען עפּעס סאָלידעס אין זיין שפּרייזן און אין זיין שווייגן. ער איז געווען, ווי אַ דעמב פון דער אוקראַינער ערד, וואָס שטייט איצט אַ נאַקעטער אין ווינטער און חלומט פון פרילינג און זומער. אָט דעמאָלט, ווען דער דעמב וועט זיך באַדעקן מיט בלעטער, דעמאָלט וועט ער ראַשן, רוישן! דעמאָלט. . . . מער ניט וואָס גאָלדשטיין פלעגט ניט וואַרטן אויפן פרילינג. זיין טעטיקייט פלעגט זיך אָנהויבן גלייך נאָכן אָסיען, אין אָנהויב ווינטער. דעמאָלט, ווען עס שטעלן זיך איין די ערשטע פרעסטלעך און עס פאַלט אַרויס דער ערשטער טיפער שניי.

דעמאָלט פלעגט שלמה גאָלדשטיין ווערן גאָר אַן אַנדערער. ער האָט גע־קענט שעהנוויז שטיין צוגעשמידט צום פענצטער און צוקוקן זיך ווי די ווייסע שניי־עלעך לייגן זיך געדיכט, ווי זיי פאַרדעקן אַלץ מער און מער די צו־געפראָרענע שוואַרצע ערד. נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל און אַ גוטער שליטוועג וועט זיך איינשטעלן.

ווען דער וועג האָט זיך ענדלעך געשטעלט, האָבן אַלע אין שטעטל אויפ־געלעבט. פון אַלע זייטן האָבן זיך אַהער, אין שטעטל, געצויגן שליטנס הויך אָנגעלאָדן מיט היי און שטרוי. שליטנס מיט זעק ווייץ, בעבלעך, קאָרן, פּראָסע. שליטנס האָלץ. אַלץ וואָס די רייכע אוקראַינער ערד גיט אַרויס, איז געגאַנגען אין שטעטל און דאָס שטעטל האָט עס אַלץ פאַרנומען.

די פּרעסיר־זאַוואָדן נעמען צו דעם היי און שטרוי, זאַמלען עס, פּרעסן צוזאַמען דעם לויזן היי און שטרוי אין פּיר־קאַנטיקע טיוקן און ברענגען עס

דערנאָך צו דער באַן. און די באַן צעפירט עס אין אַלע ווייטע ווינקעלעך פון דעם גרויסן רוסלאַנד און אַפילו קיין אויסלאַנד.

און מיט דעם באַווייזן זיך פון די פויערים האָט אויך אויפגעלעבט דער מאַרק מיט די קראָמען און בודעס.

שלמה גאָלדשטיין האָט דעמאָלט, ווען ס׳האָט זיך געשטעלט דער ווינטער, אינגאַנצן איבערגעביטן זיך. מיט באַוועגונגען פון אַ יונגן מאַן האָט ער אַרומגעהאַוועט צווישן קאַנטאָר און הויף פון זאַוואָד, האָט אַלץ געזען און אומעטום געגעבן קאָמאַנדע־מעסיק די בויטיקע פאַראָרדענונגען.

אין די קלוניעס זענען געוואַקסן ווענט מיט שטרוי־סנאָפּעס. דעם היי האָט מען אָפּגעלייגט אין ברייטן הויף אין הויכע סקירדעס און די סקירדעס איבער־געצויגן מיט ברעזענטן.

דערנאָך איז געקומען אַן אַרטעל פון זעקס מענטשן, וואָס האָבן די היי און שטרוי געפּרעסט אין באַלן. די פּרעס־מאַשין איז געווען אַ הילצערנער קאַסטן, וועלכן מען פלעגט אָנפילן מיט שטרוי און דערנאָך פלעגט די דעק פון קאַסטן מיט הענטלעך אַרויפגעשרויפט ווערן אינדערהויך, ענג צוזאַמענ־דריקנדיק דעם שטרוי אָדער היי. דעמאָלט פלעגט מען דעם צוזאַמענגעפּרעסטן פּאַק בינדן מיט דראָט. די הענטלעך פלעגט מען אָפּלאָזן, די דעק פלעגט אַרונטערפאַלן אַרונטער און דעם היי־פּאַק פלעגט מען מיט אַ שלעפּ אַרונטער־וואַרפן.

מיט דעם האָט זיך די אַרבעט פון שלמה גאָלדשטיין נאָך ניט געענדיקט. אין קאַנטאָר האָט ער זיין טאָכטער, פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ, דיקטירט בריוו און איבערגעקוקט חשבונות.

אַזוי זענען געגאַנגען די ווינטערדיקע טעג. אין די אָוונטן, נאָך אַ טאָג פון האָרעניש, פלעגט די פאַמיליע צוזאַמענקלייבן זיך אַרום טיש, וואו אַ ברייט־בייכיקער סאַמאָוואַר האָט וואַרעם געזאָטן. עס פלעגן אַריינקומען די אויס־געגעבענע קינדער, שכנים, באַקאַנטע. שלמה גאָלדשטיין איז געזעסן אויבנאָן און האָט מיט הנאה אַראָפּגעקוקט אויף זיין קעניגרייך — זיין הויזגעזינד. מיט הנאה און טעם האָט ער אויפגענומען די פרוכט פון זיין מי — דעם געשמאַקן אָוונטברויט און דעם טיי מיט שמאַנט. ער האָט געפּילט אַזאַ וואַרעמקייט צווישן זיינע אייגענע און מיט ליבשאַפט האָט ער געבליקט אויף די אייניקלעך, וואָס פלעגן קלעפּן צום זיידן ווי די בינען.

לעבן אים איז געזעסן זיין פרוי, רחל, אָדער, ווי מען פלעגט זי רופן אין שטעטל — די גאָלדשטייניכע. אַ נידעריקע, אַ פּעטע, מיט אַ פולן, גוטן פּנים, איז זי געזעסן און געשמאָלצן זיך אין נחת. אַ גאַנצן טאָג האָט זי, אַ פאַרנומענע מיט הויז־דאגות, געהאַלטן אין אַרומקריכן אויף אירע קורצע פיס, וויגנדיק

איר פּעטן קערפּער פון איין זייט אויף דער אַנדערער. אַ גאַנצן טאָג איז זי געווען פאַרזאָרגט. דאגות האָט זי געהאַט פאַרשיידענע: דער מאַן, שלמה, זעט עפּעס לעצטנס ניט אויס אַזוי גוט. די אייניקלעך קוקן אויס בלאַס. די טאָכטער, פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ, קריגט ניט קיין לייטישן שידוך. די באַלעבאַטישקייט איז ניט צו געראָטן...

דערפאַר אָבער איצט, אין וואַרעמען הויז, מיט איר הויזגעזינד אַרום טיש, איז איר גוט. זי הויבט זיך אויף, דערלאַנגט צום טיש געבעקס. גיסט אָן טיי יעדערן. נעמט אָן אייניקל אויפן שויס, דריקט עס צו צו זיך און איר האַרץ ווערט צעשמאָלצן אין מאָמעשער גליקזעליקייט.

איין פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ, די טאָכטער, זיצט אַ שטילע. איר לעבן דאָ אין שטעטל האָט זי ניט צופרידנגעשטעלט. אַ וואוקסיקע, שאַרף־חנעוודיקע, איז זי ניט געווען איבעריק שיין. האָט געהאַט ווייניק פּרויענלעכס אין אויס־קוק. אַלץ איז איר געווען אַזוי מאָנאָטאָן. אַ ביסל איז זי געווען פאַרנומען אין קאָנטאָר. פלעגט גיין באַגעגענען דעם פּאָטשטאַליאָן און אָפּנעמען די בריוו. אַלע אירע חברטעס זענען שוין געווען פאַרהייראַט. אין שטעטל איז ניט געווען קיינער פון די יונגע בחורים, וואָס זאָל איר זיין צום האַרצן און זאָל געפעלן זיין דעם טאַטן. און דער פאָטער, שלמה גאָלדשטיין, האָט זי דווקא מער ליב געהאַט ווי די אַנדערע קינדער און געוואָלט פאַר איר אַ גוטן שידוך. טעג גאַנצע פלעגט פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ פאַרברענגען לייענענדיק ביכער. דאָס איז געווען איר איינציקע באַפרידיקונג.

צו איר, פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ, פלעגט טאַטיאַנאַ אַרויפקוקן מיט גרויס אָפּשיי. אַלץ וואָס פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ פלעגט טאָן איז געווען וואונדערלעך אין אירע אויגן. די קליידער — אויסערגעוויינלעך שיין. דאָס שרייבן אין קאָנטאָר — אַזוי מיסטעריעז. זי פלעגט טראַכטן: די מויד האָט אַ מיניס־טערסקע קאָפּ אויף זיך! און אַ נייגיר פלעגט איר צושפּאַרן אויסצוגעפינען: וואָס אַזוינס שרייבט מען אין די ביכער, וואָס פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ זיצט איבער זיי שעהנווייז. אַך, ווען זי קען זיך דורכרעדן מיט איר ווי מיט אַן עלטערער שוועסטער! צי וואָלט פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ פאַרשטאַנען די אומרו, וואָס צאַפּלט אָפּט ביי איר אין האַרצן? צי וואָלט זי איר געקאָנט דערקלערן: פאַר־וואָס שטיקט איר און עס איז איר ענג? פאַרוואָס איז איר געמיט אָנגעלאָדן מיט דערוואַרטונג? און אויף וועמען וואַרט זי?

נאָר פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ האָט, מסתמא, אינגאַנצן ניט באַמערקט טאַ־טיאַנאַן. זי פלעגט פאַרביי איר פאַרבייגיין אין הויז ווי פאַר אַן אָנגענומענער געוויינלעכער שטוב־צויטיקייט. און פלעגט זיך שוין אַמאָל איר בליק אָפּשטעלן

אויף טאַטיאַנאַן — איז דאָס געווען אַ בליק, וואָס באַוואונדערט מיט קנאה טאַטיאַנאַס פרישקייט און פול־בלוטיקייט.

אַזוי זענען פאַר טאַטיאַנאַן געגאַנגען די וואָכעדיקע טעג. זונטיק פלעגט זי זיך אויספוצן אין דעם סאַראַפאַן, וואָס פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ האָט איר געשענקט, און גיין אין קלויסטער. זי האָט אַלע מאָל ליב געהאַט צו גיין אין קלויסטער. איצט איז זי אַהינצו געגאַנגען מיט אַ געפיל פון דערוואַרטונג. זי וועט פאַרטרייבן די איינזאַמקייט. דאָרטן האָט זי צו זיך צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די יונגע בחורים. זיי האָבן זיך געפלייסט צו פאַרפירן מיט טאַטיאַנאַן באַקאַנטשאַפט. אויך איר, טאַטיאַנאַן, האָט געצויגן צו די יונגען. נאָר אין דער זעלבער צייט האָט זי זיך געשראָקן פאַר די שטעטלשע יונגען. און גלייך נאָכן גאָטעסדינסט פלעגט זי ווידער אַנטלויפן צו זיך אין קיך.

אַזוי איז אַריבער דער ווינטער און עס האָט טאַטיאַנאַן אַ צי געטאָן צוריק אַהיים אין דאָרף. ווען זי וואָלט זיך ניט געשעמט פאַר די שטאָטישע מענטשן, וואָלט זי אַראָפּגעוואָרפן די שיך און געבראָדזיעט אין די קאַלטע, מוטנע וואַסערשטראָמען פון צעלאָזענעם שניי, וואָס האָבן זיך געצויגן אינמיטן גאַס.

ווען זי איז צוגעטראָטן צו מאַכן די גרויסע ערב־פּסחדיקע רייניקונג אין גאָלדשטיינס שטוב, האָט זי ברייט צעעפנט די פענצטער און געלאָזט דעם ווינט פריי אַריינצויאָגן דורך זיי. איר ברוסט האָט גייציק געצויגן די ריחות פון דער באַפרייטער, פרישער ערד. עס האָט זיך איר פאַרבענקט נאָך דעם ריח פון דעם צעוואָרעמטן שטאַל־מיסט, ווען מען צעוואָרפט עס מיט אייזערנע גאָפּלען און מען לאָדעוועט עס אָן אויפן וואָגן אַרויסצופירן אין פעלד. שפּעטער, ווען זי האָט געהאָלפן איר באַלעבאָסטע פאַרזייען דעם גאָרטן, האָט זי אין דער אַרבעט אַריינגעטאָן איר גאַנצע בענקשאַפט צו דער מוטער־ערד און זי האָט לאַנג געטראַכט פון איר מומע, אַגאַפּענאַ: „אַרעמע! ווי ספּראַוועט זי זיך דאָרטן איינע אַליין מיט דער באַלעבאַטישקייט!"

זומער־צייט איז ביי די גאָלדשטיינס אין הויז געוואָרן גאָר פריילעך. עס האָט זיך ביי זיי באַזעצט אין אַ צימער דער סטודענט פון דער גרויסער שטאָט, אַבראַשאַ פינקל, וועלכער האָט דאָ אין שטעטל געגעבן אוראָקן.

פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ האָט אויפגעלעבט. צו די גאָלדשטיינס אין הויז האָט זיך איצט גענומען קלייבן די יוגנט פון שטעטל. זומערדיקע פאַרנאַכטן און אָוונטן, ווען דער טומל פון טאָג פלעגט זיך איינשטילן; די לופט איז פול געווען מיטן אַראָמאַט פון בליאונג; אין דערווייטנס האָט זיך געהערט דאָס געזאַנג פון נאַכטיגאַל; די יוגנט פלעגט זיצן אויפן פאַראַדנעם גאַנעק אַ וואַכיקע, בענקענדיקע. אין די צוזאַמענקונפטן ביי די גאָלדשטיינס האָט די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט פאַרנומען אַבראַשאַ פינקל. געווען איז ער, אַבראַשאַ,

אַ לעבעדיקער, פריילעכער און אַ וויצלער. ער פלעגט זיך אַוועקשטעלן אין אַ פּאָזע, פאַרוואַרפן דעם קאָפּ מיט אַ קרוין פון געדיכטע קרייזלדיקע האָר און דעקלאַמירן. צי דאָס איז געווען עפּעס פון פּושקינען, אָדער פון נעקראַסאָוון, וועגן דער בידנער דאָליע פון רוסישן פּויער, צי עפּעס אַנדערש, פלעגט זיין דעקלאַמירן מיטרייסן די צוהערער און אַוועקטראָגן זיי אין אַן אַנדער וועלט.

טאַטיאַנאַ האָט ניט געוואַגט אַרויסקומען אויפן גאַנעק און זיצן איבאיינעם מיט די איבעריקע יוגנטלעכע. זי איז געשטאַנען באַהאַלטן הינטער דער טיר און געשלונגען יעדעס וואָרט. ווען אַבראַשאַס קול פלעגט קלאָגן איבער דעם גורל פון קאַטשובעי, וועלכער מוז שטאַרבן אין תפיסה, פלעגט איר נשמה מיט־קלאָגן. ווען ער פלעגט דערציילן פון דעם אומגליקלעכן פּויערישן שניידער, וואָס קומט אום פון נויט, פלעגט איר האַרץ מיטוויינען. זיין זינגען פלעגט איר נשמה אַוועקטראָגן אין אויסגעבענקטע, ווייטע וועלטן!

און אַמאָל פלעגן די יוגנטלעכע אויפנעמען ערנסטע זאַכן. מ׳האָט אַמאָל געקענט אַ גאַנצן אָוונט דיסקוטירן וועגן פּאָליטיק. מען האָט גערעדט וועגן גורל פון פּויער, אַרבעטער, מענטש און ייד.

דעמאָלט פלעגט טאַטיאַנאַ שטיין הינטער דער טיר אין אַנגסטן. זי פלעגט פּרובירן אָנכאַפּן דעם פאָדעם פון פאַרשטיין, באַגרייפן וועגן וואָס מען רעדט. זי האָט, אָבער, פון זייער אַמפּערן זיך, ווינציק וואָס פאַרשטאַנען. מיט פאַר־דראָס פלעגט זי אַוועקגיין צו זיך אין קיך און טראַכטן: „אַ נעגראַמאָטנע בין איך. ווי קום איך צו פאַרשטיין. אָט, ווען איך קען לייענען און שרייבן!" און זי האָט זיך געפילט אַזוי אַראָפּגעפאַלן, אַזוי קליין ביי זיך.

און דעמאָלט האָט זי דערפילט דעם שטאַרקן דראַנג אויסצולערנען זיך לייענען און שרייבן. ווען זי קען לייענען און שרייבן, וואָלט זי דאָך פאַר־שטאַנען וואָס מען שרייבט אין די ביכער, וואָס פּאַניאַ סאָלאָמאָנאָווּנאַ לייענט. און אפשר וואָלט זי זיך געקענט אויסלערנען דעקלאַמירן אַזוי ווי אַבראַשאַ פינקל.

אָט דער געדאַנק האָט זי מער ניט אָפּגעלאָזן און זי האָט באַשלאָסן צו בעטן אַבראַשאַן ער זאָל זי אויך לערנען לייענען און שרייבן. ער גיט דאָך אוראָקן. זי וועט אים באַצאָלן, ווי יעדער אַנדערער.

זי איז צוגעקומען צו דער טיר פון זיין צימער. די טיר איז געווען האַלב־אָפן. אַבראַשאַ איז געזעסן און געשריבן. טאַטיאַנאַ איז געבליבן שטיין. רעדן, צי ניט רעדן? — „און מיט אַמאָל וועט ער מיך גאָר אויסלאַכן." איר האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. נאָר אַבראַשאַ, ווי דערפילנדיק, אַז עמעצער שטייט הינטער אים, האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ צו דער טיר.

— איר׳ט עפּעס געוואָלט, טאַטיאַנאַ?

טאַטיאַנאַ איז געשטאַנען אַ פאַרלאָרענע; אָן ווערטער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

אַבראַשאַ פינקל האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעקומען צו דער טיר, האָט מיט אַ צאַרטן באַריר פון פינגער אויפגעהויבן איר אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— וואָס איז?

אירע בלוי־גרויע אויגן האָבן איצט געקוקט גלייך צו אים.

—איר וועט פון מיר ניט לאַכן, אַבראַם מאָיסעיעוויטש?

— פאַרוואָס זאָל איך פון דיר לאַכן, טאַטיאַנאַ?

— כ׳האָב געוואָלט אייך בעטן, לערנט מיך אויס גראַמאַטע.

— ווי־זשע. מען קען. מען קען! זייער, זייער פיין פון דיר צו וועלן זיך לערנען — האָט אַבראַשאַ וואַרעם געזאָגט און זיין גאַנץ פּנים האָט אויפגעלויכטן.

— איך וועל באַצאָלן, ביי גאָט, איך וועל באַצאָלן!

— ווער־זשע וועט נעמען ביי דיר געלט, נאַרעלע!

אַבראַשאַ האָט געזען ווי די יונגע, פרישע טאַטיאַנאַ רויטלט זיך. פון איר האָט געשמעקט געזונטע רוי־ערד, אין ציטער פון פרילינג־דערוואַכונג. עס האָט אים מיט קראַפט אַ צי געטאָן צו איר. ער האָט אַ גלעט געטאָן איר הייסע באַק.

זי האָט זיך עטוואָס אָפּגערוקט פון אים. און דאָס האָט אים געבראַכט צו זיך.

— איך בין צופרידן צו האָבן אַזאַ שילערין. מאָרגן, אויב דו ווילסט, הויבן מיר זיך אָן צו לערנען.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די אוראָקן. און קיינמאָל האָט נאָך טאַטיאַנאַ ניט פאַרגעטערט אַזוי עמעצן ווי איצט איר לערער; און קיין זאַך איז איר ניט געווען אַזוי ליב, ווי אויסלערנען זיך די בוכשטאַבן פון אַלפאַבעט. איינברעכן זייער צוזאַמענשטעל אין זילבן און הערן די קלאַנגען פון גאַנצע ווערטער. מיט יעדן טאָג פון איר לערנען זיך האָט זי זיך געפילט שטאָלצער. זי האָט געפילט ווי עס קוועלט אין איר אַ בייער כח.

און אויך איר לערער, אַבראַשאַ פינקל, האָט זיך געפילט שטאָלץ מיט זיין שילערין. זי האָט אויפגענומען זאַכן, גאָרניט ווי אַ פויערטע. ער האָט געזען וויפיל דורשט נאָך וויסן עס ליגט אין דער יונגער פויערטע און ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַ שורה פון אַ ביכל, וואָס האָט אַזוי געזאָגט: — „אַזעלכע זעענען דאָך דאָ מיליאָנען אין דער גרויסער רוסלאַנד. און זיי ווערן דערטרונקען אין אומוויסנקייט.“

**
*

באַלד נאָכן דריטן ווינטער, אַנהויב פרילינג, האָט טאַטיאַנאַ זיך צוריק־געקערט אין דאָרף צו דער מומע אַגאַפּענאַ.

מען האָט זי כמעט ווי ניט דערקענט. צוויי און אַ האַלב יאָר איז טאַטיאַנאַ געווען אַוועקגעפאָרן. זי האָט פאַרלאָזן דאָס דאָרף — נאָך ניט קיין צעעפנט בליט, איצט איז זי געווען אין פולן בלי. אַ הויכע, אַ גלייכע, ווי אַ יונג ביימל, מיט פולע בריסטן און היפטן, צערויטלטע באַקן און אויגן ליכטיקע, פאַר־טשעפענדיקע, האָט פון איר געטראָגן מיט פרישקייט און ווייבלעכקייט. עס איז געווען געגוג צו טרעפן זי, אויפנעמען דעם בליק פון אירע ליכטיקע אויגן און דערפילן, אַז עפּעס ווערט גרינגער צו לעבן.

די יונגען פון דאָרף האָבן צו איר געקלעפּט. שקצים, וואָס האָבן שוין געהאַט זייערע „אויסדערוויילטע", האָבן זיך געשאַרט צו איר. און דאָס האָט אַרויסגערופן ניט ווייניק קנאה פון אירע חברטעס. נאָר טאַטיאַנאַ האָט דאָס, דאַכט זיך, גאָרניט באַמערקט. זי האָט ניט געזוכט אָפּצורייסן װעמען עס איז פון זיין געליבט מיידל. זי האָט זיך מיט קיין זאַך ניט איבערגענומען. זי איז געווען צופרידן צו זיין ווידער אינדערהיים, צו צעשטרייען דער מומע אַגאַ־פענאַס איינזאַמקייט. זי איז געווען צופרידן צו זיין אין קרייז פון אירע חברים פון די קינדער־יאָרן.

טאַטיאַנאַ האָט זיך אַנגעדונגען אויף טאָג־אַרבעט. ניט איינמאָל האָבן אַלטע און יונגע פויערים נאָכגעקוקט מיט באַוואונדערונג, ווי טיכטיק און פלינק זי אַרבעט. ווי לייכט זי דערלאַנגט שווערע קופּעס היי אויפן וואָגן. ווי אומ־דערמידלעך זי איז ביים שניידן דעם קאָרן.

— אַ רוח, ניט קיין מויד! — פלעגן זיי וועגן איר זאָגן.

טאַטיאַנאַ האָט ליב געהאַט די זונטיקדיקע הוליאַנקעס אויף דעם פראָשקין־פעלד, ווען יונגען און מוידן פלעגן זיך צונויפקלייבן אין זייערע יום־טובדיקע קליידער. די מוידן מיט קאָלירפולע בלוזעס, ברייטע סאַראַפאַנען און ספּאָד־ניצעס; מיט פינקלענדיקע שניר קאָרעלן אַרום האַלדז און מיט בונט־קאָלירנ־דיקע סטענגעס אין די האָר. אַנדערע — באַפּוצט די קעפּ מיט קראַנצן פון קאָרן־בלומען.

די יונגען אין בלויע הויזן, אַריינגעטאָן אין אָפּגעפּוצטע שטיוול און יום־טובדיקע מאַרינאַרקעס.

מען האָט זיך אויסגעזעצט אין אַ קרייז. גרישקאָ, דער האַרמאָניקע־שפּילער, האָט זיך צוגעמאָסטשעט אויף אַ פּניאַק. און אָט האָט ער, גרישקאָ, פאַנאַנדערגענומען די האַרמאָשקע און ער ציט טענער. דערווייל שפּילט ער אַ געמיש פון געזאַנגען — אַ פּאָפּורי. ער וויל אָנווייען אַ שטימונג. נאָר די יוגנט איז נאָך טומלדיק.

— עי, פּראָסיניאַ! גיב זיך אַ רוק אַביסל!

אַ יונג גיט זיך אַ זעץ אַרונטער לעבן פּראָסיניאַן. גיט איר אַ קניפּ און אַ דריק־צו צו זיך.

— אַך, נאַכאַל! — שרייט פּראָסיניאַ מיט געמאַכטער שטרענגקייט, און גיט אים אַ פּאַטש איבער די הענט.

אַלע לאַכן.

גרישקאָ האָט שוין אָנגעהויבן דאָס אמתע שפּיל. באַלד האָט זיך אויפגעהויבן פון קרייז דער „טאַנציאָר" פון דאָרף, סענקאַ. ער האָט געגעבן אַ פּאַרוואָרף אַהינטער זיין קוטשמע בלאָנדע האָר און אַ לאָז געטאָן זיך אין אַ ריטמישן געדריי אַרום קרייז, ווינקענדיק מיט די אויגן צו די מוידן, זיי זאָלן אַרויס. לאַנג ווינקען האָט ער ניט געדאַרפט. פון קרייז איז אַרויס די פּוללייביקע און צערויטלטע נאַטאַלקע. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטן מיט די הענט אויף די זייטן, דערנאָך אַריינגעטאַנצט אין טאַקט מיט סענקען. אַ ווײַלע האָבן זיי געטאַנצט מיט געוויינלעכן טראָט. נאָר באַלד איז דער טאַנץ געוואָרן רוישיקער. דאָס שפּילן — האַסטיקער. די אַרומיקע האָבן צוגעפּליעסקעט מיט די הענט. סענקעס טאַנצן איז געוואָרן רייצנדיקער. אַ צעפלאַמטע האָט נאַטאַלקע קוים נאָכגעהאַלטן. שטאַרקער געטופּעט מיט די פּיס, זיך געדרייט, אַזש ס'האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. דערפילנדיק אַז דער טאַנץ האָט דערגרייכט זיין העכסטן ברעג, האָט גרישקאָ מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט דאָס שפּילן.

די טענצער, צעהיצטע און מיט פלאַמענדיקע באַקן, האָבן זיך פאַרנויגט און זענען באַלוינט געוואָרן מיט אַ האָגל פון אַפּלאָדיסמענטן און ליב־ווערטלעך.

דער עולם אויף דער פּאָליאַנע איז געוואַקסן. עס האָבן ניט אויסגעהאַלטן די מיטל יעריקע פּויערטעס און פּויערים. אויך זיי ווילט זיך נאָך אַ לעב־טאָן, אַ טאַנץ־טאָן און דערמאָנען זיך די יונגע צייטן. און גרישקאָ ווייס ווי צו שפּילן פאַר זיי. איצט האָט ער געשפּילט עטוואָס איינגעהאַלטענער. איצט האָבן שוין געטאַנצט ניט קיין איינציקע פּאָרלעך, נאָר פיל פּאָרלעך מיט אַמאָל. די פּנימער פון די טאַנצנדיקע זענען געווען שמייכלענדיקע, גליקלעכע. נאָר איינציקווייז פאַלן די פּאָרלעך אַרויס פון טאַנץ. ניט איינער זיפצט אָפּ: עך, ניטאָ מער די יונגע כחות!

גרישקאָ האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט. די פאַרמאַטערטע טענצער האָבן זיך צוגעזעצט אויף דער ערד. ווערטלעך, געלעכטער. אַלע האָבן געוואַרט אויף דעם קומענדיקן טאַנץ. גרישקאָ האָט שוין ווידער פאַרצויגן די האַרמאָשקע. ער האָט געשפּילט עפּעס שטילעס און מינאָרנעס, וואָס האָט באַרואיקט די אויפגעשטורעמטע געמיטער. דאָס איז געווען זיין דרך צו שאַפן שטימונג, און ווען

ער האָט דערפילט, אַז דער עולם איז שוין גענוג אָנגעצויגן, האָט ער אַ ריס געטאָן מיט עפּעס אַ פּריילעכס.

אַ ווײַלע איז אַרום גרישקאָן געווען לײַדיק. קיינער האָט ניט געוואָלט זײַן דער ערשטער. אָבער עס האַלטן פּאָרט ניט אויס די אומגעדולדיקע יונגע פיס. עס קומט אַרויס אַפאַנאַס. נאָך סענקען איז ער געווען דער בעסטער טענצער.

אונטער די קלאַנגען פון דער מוזיק האָט ער אַרומגעקרייזט, זיך וויגנדיק און טאַנצנדיק, צוגעוואָרפן אייגלעך צו די מוידן.

— טאַטיאַנאַ!!! אַנו־קאַ, טאַטיאַנאַ, קום נאָר אַרויס! ווייז וואָס דו קענסט!

— רופן אויס עטלעכע שטימען מיט אַמאָל.

טאַטיאַנאַן האָט שוין לאַנג געצויגן אַרויסצוקומען אין טאַנץ. זי האָט זיך אַ הויב געטאָן און לײַכט, ווי אויף פליגלען, האָט זי אַ פלאַטער געטאָן; מיט אַ טיכל אין איר האַנט, שווימט זי גראַציעז, ווי אַ שוואַן; זי וואַרפט צו אייגלעך צו איר טאַנץ־קאַוואַליער, בויגט פאַרפירעריש מיטן קעפּל, טופּעט צו מיטן פוס צום טאַקט פון דער מוזיק; די יונגע ברוסט ציטערט אויף; די אויגן גלאַנצן מיט פריידיקן גלי, די באַקן — בונט־רויטע ראָזעס. אַלעמענס אויגן — נאָך איר. אָט אַ מויד! זי טאַנצט לאַנג און טראַציק. די האַרמאָשקע האָט זיך ערשט צעוויגט און ערשט איצט זענען די טענצער אַרײַן אין ריכטיקן אַזאַרט.

טאַטיאַנאַ זעט שוין קיינעם ניט. אירע פיס פאָלגן פון זיך אַליין זייער אינעווייניקסטן ריטם, ווי זיי וואָלטן באַלאַנגט ניט צו איר גוף, נאָר זענען אַ טייל פון די רופנדיקע קלאַנגען, וואָס פליסן פון דער האַרמאָשקע. טאַטיאַנאַ פילט אַ מאָדנע פאַרשיכורנדיקן תענוג, וואָס כוואַליעט אַרויס פון איר טיפן דראַנג צו לעבן און פרייד.

אַ שווייס האָט שוין געשלאָגן פון אַפאַנאַסן. ס׳געהערט אַ ביסעלע! ווי דאָס טאַנצט! ניין, ער וועט זיך נים אונטערגעבן דער ערשטער!

און דער עולם גיט זיי צו קורזשאַש: אַנו! ווער וועמען? לאָמיר זען!

און זיי טאַנצן ביז ביידן פעלט אויס אָטעם.

ערשט איצט דערבאַרעמט זיך אויף זיי גרישקאָ. ער נעמט אַ העכערן טאָן, וואָס זאָגט, אַז באַלד, באַלד פאַרענדיקט ער.

— בראַוואָ!!! בראַוואָ, טאַניושאַ!!! בראַוואָ, אַפאַנאַס!!!

— ניט קיין באָבע, נאָר אַ קאַווקאַזער ציג איז דאָס! — זאָגט מיט אַנטציקונג פּעטראָ, דער ווײַצלינג פון דאָרף.

— כאַ־כאַ־כאַ!!! אַ ציג! אַן אמתע ציג!!!

פון דעמאָלט אָן האָט מען טאַטיאַנאַן אויך גערופן מיט אַ צונאָמען: קאַווקאַזער ציג.

עס האָט גענומען טונקלען. לאַנג שוין, אַז די זון האָט זיך געזעצט. פֿריער איז דער מערבֿ געווען אַ ים פֿון כוואַליענדיקן גאָלד און צעגאָסענעם צונטער. איצט איז דער מערבֿ־פּאַס פֿון הימל אַ מילד־ראָזעווער מיט אַ זוים פֿון פֿיאָלעט. די נאַכט־שאָטנס האָבן זיך גענומען רוקן געדיכטער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע שאָטנס קומען פֿונעם וואַלד, וואו עס האָט שוין געהערשט געדיכטע טונקלקייט.

מען האָט זיך צעזעצט, די מוידן באַזונדער און די יונגען באַזונדער, און געזונגען אין כאָר. לאַנג האָט זיך געטראָגן דאָס מילד־זומערדיקע נאַכט־געזאַנג, וואָס האָט אָפּגעקלונגען ווייט, ווייט, האָט אָנגעפּילט די לופֿט מיט באַגנדיקער מתיקות, פֿאַרגאַנגען אין דער אומענדלעכקייט און איבערגעלאָזן אין די הערצער אַ באַנגשאַפֿט און אַ ניט־באַפֿרידיקטן באַגער. די געמיטער, פֿריער צעשטורעמט פֿון פֿריילעכן טאַנצן, זענען געוואָרן רואיקער, ווי איינגעוויגט פֿון דער מילדער נאַכט און פֿון דעם זינגען. די סטרונעס פֿון דער נשמה האָבן געציטערט און די הערצער זענען געווען אָפֿן, וואַך.

טאַטיאַנאַ האָט פֿאַרצויגן איינס פֿון די בייזע לידער, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט אין שטעטל. האַרציק האָט איר ליד דערציילט פֿון אַ יונגער נאָנע, וואָס זיצט פֿאַרשפּאַרט אין אַ מאָנאַסטיר. דערציילט ווי עס ציט זי, די נאָנע, צו פֿרייהייט, צו ליבע.

אַז טאַטיאַנאַ האָט פֿאַרענדיקט איר ליד, זענען אַלע געבליבן זיצן שטיל, פֿאַרגאַפֿט. אַזוי זינגען קען קיינער ניט פֿון זיי.

און די יונגען האָבן, ווי די בינען, געקלעפּט צו איר. איבערהויפּט — איגנאַט יערעמענקאָ.

אַליין איז איגנאַט געווען אַ הויכער, אַ שווערער, מיט שטרענגע אויגן, וואָס פֿלעגן ווערן אומהיימלעך, ווען ער פֿלעגט אָנכמורען די געדיכטע ברעמען. די צעשויבערטע בלאָנדע וואָנצעס פֿלעגן אַראָפּהענגען ווי אָפּגעבראָכענע צווייגלעך איבערן מויל. געוואוינט האָט ער אין אַ כוטאָר ניט ווייט פֿון דאָרף. נאָר איינמאָל, קומענדיק אין אַ זונטיק אין דאָרף אויף אַ הוליאַנקע, האָט ער דערזען טאַטיאַנאַן און זיך פֿאַרליבט אין איר. פֿון דעמאָלט אָן האָט מען אים אין דאָרף געזען זייער אָפֿט.

אין דאָרף האָט מען דאָס גלייך באַמערקט און מען האָט אונטער די אויגן גערעדט: „יערעמענקאָ יאָגט זיך אַרום נאָך אַגאַפּענאָס מויד. אָט אַ מזל פֿון אַ מויד! אַליין איז זי אָרעם ווי אַ קלויסטער־מויז און פּאַלט אַריין אין אַזאַ וואוילטאָג, צו יעפּים קאַרפּאָוויטשן אין שטוב.“

טאַטיאַנאַ האָט אים ניט ליב געהאַט. פֿון אָנהויב האָט זי זיך אַפֿילו גע־שראָקן פֿאַר אים. דערנאָך זיך צוגעוואוינט אַ ביסל. נאָר עפּעס שווערס פֿלעגט

זיך לייגן אויף איר געמיט ווען זי פלעגט פאַרבלייבן מיט אים אַליין. איינגאַנצן פלעגט זי זיך פילן קלענער, און איר רעדן און זינגען פלעגט, מיט אַמאָל, גע־פּענטעט ווערן. איגנאַט האָט געזען, אַז זי האַלט זיך קאַלט צו אים. די מויד איז שעמעוודיק, האָט ער געטראַכט און ער איז דרייסט געגאַנגען צו זיין ציל. ער האָט געוואוסט, אַז די אָרעמע טאַטיאַנאַ וועט אים ניט אָפּזאָגן.

ער האָט זיך ניט אָפּגענאַרט. טאַטיאַנאַ האָט זיך ניט געווערט. זי האָט געוואוסט, אַז די מומע אַגאַפּענאַ האַלט דאָס פאַר אַ גרויס גליק. ניט איינמאָל האָט אַגאַפּענאַ אין איר אַריינגערעדט:

— געדענק, מויד! לאָז דאָס גליק פון האַנט ניט אַרויס. פאַלסט אַריין צו יעפים קאַרפּאָוויטשן אין הויז פון כל־טוב. אַ בחור איז איגנאַט אַ האָרע־פּאַשנער, ניט קיין טרינקער. וועסט לעבן און געדייען.

און איינמאָל, באַגלייטנדיק זי אַהיים, האָט ער זי צוגעצויגן צו זיך און אַריינגענומען אין זיינע קרעפטיקע אָרעמס. זי האָט אים לייכט אָפּגעשטויסן; די אויגן פון ביידן האָבן זיך באַגעגנט; זיינע אויגן, געוויינלעך שטרענגע, זענען איצט געווען פול מיט ליבע. זיינע הייסע ליפּן האָבן געפּליסטערט:

— און אָט וועט דער פאָטער שיקן אַ שדכן צו דער מומע אַגאַפּענאַ. וואָס וועסטו זאָגן, טאַטיאַנאַ?

טאַטיאַנאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן.

דער שדכן איז געקומען. דאָס איז געווען אַ געאַכטעטער פויער פון דאָרף, אַנטאָן קראַסאָווין. ער האָט זיך איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, אַריינגעשטעלט אין טיר פון אַגאַפּענאַס הויז.

אַז אַגאַפּענאַ האָט אים דערזען פון וויטנס, האָט זי אַרויסגעשיקט טאַטיאַנאַן פון שטוב.

— נעם צו אַ גאַסט, אַגאַפּענאַ מאַטוועיעוונאַ,

— געסט זענען אַלעמאָל אַנגעלייגט, — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל.

קראַסאָווין איז אַריין, האָט זיך געזעצט ברייט אויפן בענקל און אַראָפּ־גענומען דאָס היטל.

— קוואַס וועט איר טרינקען, אַנטאָן פּאַוולאָוויטש?

און איידער ער האָט געענטפערט, האָט אַגאַפּענאַ שוין געהאַט אַ קרוג מיט קוואַס אויפן טיש און אַ טעפּעלע.

קראַסאָווין האָט אויסגעטרונקען דעם קוואַס. האָט אָפּגעווישט די ליפּן און איז גלייך צוגעטראָטן צו דער זאַך. אַזוי און אַזוי, אַגאַפּענאַ מאַטוועיעוונאַ. ס׳וויל יעפים קאַרפּאָוויטש יערעמענקאָ דיין טאַטיאַנאַן פאַר אַ שנור. ס׳מאַכט ניט אויס וואָס דו האָסט ניט קיין נדן צו געבן, וואָס טאַטיאַנאַ האָט ניט קיין

קליידער. אַלץ וועט זיין אויפן חשבון פון יעפים קאַרפּאָוויטשן, ווייל טאַטיאַנאַ איז ליב־געפעלן געוואָרן זיין זון איגנאַט.

אַגאַפּענאַ מאַטוועיעוונאַ האָט זיך פאַרנויגט און זיך געוויגט אַ ווײַלע, ווי זי וואָלט זיך געקווייִנקלט. דערנאָך געלאַסן, מיט ווירדע אַרויסגערעדט:

— נו, אויב דער חתן איז אַ גוטער, קען מען אויסגעבן. און מען קען אויך אויסוואַרטן. איצטער איז איר דאָס אַכצנטע וועסנע פאַרביי. אַזאַ מויד דאַרף מען דאָך איבער דער גאַרער וועלט זוכן. עס ברענט ביי איר די אַרבעט אונטער די הענט. און אַלץ קען זי: אויסנייען, קאָכן...

— רוף אַריין טאַניקען.

אין טיר איז ניט דרייסט אַריינגעקומען טאַטיאַנאַ. זי איז געבליבן שטיין ניט וואַגנדיק צו קוקן קראַסאַווינען אין די אויגן. מיט אירע פינגער האָט זי נערוועז געצופּט דעם ברעג פון פאַרטוך.

קראַסאַווין האָט זיך גוט צוגעקוקט צו איר. אונטער דער לייכטער בלוזקעלע, וואָס האָט שטייף געפּאַסט צום קערפּער, האָבן זיך געהויבן די יונגע בריסטלעך. און מיט אַמאָל האָט טאַטיאַנאַ אויפגעהויבן אירע בלוי־גרויע אויגן און אָפן אָנגעקוקט קראַסאַווינען. זי האָט אויפגעהערט צופּן דעם פאַרטוך און אויסגעצויגן די הענט ביי די זייטן. קראַסאַווין האָט זי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. פאַרהאַלטן לענגער דעם בליק אויף אירע הענט. געטראַכט: די הענט זענען גרויסע, שטאַרקע, וועלן קענען גוט אַרבעטן.

אין אַ שיינעם זונטיק פאַרנאַכט, ווען אין שוימענדיקן גאָלד־ראָזיקן גלי איז פאַרגאַנגען די זון און דער לויטערער, בלויער הימל האָט נאָך אויפגעהאַלטן די לעצטע שטראַלן; ווען אין דער לופט האָט זיך שוין געפילט די קילקייט פון שפּעטן אָסיען, זענען די מחותנים געקומען.

לעבן אַגאַפּענאַס כאַטע איז שוין געשטאַנען אַן עולם ביינעריקע. מערסטנס באַבעס אין פאַטשיילעס. יונגע מיידלעך האָבן מיט קנאה נאָכגעקוקט די אויסגעפּוצטע אָנקומענדיקע מחותנים. ס'איז געקומען איגנאַט מיט מוטער און פאָטער און נאָענטע קרובים. איינגאַנצן אַ צוועלף מענטשן. מיט זיך האָבן זיי געבראַכט אַן עמער בראַנפן און אַ פּאָר קאָשיקעס מיט פּרוכט און זיסע זאַכן.

אין שטוב איז אַריינגעקומען אַ גאַנצע מחנה יונגע מוידן. אַלע טאַטיאַנאַס חברטעס, אויסגעפּוצטע אין די בעסטע קליידלעך מיט בונטע קאָלירן. די האָר קונציק פאַרדרייט אין קרייזלעלעך מיט שרייענדיקע לענטעס אַריינגעוועבט אין זיי. און מיט די מוידן איז אַריינגעקומען נאַטאַלקאַ. אין איר האַנט האָט זי געטראָגן דאָס קעפּל פון אַ יאַלקע, באַפּוצט מיט קאָלירפולע סטענגעס.

טאַטיאַנאַ איז געווען אין דער שכנותדיקער כאַטע און די מומע אַגאַפּענאַ האָט זי ביי דער האַנט אַריינגעפירט צו די מחותנים.

טאַטיאַנאַ האָט זיך פאַרנויגט, איז רויט געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

די מחותנים האָבן טאַטיאַנאַן געגעבן מתנות: עפּל, זיסע זאַכן. זי, טאַטיאַנאַ, האָט צוגענומען די מתנות און יעדערן פון זיי אַליין געטיילט מתנות: דעם חתן און דעם שווער צו לייוונטענע האַנטיכער, וועלכע זי אַליין האָט אויס־געניית. דער שוויגער — אַ גרויסן שאַל, וואָס זי האָט פון שטעטל געבראַכט. די איבעריקע — קליינע קאָפּ־טיכלעך מיט קאָלירטע בלומען צו די פרויען, און פאַר די מענער — בייטעלעך פאַר טאַבאַק, בונט־רויטע נאָזטיכלעך.

מען האָט איר געדאַנקט. דער חתן און דער שווער האָבן איר געגעבן צו זילבערנע רובלס.

נאָכדעם האָבן די עלטערן פון חתן זיך צעזעצט אין פאָדערשטן ווינקל. די קרובים פון חתנס צד — אויף ביידע זייטן פון די עלטערן.

איגנאַט און טאַטיאַנאַ זענען געזעסן ביי אַן אַנדער קליינעם טישל און מיט זיי, די נאָענטסטע חברים און חברטעס. צו צוויי מענטשן פון יעדער זייט.

אונטער אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט זענען דער חתן און די כלה געזעסן שטייף, ווי יעדערער פון זיי וואָלט אַן אייזערנעם אַרשין איינגעשלונגען. איגנאַט איז געזעסן, ניט אויסרעדנדיק קיין וואָרט צו טאַטיאַנאַן. ער פלעגט בלויז פון צייט צו צייט וואַרפן אַ פאַרגנבעטן קוק אויף איר שיינעם פנים. טאַטיאַנאַן האָט זיך איצט געוואָלט לאַכן. אָט: באַלד וועט זי ניט אויסהאַלטן, וועט אַרויס פון דער שטייפקייט און אַרויסשיסן אין אַ געלעכטער. זי האָט זיך אָבער געצוואונגען צו זיין ערנסט.

אויפן טיש האָט מען אויסגעשטעלט טעלער מיט נאַשערייען: קאָנפעקטן אין פּאַפּירלעך מיט שיינע פרויען־קעפּ. פּיראָזשקעס פון טייג, וואָס זענען געפּרעגלט געוואָרן אין ליין־אויל. לעקעכלעך אויסגעקנאָטענע און אויסגע־צאַצקעטע אין די פאָרמען פון הויז־חיות און בהמות. ניס און קערנדלעך פּאַנערויזן.

נאַטאַלקע האָט אָנגעהויבן צו זינגען און די מוידן האָבן לעבעדיק אונטער־געכאַפּט. טייל האָבן די טשאַסטושקעס גיכער פריידיק אויסגעשריען, ווי געזונגען. דערנאָך האָט נאַטאַלקע אָנגעהויבן צו טאַנצן, פאָכענדיק מיט דעם קאָלירפולן יאַלקע־קעפּל איבער זיך, און אָוועקגעשטעלט פאַרן חתן אַ טיי־שעלכל.

האָט איגנאַט אין דעם אָנגעגאָסן בראַנפן און אַריינגעוואָרפן אַהין דריי מטבעות.

די מוידן האָבן ציטערדיק געטרונקען דעם בראַנפן. יעדע פון זיי האָט אַ זופּ געטאָן, ווייל דאָס איז געווען אַ סגולה באַלד אַליין צו קריגן אַ חתן. די מטבעות האָבן זיי אָוועקגעלייגט אין אַ ווייס טיכעלע.

נאָכדעם האָבן די מוידן געזונגען פאַר יעדערן פון די געסט באַזונדער. מען האָט אָנגעהויבן פון חתנס פאָטער און דערנאָך געהאַלטן די ריי נאָך דער חשיבות פון די געסט.

אַזוי ווי פריער, האָט יעדערער פון די געסט, פאַר וועמען מען האָט גע־זונגען, אַנגעגאָסן אַ ביסל בראַנפן אין טיי־שעלכל און אַריינגעוואָרפן אַ מטבע. דעם בראַנפן האָבן די מוידן צונויפגעגאָסן אין אַ פלאַש, כדי ניט שיכור צו ווערן. און די מטבעות צוגעלייגט צו די ערשטע מטבעות אין טיכעלע.

און די געסט האָבן אין דער זעלבער צייט געגעסן פון די נאַשערייען אויפן טיש און געטרונקען פון איין גלאָז, וואָס איז געגאַנגען אַרום און אַרום טיש. דאָס טרינקען בראַנפן האָט געדויערט לאַנג. דאָס גלאָז פלעגט שנעל אויס־געליידיקט ווערן און באַלד צוריק אָנגעפילט ווערן פון דאָס ניי. ביז אַלע זענען שוין גוט שיכור געוואָרן.

יעפים קאַרפּאָוויטשן, איגנאַטס פאָטער, איז עפּעס ניט געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך אָנגעהויבן צו קריגן מיט זיין קרובביים טיש. פונעם קריגן זיך וואָלט אפשר געוואָרן אַ געשלעג, נאָר מאַרינאַ, דעם חתנס מוטער, האָט ניט דערלאָזט צו דעם. זי איז, דאַכט זיך, געווען די איין־און־איינציקע, וואָס האָט ניט פאַרלאָרן דעם קאָפּ פון דעם טרינקען. זי איז געווען אַ קליינינקע מיט אַ שאַרפן קוק אין אירע שוואַרצע אויגן. עס איז געווען גענוג, אַז זי זאָל אָננעמען יעפים קאַרפּאָוויטשן ביי דער האַנט און אַריינקוקן אים שטרענג אין די אויגן, און ער איז געוואָרן שטיל און מילד.

יעפים קאַרפּאָוויטש האָט זיך איבערגעבעטן מיטן קרוב, האָט זיך צעקושט מיט אים און זיך געזעגנט מיט אַלעמען.

די מחותנים האָבן זיך אַריינגעזעצט אין די פורן און אַוועקגעפאָרן.

אין צוויי חדשים אַרום איז די חתונה געפּראַוועט געוואָרן.

אויף דריי שליטנס זענען די מחותנים צוגעפאָרן צו אַגאַפּענאַס כאַטע. דער פאָטער פון איין זייט און קראַסאַוויץ פון דער צווייטער זייט האָבן צוגעפירט דעם חתן צו דער טיר. די טיר איז געווען פאַרשלאָסן.

— גאָטעניו, יעזוס קריסטוס, דערבאַרעם זיך אָן אונדז! — האָט געזאָגט קראַסאַוויץ און זיך איבערגעציילמט.

— אָמן! — האָט מען הינטער דער טיר געענטפערט.

קראַסאַוויץ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר: „דערלויבט אַריינצוקומען.“

— מיר בעטן אייך, גנעדיק!

די טיר האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעעפנט. אַגאַפּענאַ האָט זיך נידעריק פאַרנויגט. אויסגעפּוצט אין אַ ניי קלייד, האָט זי אויסגעקוקט יינגער. און האָט געשיינט פון פרייד. זי האָט צוגעטראָגן די געסט צו גלעזער קוואַס, פאַר־

פראַוועט פון אויבן מיט צעריבענעם קאַרטאָפל, פון וואָס אַ ווייסער שוים האָט אַרויפגעשלאָגן ביז איבער די ברעגן פון די גלעזער.

— נעמט און טרינקט געזונטערהייט.

נאָכדעם האָט נאַטאַלקאַ און אַפאַנאַס, וועלכע האָבן פאַרטראָטן דער כלהס מיידלשאַפט, צוגעטראָגן די מחותנים צו גלעזלעך בראַנפן. אַפאַנאַס האָט געהאַלטן אין האַנט זיין היטל. די מחותנים האָבן אויסגעטרונקען דעם בראַנפן און קראַסאַווין האָט זיי דערלאַנגט צו זילבערנע האַלב־רובלס.

— ווינציק! מיר׳ן ניט אָפּגעבן!

קראַסאַווין האָט דערלייגט נאָך אַ מטבע. נאָר דער ענטפער פון אַפאַנאַסן און נאַטאַלקאַן איז געווען דער זעלביקער: „ווינציק!“

— וואָס רעדט איר: „ווינציק“, אַזוי אויך שוין איבערגעצאָלט.

— גיט אָפּ! גיט אָפּ! — האָט זיך, כלומרשט שטרענג, אַריינגעמישט אַגאַפענאַ מאַטוועיעווונאַ.

אין אַ שעה אַרום איז מען שוין געשטאַנען אין קלויסטער. אין איר חתונה־קלייד, מיט איר קאָפּ שיין באַפּוצט, האָט טאַטיאַנאַ אויסגעקוקט נאָך שענער. די אַנוועזנדיקע האָבן פון איר די אויגן ניט געקענט אַוועקנעמען. יעדערער האָט געזאָגט: „האַרנאַ דיווקאַ“ (אַ שיין מיידל).

פון קלויסטער איז מען אַוועקגעפאָרן צום חתן. יעפּים קאַרפּאָוויטשעס כוטאָר איז געשטאַנען אויף אַ קליינעם בערגל מיט אָפענע פעלדער אַרום און אַרום. די עטלעכע הילצערנע געביידעס פון הויף, אַרומגענומען מיט אַ פּאַרקאַן, האָבן אַליין, דערהויבן, אויסגעקוקט ווי מחותנים אין דער אויסגעפּוצטער ווייסקייט פון די פאַרשנייטע פעלדער.

די טויערן זענען ברייט געעפנט געוואָרן. ביים טויער האָט זיי באַגעגנט די קעכין מיט אַ פולן עמער וואַסער.

די מחותנים, וואָס זענען געפאָרן באַשפּיץ פון דער פּראָצעסיע שליטנס, האָבן זיך אָפּגעשטעלט און איגנאַט האָט אַריינגעוואָרפן אַ זילבערנעם האַלב־רובל. דערנאָך האָט מען זיך גערירט און אַריינגעפאָרן אין ברייטן הויף. די געסט זענען אַריין אין יערעמענקאָס גרויסער שטוב. דאָ איז אַלץ געווען באַלעבאַטיש. אַ גרויסער טיש מיט ווינער שטולן. ניט קיין בענקלעך, ווי ביי די מערסטע פּויערים. ביי דער וואַנט אַ שיין־געשניצטער בופעט. דאָס רעכטע ווינקל — רייך באַפּוצט מיט איקאָנעס און אויסגענייטע לייוונטענע האַנטיכער.

דער טיש איז געווען געדעקט מיט אַ שניי־ווייסן טישטוך. פון קיך האָט זיך געטראָגן דער געשמאַקער ריח פון פעטן באָרשטש. געפּרעגלט חזיר־פלייש האָט אויפגעריסן די נאָזלעכער.

מען האָט זיך געזעצט צום טיש. די קעכין און עטלעכע מוידן־סאַרווערינס

האָבן צוגעטראָגן די מאכלים: גרויסע שיסלען מיט באָרשטש, שיסלען מיט שטיקער פלייש, פּיראָגן געדיכט־באַדעקטע מיט סמעטענע און פון אויבן באַצויגן מיט אַ דינעם שיכט פון צעשמאָלצענער פּוטער.

דער עולם, אויסגעהונגערט פון לאַנגן שטיין אין קלויסטער, פון פאָרן אין קאַלטן דרויסן, האָט מיט אַפּעטיט זיך אַ נעם געטאָן צום הייסן באָרשטש און צו די איבעריקע מאכלים. איין שיסל נאָך דער אַנדערער זענען אויס־געליידיקט געוואָרן. און אַזוי שנעל ווי אַ ליידיקע שיסל איז צוגענומען געוואָרן, איז אַן אַנדערע, אַ פולע, שוין געשטאַנען אויף איר אָרט.

מאַרינאַ און יעפים קאַרפּאָוויטש, וואָס האָבן אין דער גאַנצער געגנט געהאַט אַ שם ווי קאַרגע און גייציקע, האָבן זיך געבעטן: „טרינקט און עסט, טייערע געסט! איין־און־איינציקער איז ער ביי אונדז.“

און די געסט האָט מען ניט געדאַרפט לאַנג בעטן. מען האָט געגעסן און געטרונקען ביז מען איז שוין אַזוי זאַט געווען, אַז מער האָט מען שוין ניט געקענט.

דער עולם האָט זיך אַפּגערוט. די סאַרווערס האָבן דערווייל צוגענומען פון טיש. איין גרישקאַ, מיט דער האַרמאָשקע, האָט ניט גערוט. ער האָט געשפּילט שטילע, וויינענדיקע געזאַנגען. פון די ניגונים האָט זיך אַרויסגעפילט דער ווייַ פון די אוקראַינישע פּויערים. דער רוף פון די אַפּענע, ברייטע סטעפּעס. דאָס רעווען און קרעכצן פון ברייטן דניעפּער.

די געזאַנגען האָבן ביי אַ סך פון די געסט אַרויסגערופן נאָגנדיקע געפילן. ס'זיצט אומעטיק דער יונגער אַפאַנאַס. עס ווייִנט שטיל זיין האַרץ. ער האָט שוין לאַנג ליב געהאַט טאַטיאַנאַן, דאָך קיינמאָל ניט געוואָגט דאָס אַרויסצואווייזן איר. אַן אָרעמער באַטראַק איז ער. האָט ניט קיין אייגן פעלד, און אַן אַלטע מאַמע האַלט ער אויף. ווי־זשע האָט ער געקענט רעדן צו איר וועגן חתונה האָבן? ניין. בעסער זאָל זי קיינמאָל ניט וויסן, ווי עס האָט געווייטיקט זיין האַרץ, ווען ער אַליין האָט זי אָפּגעגעבן קראַסאָווינען צו פירן אין קלויסטער. און זי, טאַטיאַנאַ אַליין? צי איז זי גליקלעך? עפּעס קוקט זי ניט אויס צו זיין זייער פריילעך. זענען די ניגונים שולדיק אין דעם?

נאַטאַלקאַ האָט געטראַכט וועגן איגנאַטן: אָט אַזאַ וואָלט זי וועלן פאַר אַ מאַן. אַזאַ שטאַרקער. עס ווייעט פון אים מיט גבורה. און וואָס פאַר אַ באַלע־באַטישקייט! נאָר זי האָט זיך פאַרשעמט פאַר אירע טראַכטונגען. טאַטיאַנאַ איז דאָך איר בעסטע חברטע. נו, זאָל זי גליקלעך לעבן און עלטערן זיך מיט אים.

גרישקאַ האָט שוין דערווייל פאַרצויגן עפּעס פריילעכס. ווי מלחמה־פערדלעך, וואָס דערהערן דעם טרומייט, האָבן די יונגע פיס זיך אַ ריס געטאָן.

דעם טיש, וואָס איז געווען באַלאָדן מיט נאַשערייען און מיט עפּל, באַרן, האָט מען אָנגעוועקגערוקט אַן אַ זייט און מען האָט אַ שלאָג געטאָן אַ טאַנץ. דער ברען האָט זיך צעשפּילט. פריילעך און ווילד האָט מען געטופּעט מיט די פיס. צו־געקלאַפּט צום טאַקט מיט די הענט. פאַרלעך האָבן זיך געביטן איינע נאָך דער אַנדערער.

יעפים קאַרפּאָוויטש, שוין אינגאַנצן שיכור, האָט אויך ניט אויסגעהאַלטן. אים האָט זיך געוואָלט באַווייזן, אַז ער קען נאָך מיטהאַלטן מיט דער יוגנט. ער האָט אַרומגעכאַפּט באַטאַלקען און זיך אָוועקגעלאָזן מיט איר אין טאַנץ. ניט אָפּגעשטאַנען, אַפילו, ווען גרישקאָ האָט אַ שפּיל געטאָן אַ קאָזאַצקע. מיט יוגנטלעכן ברען האָט ער צוגעטופּעט מיט די פיס. די אויגן האָבן געגלאַנצט, די בלאָנדע, שוין גרוילעכע האָר האָבן זיך פאַסמעסווייז געבאַמבלט איבער דעם צעשוויצטן פּנים. נאָר אינמיטן טאַנצן האָט ער באַמערקט ווי זיין ווייב, מאַרינאַ, קוקט אויף אים מיט אירע שאַרפע אויגן. ער האָט מיט אַמאָל פאַר־לאָרן דעם גאַנצן ברען. מעשה־שטן האָט זיך זיין פוס פאַרטשעפּעט. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און, ווען ניט עמעצנס העלפנדיקע האַנט, וואָלט ער זיך אויסגעצויגן אויפן דיל.

דער ברען פון די טאַנצנדיקע פאַרלעך האָט געהאַלטן אין אויסגליען. גרישקאָ אַליין איז שוין געווען אויסגעמאַטערט. ער האָט נאָך אויסגעשפּילט אַ קאַמאַרינסקע און צוזאַמענגעלייגט די האַרמאָשקע.

עס האָט גענומען טונקלען און דער עולם האָט זיך גענומען קלייבן אַהיים. ביסלעכווייז איז מען זיך צעפאָרן. בלויז איין אַפּאַנאַס האָט געצעגערט. אַ האַלב־שיכורער האָט ער געבאַמבלט, אַז ער דאַרף זיך צעקושן מיט דער כלה. איגנאַט האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט רציחהדיקע אויגן. נאָר טאַטיאַנאַ האָט שפּאַסנדיק צעקושט זיך מיט אים און ער איז אַוועק.

מאַרינאַ האָט אָפּגעפירט דאָס יונגע פאַר־פאָלק אין זייער שלאָף־צימער.

— אַ גוטע נאַכט, קינדערלעך, — האָט זי געזאָגט, און פליישיק געשמייכלט.

אויף מאָרגן איז טאַטיאַנאַ אויפגעשטאַנען שפּעט. האָט שנעל אַרויפ־געכאַפּט אויף זיך די זאַכן און איז אַרויס העלפן דער שוויגער אויפראַמען די שטוב.

מאַרינאַ האָט איר גאָרניט געלאָזט טאָן. זי האָט איר צוגעטראָגן טיי מיט שמאַנט און צוגערוקט אַ שעלכל מיט פּיראָזשקעס. האָט איר אַריינגעקוקט אין די אויגן און שטיל געפרעגט: „און איגנאַט, וואָס ...."

— איגנאַט שלאָפט נאָך, מאַמאַניאַ.

— אַי, אַ מויד! האָסט אים אויסגעמאַטערט, אַ ?—זי האָט איר אַ סטראַשע געטאָן מיטן פינגער און דערביי האָט זי שעלמיש צוגעוואונקען מיט די אויגן.

טאַטיאַנאַ האָט זיך פאַרשעמט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן אין גלאָז טיי.

נאָר מאַרינאַס צוגעלאָזטקייט האָט מער ניט געדויערט ווי איין טאָג. אויף מאָרגן איז טאַטיאַנאַ ווידער אויפגעשטאַנען שפּעט. אַ גאַנצע נאַכט האָט איגנאַט זי געהאַלטן וואַך מיט זיינע לאַסקעס. ער איז געווען ווי אַן אויסגעהונגערטער יונגער אָקס און ער האָט זיך ניט געקענט אָנזעטיקן מיט איר לייב. טאַטיאַנאַ, וואָס איז פון אָנהויב געווען גלייכגילטיק צו אים, האָט אינגיכן גענומען פילן אַן עקל צו זיין צודרינגלעכקייט. זי איז געלעגן אַ מידע, ניט־דערשלאָפענע און געלאָזט איגנאַטן טאָן מיט איר לייב, וואָס עס האָט זיך אים געגלוסט. איר קאַלטקייט האָט אים נאָך מער צערייצט.

— וואָס איז מיט דיר, טאַטיאַנאַ? ליגסט ווי אַ ברעט.

טאַטיאַנאַ האָט קוים אַרויסגערעדט: „כ׳בין מיד. כ׳וויל שלאָפן, איגנאַט. לאָז אָפּ.״

זי איז אויפגעשטאַנען אַ ניט־דערשלאָפענע, אומצופרידענע. איז אַריין אין קיך. מאַרינאַ איז געשטאַנען ביים אויוון.

— גוט מאָרגן, מאַמאַניאַ.

מאַרינאַ האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן פּנים. — „גוט מאָרגן! — האָט זי געזאָגט און אָנגעקוקט טאַטיאַנאַן מיט אירע שאַרפע אויגן. איר פּנים איז געווען בייז. אַזאַ בייזע האָט זי טאַטיאַנאַ געזען צום ערשטן מאָל.

מאַרינאַ האָט געשוויגן, ווי זי וואָלט זיך שלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל זי זאָגן דער שנור, וואָס עס איז געלעגן ביי איר אויפן האַרצן. דערנאָך ניט אויסגעהאַלטן.

— אָט וואָס, שנור מיינע טייערע! — האָט זי געזאָגט מיט אירע דינע ליפּעלעך. — מיר האָבן דיך ניט גענומען דו זאָלסט זיך וואויל־פלעגן און פּיעשטשען זיך ביי אונדז ווי אַ „פּאַניענקע״. מיר האָבן דיך בכיוון גענומען פון אָרעמען שטאַנד אין אונדזער באַלעבאַטישקייט אַריין, ווייל דו ביזט גע־וואוינט צו אַרבעטן. גיי, נעם זיך צו די קי. און דערנאָך איז פאַראַן אַ גאַנץ הויז מיט אַרבעט. גענוג צו וואַלגערן זיך אין בעט.

טאַטיאַנאַ האָט דערפילט ווי מען וואָלט זי אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער. זי האָט גאָרניט געענטפערט. גענומען דאָס מעלק־שעפל און איז אַרויס אין שטאַל. זי האָט זיך געזעצט אויפן בענקעלע מעלקן די קי. די פינגער האָבן זיך ניט באַוועגט אַזוי לייכט און פריידיק ווי אַלעמאָל. די שווערקייט, וואָס איז געווען ביי איר אויפן האַרצן, האָט זיך איבערגעגעבן איר גאַנצן קערפּער. אַ פאַרדראָס האָט גענאָגט.

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געזוכט צו דערשטיקן אין זיך דעם פאַרדראָס און דעם ניט־פריינטלעכן געפיל, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין איר צו דער שוויגער

און צו איגנאַטן. זי האָט געטאָן די שטוב־אַרבעט און אין דער זעלבער צייט געהאַלטן אין פאַרזיכערן און באַרואיקן זיך אַליין, אַז די שוויגער האָט ניט געמיינט קיין בייז. ס׳וועט זיך איינגעוואוינען און עס וועט ליב ווערן, האָט זי זיך דערמאָנט אַ פאָלקס־גלייכווערטל.

דער טאָג איז געווען אַ כמורנער. אַ נאַסער שניי איז געדיכט געפאַלן, ניט געקוקט אויף די פריע שעהן פון טאָג, איז אין שטוב געשטאַנען אַ בין־השמשות־דיקייט. ביידע פרויען האָבן שטיל, אָן אויסרעדן צווישן זיך אַ וואָרט, געטאָן זייער שטוב־אַרבעט.

איגנאַט איז געווען אין שטאַל. געזוכט צו דערהרגענען די צייט. ער האָט געדרייט שטריק, פאַרריכט די כאָמוטן, די פערדישע שלייעס. ער איז אַריין אין שטוב און דערזען טאַטיאַנאַן אַ ניט־פריילעכע.

— וואָס איז דיר, פייגעלע מיינס? וואָס עפּעס אַזוי שטיל?

טאַטיאַנאַ האָט ניט געענטפערט. נאָר דעמאָלט האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז די לידער זענען שוין אויף אייביק אָפּגעשטאָרבן אין איר האַרצן. און יענע נאַכט, ליגנדיק אויפן געלעגער מיט וואַכע אויגן, לעבן דעם שלאָפנדיקן איגנאַטן, האָבן די פריערדיקע צווייפלען, צי זי וועט זיך קענען איינלעבן דאָ, אין יערעמענקאָס כוטאָר, ווידער דערוואַכט אין איר. זי האָט זיך געפילט אָפּגעשניטן און איינזאַם; געפילט געבויגן ווי אַן איבערגעזעצטער פלאַנץ, איידער דער פלאַנץ האָט געלאָזן וואָרצלען אין דעם נייעם באָדן. טאַטיאַנאַ האָט געפּרואווט פאַרטרינקען אָט די געפילן אין טאָן, אין האָרעווען. זי האָט געטאָן איר אַרבעט מיט אייפער, אָבער דאָך ניט געפילט קיין פרייד אין דעם. ס׳איז איר ניט איינגעגאַנגען דער ווילשטאַנד פון די יערעמענקאָס. ס׳האָט דאָך געזאָלט זיין איר אייגנס, און דאָס האָט זי ניט געפילט. פאַרקערט, ס׳איז אויסגעקומען ווי מען וואָלט איר געוואָלט באַגליקן מיט דעם. נאָר זי האָט דאָס קיינעם ניט געקענט אַרויסזאָגן. געטראָגן אין זיך און געשוויגן.

יעפים קאַרפּאָוויטש, קוקנדיק ווי זי אַרבעט, האָט אָנגעקוואָלן. „שוין אייב־מאָל אַ האָרעפּשאַנע ביי אונדז!" — האָט ער ניט איינמאָל געזאָגט צו דער וויב.

מאַרינאַ האָט צופרידן צוגעגעבן: „אַן אַרבעטנדיקע און אַ שטילע, ווי אַ טויב. ניט קיין שרייערקע, ווי די אַנדערע. כ׳וואָלט שוין וועלן דערלעבן אַ ביסל נחת. אַן אייניקל האָבן אין שטוב. ס׳גייט, דאַכט זיך, צו דעם. עפּעס האָט זיך טאַניאַ געענדערט. שפּרינגט שוין ניט מער ווי אַ ציג. צי איז זי ניט פאַרגאַנגען אין טראָגן?"

אויך איגנאַט האָט באַמערקט, אַז טאַטיאַנאַ איז עפּעס אַנדערש. ער האָט זי ניט געקענט פאַרשטיין. ער האָט דערוואַרט, אַז זי וועט זיין הייסער אין איר ליבע צו אים. און ווען דאָס איז ניט געשען, האָט ער געטראַכט, אַז דאָס

איז זי אַזוי די ערשטע צייט, ביז זי וועט זיך צוגעוואוינען. ביז וואַנען זי וועט זיך אַרומזען און אַריינגיין אין הויז ווי אַ גאַנצע באַלעבאָסטע.

אַזוי זענען געקראָכן די טעג. דער ווינטער האָט זיך צעלייגט מיט ברייטע פעלדער פון טיפן שניי; דער הימל איז גאַנצענע טעג געווען פאַרצויגן מיט שניי־געלאָדענע וואָלקנס. דער כוטאָר, אָפּגעטיילט פון נאָענטסטן דאָרף אויף עטלעכע וויאָרסט, האָט איצט אויסגעקוקט מיילן־ווייט פון דאָרט. קיין זייטיקער, לעבעדיקער מענטש איז אין הויז ניט אַריינגעקומען. די גאַנצע טעטיקייט פון לעבן איז געצוימט געווען אין די ווענט פון הויז און אין הויף, וואו די שטאַלן פאַר די בהמות, פערד און חזירים זענען געשטאַנען.

אַ פּאָר מאָל האָבן יעפים קאַרפּאָוויטש און איגנאַט אָפּגעפירט אין שטעטל הויך־אָנגעלאָדענע שליטנס מיט געבונדענע סנאָפּעס שטרוי און שווער אָנגע־לאָדענע שליטנס היי. פון דאָרטן האָבן זיי געבראַכט פּעק גאַנצע איינגעקויפטע זאַכן. איגנאַט האָט אויך געבראַכט אַ מתנה פאַר טאַטיאַנאַן. אַ געבלימלטע וואָלענע שאַל. טאַטיאַנאַ האָט צוגענומען די שאַל און איז צום ערשטן מאָל גערירט געוואָרן פון איגנאַטס אויפמערקזאַמקייט. די שטעטלשע שאַל איז געווען איינגאַנצן גאָר אַן אַנדערע, ווי די פויערטעס האָבן געטראָגן און עס האָט אין איר דערוועקט מאָדנע אומקלאָרע געפילן. זי האָט זיך דערמאָנט אָן די דריי ווינטערס אין שטעטל. אַ בענקשאַפט האָט זי אַרומגענומען און ס'איז איר ענגער געוואָרן אין דעם פאַרשפּאַרטן כוטאָר. זי האָט זיך דערמאָנט אָן אַבראַשאַן, און אַ ציטעניש צו אַן אַנדער לעבן, וואָס איז ערגעץ דאָרטן, אין דער ווייטער וועלט, וואו אַבראַשאַ פינקל געפינט זיך, האָט זי אַרומגעכאַפּט.

אין איינעם אַ זונטיק האָט זי מער ניט אויסגעהאַלטן.

די זונטיקס, אין יערעמענקאָס כוטאָר, האָבן זיך נאָך שווערער געלייגט אויף איר געמיט. אינמיטן וואָך פלעגט זי זיך בכיוון אַריינטאָן אין דער אַרבעט. די זונטיקס אָבער זענען אין יערעמענקאָס כוטאָר געווען פייערלעכע. קיין אַר־בעט פלעגט ניט געטאָן ווערן. ס'האָט געהערשט אַ שטילקייט. נאָכן שווערן עסן פלעגט מען זיך לייגן רוען. גוט אויסגערוט זיך, פלעגט מען שטעלן דעם סאַמאָוואַר און טרינקען טיי. יעפים קאַרפּאָוויטש האָט געטרונקען די טיי געלאָסן, און פלעגט קענען אויסטרינקען אַ צוועלף גלעזער איינס נאָכן אַנדערן.

טאַטיאַנאַ האָט אָפּגעוואַרט ביז אַלע האָבן זיך געלייגט אָפּרוען נאָכן עסן. זי האָט אויפגעראַמט אין שטוב. האָט אָנגעטאָן די שטיוול, האָט אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אַ פּאַטשיילע. אַ ווילע זיך פאַרהאַלטן און צוגעהערט זיך ווי דער שווער שנאָרכעט, און איז שטיל אַרויס אין דרויסן.

אַ קאַלטער, בייסיקער ווינט האָט זי באַגעגנט מיט דינעם שטעכיקן שניי־שטויב. ווייט און ברייט האָט זיך געצויגן דאָס איינטאָניק־ווייסע פעלד אָן אַ

מענטשלעכער וואוינונג. אויף אַ פּאַראַיינזאַמטן, נאַקעטן בוים האָבן וואָראָנעס זיך געקליבן און אָנגעפּילט די לופט מיט זייער קראַקען.

טאַטיאַנאַ האָט זיך ענגער אַרומגענומען מיט דער פּאַטשיילע און האָט זיך געלאָזן מיטן שנייאיקן וועג אין דאָרף אַריין.

זי איז אַריינגעפאַלן צו דער מומע אַגאַפּענאַן און אַן ווערטער אַרויפגעפאַלן איר אויפן האַלדז.

אַגאַפּענאַ האָט איר געגלעט דעם קאָפּ ווי אַ קליין קינד.

— ס'האָט זיך דיר פאַרבענקט, האַ? און איך האָב געמיינט, דו האָסט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דער מומען. זייט דו האָסט חתונה געהאַט באַך ניט געווען דאָ, ווי דו וואָלסט געווען ניט עטלעכע ווערסט בלויז פון מיר, נאָר ערגעץ ווייט אין דער גרויסער שטאָט.

טאַטיאַנאַ האָט גאָרניט געענטפערט. דאָס קליינע, נידעריקע כאַטקעלע האָט איר איצט אויסגעקוקט אַזוי אָנגענעם און באַרואיקנדיק. און די טייערע אַלטיטשקע מומעלע! אַך, ווען זי שעמט זיך ניט, וואָלט זי איצט ווי אַ קינד אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף אַגאַפּענאַס שויס און אויסגעוויינט זיך אויף איר דאָליע.

— וואָס־זשע ביזטו אַליין געקומען? וואו איז איגנאַט?

טרערן האָבן זיך געריסן פון טאַטיאַנאַס אויגן. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, די מומע אַגאַפּענאַ זאָל דאָס ניט באַמערקן. באַלד באַהערשט זיך און אַרויפגעצויגן אַ שמייכל: „ווי־זשע לעבסטו, מומעלע?"

— אָט אַזוי דערלעב איך מיר די יאָרן. שוין ניט קיין סך געבליבן. און דו?

— אַך, מומעלע! פרעג בעסער ניט!

— וואָס־זשע? ער באַעוולהט דיך?

— ערגער נאָך. איגנאַט האָט זיך ווי אַ בער פאַרגראָבן אין זיין כוטאָר. ליגט זיך דאָרטן אָפּ.

— נו, וואָס־זשע איז דאָס אַזוי שלעכט? דו לעבסט דאָך זאַט?

— ס'איז מיר ענג. עס שטיקט און שטיקט. אָט ווי איך וואָלט אין אַ שטייג געווען.

— נאַרישע גאַנדז, וואו זשע ווילסטו פליען? לעבסט דאָך אין זעט און אין כבוד.

— אַך, מומעלע, וועסט מיך ניט פאַרשטיין. פריער האָב איך אַלץ געהאָפט, געוואָרט: ס'וועט קומען אַ גוטער ווינט, וועל איך פאַנאַנדערנעמען די פליגלען. וועל אַ לעב טאָן. און איצט... ס'איז אומעטיק... צי איז דאָס דען דאָס גאַנצע לעבן? אַך, מומעלע, אייגענע...

טרערן האָבן זי גענומען שטיקן. זי האָט זיי מער ניט צוריקגעהאַלטן.

די מומע אַגאַפּענאַ האָט זי צוגעצויגן צו זיך. געקושט איר אין שטערן.

— מאַך נים קיין לייטיש געלעכטער. גיי צוריק צו איגנאַטן.

טאַטיאַנאַ האָט אָפּגעזיפּצט, האָט אָפּגעווישט די טרערן. „נו, זייט געזונט, מומעלע." און איז אַוועק.

צוריק אין כוטאָר גיין האָט זיך נאָך נים געוואָלט. איז זי אַריין צו נאַטאַלקען. דאָרטן האָט זי געטראָפן אַ כאָפּטע מוידן און כלאָפּצעס. ס'איז איר גלייך לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. מען האָט זי אויפגענומען ווי אַן אַנגעלייגטן גאַסט. געגעבן אַ פּלאַץ אויבנאָן און געבעטן זינגען. פאַר אַ ווײַלע האָט זיך טאַטיאַנאַ אײַנגאַנצן פאַרגעסן. זי האָט געצויגן אײַנאײַנעם מיט די אַנדערע די לידער. דערנאָך האָט מען געשפּילט אין פאַנטן און געקושט זיך. שוין גאָר שפּעט האָט זיך טאַטיאַנאַ אומגעקערט אין כוטאָר. צוגעפירט איר האָט אַפאַנאַס אויף אַ פּויעריש שליטל.

איגנאַט איז געזעסן אין שטוב אַ צערייצטער און געוואַרט אויף איר. ווי נאָר ער האָט דערהערט דעם סקריפּ פון דער טיר, איז ער אויפגעשפּרונגען און געשטאַנען אַ פינצטערער. די שטרענגע אויגן מיט די צוזאַמענגעצויגענע שווערע ברעמען האָבן זי אַדורכגענומען.

זי איז שטיל אַריין, נים וואַגנדיק אויפצוהויבן איר קאָפּ און באַגעגענען זיין בליק. איגנאַט האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט צו איר. זי האָט פּרובירט אים פאַרבײַגיין, נאָר ער האָט זי אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט און בייז אַרויסגעשיפּעט:

— וואוהין ביזטו געגאַנגען?

— דער מומע אַגאַפּענאַן געגאַנגען געוואָר־ווערן.

— לאַיגסט, פּאַסקודע! נאָך די כלאָפּצעס זיך פאַרבענקט. אַפאַנאַסן געגאַנגען טרעפן!

און ער האָט איר אַראָפּגעלאָזט אַ זעץ אין פּנים. זי איז אַנידערגעפאַלן צום טיש, האָט זיך באַלד אויפגעהויבן און זיך געלאָזן גיין צום שלאָף־צימער. ער איז איר נאָכגעגאַנגען. אין גאַנג אַראָפּגענומען דעם לעדערנעם פּאַסעק פון די הויזן. זי האָט זיך אַ וואָליע געטאָן אויפן בעט מיט אַ זייט צו אים, פאַרשטעלנדיק מיט די הענט דאָס צעביילטע פּנים. ער האָט גענומען שניידן איר לייב מיטן רימענעם פּאַס.

טאַטיאַנאַ האָט זיך געקאָרטשעט אונטער די קלעפּ, האָט אָבער קיין קלאַנג נים אַרויסגעלאָזן. דערנאָך, אָבער, אַז דער רימען האָט זיך שוין צו ווייטיקדיק אַריינגעשניטן אין לייב, האָט זי זיך יאָמערלעך צעוויינט.

די אַלטע — מאַרינאַ און יעפּים קאַרפּאָוויטש, וועלכע זענען געלעגן בײַ זיך אין צימער, האָבן דאָס אַלץ צוגעהערט. יעפּים קאַרפּאָוויטש האָט אַ טאָרקע געטאָן זיין ווייב:

— דו וואָלסט אַריין צו זיי, מאַרינאַ, אָפּגעשטעלט דאָס! אַניט וועט ער זי צעקאַליעטשען, אַז זי וועט פאַר אַ וואָך צייט גאַרנישט קענען טאָן אין דער באַלעבאַטישקייט.

— ס׳מאַכט ניט! ס׳וועט איר גאָרניט שאַדן. ער שלאָגט זי — הייסט עס ער האָט זי ליב. זאָל זי וויסן און ניט לויפן צו אַנדערע כלאָפּצעס. וואָסי? ס׳איז איר שלעכט דאָ מיט אונדז? דער האָבער שטעכט איר אין הינטן...

טאַטיאַנאַ איז געלעגן מיט אַ צעוואונדיקט און צעוויייטיקט האַרץ. זי וואָלט איצטער געלאָפן און אַנטלאָפן וואוהין די אויגן טראָגן. אָבער וואוהין זאָל זי זיך קערן? זי קען ניט גיין צוריק צו דער מומע אַגאַפּענאַ און זיין אויף איר האַלדז. עך, אַליין בין איך שולדיק: אַליין באַגראָבן זיך, און אַנטרינען איז ניטאָ וואוהין.

אויסגעליידיקט זיין כעס, איז איגנאַט געבליבן שטיין מיט אַ פּוסטקייט אין האַרצן. אַ מינוט און ער איז גרייט געווען זי איבערבעטן. איר יאָמערלעכער געוויין האָט אים געשניטן ביז ווייטיק. עס איז אים מיטאָמאָל ענג געוואָרן. ער איז אַרויס אין דרויסן. לאַנג געשטאַנען און שווער געאָטעמט. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. די לבנה איז געלעגן באַהאַלטן הינטער די וואָלקנס, נאָר עס האָט עטוואָס געליכטיקט פון דעם ווייסן שניי. די קאַלטע לופט האָט אָפּגעקילט זיין געמיט. אין דער אומענדלעכקייט פון די פאַרשנייטע פעלדער, אין דער שטילקייט אַרום און אַרום, האָט ער זיך דערפילט קליין און פאַרלאָזן. אַ פאַרדראָס אויף זיך אַליין, ווי ער וואָלט פאַרלאָרן עפּעס אַזוינס, וואָס ער וועט שוין קיינמאָל ניט צוריקקריגן, האָט אים אַרומגענומען. קוים האָט אָנ־געהויבן צו ליכטיקן, האָט ער איינגעשפּאַנט פערד און שליטן און איז אַוועק־געפאָרן.

ערשט צום אָוונט האָט ער זיך צוריקגעקערט אַהיים. ער איז אַריין אין שטוב, וואַקלענדיק זיך אויף די פיס און אויסמיידנדיק אַלעמענס בליקן.

די אַלטע מאַרינאַ, אַז זי האָט אים דערזען, האָט זי אירע הענט פאַרבראָכן:

— גאָטעניו, יעזוס קריסטוס! שיכור!!! קיינמאָל פריער ניט געטרונקען.

זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט. ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט פאַרשוואומענע אויגן. איצט איז ער געווען מילד און ווייך. זי האָט אים ווי אַ קליין קינד אַריינגעפירט אין שלאָף־צימער. ער האָט זיך אַ וואַלגער געטאָן אין אַנטועכץ אויפן בעט און איז אַזוי אָפּגעשלאָפן די נאַכט.

אויף מאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען ווי גאָרניט געווען. דאָס לעבן פון די יונגע יערעמענקאָס איז, דאַכט זיך, אַוועק אין דעם פריערדיקן דרך. אָבער ניט אויף לאַנג. עס איז איצטער פאַר טאַטיאַנאַן נאָך שווערער געווען אויס־צוהאַלטן די איינזאַמע נעכט און טעג אין דעם אָפּגעשניטענעם כוטאָר. און ווי

אַמאָל, ווען זי איז נאָך ביי דער מומע אַגאַפּעגאַן געווען, פלעגט זי זיך אַרויס־כאַפּן פון דער אייגענער כאַטע אין דרויסן, שטיין אַ ווײַלע — ווי זי וואָלט עמעצן דערוואַרט — און צוריק אַרײַנגיין אין כאַטע, — אַזוי האָט זי אויך איצט אָפט אַרויסגעכאַפּט זיך פון כוטאָר צו אירע חברטעס אין דאָרף. נאָך יעדן מאָל פלעגט זי איגנאַט מאַטערן: „וואוהין לויפסטו ?"

זי האָט געוואוסט איין ענטפער: „בין געווען ביי דער מומע אַגאַפּענאַ."

און יעדעס מאָל האָט ער זי געשלאָגן, כאָטש ניט אַזוי שטאַרק ווי דעם ערשטן מאָל.

***

דער ווינטער האָט געהאַלטן אין אָפּגיין. לינדע ווינטן האָבן גענומען בלאָזן. דער שניי אויף די פעלדער האָט זיך אַראָפּגעזעצט און איז געוואָרן טונקעלער, געלבלעך־גרוי. די טעג זענען געוואָרן גרעסער. צווי קי האָבן זיך שוין געקעלבט און אַ דריטע, האָט מען דערוואַרט, וועט זיך קעלבן יעדן טאָג.

אינאיינעם מיט די לינדע ווינטן, מיטן לענגערן טאָג, מיט דער דערוואַכונג, וואָס האָט זיך געפילט אומעטום און אָנגעזעצן אויף די קעפּלעך פון די ווערבעס, פון בעז אונטערן פענצטער, האָט אויך טאַטיאַנאַ אויפגעלעבט. דער שניי אויף די העכערע ערטער איז שוין געווען אינגאַנצן צעשמאָלצן און גרינער סאַמעט־גראָז האָט דאָ און דאָרט אַרויסגעקוקט. איצט איז טאַטיאַנאַ געווען אַ סך אין דרויסן. זי איז אינגאַנצן געווען אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט אַרום הויז און שטאַל. יעדע נייע צוגעקומענע באַשעפעניש האָט איר אויפדאַסניי פאַר־וואונדערט און אַרויסגערופן ביי איר באַגייסטערונג. דער הויף איז אינגיכן אָנגעפילט געוואָרן מיט יונגע הענדלעך און ענטלעך. אין די שטאַלן — יונגע קעלבעלעך און שעפּסעלעך. זי האָט ליב געהאַט אַרומצוגיין אַרום דעם נייעם צוואוקס. ביי איר האָט אַרויסגערופן אַנציקונג דער צאַרט־ראָזעווער שנוקעלע פון אַ נאַר־וואָס געבאָרענעם חזירל און די ערשט־אויסגעפּיקטע, מיט קנאַפּן פוך באַדעקטע גענדזעלעך. אין איר האָט געיערט אַ שטילער באַגער נאָך אַ קינד. זי האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו איגנאַטן, צו די קריגערייען און אַפילו צו די קלעפּ, וואָס זי פלעגט פון אים קריגן. נאָך יעדער קריגערייי פלעגט קומען אַ שטיל איבערבעטן זיך. ביידע האָבן, דאַכט זיך, שוין צו־געוואוינט זיך צום געדאַנק, אַז אַזוי איז זיי שוין באַשערט אָפּצולעבן זייערע יאָרן.

יעפים קאַרפּאָוויטש, זעענדיק ווי טאַטיאַנאַ אַרבעט, האָט געבויט פּלענער. גלייך נאָכן זומער וועט ער זיך שטעלן בויען אַ כאַטע פאַר דעם יונגן פּאָר־פאָלק. וועט פאָרן אין שטאָט איינקויפן ניי מעבל. מיט נייגיר האָט די אַלטע

מאַרינאַ זיך צוגעקוקט צו טאַטיאַנאַן. געוואָלט אַלץ געפינען סמנים, אַז טאַטיאַנאַ איז פאַרגאַנגען אין שוואַנגערשאַפט. ביידע, מאַרינאַ און יעפים קאַרפאָוויטש, האָבן די אויגן אויסגעקוקט נאָך אַן אייניקל. ביידע האָבן הייס געוואָלט, אַז דער שטאַם פון די יערעמענקאָס זאָל זיך מערן, ווערן גרויס און רייך. יעפים קאַרפאָוויטש איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט פלענער, ווי צו פאַרגרעסערן זיין פאַרמעגן, זיין נחלה, און געוואָרפן גיריקע בליקן צו דער לאַנקע, פאַזע ביים וואַלד, און צו די פעלדער, וואָס האָבן געהערט צום אַלטן פריץ סטעפּניצקי.

עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ גוטער וועטער. די גאַנצע משפחה, אַחוץ דער אַלטער מאַרינאַ, איז אַרויסגעפאָרן אין פעלד אָקערן און זייען. מען האָט נאָך מיט אַ טאָג פריער אָנגעגרייט כאַרטש פאַר עטלעכע טעג. עס איז נאָך כמעט געווען פינצטער, ווען איגנאַט האָט איינגעשפאַנט די אָקסן. מען איז באַלד אַרויסגעפאָרן און אָנגעקומען אין פעלד ווען די זון איז שוין אַרויסגעקומען און אירע ליכט־שטראַלן האָבן זיך געשפּילט מיט די טוי־טראָפּנס.

איגנאַט האָט געטריבן דעם שפּאַן אָקסן מיט צורופן: צאָב־צאָבע, צאָב, צאָבע! אין זיינע הענט האָבן די אָקסן און דער אָקער געפאָלגט, און שנורן פון איבערגעקערטער שוואַרץ־ערד האָבן זיך אויסגעפורעמט אין לאַנגע און גלייכע שורות. איגנאַט האָט געאַרבעט ווי אין אים וואָלט אַ געזאַנג אויפ־געגאַנגען. ווי אין אים וואָלט געווען אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פון ענערגיע און כחות, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט דורכן גאַנצן ווינטער פון אָפּליגן אין כוטאָר.

מען איז פאַרטיק געוואָרן מיטן אָקערן און זייען. קיין סך צייט אָפּצורוען זיך איז ניט געווען. מען האָט שוין געדאַרפט אַרויספאָרן שניידן דעם היי. די לאַנקעס זענען אויפגעגאַנגען הויך און געדיכט און זייער קאָלירפולער בלומען־טעפּיך האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג.

מען איז ווידער אַרויסגעפאָרן פאַרטאָג. איגנאַט האָט מיט לייכטקייט און ריטם געוואָרפן די קאָסע לינקס און רעכטס. דאָס הויכע גראָז האָט, פאָלגנדיק זיינע באַוועגונגען, אויסגעלייגט זיך פאַסנווייז און אָנגעפילט די לופט מיט פאַר־שיכורנדיקן אַראָמאַט. זיין פּנים איז געווען ערנסט אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, נאָר אַלץ אין אים איז פול געווען מיט פרייד פון אַרום, מיט פרייד פון שפע און זעט.

אינמיטן האָט מען געמאַכט אַן איבעררייס. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אין שאָטן פון דער אַרבע און געגעסן אַ מאַלצייט פון מילכיקס. דערנאָך פאַר־טרונקען מיט קאַלטן וואַסער פון אַ דערבייאיקער קרעניצע.

די טעג זענען געשטאַנען טרוקענע און זוניקע. דער היי האָט שנעל געטריקנט. מען האָט דעם געטריקנטן היי צונויפגעשאַרט אין הויכע קופּעס און געלאָדעוועט אויף גרויסע אַרבעס. אויבן, אויף דער אַרבע, איז געשטאַנען

יעפים קאַרפּאָוויטש און טאַטיאַנאַ מיט איגנאַטן האָבן דערלאַנגט דעם היי מיט די גאָפּלען. יעפים קאַרפּאָוויטש האָט אַזוי צעוואָרפן דעם היי, אַז די אַרבע זאָל זיין געלאָדעוועט גלייכגעוויכטיק.

אַזוי, אין אַרבעט און האַרעוואַניע, איז, כמעט ניט־באַמערקט, דער זומער אַוועק. מען דאַרף שוין שניידן דעם קאָרן. די גערעטעניש איז געווען אַ גוטע. דער קאָרן איז געראָטן אויפגעגאַנגען און די זאַנגען האָבן זיך פון שווערקייט געבויגן צו דער ערד. יעפים קאַרפּאָוויטש און איגנאַט האָבן אָנגעקוואָלן פון דער שפע. טאַטיאַנאַן האָט דאָס בילד פון אַ ים מיט קאָרן־קעפ, וואָס האָט זיך געוויגט אונטערן ווינט, פאַרכאַפּט. צום ערשטן מאָל, זינט זי איז אָנגעקומען אין יערעמענקאָס כוטאָר, האָט זי זיך פולבַרוסטיק צעזונגען. דערהערנדיק איר געזאַנג, האָט איגנאַטס האַרץ פריידיק אַ שפרונג געטאָן. איצט וועט שוין אַלץ גוט זיין. זי וועט שוין מער ניט אַנטלויפן פון אים צו די כלאָפּצעס. און ער וועט זיך מער מיט איר ניט אַרומקריגן. און אפשר וועט גאָט געבן און זי וועט פאַרשוואַנגערן. דעמאָלט וואָלט שוין געווען גאָר גוט. אַזוי האָט איגנאַט געטראַכט. דאָס חיות איז אים אויסגעגאַנגען צו האָבן אַ קינד.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג, ווען טאַטיאַנאַ האָט באַמערקט, אַז עמעצער נעענטערט צום פעלד. אַ רייטער אויף אַ פערד.

— מיר דאַכט, אַז עמעצער קומט אַהער, איגנאַט — האָט זי געזאָגט און איז געבליבן שטיין מיט דער קאָסע אין האַנט.

אַלע דריי האָבן אָפּגעשטעלט די אַרבעט און געקוקט צו דעם רייטער.

— ניט אַנדערש, אַז דאָס איז אַנדריושקאַ, דעם סטאַרשינאַס אַרויסהעלפער.

— אַזוי איז עס טאַקע — האָט באַשטעטיקט איגנאַט.

— זדאַראָווא, יעפים קאַרפּאָוויטש! זדאַראָווא, איגנאַט יעפימאָוויטש און טאַטיאַנאַ אַנדרעיעוונאַ! — האָט אַנדריושקאַ גיך גערעדט, גלייך ווי ער איז אַראָפּגעשפרונגען פון פערד און איז געשטאַנען פאַר זיי.

— וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער, אַנדרעי? — האָט יעפים קאַרפּאָוויטש געפרעגט מיט אַ פאַרגעפיל, אַז עפּעס שלעכטס איז געשען.

— אָט! דאָס איז פאַר אייך! — האָט אַנדרעי אַרויסגענומען פון אונטערן היטל אַ קאָנווערט און דערלאַנגט איגנאַטן.

— וואָס איז דאָס?

— אַ מעלדונג. מאָרגן דאַרפט איר זיך שטעלן צום מיליטער־נאַטשאַלניק. מאָביליזאַציע . . . מלחמה . . .

אַ ווילדע זענען אַלע געבליבן געליימט, געשטאַנען ווי הילצערנע גולמס מיט אויסגעגלאָמפּטע אויגן. אין דעם פרידלעכן אַרום, מיט דער ברייטער שפע פון צייטיקע פעלדער, איבער וועלכע עס האָט זיך געטראָגן דער זשום פון

זומער־פליגעלעך און גרילן; אין דעם ליכטיקן אַרום, באַגאָסענעם מיט זון און וואַרעמקייט, איז דאָס וואָרט „מלחמה״ געווען אומבאַגרייפלעך. וואו מלחמה? צוליב וואָס? צוליב וועמען? דאָס מוז זיין אַ בייזע אויסטראַכטעניש. דער ערשטער איז געקומען צו זיך יעפים קאַרפּאָוויטש. ער האָט פאַרשטאַנען: אַנדריושקאַ וואָלט ניט געקומען אין מיטן העלן טאָג פון שניט־צייט, ווען עס וואָלט ניט געווען ערנסט. ער האָט אַריינגעקוקט אין דער מעלדונג, זיך איבער־געצלמט און שטיל געזאָגט:

— גאָטעניו! ראַטעווע און דערבאַרעם זיך!

אָן ווערטער האָבן איגנאַט און טאַטיאַנאַ זיך אויך איבערגעצלמט. איגנאַט האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט גלויבן. — „פאַרוואָס מלחמה? מיט וועמען?״ — האָט ער איבערגעפרעגט אַנדריושקאַן.

— מיטן דייטש. דער דייטש האָט אונדז מלחמה דערקלערט. פאַרשטאַנען? אַן אומגליק. אָבער וואָס קען מען טאָן? רוסלאַנד וועט אים שוין באַווייזן. ווי קומען זיי צו אונדז? מיט די היטלען וועלן מיר זיי פאַרוואַרפן. מאָרגן פרי דאַרפסטו זיין אין דאָרף. מיר וועלן אַרויספאָרן אין אויעזד נאָך האַלבן טאָג.

אַנדריושקאַ האָט זיך אַ זעץ־אויף געטאָן אויפן פערד, מיטן מאַך פון האַנט אַ זיי־געזונט געשיקט צו אַלעמען, און איז שנעל אָפּגעפאָרן.

מען האָט שוין ניט פאַרענדיקט די אַרבעט. אויף שנעל האָט מען זיך צוזאַמענגעקליבן און אָפּגעפאָרן אין כוטאָר.

— וואָס עפּעס אַזוי פרי צוריק? — האָט מאַרינאַ זיך פאַרוואונדערט.

דאָ אין כוטאָר, וואו קיין צייטונגען פלעגט מען ניט לייענען און קיין לעבעדיקן פרישן מענטשן ניט זען אַמאָל וואָכן־לאַנג, האָט די נייעס ווי אַ דונער געטראָפן. יאָמערלעך האָט זיך צעוויינט מאַרינאַ: „איגנאַטושקאַ! זון מיינער, ליבינקער, איינציקער...״

גאַנץ פרי האָט יעפים קאַרפּאָוויטש איינגעשפּאַנט דאָס פערד און וואָגן. האָט דעם וואָגן אויסגעבעט מיט היי. אַוועקגעלייגט אַ זאַק האָבער. צוגעמאָס־טשעט דאָס קעסטל מיט איגנאַטס זאַכן און אַן אַנדער קעסטל מיט כאַרטש פאַר אַלעמען און האָט אַרויסגעפירט דאָס פערד דורכן טויער. פאַרן אַוועקפאָרן האָבן זיך אַלע צוגעזעצט אַ ווײלע אויף דער פריזבע. איגנאַט האָט מיט אַ פיינלעך־פאַרליבטן בליק אַרומגענומען דעם אַרום. די זון איז באַר־וואָס אויפּ־געגאַנגען און באַלויכטן די שפּיצן פון ווייטן וועלדל. אַ געמיטלעכע פרישקייט איז געלעגן אויף אַלץ. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די נאַטור וויל ניט אויפגעבן איר פרימאָרגנדיקן זיסן דרימל. טראָפּנס פון זילבערדיקן טוי זענען אַראָפּ־געהאַנגען פון די גראָזן. אין הויף האָבן געקרייעט די הענער. אַ טשאַטע יונגע פייגעלעך האָט זיך צעסוויטשערט. אַ פריש ווינטל האָט אַ צי געטאָן

און די בלעטער פון טאָפּאָל האָבן לייכט געציטערט.

דער ערשטער האָט זיך פון דער פריזבע אויפגעהויבן יעפים קאַרפּאָוויטש. נאָך אים — איגנאַט. מאַרינאַ איז צוגעפאַלן צו איגנאַטן. מיט די הענט אַרומגעקלאַמערט זיין האַלדז און געיאָמערט:

— ווי וועל איך דיך אָפּלאָזן, ליכט מיינס, לעבן מיינס, איגנאַטיושקאַ!

און אין כאָר מיט איר האָט זיך צערעוועט טאַטיאַנאַ און איז צוגעפאַלן צו זיי ביידן, איגנאַטן מיט דער מאַמען. יעפים קאַרפּאָוויטש האָט זיך שוין מער ניט געקענט איינהאַלטן. ער האָט אָפּגעקערט דאָס פּנים און געווישט די טרערן.

— נו, גענוג! שוין צייט צו פאָרן. די זון האָט זיך שוין אויפגעהויבן.

איגנאַט האָט אָנגענומען דער מוטערס קלאַמערנדיקע הענט. האָט זי ווי אַ קינד אַריינגעפירט אין כאַטע און צוגעפירט צום בעט, וואו זי האָט אַ כליפּענדיקע צוזאַמענגעבראָכן.

— זייט געזונט, מאַמאַניאַ! — ער האָט זיך צוגעבויגן, איר אַ קוש געטאָן און איז אַרויס.

דער הונט, ליזשאַק, האָט אויך דערשפּירט, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכס קומט דאָ היינט פאָר. הכנעהדיק האָט ער געדרייט מיטן עק, באַגלייט איגנאַטן צום טויער און געלעקט זיינע הענט.

איגנאַט האָט זיך צוגעבויגן, האָט אַריינגענומען ליזשאַקס קאָפּ אין זיינע הענט און אים צוגעדריקט צו זיך.

מען האָט זיך געזעצט אויף דער פור, זיך איבערגעצלמט און יעפים קאַרפּאָוויטש האָט אַ שמיץ געטאָן די פערד. די פערד האָבן זיך אַ ריר געטאָן און אָפּגעפאָרן. איגנאַט איז געזעסן ווי פאַרשטיינערט. דערנאָך אויסגעדרייט זיין קאָפּ און אַ לעצטן קוק געטאָן אויפן כוטאָר. באַמערקט: אויפן דאַך האָט אַ ווייסע טויב זיך געדרייט און געוואָרקעט אַרום זיין זי. און איינמיטן וועג איז געשטאַנען ליזשאַק און געבליקט שאַרף נאָך דער אַוועקפאָרנדיקער פור.

דער וואָגן האָט זיך פאַרקירעוועט צו דעם אין גראָז־איינגעשניטענעם וועג, וואָס האָט געפירט צום דאָרף. דער כוטאָר איז שוין געווען ווייט אַהינטער.

אין דאָרף איז געווען טומלדיק. די מאָביליזירטע סאָלדאַטן האָבן געטרונקען, שיכורערהייט געזונגען פאַרשייטע לידער, און דאָ און דאָרטן האָבן אויסגעבראָכן געשלעגן. דער איין־און־איינציקער סטראַזשניק פון דאָרף, דער סטאַראָסטאַ און זיין געהילף, אַנדריושקאַ, האָבן זיך פון די כחות אַרויסגעשלאָגן.

דער הויף פון דער וואָלאָסטנאָיע פּראַוולעניע איז געווען באַשטעלט פון די מאָביליזירטע מיט זייערע ווייבער און קינדער.

יעפים קאַרפּאָוויטש איז אַריינגעפּאָרן אין הויף פון פּראָוולעניע. געפונען אַ פּלאַץ פאַר זיך און אויסגעשפּאַנט די פערד.

איגנאַט האָט זיך אַרומגעקוקט. ניט ווייט פון אים איז געזעסן אַ דאַר, נידעריק פויערל, געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזן און געקייט אַ שטרויעלע. לעבן אים איז געזעסן זיין ווייבל מיט אַ קינד אויפן האַנט. מיט אַ צווייטן האָט זי געטראָגן. שטיל האָט זי געוויינט: „ווי־זשע, קלימושקאַ, וועט עס איצט זיין? דאַרף באַלד געלעגן ווערן, און די באַלעבאַטישקייט...״

דער מאַן אירער, קלים, האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויף איר. האָט דורך די ציין געזייט טרייסט־ווערטער: „שרעק זיך ניט. וואווינסט ניט אין וואַלד. מענטשן וועלן ניט פאַרלאָזן. וועלן אַרויסהעלפן...״

נאָך ווייטער האָט ער געזען אַפאַנאַסן איגנאַנצן שיכור. לעבן אַפאַנאַסן איז געזעסן זיין אַלטע מאַמע. טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן: „אויף וועמען וועל איך איצט בלייבן, מיין שפּייזער, מיין איינציקער! סיידן איבער די הייזער בעטלען גיין.״

ענדלעך איז געקומען די קאָמאַנדע: „פאָרט אַרויס!״

מען האָט זיך גערירט. איינע נאָך דער אַנדערער זענען די פורן אַרויס־געפאָרן פון הויף אין דער הויפּט־גאַס פון דאָרף. עס האָט זיך אויסגעצויגן אַ לאַנגער קאַראַוואַן. די באַבעס זענען מיט יאָמער באַגלייט אַזוי ביזן עק פון דאָרף. צום לעצטן מאָל האָט מען זיך אַרומגעכאַפּט, געזעגנט זיך און אַנדריושקאַ, וואָס האָט געטריבן די ערשטע פור, האָט אַ שמיץ געטאָן די פערד.

די פערד האָבן אָנגעהויבן צו לויפן שנעלער, איבערלאָזנדיק דאָס דאָרף מיט די וויינענדיקע ווייבער, קינדער און טאַטע־מאַמעס אַהינטער זיך.

אַ שטויב האָט זיך געהויבן און געדרייט אויפן וועג.

דאָס אויעזדנע שטעטל, וואוהין מען איז אָנגעקומען, איז געווען פאַר־פלייצט פון די מאָביליזירטע. זיי זענען איינגעשטאַנען אין יעדן הויף, אין יעדער שטוב. דאָ האָט מען זיך שוין געפילט פרעמד. יעדערער האָט זיך געהאַלטן נעענטער צו זיינע נאָענטע, פריינט.

איגנאַט איז אַרומגעגאַנגען אין שטעטל די גאַנצע צוויי טעג, איידער מען האָט אים אָוועקגעפירט מיט דער באַן, ווי אַ שוואַרצע כמאַרע. טאַטיאַנאַס געמיט איז אויך געווען שווער. זי האָט שוין גענומען שלום־מאַכן מיט איר שיקזאַל. איצט האָט זי דערפילט אַ נייעם איינברוך: איגנאַט... צי וועט זי אים נאָך זען אַ לעבעדיקן? ביים צעשיידן זיך האָט זי יאָמערלעך געוויינט.

אַ יונגער פויער, קענטיק נאָך ניט קיין חתונה־געהאַטער, צוזעענדיק די סצענע פון טאַטיאַנאַס צעשיידונג מיט איגנאַטן, האָט אַ זאָג געטאָן צו אַ צווייטן פויער: „זע נאָר, זע, ווי דאָס ווייבעלע הרגעט זיך אָוועק! נישקשה, ס׳וועט

ניט נעמען לאַנג און זי וועט אים פאַרבייטן אויף אַן אַנדערן. אויף סאָלדאַטקעס, און נאָך שיינע דערצו, זענען פאַראַן גענוג בעלנים.״

איגנאַטן זענען די ווערטער פאַרגאַנגען אין דער זיבעטער ריפּ. ער האָט אַ פינצטערן בליק געוואָרפן צום פויער, נאָר ניט געפונען קיין ווערטער עפּעס צו זאָגן. ער האָט בלויז אָנגעקוקט לאַנג טאַטיאַנאַן און דערפילט ווי טייער זי איז אים. שוין ביים סאַמע געזעגענען זיך, ווען ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַז קיינער איז דערביי ניטאָ, האָט ער טאַטיאַנאַן שטיל, נאָר שטרענג געזאָגט:

— וועסט זיך ניט אויפפירן גוט, וועסט מיט כלאַפּצעס אַרומשלעפּן זיך, געדענק!!! כ׳וועל זיך אומקערן, וועל איך ניט פאַרשווייגן! אין שטויב צערייבן!

— וואָס רעדסטו, איגנאַט?! גאָט איז מיט דיר! — און זי האָט זיך צוגעדריקט צו אים און שטאַרקער זיך צעוויינט.

באַלד האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון וואָקזאַל־גלאָק. איגנאַט האָט זיך צום לעצטן מאָל צעקושט מיט טאַטיאַנאַן און מיטן פאָטער און איז אַריין אין וואַגאָן. ער איז געבליבן שטיין אין דער טיר און די אויגן ניט אַראָפּגענומען פון טאַטיאַנאַן און דעם פאָטער.

דער צוג האָט זיך גערירט. פון אָנהויב לאַנגזאַם, דערנאָך שנעלער, שנעלער האָט דער וואַגאָן זיך אָפּגערוקט. טאַטיאַנאַ איז לאַנג געבליבן שטיין און געקוקט אין דער פּוסטקייט, וואו דער וואַגאָן מיט איגנאַטן זענען נאָר־וואָס געווען... מיט אַמאָל האָט זי זיך דערפילט איינזאַם און אויסגעליידיקט. אַ טעמפּער ווייטיק האָט זי גענאָגט. יעפים קאַרפּאָוויטש האָט אַ טאַרקע געטאָן איר אַרבל: „קום!"

אַליין איז ער געשטאַנען פאַר איר מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און גרויסע טרערן זענען גערונען פון די אויגן אין דער גרויער באָרד אַריין.

***

זיי האָבן זיך אומגעקערט אין כוטאָר מיט אַ געפיל פון אָבלדיקייט און געזוכט צו פאַרגעסן זיך מיט די טאָג־טעגלעכע אַרבעטן. דאָס לעבן אין יערע־מענקאָס כוטאָר איז אָנגעגאַנגען מיט זיין טעגלעכער פּינקטלעכקייט. דער דורות־לאַנגער איינגעשטעלטער גאַנג פון לעבן האָט זיך, מיט איגנאַטס אַוועק־פאָרן, ניט אָפּגעשטעלט. יעדן טאָג, גאַנץ פרי, האָט מען געגרייט פיטער פאַר די בהמות, געמאָלקן די קי, געגעבן קערנער די עופות, אויפגעקליבן די אייער. געריייניקט די שטאַלן, געבאַקן, געקאָכט, געוואַשן. מען האָט אַראָפּגענומען דעם שניט מיט אייגענע הענט און געדונגען אַ פאַראָבאָק צו העלפן דרעשן און פאַרזייען דעם ווינטער־ברויט.

די ערשטע צייט האָט זיך טאַטיאַנאַ אַלץ געדאַכט: אָט, אָט וועט זיך עפענען די טיר און איגנאַט וועט אַריינקומען פון דרויסן, אַ פאַרהאָרעוועטער ווי אַלעמאָל, און זיך אַוועקזעצן ביים טיש און הייסן דערלאַנגען זיך דאָס עסן. ביסלעכווייז האָט זי באַנומען: איגנאַט איז אַוועק און גאָט ווייסט ווען ער וועט צוריקקומען. און זי איז אַ סאָלדאַטקע... קיין סך צו טראַכטן איבער איר גורל האָט זי קיין צייט ניט געהאַט. די גאַנצע אַרבעט אין דער באַלעבאַטישקייט און אין שטוב האָט זיך געלייגט אויף יעפים קאַרפּאָוויטשעס אַלטע פּלייצעס און אויף איר. זי האָט דאָס שטיל אָנגענומען. אַזוי דאַרף עס מסתמא זיין.

יעפים קאַרפּאָוויטש איז געפאָרן אין וואָלאָסט און געבראַכט דעם ערשטן בריוו פון איגנאַטן. ער איז אַריינגעפאַלן אין שטוב אַ דערפרייטער:

— פון איגנאַטיושקען אַ בריוו!

ער האָט זיך געזעצט צום טיש, גוט אויסגעווישט די אויגן. די אַלטע האַנט האָט געציטערט, ווען ער האָט דעם קאָנווערט אויפגעריסן. ער האָט אים געעפנט און גענומען לייענען זילב נאָך זילב:

„טייערער באַטאַניאַ יעפים קאַרפּאָוויטש! ווי אויך טייערע מאַמאַניאַ מאַרינאַ קירילאָווונאַ און מיין הייס־געליבטע ווייב טאַטיאַנאַ אַנדרעיעווונאַ. דאָס ערשטע קום איך אייך צו מעלדן, אַז איך, אייער זון איגנאַט, בין גאָט זיי דאַנק לעבעדיק און געזונט. דאָס זעלבע פון אייך צו הערן אויף שטענדיק. און צווייטנס קום איך אייך צו מעלדן, אַז איך בין אין דער אַרטילעריע. און מען זאָגט, מען וועט אונדז שיקן אין אַ פעסטונג. טייערער באַטאַניאַ! שרייב מיר, ווי האָט איר זיך ספּראַוועט מיט אַראָפּנעמען דעם שניט. צי האָט איר פאַרזייט דעם ווינטער־ברויט. און צי האָט ניט געטראָפן עפּעס מיט דער סקאָטינע, וואָרים מיר דאַכט זיך, אַז דער כאָמוט האָט אָנגעריבן דעם קאַרק ביי 'פּאַשאָק'. אומבאַדינגט זע פאַרריכט דעם כאָמוט. אויך פאַרגעס ניט צו פאַרריכטן דעם דאַך אין דער פערד־שטאַל און אַרומקוקן גוט די שלייעס. אויך טייערע עלטערן בעט איך אייך צו האַלטן אין אַכטונג און כבוד מיין הייס־געליבטע פרוי, טאַטיאַנאַ אַנדרעיעווונאַ. באַעוולהט זי ניט. און נאָכדעם פאַרבלייבט אַלע לעבעדיק און געזונט.

„פון מיר אייער זון, איגנאַט יעפימאָוויטש יערעמענקאָ.“

די גאַנצע צייט וואָס יעפים קאַרפּאָוויטש האָט געלייענט דעם בריוו, זענען מאַרינאַ און טאַטיאַנאַ געזעסן מיט קלאַפּנדיקע הערצער און אַריינגעקוקט אים אין מויל אַריין.

די אַלטע מאַרינאַ, אויף וועמען איגנאַטס אַוועקגיין האָט געווירקט שטאַרקער ווי אויף די אַנדערע, איז נאָך דעם בריוו לעבעדיקער געוואָרן. הייס, און מיט טרערן אין די אויגן, האָט זי תפילה־געטאָן פאַרן בילד פון גאָטס

מוטער. נאָר ווען עס זענען נאָכדעם אַוועק עטלעכע וואָכן און קיין נייע בריוו זענען ניט אָנגעקומען, איז זי געוואָרן גאָר שטאַרק אומעטיק און אָפּגעלאָזן די גאַנצע באַלעבאַטישקייט אויף טאַטיאַנאַן. זי פלעגט שטונדנווייז שטיין אויף די קני פאַר דער איקאָנע און תפילה־טאָן.

עס האָט ניט געהאָלפן וואָס יעפים קאַרפּאָוויטש האָט זי געטרייסט: „גאָט צו דאַנקען וואָס ער איז אין אַרטילעריע.״ ער האָט אַפילו אויסגעטראַכט, אַז איגנאַט איז אין קאָוונער „קרעפּאָסט״.

מאַרינאַ אָבער האָט געציטערט, אַז זי וועט שוין מער איר זון, איר איינציקן זון איגנאַטן, ניט זען. זי האָט גענומען איינדאַרן און אָפּט קרענקען.

איצט איז צו טאַטיאַנאַס שטוב־אַרבעט אויך צוגעקומען די אַרבעט פון אומגיין אַרום דער אַלטער מאַרינאַ. טאַטיאַנאַ האָט מיט קיין וואָרט ניט אויס־געדריקט איר אומצופרידנקייט. נאָר ווען זי פלעגט זיך אין די זונטיקס אַרויס־כאַפּן פון כוטאָר אין דאָרף אַריין, האָט זי געפילט ווי זי וואָלט זיך אַרויסרייסן פון אַ תפיסה.

זי פלעגט זיך אַריינכאַפּן צו דער מומע אַגאַפּעניאַן און דערנאָך צו די חברטעס. אָבער דאָס דאָרף איז שוין אויך ניט געווען וואָס אַמאָל. אָפּגעטאָן האָט זיך פון אים די פריילעכקייט. די יונגע זענען אַוועק דינען אין דער אַרמיי. דאָס דאָרף איז געוואָרן ניכטער פאַרזאָרגט וועגן קליינלעכע דאגות. אַלץ שווערער איז אָנגעקומען איינצוקויפן זאַכן פאַר דער באַלעבאַטישקייט. די פרייזן זענען געשטיגן. מען קען זיך צו קיין זאַך ניט צורירן. האָבן די פויערים זיך באַקלאָגט. שווער, שווער צו לעבן.

און אָט האָט זיך אין דאָרף צוריקגעקערט דער ערשטער קרבן פון מלחמה, אַפאַנאַס. דער צווייטער טאַנציאָר פון דאָרף איז צוריקגעקומען מיט אַן אַראָפּגעשאָסענעם פוס.

טאַטיאַנאַ האָט אים אָנגעטראָפן אין גאַס פון דאָרף.ביידע זענען געבליבן שטיין. ביידע האָבן געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן. אַפאַנאַס האָט זיך שטאַרק געענדערט. זיין פריער שטענדיק־לוסטיק פנים איז איצט געווען ערנסט. קנייטשן זענען געלעגן צווישן שטערן און די אויגן. ווי ער וואָלט עפּעס וועלן דערטראַכטן. טאַטיאַנאַ האָט געוואוסט, אַז אַפאַנאַס האָט זי ליב געהאָט. ער איז אָבער געווען אָרעם, באַטראַקעוועט, און דערצו נאָך געווען דער גאַנצער ברויטגעבער ביי זיין אַלטער מאַמען. און דעמאָלט איז געקומען איגנאַט און געשיקט אַ שדכן צו דער מומען...

— נו, ווי לעבט זיך, טאַטיאַנאַ אַנדרעיעוונאַ? — האָט אַפאַנאַס דער ערשטער איבערגעריסן דאָס אָנגעשטרענגטע שווייגן. ער האָט באַמערקט ווי זי האָט געפּרוּווט אויסמיידן צו קוקן אויף זיין אַראָפּגעשאָסענעם פוס, און ווי

איר בליק איז דאָך געבליבן פאַר אַ ווײַלע צוגעשמידט צו זײַן קורצן שטיקל פּוס.

אירע ליפּן האָבן אַ ציטער געטאָן. עס איז אים טרויעריק געוואָרן. אין אַ רגע זענען דורך זײַן מוח דורכגעלאָפן די גליקלעכע צײַטן, די פרײַלעכע אָוונטן, וואָס ער האָט מיט איר פאַרבראַכט אויף די „פּאָהוליאַנקעס". איר פאַרשײַט טאַנצן, איר זינגען! דורך פּײַן־צעקרימטע ליפּן האָט ער דורכגעזיפט:

— עך, פאַרפאַלן אונדזער יונג לעבן, טאַטיאַנאַ אַנדרעיעווגאַ! וואָס געווען וועט זיך שוין מער ניט אומקערן. כ'וועל שוין מער קיין קאַמאַרינסקע מיט דיר ניט אויסטאַנצן. אויף גאַרניט האָב איך מײַן יונג לעבן געפּטרט.

זי האָט אים געוואָלט טרייסטן, זאָגן עפּעס גוטס, נאָר קיין ווערטער ניט געפונען. איז זי פאַרלאָרן געשטאַנען.

— און פון איגנאַט יעפימאָוויטשן האָט איר נאָך אַלץ ניט קיין בריוו? — האָט ער געפרעגט און האָט זי דורכגענומען מיט גיריקע אויגן.

טאַטיאַנאַ האָט באַמערקט, ווי ער קוקט אַזוי צודרינגלעך אויף איר. זי האָט געפילט ווי זײַן בליק, וואָס נעמט אַרום איר ווײַבלעכן, צײַטיקן קערפּער, טוט זי אויס נאַקעט. איר איז שוין געווען באַקאַנט דער בליק פון די מענער, וואָס זענען אין איר אַ „סאָלדאַטקע". זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אין דער זעלבער צײַט איז איר אָנגענעם געווען, וואָס איר ווײַבלעכקייט באַזיצט די קראַפט אַרויסצורופן בײַ די מענער אַזוינע גיריקע בליקן.

— ניין, נאָך אַלץ ניט געהערט פון אים, — האָט זי געזאָגט און זיך געזעגנט מיט אים.

עס זענען אַוועק נאָך חדשים. ענדלעך איז פון איגנאַטן אָנגעקומען אַ קאַרטל דורכן רויטן קרייץ, אַז ער איז אין דײַטשער געפאַנגענשאַפט.

אַלע אין יערעמענקאָס כוטאָר האָבן אויפגעלעבט. די אַלטע מאַרינאַ, וואָס איז לעצטנס כסדר געלעגן, איז אַראָפּ פון בעט. זי איז אַרײַנגעגאַנגען אין דער גרויסער שטוב און זיך געשטעלט אויף די קני פאַר דעם בילד פון גאָטס מוטער און לאַנג, לאַנג געבעטן. זי האָט געפילט, אַז אירע טעג זענען געציילטע. „גאָטעניו! — האָט זי דורך די טרערן געשעפּטשעט — פאַרלענגער מײַנע טעג. לאָז מיך דערלעבן צו זען מיט מײַנע אויגן מײַן איגנאַטן צוריק אינדערהיים, אַ לעבעדיקן, אַ געזונטן!"

דעם גאַנצן טאָג איז מאַרינאַ אַרומגעגאַנגען אין שטוב אָן אויפגעהייטערטע. אויף אירע אויסגעדאַרטע באַקן האָט זיך באַוויזן פאַרב. זי האָט יענעם טאָג מער געגעסן און געפּראַוועט באַלעבאַטעווען אין הויז, גאָר ווי אין די פריערדיקע צײַטן.

אָבער אויף מאָרגן איז זי ווידער פאַרשלאָפּט געוואָרן. זיך געלייגט אין בעט און איז שוין מער פון בעט ניט אויפגעשטאַנען.

**
*

אַזוי איז אַוועק דער צווייטער ווינטער אָן איגנאַטן. דער פרילינג האָט זיך געשטעלט פרי. יעפים קאַרפּאָוויטש האָט אומזיסט אַרויסגעשלאָגן זיך פון די כחות צו קריגן אַ גוטן פּאַראָבאָק. מען האָט שוין אין מיליטער־דינסט צוגענומען די ביינצן־ און אַכצן־יעריקע. איצט, אַז טאַטיאַנאַ איז געוועזן פאַר־נומען מיט דער שטוב און מיט דער קראַנקער מאַרינאַ, איז די גאַנצע אַרבעט אין פעלד געפאַלן אויף אים אַליין. יעפים קאַרפּאָוויטש איז אַרומגעגאַנגען אַן אַ קאָפּ: אַ העלפט פון זיין ערד־חלק וועט בלייבן ניט פאַרזייט; די באַלע־באַטישקייט גייט אונטער; באַרעכענען נאָר וויפיל געלט ער פאַרלירט — עס וואַרפט אַזש אַ שרעק צו טראַכטן וועגן דעם...

מאַרינאַ האָט שוין לאַנג באַמערקט, אַז יעפים קאַרפּאָוויטש טראָגט עפּעס אַ זאָרג אין זיך, וואָס מאַטערט אים און עסט אים אויף.

— עפּעס זע איך, אַז דו ביזט שטאַרק פאַרזאָרגט, יעפים קאַרפּאָוויטש. האָט חלילה עפּעס געטראָפן מיט איגנאַטן? אָדער אַזוי עפּעס?...

— נו, ווי זאָל מען ניט זיין באַזאָרגט, פאַרצווייפלט? אַ העלפט פון אונדזער ערד־חלק וועט בלייבן ניט־באַאַרבעט. ניטאָ מיט וועמען.

— צי דען קען מען שוין ניט קריגן קיין הענט? וואָס טוט דער פריץ, סטעפּניצקי?

— נו, ער? ס'איז באַוואוסט: אַ פריץ קען דאָך נאַטשאַלסטווע. ער וועט זיך שוין אַן עצה געבן. מלחמה־געפאַנגענע אַרבעטן ביי אים.

— און פאַרוואָס זאָלסטו ניט טאָן דאָס זעלבע?

— צי דען וועלן זיי אויך מיר געבן אַ מלחמה־געפאַנגענעם פאַר אַן אַר־בעטער? דערצו, איך ווייס אַפילו ניט וואו צו ווענדן זיך.

— נו, דאָס קענסטו דאָך אויסגעפינען. נעם מיט זיך פּראָדוקטן פון דער באַלעבאַטישקייט, גיב דעם און דעם אַ מתנהלע, גיב עטלעכע רובל לאַפּקע־געלט...

יעפים קאַרפּאָוויטש האָט פון אירע ווערטער אויפגעלויכטן. פּאַרט: מאַרינאַ מיט איר קלוגן קאָפּ וועט געפינען אַן אויסוועג! און וואָס מער ער האָט פון דעם געטראַכט, אַלץ מער איז אים די זאַך געפעלן געוואָרן. ער וועט שוין נעמען איינעם, וואָס האָט דערפאַרונג אין ערד־אַרבעט. וועט ער זיין זיכער מיט אַ גוטן אַרבעטער און עס וועט אים קאָסטן ביליק.

ער האָט איינגעשפּאַנט פערד־און־וואָגן; האָט גענומען אַ פּעסעלע האָניק, צוויי געדריכערטע חזיר־פיסלעך, אייער, פּוטער, און געלאָזן זיך אין אויעזדנעם שטעטל אַריין. דאָרטן האָט ער זיך געזאַמט צוויי טעג און איז אויפן דריטן טאָג

צוריקגעקומען אין כוטאָר מיט אַן אַרבעטער — אַ קריגס־געפאַנגענעם.

— נו, אַט זענען מיר שוין אָנגעקומען! — האָט יעפים קאַרפּאָוויטש געזאָגט, איינהאַלטנדיק די פערד. ער איז ספּריטנע, ניט נאָך די יאָרן, אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן. נאָך אים איז פון וואָגן אומזיכער אַראָפּ אַ מיטל־וואוקסיקער כאַלדאַט אין אַן אָפּגעטראָגענעם דייטשישן שינעל, טראָגנדיק אונטערן אָרעם אַ קליין פּעקעלע זאַכן. ער האָט מיט פאַרזיכט געשטעלט די ערשטע טריט, ווי ער וואָלט ניט זיכער געווען צי דער באָדן איז פעסט גענוג. אַ רגע האָט ער זיך פאַרהאַלטן, אַרומגעקוקט זיך.

גרין און זוניק איז געווען דער אַרום. ברייט און רחבותדיק האָבן זיך געצויגן די פעלדער. נאָך דער לאַנגער תפיסה אין לאַגער פאַר געפאַנגענע, האָט דער געפאַנגענער גיריק און פולברוסטיק געצויגן אין זיך די פרייע פרילינג־לופט. אַ מער זיכערער איז ער באַגלייט געוואָרן יעפים קאַרפּאָוויטשן אין שטוב אַריין.

טאַטיאַנאַ איז געשטאַנען ביים אויוון מיט צעפלאַמטע באַקן.

— אָט, געבראַכט אַן אַרבעטער! נעם אים אויף, טאַטיאַנאַ! דערלאַנג אים עסן! איצט וועט אויך דיר זיין גרינגער.

טאַטיאַנאַ האָט אָנגעקוקט דעם נייעם אַרבעטער, וועלכער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר פאַרלאָרן און עטוואָס צעשראָקן, מיטן פּעקל אונטערן אָרעם.

— וועלקאָמען! — האָט זי געזאָגט און אַרויסגערוקט אַ שטול פאַר אים צו זעצן זיך.

ער האָט אַראָפּגעלאָזן דאָס פּעקל אויף דער פּאָדלאָגע און זיך זייטיק געזעצט.

טאַטיאַנאַ האָט אים דערלאַנגט אַ האַנטוך און אָנגעוויזן אויף דעם וואַסער.

— ער פאַרשטייט דאָך און רעדט אונדזער לשון, — האָט יעפים קאַרפּאָוויטש געזאָגט ניט אָן שטאָלץ, וואָס ער האָט אַרייַנגעקראָגן אַזאַ מציאה.

— וואַש זיך, און גיי עפּעס עסן.

טאַטיאַנאַ האָט גענומען גרייטן דעם טיש. באַלד איז אויפן טיש שוין געשטאַנען אַ גרויסע שיסל מיט פעטן באָרשטש, פלייש, אַ גרויסער לאַבן ברויט. דער דייטש האָט פון אָנהויב געגעסן איינגעהאַלטן. דערנאָך, אַז מיטן עסן איז געקומען דער אַפּעטיט, האָט ער אויסגעליידיקט איין טעלער נאָכן אַנדערן.

טאַטיאַנאַ האָט אים נייגעריק נאָכגעקוקט. אַלץ געטראַכט: קען עס זיין, אַז דאָס איז דער שונא? דער שונא, וואָס צעשיסט אונדזערע מענער, ברידער? דער שונא, וואָס קאַליעטשעט זיי און זיי קומען צוריק מיט אָפּגעשניטענע פיס? וואָס האַלט אין געפאַנגענשאַפט איגנאַטן?

און מיט אַמאָל האָט דער דייטש אויפגעהויבן זיינע אויגן און זיך געטראָפן

מיט טאַטיאַנאַס בליק. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט שטום. ער האָט די אויגן באַלד אַראָפּגעלאָזט. מאָדנע. טאַטיאַנאַ האָט בשום אופן ניט געקענט זען אין אים דעם שונא. פאַר איר איז געזעסן אַן אויסגעהונגערטער מענטש.

יעפּים קאַרפּאָוויטש איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און נאָכגעקוקט מיט צופרידנקייט, ווי דער דייטש פּאַקט אַריין אין זיך די מאכלים. אַ גוטער עסער איז אויך אַ גוטער אַרבעטער. הייסט עס, ער האָט זיך ניט אָפּגענאַרט...

פריץ האָט אויסגענומען מיט זיין ערנסטקייט און באַשיידנקייט. טאַטיאַנאַן האָט ער צוגעצויגן מיט זיינע מעשהלעך וועגן דעם לעבן אין דער ווייטער דייטשלאַנד און אין דער גרויסער שטאָט ריגע, וואו ער האָט געאַרבעט און זיך אויסגעלערנט רעדן רוסיש.

איצט איז פאַר טאַטיאַנאַן געווען אַן אָפּקומעניש צו זיין צוגעבונדן צו דער שטוב און אַרומגיין אַרום דער קראַנקער מאַרינאַ. איר האָט געצויגן וואָס מער צו זיין אין פעלד, צו אַרבעטן אינאיינעם מיט פריצן. זי האָט ניט איין מאָל באַמערקט מיט וואָס פאַר אַן אַנטציקונג פריץ קוקט אויף איר פלינקער אַרבעט.

און מען האָט טאַקע געאַרבעט אין פריינטשאַפט צוזאַמען; פרי אַראָפּגענומען די גערעטעניש און אַריינגעפירט דעם קאָרן אין שפּייכלער. מען האָט זיך גאַרניט אַרומגעקוקט און דער זומער איז שוין באַלד אַוועק. מען האָט זיך גענומען אַקערן און פאַרזייען דעם ווינטער־ברויט.

די אָוונטן זענען געוואָרן לענגער. נאָך וועטשערע, ווען דער אַלטער יעפּים קאַרפּאָוויטש פלעגט אַוועקגיין שלאָפן, פלעגט נאָך פריץ וועלן זיצן אין קיך, רויכערן זיין פּיפּקע און אַלץ דערציילן טאַטיאַנאַן זיינע וואונדערלעכע מעשהלעך, אַז „אין די גרויסע שטעט לויפן הייזער אויף רעדלעך".

— צי דען איז דאָס טאַקע אַזוי? — האָט זי געפרעגט ניט־גלויביק. — ווי־זשע קען אַ הויז לויפן?

— זיי ווערן געטריבן דורך עלעקטריציטעט.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— קיינמאָל ניט געזען קיין עלעקטריציטעט?

— ניין. קיינמאָל ניט.

— אַ כוח אַזאַ, וואָס שלעפּט גאַנצע צוגן.

— ניט אַנדערש: די אומריינע קראַפט.

— אַך, דו, נאַרישע . . .

פריץ האָט געזאָגט און אַליין חרטה געהאַט פאַר רופן זי „נאַרישע".

— טאַטיאַנאַ האָט זיך ניט באַליידיקט?

— נו, אַוודאי בין איך אַ נאַרישע, אַ פּויערטע. אין ערגעץ ניט געווען. ניט־באַמערקטערהייט פאַר זיי ביידן האָבן זיי זיך דערנעענטערט. און

איינמאָל, ווען זי איז געווען אין הויף און געהאַלטן אין איינשפּאַנען דאָס פערד, איז ער אָנגעקומען און צוגעגאַנגען צו איר, צוהעלפן. זיין האַנט האָט באַרירט איר האַנט. האָט שוין דעם „ריר" פאַרהאַלטן, און אַ דריק געטאָן זי מיט וואַרעמקייט. טאַטיאַנאַ האָט דערפילט ווי אַ שטראָם איז דורכגעלאָפן איר גאַנצן קערפּער און אָנגעפילט זי מיט זיסן גלוט. איר האָט זיך געוואָלט, אַז דאָס זאָל דויערן לענגער. נאָר באַלד האָט זי זיך מיט שרעק אַרומגעקוקט, צי מען קוקט ניט אַרויס פון שטוב. קיינער איז אַרום ניט געווען. און דאַן האָט זי געטראָפן זיינע אויגן — בעטנדיקע, הונגעריקע! אין זיי איז געווען הונגער נאָך ליבע, הונגער נאָך אַ פרוי. אַ היץ האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין גאַנצן קערפּער. אַ ווײַלע, און זי איז גרייט געווען צו וואַרפן זיך אין זיינע אָרעמס. איז זי דען אַליין ניט געווען — איין געשריי נאָך לעבן?

נאָר זי האָט זיך גלייך געכאַפּט: „גאָט מיינער, איך בין משוגע! דאָ אין הויף, אויף די אויגן פון מאַרינאַן און יעפים קאַרפּאָוויטשן!" זי האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן וואָגן און אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד, איז אַרויסגעפאָרן פון הויף אָן אַ בליק צו וואַרפן אַהינטער, צו פריצן.

זי איז געפאָרן אין וואָלאָסט אָפּנעמען אַ בריוו פון איגנאַטן. נאָר איגנאַט איז איצט געווען וויט, וויט פון איר. דעם גאַנצן וועג האָט זי אַלץ געטראַכט פון פריצן. געזען אים פאַר זיך. געזען זיינע הונגעריקע אויגן... איר האַרץ איז פול געווען מיט אומרו: „גאָטעניו! וואָס וועט איצט זיין? ווי אַזוי זאָל זי ניצול ווערן פון דער געפאַר, וואָס לויערט אויף איר?"

נאָך יענער פּאַסירונג האָט זי זיך געהאַלטן פון דערווייטנס פון פריצן און איז געווען אויף דער וואַך, האָט געזוכט עצות קעגן די שפּיצלעך פון יצר־הרע. זונטיק, ווען יעפים קאַרפּאָוויטש פלעגט, ווי זיין שטייגער איז געווען, לייגן זיך שלאָפן, איז זי אַוועק פון שטוב אין דאָרף. ניין, זי האָט ניט געקאָנט פאַרבלייבן אַליין מיט פריצן. נאָר ווען זי איז אַנטרונען אין דאָרף, זענען די געדאַנקען וועגן פריצן איר דען ניט נאָכגעלאָפן? פון זיי איז ניט געווען קיין אַנטרינונג.

זי איז אַריין צו דער מומע אַגאַפּענאַ. איר האָט זיך אַזוי געוואָלט פאַרטרויען דער מומען. אפשר ווייסט זי, וואָס זי זאָל טאָן.

די מומע האָט זיך מיט איר דערפרייט. האָט זיך נאָכגעפרעגט צי עס זענען געווען בריוו פון איגנאַטן? וואָס מאַכט מאַרינאַ? זי ליגט נאָך אַלץ? אָרעמינקע.

טאַטיאַנאַ האָט ניט געקענט עפענען דאָס מויל און אַרויסרעדן דאָס, וואָס האָט באַשווערט איר האַרץ. די מומע וועט זי קיינמאָל ניט פאַרשטיין. איז זי אַוועקגעגאַנגען צו די חברטעס. דאָרטן האָט מען געשטיפט, געלאַכט און

געזונגען. נאָר אויך דאָ האָט טאַטיאַנאַ ניט אויפגעהערט צו פילן די לעכצעניש נאָך פריצס וואַרעמקייט, פונקט ווי זיין באַריר וואָלט ערשט איצט געשען.

און פריץ, פונקט ווי ער וואָלט געפילט איר הונגער, האָט זי אָפגעוואַרט שפּעט ביי איר אַהיימקומען. ער האָט שטיל געעפנט פאַר איר דאָס טויערל. זי אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס און זיינע הייסע ליפּן האָבן זיך איינגעזויגן אין טאַטיאַנאַס ליפּן. דער ריח פון איר פרישן, שטייפן קערפּער האָט אים אינגאַנצן שיכור געמאַכט. ער האָט זי שטאַרקער איינגעקלאַמערט אין זיינע הענט און זי איז געבליבן הענגען אַ ווילנסלאָזע. ער האָט זי געפירט צו דער שטאַל. זי האָט זיך שטיל געבעטן: — לאָז אָפּ, פריץ! — און געפּרואווט איינשפּאַרן זיך און ניט גיין.

ער האָט זיך צו איר שעפּטשען ניט צוגעהערט. שטאַרקער געשלעפּט זי. אין שטאַל זענען זיי ביידע אַנידערגעפאַלן אויפן היי. ער איז געוואָרן אומגעדולדיק־ווילד. גענומען מיט פיבערדיקע הענט פאַנאַנדערקנעפּלען איר בלוזקע, אַרויסגענומען אירע פולע בריסטן און זיי הייס געקושט. אין זיין ווילדקייט איז געווען עפּעס פון איגנאַטן: אַזוי האָט איגנאַט זי געקושט אין דער ערשטער חתונה־נאַכט. איגנאַט! ער איז אויסגעוואַקסן פאַר איר אין דער מינוט, אַ גרויסער, אַ צערייצטער... זי איז מיט אַמאָל געקומען צו זיך. מיט אַ שרעקלעכן כוח האָט זי פריצן אַ שטויס געטאָן פון זיך. האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זיינע אומאַרמונגען און זיך אויפגעהויבן.

פריץ איז אויפגעשפּרונגען אינגאַנצן אַ צערייצטער פון איר נאָענטקייט און זי ווידער אַרומגעכאַפּט. משוגע פון הונגער צו פרוי און ליבע, האָבן זיינע ליפּן געפּליסטערט: „טאַטיאַנאַ! טאַטיאַנושקאַ!...“

— טשעפּע מיך ניט! — האָט זי באַפעלעריש געזאָגט. — לאָז אָפּ!!!

פריצן איז אַריבער אַ קעלט פון אירע רייד. זיינע הענט זענען לויז געוואָרן.

זי איז אַרויסגעלאָפן פון שטאַל און זיך געלאָזן צו דער שטוב. זי האָט מורא געהאַט זיך אומקוקן אויף צוריק, מורא געהאַט אַז פריץ זאָל זי ווידער ניט אַריינכאַפּן. בעתן לויפן האָט זי זיך צורעכט־געמאַכט די בלוזקע. האַרט ביי דער שוועל האָט זי זיך אַ ביסל אָפּגעשטעלט אָפּצוציען דעם אָטעם. דערנאָך שטיל געעפנט די טיר.

אין שטוב איז געשטאַנען אַ נאַכטיקע שטילקייט.ביידע אַלטע זענען, קענטיק, רואיק געשלאָפן. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פאַטשיילע, אַ פאַל געטאָן אויף די קני פאַר דעם בילד פון גאָטס מאַמע. אירע ליפּן האָבן הייס געפּליסטערט: „גאָטעניו! גיב מיר כוח ביישטיין דעם נסיון. ראַטעווע מיך...“

די תפילה האָט זי באַרואיקט. פריצס געשטאַלט, וואָס פלעגט זי פאַר־

פּאָלגן אין חלום יעדע נאַכט, האָט איר צורו געלאָזן. זי איז געשלאָפן מיט אַ רואיקן שלאָף.

די אַלטע מאַרינאַ האָט געהאַלטן אין דערציילן אירע לעצטע טעג. יעפים קאַרפּאָוויטש איז אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער. פלעגט אָפט לויפן מיטן פערד נאָך דעם פעלדשער, פאַרפירי. דער הויכער, ביינערדיקער פאַרפירי, מיט די אַראָפּהענגענדיקע בלאָנדע וואָנצעס, פלעגט יעדעס מאָל פאַרשרייבן אַ רעצעפּט, צונעמען די עטלעכע רובל און אָוועקפאָרן.

די רפואות האָבן ניט געהאָלפן. מאַרינאַ איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. איר איינציקער הייסער פאַרלאַנג איז געווען צו דערלעבן זען איר זון, איגנאַט. אָבער גלייך נאָכן ביימען יאָר איז זי שטיל אויסגעגאַנגען.

די לוויה איז געווען אַ גרויסע. די תפילה אין קלויסטער ביי דער טרומנע האָט געפּליסטערט דער פּאָפּ קלים אַנדרעיעוויטש. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זענען אַרום קבר געשטאַנען יעפים קאַרפּאָוויטש, טאַטיאַנאַ און אַ סך קרובים, וואָס האָבן געוואוינט אין דער אומגעגנט.

אונטער דעם איינדרוק פון איר טויט, איז אַלץ אין יערעמענקאָס כוטאָר געווען צוגעדריקט. מען איז ווי אין דער שטיל אַנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט.

פריץ איז געווען פאַרנומען מיט לאָדעווען און צוגרייטן די ערד־מאַשינעס. פעברואַר איז שוין געווען ביים סוף. באַלד וועט מען זיך דאַרפן אַ נעם טאָן צו דער ערד. און טאַטיאַנאַ האָט געהאַט פולע הענט אין דער באַלעבאַטישקייט. ביידע האָבן געטאָן די אַרבעט שווייגנדיק. יעדערער פאַרטייעט אין זיך. פריץ האָט געטראַכט פון טאַטיאַנאַן, געלעכצט נאָך איר ביי טאָג און ביי נאַכט. נאָר עפּעס אַ מורא האָט אים אָפּגעהאַלטן, פונקט ווי אין דער לופט וואָלט נאָך אַלץ געשוועבט מאַרינאַס גייסט. און דער גייסט וואָלט נאָך אַלץ געוואָרפן ביסטרע, שפּיציקע בליקן און געדראָעט: — זעסט? איך זע!...

אין אָנהויב פון חודש מערץ איז יעפים קאַרפּאָוויטש, ווי געוויינלעך, גע־פאָרן אין וואָלאָסט זען, צי עס איז ניטאָ קיין בריוו פון איגנאַטן. קיין בריוו זענען ניט געווען, אָבער יעפים קאַרפּאָוויטש איז דאָרט פאַרהאַלטן געוואָרן פון די נייעס, אַז אין ווייטן פּעטראָגראַד איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע.

אומעטום, אין וואָלאָסט, זענען געשטאַנען רעדלעך פּויערים און אַרומ־גערעדט די גוואַלדיקע געשעעניש. יעפים קאַרפּאָוויטש האָט אומעטום צו־געלייגט זיין אויער: צי וועט שוין באַלד שלום זיין? צי וועט זיך איגנאַט אומקערן פון פעלן? וואָס רעדן די פּויערים וועגן צעטיילן די פּריצישע גיטער? וואָס רעדט מען וועגן צאַר־באַטיושקאַ?

און גערעדט האָט מען אַ סך און פאַרשיידנס. פון זייערע רייד האָט זיך אים אַזש דער קאָפּ געדרייט. נייעסן זענען יעדן טאָג געווען אַנדערע. און

אַלעמען האָט באַהערשט אַ דורשט צו הערן נאָך מער נייעס. מען האָט נאָך נעכטן אָוועקגעשיקט דעם סטאַרשינאַס אַרויסהעלפער, אַנדרעיען, אין שטעטל אַריין צו ברענגען צייטונגען. יעפים קאַרפּאָוויטש האָט געוואַרט ביז אָוונט, ווען מען האָט געבראַכט די צייטונגען, האָט אָנגעקויפט עטלעכע צייטונגען און זיך אָוועקגעלאָזן צוריק אין כוטאָר.

דאָ, אַרום כוטאָר, האָט די נייעס פון דער רעוואָלוציע פון אָנהויב ניט אַרויסגערופן קיין אויפרודער. דאָס שטילע טאָג־טעגלעך לעבן איז אָנגעגאַנגען ווי פריער. נאָר פריץ איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. ער איז געוואָרן לעבע־דיקער, האַפּערדיקער. ער האָט פּרובירט אויפקלערן טאַטיאַנאַן: אָט איז עס ענדלעך געקומען. זיי, די אַרבעטער, וואָס האָבן מיט מיר געאַרבעט אין ריגע, פלעגן שטענדיק רעדן וועגן דעם. וואָס אמת איז אמת, איך האָב פון דעם קיינ־מאָל ניט צופיל געהאַלטן. אָבער פאַרט! אָט איז זי דאָך געקומען, די רעוואָ־לוציע. דאָס פאָלק האָט אויפגעוואַכט. און וואו? אין רוסלאַנד! אין דער אָפּגעשטאַנענער רוסלאַנד. איצט וועט דאָס דייטשישע פאָלק אויך אויפוואַכן. צי דען זענען מיר זיך שונאים? איך און דו?

ביידע, טאַטיאַנאַ און פריץ, האָבן זיך אָנגעקוקט. ביידנס בליקן האָבן אָן ווערטער גערעדט.

פריץ האָט פאַר איר, שוין צום וויפלטן מאָל, פאַרגעלייענט די איינצלהייטן פון די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע אין פּעטראָגראַד; ווי אַזוי עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע גאַסן־צוזאַמענשטויסן; ווי אַזוי דער קייסער איז געבליבן שטעקן אויף אַ באַן־סטאַנציע, און ניט געקענט רירן זיך פון אָרט; ווי אַזוי אַ דעלעגאַציע פון דער דומע איז צו אים געפאָרן און ער, דער צאַר, האָט ענדלעך אָפּגעדאַנקט פון טראָן. דאָס אַלץ האָט פאַנאַנדערגערוקט דעם ענגן האָריזאָנט פון אַרום כוטאָר און ביי טאַטיאַנאַן ווידער אויפגעוועקט אַ גוואַלדיקע נייגעריקייט צו דער ברייטער, ווייטער וועלט. און דאָס האָט איר נאָך מער צוגעצויגן צו פריצן, דעם איין־און־איינציקן, וואָס האָט איר פון ענגן, שטיקנדיקן קלעם אַרויסגענומען.

— אַנו! לייען מיר נאָך אַמאָל איבער וועגן דער קייסערינע און ראַס־פּוטינען! — האָט זיך טאַטיאַנאַ געבעטן ביי פריצן.

די מעשה פון דעם פּראָסטן פּויער, ראַספּוטין, וואָס האָט זיך דערשלאָגן אַזש צו אַ קייסערינע, האָט איר גוואַלדיק פאַראינטריגירט.

און פריץ לאָזט זיך ניט בעטן. ער לייענט וועגן דער אויסטערלישער געשעעניש און הויבט אָן אויפקלערן טיפערע זאַכן.

— אָט, זע! פון איין זייט אַזוי פיל אָרעמע פּויערים, וואָס שלאָגן זיך פון די כחות אַרויס, ווי עס איז אַרויסצוציען חיונה פון צעפּיצלטע חלקים ערד. און

פון דער צווייטער זייט האָבן די פּאָמיעשטשיקעס אַזעלכע גרויסע מאַיאָנטקעס, אַזוי פיל פעלדער, גרויסע וועלדער און ברייטע לאָנקעס. זיי, די פּאָמיעש־טשיקעס, טוען גאָרניט. זיי לעבן אויפן שווייס פון די באַטראַקעס...

פריץ, דער מלחמה־געפאַנגענער, רעדט גאָר מיט אַזוי פיל ליבשאַפט צום אָרעמען!...

טאַטיאַנאַ דערמאָנט זיך, אַז עפּעס ענלעכס האָט איר פאָטער, אַנדרעי, אַמאָל גערעדט און מען האָט אים אין סיביר פאַרשיקט. זי דערמאָנט זיך אויך, אַז אַבראַשאַ פינקל פלעגט רעדן וועגן דעם מיט דער יוגנט, ווען זיי פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן ביי די גאָלדשטיינס. אָבער מאָדנע. פריער האָט זי עס ניט געקענט באַנעמען, און איצט איז עס איר אַזוי קלאָר.

— און די אַרבעטער! — האָט פריץ ווייטער גערעדט מיט היץ. — זיי וואָס שאַפן אַלץ, וואָס אַרבעטן אין די פאַבריקן און זאַוואָדן, פאַר וועמענס וועגן שאַפן זיי אַלע רייכטימער?

זיינע ווערטער האָבן אָנגעפילט טאַטיאַנאַן מיט אַ באַגריף פון אַן אומ־גערעכטער וועלט, וואָס האָט ביז אַהער עקזיסטירט. פון איר האַרץ פלייצט אַ וואָרעמקייט צו די האָרעפּאַשניקעס, די באַעוולהטע. ער צאָרנט קעגן מלחמות. און פון זיינע הייסע רייד איז אויסגעקומען, אַז איצט וועט צו דעם אַלעמען נעמען אַ סוף. די מלחמה וועט פאַרענדיקט ווערן. איגנאַט וועט קומען צוריק. ער, פריץ, וועט זיך אומקערן אַהיים.

ער האָט דאָס געזאָגט און אַ קוק געטאָן אויף טאַטיאַנאַן. זי איז בלייך געוואָרן. ערשט איצט האָט זיך טאַטיאַנאַ אויפגעכאַפּט. פריץ וועט אַוועק! איגנאַט וועט קומען צוריק! דאָס געשטאַלט פון דעם גרויסן, שווערן איגנאַטן, מיט די געדיכטע שטרענגע ברעמען איז אויפגעשוואומען פאַר איר. ער איז איר געווען אַזוי ווייט, אַזוי פרעמד. און פריץ... אָט דער נאָענטער, ליבער פריץ, צו וועמען עס ציט זי, נאָך וועמען זי בענקט אַ הונגעריקע אין די נעכט; וואָס האָט איר די אויגן אויפגעעפנט און האָט איר אַרויסגענומען פון דעם ענגן קלעם אין יערעמענקאָס כוטאָר, אָט דער פריץ וועט מער ניט זיין! — זי האָט זיך אויפגעהויבן, אין די אויגן האָבן זיך איר געשטעלט טרערן.

זי איז אַריינגעפאַלן אין זיינע צעשפּרייטע אָרעמס, איז צוגעפאַלן צו זיין ברוסט. די צוים פון איינגעהאַלטנקייט איז מיט אַמאָל דורכגעריסן געוואָרן; טאַטיאַנאַ איז געלעגן אין זיינע אָרעמס אַ הייסע, פול מיט גאַרונג...

פריץ האָט געקושט אירע ליפּן, דעם האַלדז, די אויגן, און זי האָט אַ דורשטיקע געטרונקען זיינע קושן, זיך אַלץ מער געטוליעט צו אים, ווי ער וואָלט געווען איר איינציקער אַנקער. ער האָט איר שטיל איינגערוימט אין אויער: „קום צו מיר, ביינאַכט...“

עס האָבן זיך דערהערט יעפים קאַרפּאָוויטשעס דערנעענטערנדיקע טריט. טאַטיאַנאַ איז אָפּגעשפּרונגען. זיך געכאַפּט ווישן די טעלער. פריץ האָט געלייענט די צייטונג אין דערהויך, ווי אַזוי דער קייסער, ניקאָלאַי, איז געבליבן שטעקן אין באַן אויף דער סטאַנציע באָלאָגאָיע, און ווי אַזוי . . .

יעפים קאַרפּאָוויטש איז אַריין, געבליבן שטיין אַ ווײַלע און זיך צוגעהערט. דערנאָך געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— עט! ס׳וועט גאָרניט זיין. מיר האָבן שוין געזען אַזוינס. געדענקט מיין וואָרט. ס׳וועט זיך איבערקאָכן און עס וועט בלייבן ביים אַלטן. מיר וועלן ווידער האָבן אַ קייסער און די בונטאָווטשיקעס וועלן קריגן שמיץ. ווי קען מען אויסקומען אָן אַ קייסער?

נאָך די זעלבע נאַכט איז טאַטיאַנאַ אַליין געקומען צו פריצן. זי האָט זיך באַרוועסערהייט שטיל אַרויסגעגנבעט פון שטוב, איז איבערגעלאָפן אויף דעם צעשמאָלצענעם שניי פון הויף און איז צוגעפאַלן צו דער טיר פון באָד־שטיבל, וואו פריץ פלעגט ווינטער־צייט שלאָפן.

פריץ האָט זי אויפגענומען אַ הייס־גאָרנדיקער און זי איז צוגעפאַלן צו אים אָן אָנאָטעמדיקע. איר גאַנץ לייב האָט געברענט אין דורשט נאָך זיין באַרירונג. איר גאַנצער קערפּער איז געווען אָנגעגאָסן מיט פיינלעך־זיסן דורכציטער פון איר ערשטער, מער ניט געפּענטעטער ליבע. און זי האָט זיך מער ניט געצאַמט. זי האָט זיך אים איבערגעגעבן מיטן גאַנצן פייער פון איר אויסגעהונגערטן גוף און נשמה.

פון יענער נאַכט אָן, ווי נאָר זי איז זיכער געווען, אַז דער שווער, יעפים קאַרפּאָוויטש, שלאָפט שוין, פלעגט טאַטיאַנאַ אַוועקגיין צו פריצן. אָן אומגעזעטיקטע האָט זי געטרונקען די פריידן פון ליבע. ווען עס פלעגט אָנהויבן שאַריען אויף טאָג, פלעגט זי זיך פון פריצן אַרויסגנבענען און צוריקגיין אין שטוב.

שפּעטער, ווען די טעג זענען געוואָרן וואַרעמער און אין באָד־שטיבל איז געווען צו שטיקנדיק צו שלאָפן, האָט פריץ זיך געמאַכט זיין נאַכטלעגער אין שטאָל אויפן היי. טאַטיאַנאַ פלעגט דאָן קומען צו אים אין שטאָל. אין איר שטורמישער ליבע, האָט זי אויפגעהערט צו זיין פאַרזיכטיק און מיט איר אויפפירונג אַרויסגערופן פיל זאָרג ביי פריצן.

— זיי פאַרזיכטיק, טאַטיאַנאַ! יעפים קאַרפּאָוויטש וועט זיך דערוויסן, וועט ער אונדז ביידן דערהרגענען: דיך און מיך.

טאַטיאַנאַ האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— נו, זאָל ער הרגענען. מיר איז שוין אַלץ־איינס. אויב ליב האָבן — איז מיטן גאַנצן ברען.

— ביזט משוגע?! מען טאָר ניט אַזוי. — ער האָט זי שטאַרקער צו־געדריקט צו זיך. — דערפאַר האָב איך דיך נאָך מער ליב. פונדעסטוועגן... פאַרגעס ניט: אַ קריגס־געפאַנגענער בין איך. אינגאַנצן אין יעפים קאָר־פּאָוויטשעס הענט. ער קען אַ ליאַדע טאָג מיך איבערגעבן צוריק צום קאָמענ־דאַנט.

טאַטיאַנאַ האָט געשוויגן. זי אַליין האָט די גאַנצע צייט געיאָגט פון זיך יעדן געדאַנק, אַז דאָס גליק קאָן זיך ענדיקן. זי האָט ניט געוואָלט טראַכטן פון דעם אַפילו איצט, ווען זי האָט שוין פאַרדעכטיקט, אַז זי איז פאַרגאַנגען אין שוואַנגערשאַפט.

דער פרילינג איז ענדלעך געקומען. די פעלדער, באַפרייטע פון די שווערע שנייען, זענען געשטאַנען אַנטבלויזטע און געוואַרט אויפן אַקערער. דערווייל האָבן זיי איינגעזאַפּט די מילדע וואַרעמקייט פון די ערשטע טעג פול מיט זון. די קליינע קעפּעלעך פון בעז זענען געווען די ערשטע אויפצואוואַכן מיט גרינעם לעבן. אויף די ווערבעס האָט דאָס יערנדיקע לעבן אַריבערגעשפּראָצט מיט האַריקע וואָנצעלעך. דאָ און דאָרט האָט מען שוין אַפילו געקענט זען אַ געל בלימעלע.

טאַטיאַנאַ איז געווען מאָדנע וואַך צו דעם יונגן פרילינג. שאַרף האָט זי געצויגן אין זיך די ריחות פון דער באַפרייטער ערד. זי האָט אַרויסגעפּילט דאָס געזאַנג פון דער ערד צו באַנייען זיך און צו פרוכפּערן זיך. יעדער שפּראָץ פון די קוסטעס, פון די גראָזן האָט צו איר גערעדט: „דו ביזט מיט אונדז. דו אויך.“ און זי האָט פריידיק געענטפערט מיט געזאַנג, וואָס איז פריי געפלאָסן פון אירע טיפענישן: — „איך אויך.“

זי האָט געטראָגן איר סוד, אַ שטאָלצע און אַ באַפרידיקטע. איצט איז זי געווען גליקלעך מיט אַלץ: מיט פריצן, מיטן פרילינג און מיט דעם נייעם לעבן, וואָס האָט געיערט אין איר. דער כוטאָר האָט זיך איר שוין ניט אויס־געוויזן ענג. איצט האָט זי זיך אין ערגעץ ניט געצויגן. איר וועלט איז געווען ברייט און רייך. איר וועלט איז געווען די מוטערלעכקייט אין איר. און דער צענטער פון דער וועלט — דאָס קינד, וואָס זי וועט געבוירן.

און אַלץ וואָס זי זאָל ניט האָבן געטאָן, צי דאָס איז געווען הויז־אַרבעט, צי עפּעס אַן אַרבעט אַרום די בהמות און עופות, אָדער אין גאָרטן, האָט זי עס געטאָן מיט אַ לייכטקייט פון געמיט. זי האָט געזונגען לידער און אין זיי אַריינגעלייגט איר גאַנץ האַרץ. זי איז ניט פשוט געגאַנגען, נאָר אַזוי ווי זי וואָלט אונטערגעשוועבט, און אירע אויגן האָבן געהאַלטן אין זיך אַ מאָדנעם גלי, וואָס האָט אַן ווערטער גערעדט: „עס איז גוט צו לעבן.“

דער ערשטער דאָס צו באַמערקן איז געווען דער אַלטער, יעפים קאָר־

פּאָוויטש. „עפּעס האָט זיך דאָס פייגעלע צופיל צעזונגען. נאָר מען הערט: טראַ־לאַ־לאַ, טראַלאַ־לאַ.״ ער האָט פאַרוואונדערט נאָכגעטראַכט און גענומען שטאַרקער צוקוקן זיך צו איר. און עפּעס ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל דערזען טאַטיאַנאַן אַן אַנדערע. דערזען זי אין איר גאַנצער רייצנדיקער ווייבלעכקייט. איר יונגן שטאַרקן קערפּער. אירע ווייסע אָרעמס, פולע בריסט. ער האָט דערשפּירט אין זיך זינדיקע געדאַנקען. ער האָט זיך אַליין פאַרשעמט. „עד, דו״, האָט ער צו זיך אַליין גערעדט, „ביזט אַ זינדיקער״. און ער האָט זיך דערמאָנט אָן מאַרינאַן, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן! נאָך קיין האַלב יאָר ניטאָ און וועגן וואָס איך טראַכט, און וועגן וועמען? וועגן מיין אייגענער שנור!

**
*

פּריץ איז געלעגן וואָך ביז אָנגעשפּיצטקייט פון זיין יעדן חוש. טאַטיאַנאַ איז נאָר־וואָס אַוועק פון זיין געלעגער. ער האָט נאָך געפילט לעבן זיך דעם ליבן ריח פון איר לייב. ער איז געווען איבערוועלטיקט פון די נייעס וואָס זי האָט אים היינט אַנטדעקט. זי שוואַנגערט...

ווען זי האָט דאָס אים אָנגעזאָגט, איז דאָס האַרץ אין אים איינגעפאַלן. ער האָט זיך דערשראָקן, אָפּגערוקט זיך פון איר און זי שאַרף אָנגעקוקט. זיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט מורא: אָט איז זי, די געפאַר, וואָס וועט צעשטערן זיין באַקוועמען לעבן, זיין גליק. איצט וועלן קומען טרערן, פאַרוואורפן. איצט וועט ער מורא האָבן פאַר די אינטימע באַגעגענישן. און טאַטיאַנאַ? וואָס שטייט איר איצט פאַר? ווי לאַנג וועט זי דאָס קענען האַלטן אַ סוד? און מיט וואָס קען ער איר העלפן? ער אַליין אַ קריגס־געפאַנגענער, אינגאַנצן אויף דער גנאָד פון יעפּים קאַרפּאָוויטשן.

דאָס האָט אים אינגאַנצן פיינלעך ניכטער געמאַכט און פאַריאָגט די פריידּ, וואָס טאַטיאַנאַס נאָענטקייט פלעגט אים ברענגען. אַ שולדיקער, האָט ער נאָכ־אַמאָל, ניט אָן מורא, אָנגעקוקט טאַטיאַנאַן. נאָר ווען זיינע אויגן האָבן געטראָפן איר בליק, איז דאָרטן דווקא ניט געווען קיין סימן פון מורא. זי איז געלעגן אַ רואיקע. טיף אין זיך האָט זי געפילט אַ זיכערן כוח. גאָט, אין וועמעס וועלט זי לעבט, האָט איר געגעבן אָט דעם כוח פון מוטערלעכקייט און מיט דעם וועט זי בייקומען אַלע שוועריקייטן. אַזוי, קוקט אויס, האָט געמוזט זיין. אַזוי איז באַשערט געווען! זי איז שוין אַפילו ניט געווען אַזוי בלינד־ליידנשאַפטלעך אין איר ליבע צו פּריצן, ווי פריער.

אין איר פריערדיקער ליידנשאַפט איז געווען עפּעס פון דעם אומבאַוואוסט־זיניקן הונגער באַפרוכפּערט צו ווערן. איצט איז דער זאָמען שוין געווען אין איר אינגעווייד. איצט איז פּריץ געווען פאַר איר עפּעס מער ווי פריער.

טאַטיאַנאַס רואיקייט, איר פעסטער מוט האָט פּריצן אָנגעשטעקט. פון ערגעץ אינדערטיף איז געקומען אַן אַנרויש פון נייע געפילן, פון שטאָלץ און גליקזעליקייט. מיט אַן אויפגעוועקטער ליידנשאַפט האָט ער זי געצערטלט און געגלעט איר נאַקעטן בויך. זיינע ליפּן האָבן הייס געשעפּטשעט: טאַ־טיאַנושקאַ! פאַר גאָט זענען מיר מאַן און ווייב."

זי האָט אים געקושט: "אַך, נאַרישער... נאַרישער מאַנעלע מיינער..."

איצט איז זי אַוועק פון אים און דער פרימאָרגן האָט גענומען אַריינקוקן אין די שפּאַלטן פון שטאַל. ער איז נאָך אַלץ געלעגן אַ באַרוישטער. די געפילן האָבן זיך געהויבן און צוריקגעפאַלן, ווי כוואַליעס ביים ברעג ים. דאָ האָט ער געטראַכט פון אַ שטילן, גליקלעכן לעבן מיט טאַטיאַנאַן און דאָ האָט זיך זיין געדאַנק אַריבערגעטראָגן צו דייטשלאַנד, וואו ער האָט איבערגעלאָזן זיין פרוי, גערטרוד.

מאָדנע, האָט ער געטראַכט, אין וואָס פאַר אַ קנויל זיין לעבן ווערט פאַר־וויקלט. ער און גערטרוד האָבן געגאַרט צו האָבן אַ קינד, און עס איז ניט געקומען. איצט אָבער... און ווידער איז אים דאָס האַרץ איינגעפאַלן. ער האָט גענומען איינזען די אַלע שוועריקייטן, געפאַרן, וואָס שטייען זיי ביידן פאָר, אים און טאַטיאַנאַן. לאַנג וועלן זיי דעם סוד ניט קענען באַהאַלטן. וואו־זשע זאָל ער זיך מיט איר אויסבאַהאַלטן? און ווי וועט ער זי קענען אויסהאַלטן מיטן קינד? און אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט דאָך צוריקקומען איגנאַט.

דערמאָנענדיק זיך אַן איגנאַטן איז אים אַ שוידער אַריבער דעם גאַנצן לייב. ער קאָן נאָך דערהרגענען טאַטיאַנאַן מיטן קינד. וואָס טוט מען?

***

ליכטיקע, וואַרעמע טעג זענען געשטאַנען. אויף די פעלדער האָט שוין געקאָכט די אַרבעט. יעפים קאַרפּאָוויטש איז אַרויסגעפאָרן אין פעלד אינאיינעם מיט טאַטיאַנאַן און פּריצן. ער און טאַטיאַנאַ זענען געפאָרן אין פערד־און־וואָגן. פּריץ איז זיי נאָכגעפאָרן איז אַרבע, אָנטרייבנדיק די אָקסן מיט כסדרדיקע צורופן: צאָב־צאָבע, צאָב־צאָבע!

מען האָט פאַרלאָזן דעם כוטאָר, ווען עס איז נאָך פינצטער געווען. אַ טייל פון יערעמענקאָס נחלה איז געלעגן ווייט. מען איז אָנגעקומען צום פעלד, ווען עס איז שוין געשטאַנען גרויסער טאָג.

טאַטיאַנאַ האָט צוגעגרייט אָנבייסן. מען האָט ניט איילנדיק זיך אָפּגעגעסן, פאַרטרונקען מיט קאַלטער מילך. יעפים קאַרפּאָוויטש האָט אָפּגעווישט די ליפּן, זיך איבערגעצלמט און שטיל אויסגעזייעט: "נו, מיט גאָטס הילף, צו דער אַרבעט."

טאַטיאַנאַ און פריץ האָבן זיך אויך איבערגעצלמט און מען האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. פריץ האָט געאַקערט מיט די אָקסן. טאַטיאַנאַ איז נאָכגעגאַנגען מיט אַ גרויסן קאָרב זריעה און געוואָרפן פולע הויפנס אין דער אויפגעאַקערטער ערד. היגטער זיי ביידן האָט יעפים קאַרפּאָוויטש געפירט אַ באָראָנע, צוגעשפּאַנט צום פערד. די אַרבעט איז געגאַנגען שפּאַרעוודיק און יעפים קאַרפּאָוויטש איז געווען צופרידן. אַזוי האָט מען געהאָרעוועט ביז שפּעט אין טאָג.

די זון האָט זיך געהאַלטן אין זעצן. שאָטנס האָבן געשפּונען אָוונטיקייט. ס'איז געוואָרן אַ סך קילער און טאַטיאַנאַ האָט זיך גענומען צוגרייטן וועטשערע.ביים ראַנד פון פעלד האָט זי פאַנאַנדערגעלייגט אַ פייער, צונויפגערוקט עטלעכע שטיינער און אַוועקגעשטעלט קאָכן אַ טאָפּ קאַרטאָפל.

אַז דאָס געריכט איז פאַרטיק געוואָרן, האָט מען זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, לעבן פייער. עס איז געווען היימלעכער און וואַרעמער דאָ. טאַטיאַנאַ האָט אויסגעשפּרייט אַ שטיק ווייסע לייוונט, האָט אַוועקגעשטעלט אַ לאַדישעק זויערמילך, אַ לאַבן ברויט און אַ קרוג קאַלטן קוואַס. נאָך אַ טאָג פון שווערער אַרבעט, האָט דער אָונטברויט געהאַט אַלע זיבן טעמים.

יעפים קאַרפּאָוויטש איז געווען דער ערשטער צו דערפילן די מידקייט נאָכן עסן. ער האָט זיך איבערגעצלמט און זיך אויפגעהויבן.

— דו, טאָניאַ, וואו וועסטו שלאָפן? ווילסט אפשר שלאָפן אין וואָגן? ווילסט? איז גוט. פאַראַן דאָרטן, דאַכט זיך, גענוג היי. איך וועל זיך אויסבעטן אויף דער אַרבע. און דו, פריץ?

— איך וועל שלאָפן אויף דער ערד. אָט דאָרטן אונטערן בוים איז טרוקן.

— שפּרייט זיך אויס אַ פּאָר זעק. און נעם די פּאַפּאַנע *) פון וואָגן צו־צודעקן זיך. ס'איז קאַלט ביינאַכט.

— גוט, איך וועל אַזוי טאָן, — האָט פריץ אַ בורטשע געטאָן און אָפּ־געגאַנגען. דערביי האָט ער צוגעוואָרפן אַ בליק טאַטיאַנאַן. זי האָט אים אָפּ־געענטפערט מיט אַ וואונק.

גראָד דאַן האָט יעפים קאַרפּאָוויטש אַ קער געטאָן זיך צו זיי און אויפּ־געכאַפּט זייער שטומען איבעררעדן זיך... אַזוי גאָר?... ער איז מיט שווערע, מידע טריט צוגעגאַנגען צו דער אַרבע, האָט צעוואָרפן גלייך דעם שטרוי, האָט זיך אונטערגעבעט עטלעכע ליידיקע זעק פּאָר אַ צוקאָפּנס און צודעקנדיק זיך מיט זיין בגד, איינגעשלאָפן, ווי ער וואָלט גאַרניט דערשנאַפּט...

טאַטיאַנאַ האָט צוגענומען די פּאָר כלים, האָט זיי אויסגעוואַשן און איז

---

*) פּאַפּאַנע — אַזאַ קאָלדרע צוצודעקן אַ פערד.

אויף אָוועק צו זיך צום וואָגן. פריץ, ווידער, האָט זיך אַוועקגעשלעפּט היפּש ווייט פון וואָגן, אונטער דעם בוים.

אינמיטן דער נאַכט, ווי געשטויסן פון אַ מאָדנע כוח, האָט יעפים קאַר־פּאָוויטש זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום וואָגן, וואו טאַטיאַנאַ האָט געזאָלט שלאָפן. דער וואָגן איז געווען ליידיק. ווי ניט גלויבנדיק זיך אַליין, האָט יעפים קאַרפּאָוויטש גוט דורכגעטאַפּט דעם וואָגן מיט די הענט. איצט איז ביי אים שוין קיין ספק ניט געווען, אַז הינטער זיין פּלייצע האָלוביעט זיך טאַטיאַנאַ מיט פריצן. אַ ווילע איז ער געשטאַנען פאַרשטיינערט.

— אַך, פּאַסקודעס! — האָט ער בייז אַרויסגעשיפּעט, אויסגעשפּיגן. — וואַרט! איך וועל אייך באַווייזן. — ער האָט געכאַפּט די בייטש פון וואָגן און זיך געלאָזן צו פריצס געלעגער.

איינגעקלאַמערט אין פריצס אָרעמס איז געלעגן טאַטיאַנאַ. די ליידנשאַפט געזעטיקט, האָבן זיי ביידע געהאַלטן אין איינדרימלען.

— איז אַט וואָסערע פייגל איר זענט?!!! פּאַסקודעס!!! הור!!!

יעפים קאַרפּאָוויטש האָט אַרונטערגעריסן פון זיי דעם צודעק און גענומען פּאַסעווען מיט דער בייטש.

פריץ איז אויפגעשפּרונגען, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם ווילד־געוואָרענעם יעפים קאַרפּאָוויטש. ביידע האָבן זיך געשלאָגן בייז מיט די קולאַקעס. פריץ איז געווען יונג און פלינק. יעפים קאַרפּאָוויטש האָט זיך געשלאָגן מיט אַ בייזן אימפּעט. ביידע האָבן זיך צוזאַמענגעקנוילט, געפאַלן אויף דער ערד און ליגנדיק געבוכטשעט איינער דעם אַנדערן. דערנאָך, אַז ביידע זענען שוין געווען גוט צעשלאָגן, האָבן זיי זיך אָפּגעלאָזן. יעפים קאַר־פּאָוויטש האָט מיט אַמאָל אַרויסגעלאָזן אַ מאָדנע רעווען. עס איז געווען ענלעך צו דעם רעווען פון אַ טויט־פאַרוואונדעטן אָקס. פריץ איז געזעסן שטום. טאַטיאַנאַ האָט שטיל געוויינט, ניט געקענט די אויגן אויפהויבן.

יעפים קאַרפּאָוויטש האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעהויבן, אויפגעהערט צו רעווען און איז מיט וואַקלדיקע טריט אַוועק שפּאַנען דאָס פערד.

— אַך, דו אַלטער נאַר! — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט. — אונטער דיינע אויגן האָבן זיי זיך דאָ האָלוביעט און געהוליעט, הינטער דיין פּלייצע געלאַכט. און דו, אַלטער נאַר, האָסט אַלץ געטרוימט גרויס מאַכן יערעמענקאָס שטאָם. מיט אַ דייטש האָט זי מיין זון, איגנאַטן, פאַרראַטן. פאַרראַטן!!! די הור, די פּאַסקודע! וואַרט! איגנאַט וועט קומען, וועט ער זיך מיט איר אָפּ־רעכענען. פּאַסן לייב וועט ער פון איר לעבעדיקערהייט שינדן. אויסוואָרפן! הינט פאַרשיווע! — ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער פור און איז אַוועק־געפאָרן, אַפילו ניט אַ קוק צו טאָן אַהינטער.

פריץ איז צוגעגאַנגען צו טאַטיאַנאַן, האָט זי וואַרעם אַרומגענומען. זי האָט אַרויפגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און ווי אַ קליין, הילפלאָז קינד זיך צעכליפּעט. ביז אַהער האָט זי געלעבט מיט איר אינעווייניקסטער וועלט פון חלומות. איצט האָט זי דערזען די דרויסנדיקע וועלט אין איר ווירקלעכקייט. איצט האָט זי דערזען די אַלע געפאַרן און שוועריקייטן, וואָס שטייען איר פאָר. אַנגעפּילט מיט שרעק, האָט זי זיך געטוליעט צו פריצן.

פריץ האָט געשוויגן. וואָס האָט ער איר געקענט זאָגן? דער קלאַפּ איז געווען צו שטאַרק פאַר אים און צו פּלוצימדיק. ער איז געווען אינגאַנצן פאַר־ניכטעט. אַזוי זענען זיי ביידע געזעסן אָן טרייסט ביז גרויען פרימאָרגן. פריץ האָט ענדלעך זיך אויפגעהויבן.

— נו, גענוג, טאַטיאַנאַ! מיט געוויין וועסטו דאָ גאָרניט העלפן. ווי ניט איז וועט זיך עס איינאָרדענען. אַנדערע צייטן איצט. רעוואָלוציע. ניטאָ מער די אַלטע פאַראָנדקעס. ניטאָ אַזאַ געזעץ, ער זאָל דיך קענען פייניקן. האָסט פאַרשטאַנען? אַוועקגיין מוזן מיר פון דאַנען. ניט אַנדערש, דער אַלטער איז איצט געפאָרן נאָך די סטראַזשניקעס צו אַרעסטירן מיך און איבערגעבן צוריק צום לאַגער־קאָמענדאַנט. קום!

טאַטיאַנאַ האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. זי האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט אַזוי מיד, אַז זי האָט קיין גליד ניט געקענט רירן. זי האָט זיך צוזאַמענגעדרייט און געבליבן ליגן שטיל.

עס האָט אָנגעהויבן טאָגן. אין לייכטן נעפּל איז אויפגעגאַנגען די זון. די ערשטע זון־שטראַלן האָבן זיך געשפּילט מיט די טוי־טראָפּנס, האָבן אויפ־געוועקט די פייגעלעך, און יענע האָבן מיט פריילעכן צוויטשער זיך אַ לאָז געטאָן געפינען שפּייז פאַר די זי׳ען, וועלכע זענען געזעסן אויף אייערלעך. נאָר אויף יערעמענקאָס נחלה האָט מען ניט געאַרבעט, און קיינער האָט אויך ניט געזונגען. דער ביינאַכטיקער שטורעם האָט די מענטשן פאַרשטומט...

***

אויף צומאָרגנס האָט טאַטיאַנאַ צונויפגעפּאַקט אירע זאַכן און איז אַוועק פון יערעמענקאָס כוטאָר.

זי איז אַוועק צוריק אין שטעטל און ביי די גאָלדשטיינס האָט זי ווידער אַרבעט באַקומען.

די אַלטע גאָלדשטיין האָט גלייך באַמערקט, אַז טאַטיאַנאַ איז ניט די זעלביקע וואָס געווען. זי איז געווען פאַרטייעט אין זיך. אַליך געשראָקן זיך, אַז דער סוד אירער זאָל ניט אַנטדעקט ווערן. די אַרבעט אין שטוב האָט טאַטיאַנאַ געטאָן שטיל, שטענדיק פאַרטיפט אין זיך. די באַלעבאָסטע האָט

אויך באַמערקט ווי אויסערלעך האָט טאַטיאַנאַ געענדערט זיך. ניטאָ שוין מער דער אָפּענער, ליכטיקער בליק און ניטאָ שוין מער טאַטיאַנאַס רויטע באַקן. איצט זענען די באַקן געווען אָפּגעצערט און אַן אָפּגלאַנץ פון געלבלעכקייט האָט דאָ און דאָרט דורכגעשלאָגן. אונטער אירע אויגן זענען געווען שוואַרצע רינגען.

— וואָס איז מיט דיר, טאַטיאַנאַ? עפּעס ביזטו ניט מיט אַלעמען. אפשר קראַנק? — האָט די אַלטע באַלעבאָסטע איר איינמאָל געפרעגט.

טאַטיאַנאַ האָט זי אָנגעקוקט מיט שרעק, אַראָפּגעלאָזן די אויגן צו דער ערד, דערנאָך געטאָן אַ פאַל אויפן טאַפּטשאַן און זיך צעוויינט:

— אָך, באַלעבאָסטע טייערע, משפּט מיך ניט... אַ פאַרפאַלענע בין איך... אַ קינד אונטערן האַרצן טראָג איך...

די אַלטע גאָלדשטיין האָט באַרואיקנדיק געגלעט איר פּלייצע: „נו, נו, גענוג צו וויינען. אַלץ וועט זיך אויסלאָזן גוט.“

נאָר אַוועק פון קיך איז די גאָלדשטיין אַ צעטראָגענע. אַלץ מורא געהאַט אויסצוזאָגן איר מאַן. זי האָט געוואוסט: שלמה גאָלדשטיין וועט דאָס ניט וועלןליידן. עפּעס איז דאָך אין הויז דאָ אַ כלה־מויד. איר שלמה איז אין אַזעלכע זאַכן זייער שטרענג. האָט זי אָנגעהויבן צוגרייטן דעם מאַן צו די נייעס. אַפריער האָט זי אים דערציילט, אַז מען קען גאָר קיין דינסט אין הויז ניט קריגן. איצט, אַז עס פעלן אויס הענט אויף די פעלדער, איז פאַר איר פּשוט אַ מזל־זאַך, וואָס זי האָט אַריינגעקראָגן צוריק טאַטיאַנאַן. אין אַ וואָכן צוויי שפּעטער האָט זי אים דערציילט, אַז, לײַדער, וועט זי אינגיכן פאַרלירן איר דינסט. טאַטיאַנאַ שוואַנגערט. אָבער דערווייל איז גוט וואָס זי האָט זי כאַטש אויף אַ קורצער צייט. זי ווייס גאָרניט ווי זי וואָלט אָן איר געקענט אויסקומען.

אַז טאַטיאַנאַ האָט איינגעזען, אַז מען וועט זי ניט אַוועקשיקן, איז איר לייכטער געוואָרן. זי האָט זיך געהאַלטן מער אין קיך. זיך געשעמט צו ווייזן זיך מיט איר בייכל. אָבער דערנאָך, אַז דאָס קינד אין איר איז געוואַקסן און אָפּט געלאָזט פילן זיך, איז ביסלעכווייז געקומען אַ שטילע, שטאָלצע פרייד. און אין האַרצן האָבן האָפענונגען געשלאָגן: פריץ וועט קומען צו איר, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן. ער וועט זי אַוועקפירן ערגעץ אין אַ ווייט לאַנד, וואו קיינער קען זי ניט. וואו מענטשן לעבן גליקלעך און אָן זאָרגן.

אַזוי איז אַוועק דער זומער, אָסיען און ס׳איז שוין געוואָרן ווינטער, מיט פאַרקאָוועטע שנייען און פרעסט. איינמאָל, פאַרנאַכט, ווען טאַטיאַנאַ האָט פאַר־ענדיקט די שטוב־אַרבעט, האָט זי דערפילט געבורט־ווייען. זי איז אַוועק צו דער באַבע מאַטרענאַ, מיט וועלכער זי האָט זיך שוין פריער באַשטעלט. דאָרטן איז זי אָפּגעווען פיר וואָכן און איז צוריקגעקומען צו די גאָלדשטיינס מיט אַ

יינגעלע. זי איז געווען אָפּגעצערט, שוואַך, נאָר גליקלעך. דאָס קינד האָט געהאַט דער מאַמעס בלויע אויגן, אַ רונד ליכטיק פּנימל און האָט אויסגעפּילט איר גאַנצע וועלט. זי האָט אים גערופן אַנדרעי, נאָך איר פאָטער.

די ערשטע צייט האָט דאָס קינד געהאַלטן אין שלאָפן און האָט איר ניט געשטערט צו טאָן די אַרבעט אין שטוב. אָפט פלעגט טאַטיאַנאַ, אינמיטן דער אַרבעט, צוגיין צום שלאָפנדיקן עופּהלע און לאַנג שטיין און קוקן אויף אים.

אַז דאָס קינד איז גרעסער געוואָרן און געוואָלט האָבן מער אויפמערקזאַמקייט, האָט זי באַמערקט, אַז די באַלעבאָסטע ווערט אומצופרידן. דעמאָלט האָט זי באַשלאָסן אומצוקערן זיך צוריק אין דאָרף צו דער מומע אַגאַפּענאַ.

**
*

טאַטיאַנאַס טראַכטן איז איבערגעריסן געוואָרן. דאָס שלאָפנדיקע קינד האָט זיך געגנומען וועקן. עס האָט זיך, קענטיק, דערפילט אומבאַקוועם אין די איינגעשטייפטע וויקעלעך. טאַטיאַנאַ האָט פאַנאַנדערגעבונדן די וויקעלעך, האָט געררייניקט און געוואַשן דאָס עופּהלע. מיט ליבשאַפט האָבן אירע אויגן געלויכטן און זי האָט גערעדט צו אים נאַרישע, קינדעריש־מאַמעשע רייד. דאָס קינד האָט זיך אָבער פון די רייד ניט באַרואיקט. ס'איז געווען הונגעריק און אָנגעהויבן צו וויינען. טאַטיאַנאַ האָט אים געגעבן די ברוסט און ער האָט זיך מיט גיריקייט צוגעכאַפּט צו דעם.

די לעצטע פאַסן זון האָבן זיך אין פענצטער געריסן און באַלויכטן אַ לאַנגן זייל פון שטויב. אַ צופרידענע מיט דעם טאָג פון אָפּגעטאָענער אַרבעט, אַ רואיקע, איז אין שטוב אַריין די מומע אַגאַפּענאַ, טראָגנדיק גרינסן פון גאָרטן. אַגאַפּענאַ איז צוגעגאַנגען צום עופּהלע און האָט עס גענומען אויף די הענט. אַ ווײַלע איז זי אַזוי געשטאַנען וויגנדיק דאָס עופּהלע אין אירע הענט. איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס האַלט זי די קליינע טאַטיאַנאַ אין אירע הענט. די וועלט, ווי די ערד, מאַכט איר שטענדיקן אַרומקרייז. אָט פאַרגייט איצט די זון. די לעצטע שטראַלן זענען פאַרשוואונדן און דער באַלויכטענער זייל שטויב האָט זיך אויסגעלאָשן. מען דאַרף גיין עסן אָונטברויט און דערנאָך רוען. מאָרגן אָבער וועט די זון זיך ווידער באַווייזן.

קאַפּיטל דריי

טאַטיאַנאַ האָט ניט געגומען לאַנג זיך אַרומצוקוקן און איינצוזען, אַז דער מומעס באַלעבאַטישקייט איז אין אַ שלעכטן צושטאַנד. אַלץ איז, נאָך דעם פּעטער יעגאָר וואַסיליעוויטשעס טויט, געווען אָפּגעלאָזן. טאַטיאַנאַ האָט זיך געוואונדערט ווי אַזוי האָט עס די מומע אַגאַפּענאַ אינגאַנצן געקענט אַנהאַלטן די באַלעבאַטישקייט און אויסקומען מיט חיונה.

נאָך דעמאָלט, ווען דער פּעטער יעגאָר האָט געלעבט, איז זייער הויף פאַר־רעכנט געווען צווישן די אָרעמסטע אין דאָרף. איצטער האָבן זיי פאַרמאָגט אַנדערטהאַלבן דעסיאַטין ערד. פונדעסטוועגן פלעגט זיך יעגאָר וואַסיליעוויטש ווי עס איז דורכשלאָגן מיט חיונה. ער פלעגט אָפט אָפּפירן אַ וואָגן האָלץ צו פאַרקויפן אין שטעטל. פלעגט זיך אָנדינגען מיטן פערד צו טראַנספּאָרטירן טאַבאַק, אָדער ער פלעגט אַרבעטן אין אַן אַרטעל פון שטרוי־פּרעסער אין דעם דערבייאיקן שטעטל. נאָך יעגאָרס טויט האָט אַגאַפּענאַ פאַרקויפט דאָס פערד. איצט האָט זי געמוזט אָנקומען צו מענטשן, זיי זאָלן איר העלפן פאַראַקערן איר שטיקל ערד. זי פלעגט די טובה אָפּצאָלן מיט אַרבעט און אַזוי האָט זי, ווי עס איז, אָנגעהאַלטן די באַלעבאַטישקייט. נאָר די כאַטע, די שטאַלן, די פאַרקאַנעס, די דעכער, אַלץ, אַלץ איז געווען צעפאַרן, אָפּגעלאָזן.

די פויערים, פאַרבייגייענדיק אַגאַפּענאַס הויף, פלעגן שאָקלען מיט די קעפּ: „עך, אַ רחמנות צוצוזען, ווי ס׳ווערט אַ תל פון דער באַלעבאַטישקייט. ס׳פעלט אַ באַלעבאָס.“

טאַטיאַנאַ האָט זיך איצט אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט אַלץ צורעכט צו מאַכן. ווען די שכנים האָבן דערזען, ווי טאַטיאַנאַ איז אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך מיט אַ ביגטל שטרוי און געניט פאַרריכט די לעכער, האָבן זיי מיט פאַר־וואונדערונג געזאָגט:

— אָט אַ שד, אַ באַבע! דריי מענער וועט זי הינטערן גאַרטל פאַרשטעקן!

אויף די פּריזבעס זענען די רייד אַרום טאַטיאַנאַן אַלץ מער און מער אַריינ־געצויגן געוואָרן אין די ווייבערישע געשפּרעכן. מער פאַר אַלעמען האָט זיך געהיצט די קורצע, רויט־פּנימדיקע אַניסיע:

— און איך זאָג אייך, אַז דאָס קינד, דאָס האָט זי פון אים, פון דעם אַלטן... מאַרינאַ האָט דאָך אַ צייט אַ לאַנגע געקרענקט. און דאָ, טאַטיאַנאַ — אַזאַ

פּאַרשוין. נו, די מענער, איר קענט דאָך זיי. אַ צוויג — און זיי וועלן באַלד אָנהויבן באַכלויפן. און דאָ, אונטער איין דאַך, זי און ער, ווי ווייט איז צו זינד?...

אָן אַנדערע האָט איבערגעשלאָגן די רייד.

— און איך האָב עפּעס אַנדערש געהערט. יעפים קאַרפּאָוויטש, ער איז דאָך אַ גיריקער. קיין אַרבעטער ניט געווען. אונדזערן אַ פּויער דאַרף מען צו טייער צאָלן. האָט ער זיך אָן אומזיסטן אַרבעטער גענומען, אַ פּליעניק. נו, אָט . . .

— אָט דאָס איז עס, מײַנע טײַערע. אַנדערש וואָלט זי ניט פאַרלאָזן אַזאַ וואוילטאָג און אָוועק צוריק צו דער מומען.

און די נײַגעריקע שכנים האָבן גענומען אָפּט אַרײַנקומען אין כאַטע, כלומרשט נאָך קלייניקייטן. מיט אַרויפגעצויגענער זיסקייט האָבן זיי באַגריסט טאַטיאַנאַן:

— אַך, טאַטיאַנאַ! ווי לעבט זיך? וואָס הערסטו פון איגנאַט יעפימאָ־וויטשן? שוין לאַנג געווען אויף אורלויב? זע נאָר, זע, דאָס קינד איז ווי צוויי טראָפּנס געראָטן אין טאַטן...

טאַטיאַנאַ פלעגט פון די רייד רויט ווערן און אָפּט אַראָפּלאָזן די אויגן, נאָר נאָך מער פלעגן די רייד שווער מאַכן אַגאַפּענאַס געמיט און אַרויסרופן בײַ איר צאָרן. זי פלעגט אָן אויפגעקאָכטע ווערן:

— גאָטס סטראַפּטשעס! ס'ניט געזען?! די קורנאָסע אַניסיע — אַ הייליקע, ווײַ געשריגן! מיט יעדן פאַרבײַגייער פלעגט זי זיך דאָך וואַלגערן אין די קוסטעס. און די ריאַבע מאַטרענאַ — אַלע הייליקע. געהערט אַ ביסל!

— נו, זאָלן זיי רעדן! — פלעגט טאַטיאַנאַ באַרואיקן די מומע אַגאַפּענאַ.

די מומע פלעגט אַנטשוויגן ווערן, פלעגט אָבער אַרומגיין שוואַרץ ווי די ערד און אויסמײַדן צו קוקן טאַטיאַנאַן אין די אויגן.

נאָר טאַטיאַנאַ האָט זיך מיט מער אײַפער אַרײַנגעוואָרפן אין דער באַלע־באַטישקייט. פאַרריכט דעם פאַרקאַן, פאַרלאַטעט די לעכער אין שטאַל, גע־האָלפן די מומע אַגאַפּענאַ אין שטוב און אין גאָרטן. איר איז עס אין לעבן געגאַנגען צו באַווײַזן אַגאַפּענאַן, און זיך אַליין, אַז אַפילו אָן מאַנסבילשע הענט קען מען די באַלעבאַטישקייט אויך אויפלעבן.

אַגאַפּענאַ איז געווען צופרידן און אָפט געדאַנקט גאָט, וואָס, אין אירע אַלטע טעג, איז זי ניט אַליין. די אַלטע האָט זיך אַלץ מער אָפּגעגעבן מיטן עופהלע און זיך צו אים צוגעבונדן.

עס איז אָנגעקומען די הייסע צײַט פון אַראָפּנעמען די גערעטעניש פון די פעלדער. טאַטיאַנאַ איז שנעל פאַרטיק געוואָרן מיט זייער קליינעם פעלד און זיך אָנגעדונגען אַרבעטן בײַם יוסטן באַלעבאָס פון דאָרף, אַקים טראָפימאָוו.

אַקים טראָפּימאָוויטש בחלה האָט זיך געפונען ווייט פון דאָרף. מען האָט איינגעשפּאַנט די צווי פערד, גענומען כאַרטש אויף עטלעכע טעג און די גאַנצע משפּחה — טראָפּימאָוו, זיין ווייב גלאַשאַ, די שנור קאַטיאַ, דאָס קליינע אייניקל סאַשאַ, און מיט זיי טאַטיאַנאַ — זענען אַרויסגעפאָרן אין פעלד.

ס'האָט זיך איינגעשטעלט אַ גוט וועטער. לויטערע פרימאָרגנס האָבן פריי געוועקט צו דער אַרבעט. דערנאָך האָט די זון געברייט מיט גליאיקע שטראַלן. מען האָט זיך באַגאָסן מיט שוויס, געווישט דעם שוויס מיט פּאַר־שטויבטע הענט און געאַרבעט אָן אַן אָפּשטעל. פאַרנאַכט געגעסן אין פרייען פעלד אָוונטברויט, געגעכטיקט אין פעלד און זיך ווידער געשטעלט אַרבעטן.

אויפן צווייטן טאָג, אינמיטן שניידן, ווען די זון איז געווען איבערן קאָפּ, איז גלאַשאַ מיט אַמאָל אַנידערגעפאַלן און געחלשט.

מען האָט זי דערמינטערט. זי האָט זיך געבעטן, מען זאָל זי אַוועקלייגן אין שאָטן.

— ס'וועט באַלד אַריבער. לאָזט מיר נאָר אַ ביסל ליגן, רוען, — האָט זי באַרואיקט די שנור און איר מאַן.

מען האָט זי אָפּגעטראָגן אַ ביסל ווייטער און אַוועקגעלייגט אונטער אַ בוים. עס איז איר אָבער ניט בעסער געוואָרן. אַקים טראָפּימאָוו האָט דאַן איינגעשפּאַנט פערד־און־וואָגן און געהייסן די שנור אָפּצופירן גלאַשאַן אַהיים. אַליין איז ער פאַרבליבן אין פעלד מיט טאַטיאַנאַן צו פאַרענדיקן דעם שניט.

פאַרנאַכט האָט טאַטיאַנאַ געמאַכט אַ פייער, אָפּגעקאָכט קאַרטאָפל, אויס־געשפּרייט אַ טיכל אויפן גראָז און אַוועקגעשטעלט דאָס עסן. די הייסע קאַר־טאָפל האָט זי אויסגעשאָטן אין אַ שיסל. צעשניטן עטלעכע פרישע אוגערקעס און אַוועקגעשטעלט זויערמילך. טאַטיאַנאַ און אַקים טראָפּימאָוו האָבן שווייגנ־דיק געגעסן דעם אָוונטברויט.

ביי אַקים טראָפּימאָוון האָט די נאָענטקייט פון טאַטיאַנאַן געוועקט זינדיקע געדאַנקען. שוין דעם צווייטן טאָג ווי זיינע אויגן עסן ממש אויף טאַטיאַנאַס ווייבלעכן קערפּער. אַ „סאָלדאַטקע" איז זי. מסתמא געגנוג זיך אַנגעלאָפן מיט מענער, ביז זי האָט אַ קינד געבראַכט צו דער מומע אַגאַפעגאַ. ער טאַפּט זי נאָך אַ מאָל אַרום מיט די אויגן. אירע ליפּן, עטוואָס אויפגעבלאָזענע, פרישע, אַרויספאָדערנדיקע. נאָר דער בליק פון די אויגן — אַ רואיקער, אַ לויטערער. ניט געווען קיין פאַרשייטקייט אין איר גאַנצער האַלטונג. זי מאַכט בלויז דעם אָנשטעל פון אַ צנועה, האָט ער ביי זיך געטראַכט און איז נאָך מער אומרואיק געוואָרן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט אָן אַ זייט, אַרויס־גענומען דאָס מאַכאָרקע־זעקעלע, דאָס פּאַפּיר און פאַרדרייט אַ ציגאַרקע.

טאַטיאַנאַ האָט צוזאַמענגענומען דאָס געשיר און איז אַוועקגעגאַנגען צום קליינעם טייכל.

אַקים טראָפימאָוו האָט נאָכגעפאָלגט יעדן טראָט אירן. געזען ווי זי שטייט געבויגן ביים וואַסער און וואַשט די טעפּלעך. דערביי איז דאָס קלייד פון הינטן געווען אַרויפגעהויבן און האָט אַנטבלויזט אירע ווייסע, געזונטע ליטקעס...

אַקים טראָפימאָוו איז מיט קעצישע טריט צוגעגאַנגען צו איר פון הינטן. זי האָט אָבער דערזען דעם שאָטן אויפן וואַסער און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּנים. ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע געזונטע הענט און צוגעדריקט זיין פּנים צו אירן. זי האָט דערפילט די שטעכיקע באָרד און דעם פוילן אָטעם פון זיין מויל. זי האָט אים מיט כּוח אַ שטויס געטאָן פון זיך.

— ווי שעמט איר זיך ניט, אַקים אַנטאָנאָוויטש!!!...

נאָר ער איז באַלד ווידער געווען לעבן איר. האָט זי ווידער אָנגעכאַפּט און איינגעקלאַמערט אין זיינע פעסטע אָרעמס. האָט זיך אַ וואַלגער געטאָן אויפן גראָז און זי מיטגעצויגן.

— אַקים אַנטאָנאָוויטש, איך בעט אייך, לאָזט אָפּ!

ער האָט זי ניט אָפּגעלאָזן. זיינע אויגן, עטוואָס צוגעשלאָסן, האָבן דורכן שפּאַלט פון די אויגנדעקלעך געגעסן זי מיט גיריקער תּאווה. זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט: „מאַך זיך ניט נאַריש, טאַטיאַנאַ אַנדרעיעוונאַ. צי דען בין איך ערגער פון אַן אַנדערן?"

טאַטיאַנאַ האָט זיך געבעטן מיט טרערן אין האַלדז: „ניטע, זשע, אַקים אַנטאָנאָוויטש... ניט גוט טוט איר. איך בעט, לאָזט מיך אָפּ!"

— שווייג, נאַרישע! כ'וועל ניט אָפּלאָזן. וועסט זיך לאָזן, וועל איך דיר אַ דרייערל געבן, און שאַ, שטיל...

זי האָט דערפילט אויף זיך די גאַנצע שווערקייט פון זיין קערפּער. זיינע לאַפּעס זענען אַרומגעקראָכן איבער אירע גלידער, האָבן אָפּגעדעקט איר לייב. זי האָט דערפילט אויף זיך זיין הייסן אָטעם. פון זיין מויל האָט געשלאָגן מיט טוכלען גערוך. אַ מאָדנע איבלקייט האָט זי אַרומגעכאַפּט און זי האָט אויפגעהערט צו קעמפן קעגן אים. ער האָט שוין געמיינט, אַז זי וועט אים לאָזן טאָן מיט זיך, וואָס זיין האַרץ גלוסט און ער האָט לויז געמאַכט זיין אָנהאַלט אָן איר.

מיט די לעצטע כּוחות האָט זי זיך אַ דריי געטאָן פון אונטער אים, איז אויפגעשפּרונגען און זיך געלאָזן לויפן וואוהין די אויגן האָבן געטראָגן.

דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי אויגנבליק־שנעל, אַז טראָפימאָוו איז צו זיך ניט געקומען. מיט אָנגעגאָסענע תּאווה־אויגן איז ער אויפגעשפּרונגען און איז

גרייט געווען נאָכלויפן נאָך טאַטיאַנאַן. נאָר זי איז שוין געווען ווייט. ער האָט צורעכט געמאַכט די הויזן און געשריען צו איר:

— טאַטיאַנאַ אַנדרעיעוונאַ! טאַטיאַנאַ אַנדרעיעוונאַ! איך האָב בלויז אַ שטיף געטאָן. בלויז אויף אַ שפּאַס. קערט זיך אום צוריק.

טאַטיאַנאַ האָט זיך ניט אומגעקערט צו אים. זי איז געלאָפן אָן אַן אָפּשטעל, ביז עס האָט איר פֿאַרפֿעלט אָטעם. ווען זי איז זיכער געווען, אַז טראָפימאָוו יאָגט זי ניט נאָך, איז זי אַנידערגעפֿאַלן אויפֿן גראָז אַן אויסגעשעפּטע. ביטער האָט זי געוויינט און געשאָלטן די מענטשן פֿון דאָרף. וואָס ווילן זיי פֿון איר? פֿייניקער! יעדערער קוקט אויף איר ווי אויף אַ זינדיקער. גאָט אין הימל, קעגן וואָס האָב איך געזינדיקט?... און זי האָט ביטער געוויינט. און די נאַכט האָט געהערט איר געוויין, און די ערד האָט איינגעזאַפּט אירע טרערן. נאָר קיין דערלייכטערונג איז ניט געקומען. אַן אויסגעמאַטערטע און בלייכע, מיט רויטע געשוואָלענע אויגן, איז זי פֿאַרטאָג אַריינגעפֿאַלן אין כאַטע.

אַגאַפּענאַ האָט זיך אויף טויט דערשראָקן.

— גאָט מיינער, וואָס איז געשען? טאַטיאַנאַ? זע נאָר וואָס פֿאַר אַ פּנים דו האָסט, טאַטיאַנאַ. אפשר ביזטו ניט געזונט? — און די מומע אַגאַפּענאַ האָט געטאַפּט איר שטערן.

טאַטיאַנאַ האָט זיך אַ וואַלגער געטאָן אויפֿן בעט און ערשט איצט פריי־געלאָזן די טרערן. אַזוי איז זי לאַנג געלעגן. איר געוויין, פֿון אַנהויב אַ שלוכצן, איז דערנאָך אַריבער אין אַ שטילן שניידנדיקן קלאָגן. די מומע אַגאַפּענאַ איז ניט אָפּגעטראָטן פֿון איר, איז געשטאַנען איבער איר און געגלעט אירע האָר. טאַטיאַנאַ האָט מיט אַמאָל אויפגעהויבן איר פֿאַרוויינט פּנים.

— מומע אַגאַפּענאַ!...

— נו, נו, באַרואיק זיך.

— מומע אַגאַפּענאַ, לאָמיר אַוועק פֿון דאַנען...

אַגאַפּענאַ האָט אָנגעקוקט טאַטיאַנאַן מיט אַ לאַנגן בליק. זי האָט ניט געענטפֿערט, נאָר אירע אויגן האָבן, דאַכט זיך, גערעדט: „ביזט ביים זינען?"

— לאָמיר אַוועק פֿון דאַנען אין שטאָט. זאָל עס פֿאַרשאָלטן זיין, אונדזער דאָרף. דאָ קאָן מען אויפֿפרעסן אַ מענטשן אַ לעבעדיקן...

— וואָס רעדסטו, טאַטיאַנאַ? און די באַלעבאַטישקייט?...

— און וואָס האָסטו, מומעלע, פֿון דער באַלעבאַטישקייט? אַ גאַנץ לעבן שלאָגסטו זיך פֿאַר אַ שטיקל ברויט.

— נו, דאָס איז דאָך אַלץ געווען, ווייל מיר האָבן ווייניק ערד. און איצט, רעדט מען דאָך, וועט מען די פּריצישע ערד צעטיילן. אַ גאַנץ לעבן געחלומט

וועגן אַ גרעסער פעלד, איז איצט וועל איך נעמען און אָוועקפאָרן?

— און אַז דו וועסט שוין קריגן נאָך ערד, מיט וואָס וועסטו דאָס באַ־אַרבעטן? אָן אַ פערד, אָן אַקער־אייזן!

— פונדעסטוועגן. דאָ בין איך פאָרט אין אייגענער באַלעבאַטישקייט. און אין שטאָט וואָס וועל איך זיין? ווער קען מיך דאָרטן? ווער וועט זיך אומקוקן אויף מיר?

— נו, וואָס האָסטו פון דיין אייגענער באַלעבאַטישקייט? שטענדיק בוקן זיך צו גוטע מענטשן, מען זאָל דיך העלפן; פּראַצעווען פון אינדערפרי ביז שפּעט; און ווען עס קומט דער סוף־ווינטער מוזטו גיין לייען ברויט ביז דער נייער גערעטעניש; ניט האָבן קיין גאַנצן בגד אויפן לייב, פרירן ווינטער אין קאַלטער שטוב.

— נו, נו! גענוג! רעד ניט קיין נאַרישקייטן. אין ערגעץ וועל איך ניט פאָרן. דאָ בין איך געבאָרן געוואָרן, דאָ אַ לעבן אָפּגעלעבט, דאָ וועל איך שוין שטאַרבן. אויף איין בית־עולם מיט יעגאָר וואַסיליעוויטשן...

— צו פרי, מומע, צו רעדן וועגן טויט. אפשר הויבט זיך אָן אַ בעסער לעבן פאַר אונדזער האָרעפּאַשנעם מענטש. אַ נייע צייט, אַן אַנדערע. אַנדריוש־קאָ וועט אויפוואַקסן — וואָס קען איך אים דאָ געבן? די זעלבע נויט. אָן אויסזיכט, אָן אַ דורכליכט. די זעלבע פּראַצע. פאַראַן אַן אַנדער לעבן — אַ בעסער לעבן. אַ לעבן, וואָס איז פאַר אונדז, אומוויסנדיקע פּויערים, ניט באַשערט געווען.

טאַטיאַנאַ האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און ווייטער אָנגעהויבן:

— מילא, מיין לעבן, שוין אַ פאַרפאַלנס! נאָר צוליב אים, צוליב אַנדריוש־קאָן און זיין צוקונפט, וויל איך זיך פון דאַנען אַרויסרייסן. מומעלע, טייערע, לאָמיר זיך אין שטאָט אַריבערקלייבן. אינאיינעם וועלן מיר דאָרטן זיין. איך וועל גיין אויף טאָג־אַרבעט: וואַשן דילן, רייניקן. איך וועל ביי די רייכע באַלע־באַטעס נעמען גרעט צו וואַשן. איך בין שטאַרק ווי אַ פּויער. קיין זאָך וועט ניט זיין שווער פאַר מיר, אַבי אים, אַנדריושקאָן, צווישן מענטשן אַרויספירן...

— נו, דו, אויב דו ווילסט, גיי אין שטאָט. אַנדריושקאָן לאָז איבער דאָ. איך וועל אויף אים אַכטונג געבן.

טאַטיאַנאַ האָט אַריינגעקוקט אין אַגאַפּעגאַס אויגן. אין זיי איז געווען די פּויערשע עקשנות צו האַלטן זיך ביי דעם אייגענעם שטיקל ערד, ביי דער אייגענער כאַטע, די מורא פאַר דער פרעמדער שטאָט.

***

די לעצטע זומערדיקע טעג האָבן געהאַלטן אין אָפּגיין. טאַטיאַנאַ האָט שוין

אויסגעגראָבן די קאַרטאָפּל, האָט שוין אַראָפּגעשניטן דאָס קרויט און אַריינגע־
נומען אין קעלער. איצט האָט זי פאַרריכט די שטוב, פאַרשמירט מיט ליים די
לעכער און אָפּגעקאַלכט ווייס די גאַנצע כאַטע.

ביידע, זי און די מומע, האָבן איצט געוואויגן און געמאָסטן זייער געזעטע־
ניש, צי עס וועט סטאַיען אויפן גאַנצן ווינטער ברויט, קאַרטאָפּל? צי עס וועט
סטאַיען היי פאַר דער בהמה?

— מיטן עסן וועט מען ווי עס איז דורכקומען. אָבער וואָס טוט מען מיט
אַ ווינטער־מאַנטל? אַנומלטן האָט מאַטרענאַ געוואָלט פאַרקויפן איר אַלטנס
פעלץ. זי האָט געוואָלט פינף און צוואַנציק רובל. באַטראַכט נאָר: פינף און
צוואַנציק רובל פאַר אַן אַלטן פעלץ! און וואָס טוט מען מיט שיך? דו דאַרפסט
דאָך אויך אַ פאָר שיך.

טאַטיאַנאַ האָט זי באַרואיקט.

— אַז עס וועט אויסקומען, וועל איך גיין דינען. כאָטשבי צום קולאַק,
יעוודאָקימאָוו. מען זאָגט, ער זוכט אַן אַרבעטערין.

— נו, דאָס רעדסטו צו דער זאַך. יעוודאָקימאָוו איז אַ פויער אַ באַלע־
באַטישער, וועט ניט באַעוולהן.

— גוט. כ׳וועל גיין אויסגעפינען.

טאַטיאַנאַ האָט זיך טאַקע אָנגעדונגען צו יעוודאָקימאָוון. זי האָט געאַרבעט
אין שטוב, אין הויף אַרום די בהמות און האָט אפילו אַרויסגעהאָלפן אין קראָם.
זי איז געווען צופרידן, וואָס זי קאָן זיך זען אָפט מיט דער מומען און מיט איר
יינגל, אַנדריושקאַ, און וואָס זי קען העלפן דער מומען מיט איר מאָגערן געהאַלט.

איינע, די אַלטע יעוודאָקימאָווא, איז געווען אָנגעשפּיצט אויף איר. זי האָט
געהאַלטן אַן אויג אויף טאַטיאַנאַן, צי זי וואַרפט ניט קיין אייגעלעך צו איר מאַן.

דער אַלטער יעוודאָקימאָוו איז אינגאַנצן געווען אַריינגעטאָן אין דער
באַלעבאַטישקייט און האָט זיך אויף טאַטיאַנאַן ווייניק אומגעקוקט.

דערפאַר אָבער האָט זיין בענאָק, דער זיבעצן־יאָריקער סאַשאַ, געוואָרפן אַן
אויג אויף איר.

אַ הויכער, אַ דאַרער כאַרט, האָט סאַשאַ צו קאַרגע זיבעצן יאָר שוין
געיאָגט זיך נאָך מוידן. דערזען טאַטיאַנאַן ביי זיי אין שטוב, האָט ער גענומען
צושטיין צו איר. פלעגט שטילערהייט, ווען קיינער איז ניט געווען אַרום,
זי אַרומנעמען, אַריינכאַפּן אַ קוש און זיך פלינק אָפּרוקן. טאַטיאַנאַ האָט גע־
קוקט אויף דעם ווי אויף אַ קינדערישער שקאָצעריי און האָט זיך ווייניק
ווידערגעשטעלט. זי האָט געקוקט אויף זיין אויסגעצויגענעם פּנים מיט קוים־
באַמערקבאַרן אַנוואוקס פון בלאָנדע וואָנצעס איבער די ליפּן און געטראַכט:
„זאָל זיך דאָס קינד שפּילן.“

אָבער סאַשאַ איז געווען חוצפּהדיק זיכער אין זיך, און איין נאַכט איז ער געקומען צו איר אין קיך אין זיין אונטערוועש און אַן שאלות אַריינגעקראָכן צו איר אין בעט.

טאַטיאַנאַ האָט שטרענג צו אים גערעדט: „גיי אַוועק! גיי אַוועק, סאַשאַ!"

און ווען סאַשאַ האָט זיך ניט צוגעהערט און ניט אויפגעהערט צו קריכן צו איר, האָט זי, אַן צערעמאָניעס, אים אָנגענומען מיט אירע געזונטע הענט און אים אַרויסגעוואָרפן פון בעט.

ער האָט בייז אַרויסגעשיפּעט: „וואַרט! וואַרט, צויג! אַ פרעמדער, אַ פליענביק איז גוט גענוג פאַר דיר, און אַן אייגענעם, אַן אונדזעריקן לאָזטו ניט צו! הור; שליוכע!"

ער האָט אַ וואָרף געטאָן די שמוציקע ווערטער און איז פאַרשוואונדן. זי איז געבליבן זיצן אויפן בעט איינגעקנאָדערט, ווי עמעצער וואָלט איר מיט אַ בייטש אַ שאַרפן שנייד געטאָן. אַלץ אין איר האָט געוויינט פון דעם בזיון, פון די מענטשן אַרום. זי האָט געטראַכט: די פויערישע בויט איז שרעקלעך, אָבער ערגער נאָך זענען די מענטשן אַרום. דאָ, אין דאָרף, וועלן די מענטשן ניט פאַרגעסן און ניט פאַרגעבן. פאַר זיי אַלעמען איז זי, טאַטיאַנאַ, געווען די געפאַלענע סאָלדאַטקע. זי מוז אַוועק פון דאָרף.

אין אַ וואָך אַרום איז זי אַוועק אין שטעטל

קאַפּיטל פיר

דאָס שטעטל, וואוהין טאַטיאַנאַ איז איצט צוריקגעקומען, איז ניט געווען דאָס זעלבע וואָס אַמאָל. אַלץ האָט זיך דאָ, פאַר דער קורצער צייט, געביטן.

שוין זומער, ווען זי האָט פאַרלאָזן דאָס שטעטל אומצוקערן זיך אין דאָרף, האָט דאָס שטעטל אויסגעזען ווי אַ פאַראַרעמטע גבירטע. די יוסטע הויפן און די גאַניקעס זענען געשטאַנען אָפּגעלאָזן און ניט געפאַרבט. די קראָמען, וואָס אין די אַלטע צייטן פלעגן די פּאָליצעס זיין אָנגעלאָדן מיט סחורה, זענען שוין געווען האַלב־ליידיק. אומעטיק זענען די קרעמער געשטאַנען אין די טירן און אַרויסגעקוקט נאָך אַ קונה. די פּרנסה איז געווען געשלאָגן. געררוישט האָט בלויז אין די וואַרשטאַטן פון מענער־ און פרויען־קליידער. קיין נייע בגדים האָט מען זיך ניט געניית, דערפאַר אָבער איז שטאַרק אַריין אין דער מאָדע איבערניצעווען זיך אַלטע בגדים.

אויפן מאַרק האָט זיך איצט, אין טעג פון איבערקערעניש און איבער־בראָך, באַוויזן אַ נייער סאָרט קרעמער. אַ קרעמער, וואָס זיין גאַנץ פאַרמעגן פלעגט ער אויסלייגן אויף אַ טישל אונטערן פרייען הימל. אין מאַרק האָבן זיך געדרייט יוסטע באַלעבאַטים, וואָס האָבן זייער לעצט פאַרמעגן געטראָגן אונטער דער פּאָלע און, פאַרזיכטיק אַרומקוקנדיק זיך, צי עס זעט זיי ניט אַ באַקאַנט פּנים, פלעגן זיי דאָס לעצטע אויסבייטן אויף ברויט.

ווען טאַטיאַנאַ איז אין דעם אָסיענדיקן פרימאָרגן אָנגעקומען אין שטעטל צו מאַכן זיך דאָרט אַ היים, האָט דאָס שטעטל אויסגעקוקט ווי אַ גרויסער דאָרף. ערגעץ־וואו זענען פאַרשוואונדן די פאַרקאַנעס, וועלכע האָבן געהאַלטן געבונדן די הייזער אין לאַנגע גלייכע גאַסן. דער פאַרשוואונדענער סדר פון גאַסן האָט צוגענומען די אָנדערשקייט פון שטעטל. עס האָט אויסגעקוקט ווי עמעצער וואָלט פון אויבן אַראָפּגעוואָרפן אַ גרויסע זשמעניע הייזער און זיי זענען געבליבן שטעקן אָן אַ סדר אין דער בלאָטע...

נאָך אומעטיקער האָבן אויסגעקוקט די הייזער, וואו מען האָט צענומען די פאַראַדנע גאַניקעס. אויך זיי, די גאַניקעס, ווי די פאַרקאַנעס, האָט מען צענומען אויף האָלץ, צו דערהאַלטן זיך אין וואַרעמקייט ביז איבערן ווינטער.

די היי־ און שטרוי־פּרעסיר־זאַוואָדן, וואָס פלעגן צו יענער צייט אין אָסיען שוין שטיין גרייט פאַר דעם אָנהויב ווינטער, זענען איצט געווען צוגעשלאָסן.

קיינער האָט ניט דערוואַרט מער די קאַראַוואַנען שליטנס, הויך־אָנגעלאָדענע מיט שטרוי און היי.

דער גאַנצער איינגעשטעלטער סדר פון לעבן אין שטעטל האָט זיך געענדערט. אַלץ צו וואָס דאָס שטעטל האָט איצט אַרויסגעקוקט איז געווען, ווי צו דערטאַפּן אַ פֿויער, וואָס האָט צו פאַרקויפן אַ זעקל מעל, אַ זעקל קאַרטאָפל, אַ ביסל גריץ, אָדער אַ בינטל היי, כדי צו דערהאַלטן די קו, די הויפּט־שפּייזערין פון דער משפּחה.

די אַלטע יוסטע באַלעבאַטים און סוחרים, געוואוינט צו דעם אַלטן שטייגער פון טאָן געשעפט, זענען איצט אינגאַנצן אַרויסגעשלאָגן געוואָרן פון זייער פּרנסה. זיי האָבן געהאַלטן אין פאַרקויפן חפצים פון שטוב. אַפּריער האָט מען פאַרקויפט די וויינ־קער־בויטיקע זאַכן, דערנאָך די דרשה־געשאַנק, די צירונג און דערנאָך האָט מען גענומען פאַרקויפן אַן איבעריקן בגד, ביז אויך דאָס האָט זיך אויסגעלאָזן און מען האָט שוין פאַרקויפט אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט, אַבי ווי ניט איז איבערוואַרטן די שלעכטע צייט. ווי לאַנג קען עס אָנהאַלטן? אַ פּאָר חדשים, אַ האַלב יאָר, העכסטנס אַ יאָר. די וועלט קען דאָך אַזוי ניט אָנגיין.

עס איז אָבער אויסגעוואַקסן אַ נייער סאָרט סוחרים, וואָס האָט זיך געקענט צופּאַסן צו דער נייער לאַגע. דאָס זענען געווען יונגע און פּיפּיקע בחורימלעך, וואָס האָבן געקענט אַריינשפּאַרן זיך אין אַן איבערגעפּאַקטן וואַגאָן; בחורים, וואָס האָבן געקענט אויף די פּלייצעס שלעפּן אַ זאַק סחורה; וואָס האָבן זיך געלאָזן אַליין אין די דערפער, פּלעגן איינקויפן ביים פּויער פּראָדוקטן און דאָס געפירט צו די גרויסע שטעט. מען האָט זיי גערופן: „זעקלער״.

די גרויסע אויסגעהונגערטע שטעט האָבן געצאָלט הויכע פּרייזן פאַר אַלץ. און פון דאָרטן האָבן די נייע סוחרים געבראַכט פּאַפּיראָסן, קעראָסין, סאַכאַרין, גאַלאַנטעריי און אַנדערע זאַכן, וואָס דער פּויער אין דאָרף און די מענטשן אין שטעטל פּלעגן עס גיריק כאַפּן.

דאָס איז געווען דאָס ניי־אויפגעקומענע סוחרימטום, וואָס האָט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די „געוועזענע״.

דאָס שטעטל האָט געהאַלטן אין איינדאַרן. דער פּויער האָט געוואוסט: ער וועט דאָרט גאָרניט קריגן פאַר זיין ווייץ, קאָרן, שטרוי און האָבער, איז ער אין שטעטל ניט געפאָרן. זענען די קרעמער פון די אויסגעליידיקטע קראָמען אַרומגעגאַנגען פאַרלאָרענע און פאַרזאָרגטע.

נאָר ביסלעכווייז האָבן די מענטשן אין שטעטל גענומען צופּאַסן זיך צו דער לאַגע. נייע קוואַלן פון פּרנסה האָבן זיך געעפנט: ציגאַרן. מען פלעגט פון דעם טאַבאַק, וואָס איז פריער געווען אַן אַרטיקל פאַר עקספּאָרט, אויס־

אַרבעטן ציגאַרן און זיי פאַרקויפן צו די פּאַסאַזשירן פון די לויפנדיקע צוגן.
אויך אַנדערע נייע פּרנסה־קוואַלן האָבן זיך באַוויזן.

און די דעה אין שטעטל האָבן איצט געהאַט גאָר אַנדערע מענטשן. עס האָבן אויפגעלעבט די באַלמעלאָכעס. די שוסטער, שניידער, באַנדערס. אפילו הויז־דינסטן, וואָס זענען פריער געווען פון די פאַראַגעסענע מענטשן, זענען איצט געוואָרן יחסנים און האָבן געהאַט זייערע אייגענע פאַראייגען.

עס האָבן זיך געעפנט אַרבעטער־קלובן און פון די ווענט האָט אַראָפּ־געשריען אַ נייער באַנער: „די גאַנצע מאַכט דעם אַרבעטער־קלאַס!"

און אַ סאָוועט איז געוואָרן פון נייע מענטשן. דער פאָרזיצער איז געווען אַפאַנאַס גריגאָרעווקאָ. און זיין הויפּט ־געהילף — אַבראַשאַ פינקל, דער געוועזענער סטודענט און לערער, וואָס האָט זיך אין שטעטל דערוואָרבן אַ פיינעם שם, אַ שם צו זיין דער ערשטער רעוואָלוציאָנער אין שטעטל.

אָט די רעפּוטאַציע זיינען האָט אַבראַשאַ פינקל געקראָגן נאָך יענעם זומער פאַר דער רעוואָלוציע, ווען דורכן שטעטל האָבן געגומען דורכגיין עשאַלאָנען פון אַרויסגעזעצטע יידן פון קאָוונער און גראָדנער גובערניעס. די אַרויסגעטריבענע פון די איינגעזעסענע ערטער זענען אָוועקגעפירט געוואָרן אין גרויס איילעניש. האָבן ניט מיטגעבראַכט מיט זיך גענוג עסנוואַרג. ניט געהאַט קיין מילך פאַר די קינדערלעך. דעמאָלט האָט אַבראַשאַ פינקל אָרגאַני־זירט די שטעטלשע יוגנט. מען האָט אָנגעגרייט שפּייז און ווי נאָר אַ צוג מיט די אַרויסגעשיקטע פלעגט זיך אָפּשטעלן ביים וואָקזאַל, פלעגט די יוגנט אַריינ־כאַפּן זיך אין די וואַגאָנעס און אויסטיילן אַלעמען עסנוואַרג און אויך מילך פאַר די קינדער.

אינמיטן פון אַזאַ אַרבעט איז מיט אַמאָל צוגעקומען דער גראָב־בייכיקער זשאַנדאַרם, פּעטראָוו, און באַפוילן:

— איר זאָלט ניט וואַגן צוצוגיין נאָענט צו די וואַגאָנעס. דאָס זענען שפּיאָנען, וועמען דער הויפּט־קאָמאַנדיר האָט אַרויסגעשיקט פון דער פראָנט־זאָנע. מיט שפּיאָנען טאָר מען ניט קומען אין באַרירונג.

אַבראַשאַ האָט געפּרוּווט דערווידערן: „אָבער דערלויבט, גאַספּאַדין זשאַנדאַרמסקי . . . ."

— שווייגן!!! שווייגן, זאָג איך! אַ באַפעל אַזאַ! פאַר ניט אויספאָלגן וועל איך אַרעסטירן!

אָפּגעזאָגט דאָס, איז דער זשאַנדאַרם פּעטראָוו אָפּגעגאַנגען, טראָגנדיק זיין בייכל פאָראויס און זייענדיק זיכער, אַז קיינער וועט ניט וואַגן מער צוצוגיין צו די וואַגאָנעס אַרויסגעשיקטע.

אַבראַשאַ פינקל איז געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט. די אויגן האָבן

נאָכגעפּאָלגט פּעטראָוון. און ווי נאָר מען האָט אים מער ניט געזען, האָט אַבראַשאַ אַ רוף געטאָן צו די חברים: „קומט מיט מיר."

אַבראַשאַ האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ זאַק מיט עסנוואַרג, האָט עס אַריבער־געוואָרפן איבער די פּלייצעס און האָט זיך געלאָזן מיט די הינטערגעסלעך צו דעם עק פון צוג. ער האָט זיך פלינק אַ הויב געטאָן אין איינעם פון די פראַכט־וואַגאָנען. עמעצער האָט אים דערלאַנגט אַ זאַק מיט לאַבנס ברויט.

ווען ער האָט געהאַלטן אין אויסטיילן דאָס עסנוואַרג, האָט ער דערהערט דערשראָקענע רופן: „אַבראַם!!! אַבראַם, גיכער! דער זשאַנדאַרם!"

אַבראַשאַ פינקל האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. איין שפּרונג און ער איז שוין געווען אויף דער ערד. אָבער פּעטראָוו האָט באַוויזן אים אָנצוכאַפּן פאַרן קאָלנער. ער האָט אים, מיט רציחה, געטרייסלט און זיך געבייזערט:

— אַך, דו, זשיד! איך האָב דאָך באַפוילן ניט צוצוגיין צו די שפּיאָנען!

אַבראַשאַן האָט אַ הויב געטאָן אַ כעס:

— לאָז אָפּ, דו געמיינער!!! ווער זענען עס די שפּיאָנען? די אויס־געהונגערטע פרויען און קינדער? די אַלטע עלטערן, וועמעס זין מען האָט צוגענומען אין דער מלחמה?

— ווי? דו וועסט וואַגן אַזוי קעגן אַ קייסערלעכן דינער?!

דער זשאַנדאַרם האָט אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און מיטן הענטל דערלאַנגט אַבראַשאַן אַ זעץ איבערן קאָפּ.

אַבראַשאַ האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. אַ וואַרעמע קלעפּיקייט האָט גענומען רינען איבער זיינע אויגן. דער זשאַנדאַרם פּעטראָוו האָט אים אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד, האָט קאַלטבלוטיק אַריינגעלייגט דעם רעוואָלווער אין שייד. האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף זיין קרבן: „איצט וועט ער זיך שוין מער ניט בונטעווען. געזאָגט, מען טאָר ניט צוגיין. און ער, הינטישער זון... איצט וועט ער געדענקען..." און ער איז אַוועק.

די חברים האָבן אַבראַשאַן אָפּגעפירט אַהיים, צו די גאָלדשטיינס. דאָרטן איז ער עטלעכע טעג געלעגן מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ און פאַניאַ סאָלאָ־מאָנאָוונאַ האָט אים געדאָקטערט. דער אַלטער, שלמה גאָלדשטיין, האָט געציטערט, דער זשאַנדאַרם פּעטראָוו זאָל אים ניט אָנטאָן קיין צרות. האָט ער אַבראַשאַן דערנאָך אין דער שטיל אָפּגעשיקט פון שטעטל מיט אַ פור.

איצט, נאָך דער רעוואָלוציע, איז אַבראַשאַ צוריקגעקומען אין שטעטל. די ערשטע זאַך האָט ער געוואָלט זיך באַגעגענען מיטן זשאַנדאַרם פּעטראָוו, נאָר יענער איז שוין לאַנג נעלם געוואָרן.

מיט אַבראַשאַ פינקלס קומען האָט פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ ווידער אויפ־געלעבט, און מען האָט גערעדט אין שטעטל, אַז עס וועט איינגיכן געשטעלט

ווערן אַ חופּה.

דאָס שטעטל האָט ניט פֿאַרגעסן דעם ערשטן רעוואָלוציאָנער, דעם ערשטן קעמפֿער, וואָס האָט געוואַגט קעגנשטעלן זיך קעגן די צאַרישע אכזריות, און האָט אים אָפּגעגעבן פֿיל כבוד.

**
*

טאַטיאַנאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער באַבקאַ, מאַטרענאַ.

די אַלטע מאַטרענאַ האָט זי אויפגענומען פֿריינטלעך.

— פֿאַר אַ ווײַלע, צי אויף שטענדיק געקומען אין שטעטל ?

— איך ווייס ניט, מאַטרענאַ ניקיטאָווּנאַ.

— און דאָס קינד ? וואָס איז מיט אים געשען ?

— ביי דער מומען איבערגעלאָזן. ניט נאָך מיינע כחות געווען צו בלייבן אין דאָרף. ווי־עס־איז וועל איך מיר דאָ איבערשלאָגן מיט אַ שטיקל ברויט.

— די צייטן זענען איצט שלעכטע. ניטאָ ביי וואָס צו פֿאַרדינען, — האָט די אַלטע געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וועל איך גיין אויף שוואַרצער אַרבעט. וועל וואַשן גרעט.

— נו, גוט, פֿאַרבלייב דאָ. אַזאַ באַבע, ווי דו, וועט ניט פֿאַרפֿאַלן גיין. ביי מיר, גאָט צו דאַנקען, איז פֿאַראַן פּלאַץ. און עסן וועט אויך ניט פֿעלן.

טאַטיאַנאַ האָט זיך איינגעאָרדנט אין אַ קליין אַלקערל און זיך אַרויסגעלאָזן זוכן אַרבעט. פֿלעגט זיך פֿאַרדינגען אויף טאָג־אַרבעט צו די געוועזענע רייכע באַלעבאָסטעס, וואָס האָבן איצט זיך ניט געקענט דערלויבן צו האָבן אַ שטענדיקע דינסט. פֿלעגט נעמען אַהיים גרעט צו וואַשן. קיין זאַך איז איר ניט שווער געווען. בלויז די איינזאַמקייט האָט זיך געלייגט ווי אַ שווערער שטיין אויפֿן געמיט. ס׳איז איר שווער געווען צו פֿאַרבלייבן אין די אָווּנטן מיט זיך אַליין. אירע געדאַנקען זענען שטענדיק געווען מיט דער מומע אַגאַ־פֿענאַ און מיט איר אַנדריושקאַן. אירע געדאַנקען זענען אויך געווען מיט פּריצן. וואו איז ער איצט ? ער האָט צוגעזאָגט צו שרייבן. זי האָט זיך אַ פּאָר מאָל נאָכגעפֿרעגט אויף דער פּאָסט. דער באַאַמטער האָט דורכגעקוקט די בריוו און געענטפֿערט : „ניין, ניטאָ.“ און מיט אַ שמייכל צוגעגעבן : „מען שרייבט נאָך.“

אַחוץ אין מאַטרענאַס הויז, פֿלעגט טאַטיאַנאַ אַמאָל אַריינגיין צו אסתּר קראַנץ. ביידן האָט צוגעצויגן איינע צו דער אַנדערער זייער שווער לעבן. טאַטיאַנאַ האָט ניט איין מאָל, קומענדיק אין אסתּרס הויז צו קויפֿן זייף, באַ־וואונדערט די משפּחה קראַנץ. זי האָט געוואוסט אסתּרס ביטערן מזל.

נאָך אין אָנהויב מלחמה איז איר מאַן, שמואל, דערהרגעט געוואָרן. ווען

שמואל איז אַוועק אין דער מלחמה, האָט ער איבערגעלאָזן אַ קירזשנער־וואַרשטאַט מיט עטלעכע פּאָליצעס פּאַרטיקע היטלען. די דערשלאָגענע אסתר האָט זיך ווי־עס־איז דורכגעלעבט. אין אַ מאַרק־טאָג פלעגט זי אײנלײזן פאַר די היטלען און פון דעם האָט זיך די משפחה דערנערט. אָבער דאָס פאַרמעגן פון פאַרטיקער סחורה האָט זיך אויסגעלאָזט. אסתר האָט געזען, אַז זי דאַרף אַליין ווערן די שפּייזערין פון אירע פינף קינדער. זי האָט גענומען אײנקויפן אָפּגעטראָגענע מלבושים. פלעגט זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט און פון דעם איבערגעניצעוועטן מאַטעריאַל נייען היטלען און דערנאָך אַרויסטראָגן זיי אויפן מאַרק. זי פלעגט מיט איר סחורה אָנשפּאַרן אַפילו אין די גרויסע שטעט. פון דאָרטן פלעגט זי ברענגען אַהערצו, אין שטעטל, זייף, אויף וועלכן ס׳איז דאָ געווען אַ גרויסער דוחק.

די אַרבעט אין הויז און דאָס האָדעווען די קינדער האָט איבערגענומען די עלטערע מיידל, דאָשקע. זי האָט געקאָכט, געוואַשן, געררייניקט.

דאָ אין הויז, פאַר אסתרן, האָט טאַטיאַנאַ ניט אײנמאָל אַראָפּגערעדט זיך פון האַרצן. אסתר האָט מיט איר מיטגעפילט און געמוטיקט זי: „ביזט נאָך יונג, טאַטיאַנאַ, און די וועלט איז גאָר אַן אַנדערע איצט. סאָמע צייט פאַר אונדזער האַרעפּאַשנעם מענטש צו לעבן. ווען איך האָב ניט אַזאַ משפחה פון פינף קינדער, זאָלן געזונט זיין, וואָלט איך אפשר אַליין...“

נאָר אַזוינע מונטערנדיקע רייד האָט טאַטיאַנאַ געהערט זעלטן. די ערשטע צייט האָט זי געפילט ווי עפּעס אין איר לעבן איז אײנגעבראָכן געוואָרן. זי איז דאָך, דאַכט זיך, אַזוי יונג און דאָך פילט זי אַ באַרג פון זאָרגן אויף איר קאָפּ. די לאַנגע ווינטער־אָוונטן אין מאַטרענאַס אָרעמער שטוב זענען געווען די שווערסטע אויסצוהאַלטן. און זי האָט געפילט: אָרום און אָרום גייט אַן אַ קאָכיק לעבן. דאָס לעבן האָט אַרויסגעשריען פון די באַלויכטענע אַרבעטער־קלובן, פון די מודעות וועגן מיטינגען, קאָנצערטן. פון די באַלעבטע פּנימער פון די יונגע אַרבעטער און מיידלעך. און זי, טאַטיאַנאַ, טראָגט זיך אַלייניק און זייטיק עפּעס אָרום מיט אַ שווערן פּאַק. אַ פּאַק פון די פריערדיקע טעג...

אָבער די ענדערונג איז געקומען אומדערוואַרט. אײנמאָל קומט צו מאַטרענאַ אַריין דער שכנהס טאָכטער, נאַטאַלקאַ. אַ מיידל נאָך גאָר אַ ציג.

— מאַטרענאַ ניקיטאָווּנאַ! איז טאַטיאַנאַ אינדערהיים?

— ניין, ניטאָ. אויף וואָס האָסטו זי געדאַרפט?

— אַז זי וועט קומען, פרעגט איר, צי זי וויל גיין אין קלוב. מיר האָבן היינט אַ פאָרשטעלונג. איך וועל שפּילן טעאַטער. איך וועל זיין אויף דער בינע.

מאַטרענאַ האָט איר אָנגעקוקט, ניט גלויביק.

— ריכטיק! איך וועל זיין אויף דער בינע, — האָט נאַטאַלקאַ זיך געשוואָרן.

און דאָ איז אַריין טאַטיאַנאַ. דערהערט וועגן נאַטאַלקאַס איינלאַדונג, האָט זי זיך דערפרייט. און פון פרייד איז איר גאַנץ פּנים ליכטיק געוואָרן. די אויגן האָבן אָנגעהויבן צו שטראַלן: „אַך, ווי אינטערעסאַנט! דו, נאַטאַלקאַ, אויף דער בינע!"

אַלץ, וואָס עס איז אין יענעם אָוונט אין קלוב פאָרגעקומען, האָט איר איבערראַשט. עס האָט זי פּלוצלונג אַ הויב געטאָן פון איר טאָג־טעגלעכער וועלט פון זאָרג און האַרעוואַניע און אַוועקגעטראָגן אין אַ מאָדנע צויבער־לעכער וועלט. אָט דער יונג, וואָס האָט געשפּילט פאַר סטענקאַ ראַזין, ווי וואונדערלעך ער זינגט, וואָס פאַר אַ גבורה, וואָס פאַר אַ גאַנג!

ווען נאַטאַלקאַ האָט נאָך דער פאָרשטעלונג באַקענט טאַטיאַנאַן מיט דעם יונגן אייזנבאַן־אַרבעטער, אַפאַנאַסיעוון, דעמזעלבן טאַקע, וואָס איז אויף דער בינע געווען „סטענקאַ ראַזין", איז טאַטיאַנאַ עטוואָס צעטומלט געוואָרן. אַפאַנאַסיעוו, אין זיינע אַרבעטער־בגדים, איז געווען אַזוי אַנדערש פון יענעם אויף דער בינע! נאָר אין זיינע אויגן איז נאָך געווען די אויפגעלעבטקייט פון שפּילן, די אויפגעלעבטקייט פון לעבן!...

פון יענעם אָוונט אָן האָט עס זי, טאַטיאַנאַן, געצויגן צו אָט דער שפּרודל־דיקער יוגנט, וואָס האָט זיך מיט אַזאַ דורשט און ערנסט געוואָרפן צו די נייע קוואַלן פון פרייד, — אַ פרייד, וואָס קיינער פון זיי האָט פריער ניט געהאַט. אַ נייע וועלט האָט זיך אַנטדעקט פאַר דער פויערטע טאַטיאַנאַ. נייע מענטשן, אַ נייער אינטערעס. זי האָט זיך פאַרשריבן אין כאָר. פלעגט דריי מאָל אַ וואָך לערנען זיך לייענען, שרייבן און אויך פּאָליטישע אַנטוויקלונג. די וועלט אַרום איר, מיט קאַמף און שטורעמס, האָט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ קלערער אַרויס־געשיילט פאַר איר. אמת, די וועלט איז נאָך דערווייל ניט געווען קיין זאַטע. טאַטיאַנאַ און אירע חברים האָבן נאָך אָפט געמוזט אונטערהונגערן, דערפאַר אָבער האָבן די צוזאָגן אויף מאָרגן געשיינט מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן.

טאַטיאַנאַ איז איצט געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט אַ לייכטן טראָט און מיט אַ פריידיקן האַרץ. זי איז אויפסניי געבאָרן געוואָרן.

* *
*

ס'איז געווען אַ זונטיקדיקער פרימאָרגן. אין דרויסן האָט געקערט אַ זאַווערוכע, אָבער אין צימער איז געווען וואַרעם.

טאַטיאַנאַ איז געלעגן איינגעוואָרעמט אין בעט, נאָך אַלץ באַרוישט פון די איבערלעבונגען פון נעכטיקן אָוונט:

. . . זי איז געגאַנגען נעכטן אָוונט צו אַ מיטינג, וואָס איז פאַררופן געוואָרן צו אָרגאַניזירן די הויז־דינסטן און וועש־וואַשערינס. אַ רעדנער האָט גערעדט וועגן דער שווערער לאַגע פון דער האַרעפּאַשנער פרוי.

טאַטיאַנאַ געדענקט ניט ווי אַזוי זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט אַרויס־צוטרעטן און רעדן. דאָס איז געווען איר ערשטער עפנטלעכער אַרויסטריט. זי האָט גענומען דאָס וואָרט אויסצושרייען איר ווייטיק. זי איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע, אַ צעצונדענע פון די וואונדן, וואָס די באַלעבאַטים, אַקים טראָפימאָוו און דער יונגער סאַשאַ יעוודאָקימאָוו, האָבן אין איר האַרצן איבער־געלאָזן. זי האָט ניט גערעדט, נאָר געוואָרפן אַלעמען שטיקער פון איר האַרץ:

— חברים! וואָס פאַר אַ פאַרשאָלטן, הינטיש לעבן אונדזערס, דער פרויס, איז! יעדערער שאָפט זיך מיט אונדז. יעדע פרוי מאַכט זיך ניצלעך און פונדעסטוועגן קוקט מען אויף אונדז, פרויען, פון אויבן אַראָפּ. די מענער — זיי האַלטן זיך פאַר מענטשן פון ערשטן קלאַס. אויף אונדז קוקן זיי, ווי מיר וואָלטן באַשאַפן געוואָרן בלויז פאַר זייער הנאה־וועגן!

— חברטעס פרויען! נאָר אַדאַנק דער נייער צייט און דער סאָוועטישער אָרדענונג וועלן מיר ווערן גלייך מיט די מענער. און מיר וועלן ווערן די בויער פון אונדזער אייגענער צוקונפט...

זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן. געוואָלט דערציילן איר ביטערע דער־פאַרונג. נאָר זי איז צעטומלט געוואָרן. האָט ניט געפונען די ריכטיקע ווערטער אויסצודריקן זיך. זי איז רויט געוואָרן. געבליבן שטיל.

אָבער דער אויפגעוואַכטער עולם האָט שוין אַלץ אַרויסגעפילט מיטן האַרץ. אַ וואַרעמע כוואַליע פון אַפּלאָדיסמענטן האָט אויסגעבראָכן און, עטוואָס אַ פאַרשעמטע, איז טאַטיאַנאַ אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרמע.

זי האָט ניט געגלויבט אירע אויערן, ווען זי האָט דערנאָך דערהערט איר נאָמען פאָרגעשלאָגן אַלס דעלעגאַטקע אין סאָוועט. אַ סך הענט האָבן זיך געהויבן פאַר איר.

אַרויסגייענדיק האָט טאַטיאַנאַ דערהערט עמעצנס שטימע הינטער זיך:

— חברטע אָודעיענקאָ, וואַרט אַ ווײַלע!

זי האָט זיך אומגעקוקט: אַפאַנאַס גריגאָרענקאָ, דער אַמאָליקער טאַנציאָר, האָט אָנשפּאַרנדיק זיך אָן אַ שטעקן, אײַלנדיק געשפּאַנט צו איר.

— הייסט עס, מען דאַרף דיך גראַטולירן, טאַטיאַנאַ אַנדרעיעוונאַ. ביידע וועלן מיר אין סאָוועט אַרבעטן צוזאַמען.

— אַך, חבר גריגאָרענקאָ! ס'איז מיר עפּעס מאָדנע, אַזוי ציטערדיק.

— וואָס־זשע?

— איך, — און מיט אַמאָל גאָר אין סאָוועט!

— נו, איז וואָס? אַזעלכע ווי דו דאַרפֿן מיר טאַקע האָבן. וועסט מיטן האַרצן באַנעמען אונדזער קריוודע. און מיר וועלן דיך אויך צולערנען. אין „ראַבפֿאַק“ וועלן מיר דיך שיקן, וועסט זיך לערנען, שטודירן. כ'ווייס, האָסט אַ קאָפּ אויף זיך.

און אַפֿאַנאַס האָט מיט אַ שמייכל צוגעלייגט: „חבר לעניִן האָט געהייסן מען זאָל דיך לערנען.“

— נו, גענוג! הער שוין אויף צו לאַכן פֿון מיר! דו, וויצלינג! זאָג גאָר, אַפֿאַנאַס, דו ביזט אויך געגאַנגען אין „ראַבפֿאַק“?

— מיין שול איז אָט דאָס געווען.

און ער האָט מיטן שטעקן געקלאַפּט אויפֿן פּראָטעז פֿון זיין קינסטלעכן פֿוס:

— מיינע אוניווערסיטעט־יאָרן זענען די מלחמה־יאָרן געווען. ווער האָט די מלחמה געבראַכט? מיך פֿון דער ערד אָפּגעריסן, צוריקגעשיקט אַ קאַליקע? אָט אַנטקעגן וועמען עס ברענט דאָס האַרץ!

זיי זענען צוגעקומען צו טאַטיאַנאַס שטוב. די נאַכט איז געווען אַ פּראָסטיקע. אין אַ ים פֿון צעבראָכענע ווייסע וואָלקנדלעך איז די לבנה גע־שוואומען. זיי זענען געשטאַנען און ניט גערירט זיך. אַפֿאַנאַסן האָט זיך ניט געוואָלט אָוועקגיין. טאַטיאַנאַ האָט דאָך נאָך גאָר אַמאָל, פֿון די פֿעלד־הוליאַנקעס, איבערגעלאָזן ביי אים אַ טיפֿן געפֿיל צו איר.

די נייע פּאַסירונגען אין אַרומיקן לעבן, די יאָרן, האָבן אָט די שטילע ליבע צו איר ניט שוואַכער געמאַכט.

די היינטיקע באַגעגעניש און די פּראָסטיקע לבנה־נאַכט האָבן אין אַפֿאַנאַסן געוועקט אַלטע איינגעדרעמלטע שפּירונגען און ניט־אויסגעלעבטקייטן. די אויפֿגעבראַכנקייט פֿון לעבן אַרום האָט אויך געוועקט אַ געפֿיל אַריינצונעמען וואָס מער לעבן... אים האָט אין דער נאַכטיקער פּראָסטיקייט אַ צי געטאָן צו טאַטיאַנאַן. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— נו, וואָס־זשע לאַדסטו מיר ניט איין צו זיך?

— יאָ, אמת, מען האָט געדאַרפֿט איצט אַ גלאָז טיי מאַכן, אָנוואַרעמען זיך. אָבער ס'איז דאָך שפּעט. שוין צייט צו שלאָפֿן גיין.

— נו, איז וואָס?...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים. זיינע אויגן האָבן דערגאַנצט די ניט־אַרויסגעזאָגטקייט פֿון די אָפּגעהאַקטע רייד. זי איז רויט געוואָרן.

— לאָז אָפּ, שטיפֿער! — האָט זי שטיל אַרויסגערעדט.

— אַך, דו צערטלסט נאָך אַלץ אין זיך די צנועה? נו, וואָס האָסטו דאַרט היינט גערעדט, אַז אַלע מענער זענען גראָב, פּרעך. ניין. ניט אַלע. אָבער מען

דאַרף פאַרשטיין, טאַטיאַנאַ, די צייט אין וועלכער מיר לעבן. אַלץ רוישט. טיפּעניש׳ן עפּעס זיך. עס ווילט זיך אַזוי לעבן...

אַפּאַנאַס איז אַ ווילע שטיל געבליבן. דערנאָך פאַרצויגן אַ טאָן:

א, נעם פון לעבן, וואָס דו קענסט.
אויך ברעקלעך נעם. אַלץ וואָס ס׳איז דאָ!
קענסט לעבן אויף אַ לעבן ניט פאַרדאַפּלען,
און צוויי מאָל לעבן איז ניטאָ.

אַפּאַנאַס האָט זיך אַ דערנעענטער געטאָן צו טאַטיאַנאַן.

טאַטיאַנאַ איז געוואָרן שטרענג און פאַרטראַכט. ווי בינדט זיך עס אַלץ צוזאַמען?... זי האָט אַ זאָג געטאָן:

ברעקלעך?! נו, איז נאָך דיין מיינונג נאָך דאַרף איך אַוועקוואַרפן די „צנועה“ און אויפנעמען יעדן מאַן? אַזוי מיינסטו?

אין האַרצן האָט איר אַ שלאַג געטאָן: „אַלע מענער זענען איינס. ביי צי אַלט, אַ מאַן איז אַ מאַן.“ זי האָט זיך אָפּגערוקט.

אַפּאַנאַס איז בלייך געוואָרן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז טאַטיאַנאַס בליק האָט זיך אַראָפּגעגליטשט איבער זיין קינסטלעכן פוס.

— אַך, איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איך . . . איך . . . נו, ווי עס זעט אויס, וועל איך שוין מער קיין „טרעפּאַק“ מיט דיר ניט טאַנצן.

טאַטיאַנאַ האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און צוגעצויגן צו זיך. „אַך, פאַרגיב, אַפּאַנאַס. כ׳האָב ניט דאָס געמיינט. ניט דאָס! פאַרגעס ניט, כ׳האָב דאָך עמעצן ליב.“

אַפּאַנאַס איז אין כעס געוואָרן. ער האָט באַפרייט זיין האַנט.

— נו, גוט, גוט! האָב זיך אים ליב! — און שנעל אַוועקגעשפּאַנט אַהיים.

די ווייסע וואָלקנדלעך האָבן פאַרדעקט די לבנה. און אַזאַ פאַרשעמטע בלייכקייט האָט זיך צעלייגט אויפן הימל.

קאַפּיטל פינף

אין אַ קאַלטן פרימאָרגן, אין אָנהויב פעברואַר, איז טאַטיאַנאַ אַריינגעקומען צו אירע געוועזענע באַלעבאַטים, די גאָלדשטיינס.

זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל מיט אַ פּילצענעם קאָלנערל און מיט אַ פאַטשיילע אויפן קאָפּ. אונטערן אָרעם האָט זי געטראָגן אַ לעדערנעם פּאָרטפעל.

פאַר די גאָלדשטיינס איז איר וויזיט ניט געווען אומדערוואַרטעט. זיי האָבן געוואוסט, אַז זייער געוועזענע דינסט איז איצט אַ טוערין אין סאָוועט. זי איז קאָמיסאַר איבער וואוינונגען. זיי האָבן געוואוסט, אַז זי האָט שוין באַזוכט אַ סך יוסטע באַלעבאַטים, האָט צוגענומען צימערן און אין זיי אַריינגעזעצט די אָרעמשאַפט, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט אין די ווילגאַטשנע קעלערס און פאַרלאָזענע כאַטקעס. זיי האָבן אויך געהערט, אַז זי, טאַטיאַנאַ, באַגייט זיך זייער אָרנטלעך אין איר אַרבעט; מיט זיסע רייד און מיט געלט קען מען זי ניט אונטערקויפן.

ביי די גאָלדשטיינס איז מען דאָך געווען זיכער, סיי די אַלטע און סיי די טאָכטער, פאַניאַ סאַלאָמאָנאָוונאַ, אַז מיט זיי וועט טאַטיאַנאַ האָבן איינזעעניש. עפּעס פאָרט האָט זי דאָך ביי זיי אָפּגעדינט עטלעכע יאָר. געווען שוין ווי אַן אייגענער מענטש אין שטוב.

טאַטיאַנאַ איז אַריינגעקומען, די באַקן צערויטלט פון פראָסט, די אויגן עטוואָס פאַרטערערט פון קעלט, און זיך באַגריסט:

— אַ גוטן טאָג, גראַזשדאַנין גאָלדשטיין.

דער אַלטער גאָלדשטיין האָט זיך אויפגעהויבן און זיינע געדיכטע, איבער די אויגן הענגענדיקע ברעמען האָבן זיך אָנגערוקט. די נאָז מיט די עטלעכע גרויע האָר אויף דער באָראָדעווקע, איז בלאָס און אויסגעצויגן געוואָרן. ער האָט שוואַך אַ נויג געטאָן מיטן קאָפּ.

די טאָכטער, פאַניאַ סאַלאָמאָנאָוונאַ, האָט זיך אויפגעהויבן און צוגערוקט צו טאַטיאַנאַן אַ שטול.

— אַך, טאַטיאַנאַ! וואָס מאַכט מען? אפשר אַ גלאָז טיי? ס'איז קאַלט אין דרויסן, — האָט פאַניאַ גערעדט מיט עטוואָס איבערגעטריבענער העפלעכקייט.

— ניין. אַ דאַנק!

טאַטיאַנאַ האָט אַ בליק געטאָן צום טיש, וואו דער סאַמאָוואַר האָט געשלאָגן מיט פּאַרע און אַן איינציק שטיקל שוואַרץ ברויט איז געלעגן אין טעלער.

אין אַ רגע זענען דורך טאַטיאַנאַס מוח דורכגעלאָפן די פרישטיקס דאָ אין הויז אין דער פאַר־מלחמה־צייט. ביי געדעקטע טישן, אָנגעשטעלט מיט פּוטער, שמאַנט און מילך, מיט פרישן געבעקס, פלעגן זיך צונויפקלייבן די צו־גאַסט־אָנגעקומענע קינדער, אייניקלעך...

זי איז צוגעטראָטן צו דער זאַך:

— גראַזשדאַנין גאָלדשטיין! איך בין געקומען איבערקוקן אייער וואוינונג. מיר האָבן חברים, וואָס האָבן ניט וואו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן. און איר זענט דאָך בלויז דריי מענטשן? ניט אַזוי? וועלן מיר אייך איבערלאָזן די קאָנטאָרקע און איין שלאָף־צימער. דאָס וועט סטאַיען פאַר אייך דרייען. אין די איבעריקע וועלן מיר אַריינזעצן נייע שכנים.

— טאַטיאַנושקאַ! — האָט די אַלטע סאַלאָמאָניכע זי אָנגענומען ביי דער האַנט.

טאַטיאַנאַ האָט זיך אויסגעגלייכט. האָט איידל אַרויסגענומען איר האַנט פון דער באַלעבאָסטעס פינגער.

— אַנטשולדיקט, חברטע אָודעיענקאָ רופט מען מיך איצט, — האָט זי געזאָגט.

— חברטע אָודעיענקאָ! טאַטיאַנושקאַ! — האָט די אַלטע ווידער גערעדט צו איר מיט געבעט. — וואו־זשע וועלן מיר זיך אַלע אַהינטאָן אין צוויי צימער־לעך? ווייסט דאָך אַליין, אַז מיר האָבן אַלע מאָל געלעבט אין זיבן צימערן. און די קיך, ווי? וואו וועלן מיר קאָכן?

— נו, די קיך, ווי באַוואוסט, איז אַן אַלגעמיינע.

טאַטיאַנאַ האָט געעפנט דעם פּאָרטפעל, האָט אַרויסגענומען אַ פּאַק פּאַפּיר און געגנומען עפּעס אַריינשרייבן. פאַניאַ סאַלאָמאָנאָוונאַ האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דער אַלטער גאָלדשטיין, אינגאַנצן טרייסלענדיק זיך פון אויפרעגונג, האָט זיך אויפגעהויבן.

— הייסט דאָס, איך האָב אַ לעבן־לאַנג געהאָרעוועט, געבויט פאַר זיך אַ ווינקל, אויסצולעבן די עלטערע יאָרן, און איר זענט געקומען אויף אַלעם פאַרטיקן!...

טאַטיאַנאַ האָט גערעדט שאַרף:

— איר האָט געאַרבעט? איר האָט געבויט? נו, וועגן דעם ווייסן מיר נאָך ניט. געאַרבעט און געבויט האָבן דאָך פאַר אייך אַנדערע. איר האָט בלויז מיטן געלט געדרייט.

— פּאָפּאַ! — האָט זיך די טאָכטער אַריינגעמישט, זעענדיק ווי זיין אויפ־רעגונג וואַקסט. — קום! — און זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט.

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן. זיינע אויגן, אונטער די הענגענדיקע ברעמען, האָבן אויפגעבליצט, אָבער באַלד צוריק פאַרלאָשן זיך. ער איז געבליבן שטיל און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: „מיט וועמען וועל איך זיך דאָ פאַרהערן?" זיינע ליפּן האָבן צו זיך געמורמלט: „רבונו של עולם! צו וואָס מיר האָבן זיך דאָס דערלעבט! זיי, זיי זענען דאָס אונדזערע מושלים געוואָרן. זיי וועלן דאָס אונדז אַ נייע וועלט אויפבויען."

— איך גיב אייך אַכט־און־פערציק שעה, צוויי מעת־לעת, אַלץ איינ־צואָרדענען. די מעבל זאָל בלייבן שטיין. גאָרניט צונעמען, אַחוץ אייערע גאַנץ־פּערזענלעכע זאַכן. אונדזערע חברים האָבן ניט וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. — האָט טאַטיאַנאַ געזאָגט מיט דער זעלבער פעסטקייט.

זי האָט זיך אַ דריי געטאָן צו דער טיר, האָט נאָך אַמאָל מיט אירע בליקן אַרומגענומען דעם צימער, און איז אַוועק.

די אַלטע גאָלדשטיין האָט זיך, ווי אַן אונטערגעהאַקטע, אַראָפּגעלאָזן אין שטול און שטאַרק צעוויינט זיך.

פאַניאַ האָט אָפּגעפירט דעם פאָטער צו זיין שלאָף־צימער.

— טאַטעלע, נאָר ניט אויפרעגן זיך. נו, וואָס קען מען טאָן? עס איז דאָך פאַר אַלעמען גלייך...

— וואָס? דו אויך? דו גלויבסט אויך אין זייער אויסגלייכן? — ער איז אינגאַנצן בלייך געוואָרן. זיין נאָז האָט זיך נאָך מער אויסגעצויגן און די עטלעכע הערעלעך אויף דער נאָז־באָראָדעווקע האָבן געציטערט. ער האָט ווייטער גערעדט: — דאָס האָט ער דאָך, דיין פריינט אַבראַשאַ, איר אויס־געלערנט גראַמאָטע, אַגיטירט. איצט איז זי שוין ביי זיי אַ גאַנצע קאָמיסאַרשע. זי און איר גלייכן וועלן דאָס אונדז אַ נייע וועלט שאַפן!

נו, נו, געגוג, פּאָפּאַ! באַרואיק זיך. ליג אין בעט. אָט אַזוי־אָ. איך וועל דיר די פיס איינדעקן. שלאָף רואיק. אַלץ וועט זיך איינאָרדענען. מאָרגן וועל איך אַליין גיין צו איר, טאַטיאַנאַן. דו וועסט זען. איך קען זי דאָך. זי איז ניט קיין שלעכטע. מען דאַרף צו איר מיט גוטן רעדן, איבערצייגן. אָט וועסטו זען. אַלץ וועט נאָך גוט זיין.

דער אַלטער גאָלדשטיין האָט זיך געלאָזט באַרואיקן. האָט פאַרמאַכט די אויגן, אַ ווילע געלעגן אָן אַ ריר, און זיך צוגעהערט ווי עס קלאַפּט אים אין די שלייפן און ווי דאָס האַרץ ווייטיקט. דערנאָך האָט ער אויפגעעפנט די אויגן און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. דער ווינט האָט געטריבן אַ שיטערן שניי צו די שויבן, אָבער אין צימער איז געווען וואַרעם. די וואַרעמקייט האָט דורכ־

געגומען די אַלטע ביינער און אַ מאָדנע שוואַכקייט איז אים באַפאַלן. „עד, אַלץ־איינס! איצט בין איך דאָך סיי־ווי־סיי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענה. וואָס קען איך טאָן? וואָס ס׳וועט זיין — זאָל זיין!״ — האָט ער געפּרוּווט שלום־מאַכן מיטן שיקזאַל. אין דער מינוט זענען אַלע נאָענטע און אַלץ וואָס איז אים געווען ליב און טייער, געוואָרן אָפּגערוקט ווייט, ווייט. ער האָט געפילט ווי איינצושלאָפן אַזוי אַ באַרואיקטער און אַ רעזיגנירטער, אויף אייביק.

אָבער אַט די שטימונג האָט ביי אים לאַנג ניט געדויערט. ביטערקייט און פאַרדרוס, קעגן די נייע פאַראַנדקעס, האָבן פון ערגעץ אין דער טיף אויפגעטויכט. און ווידער האָט אין אים דערוואַכט דער אַמאָליקער יונגער גאָלד־שטיין, דער בויער, דער קעמפער. זיין גאַנצער לעבנס־וועג, וואָס ער האָט דאָ אין שטעטל דורכגעמאַכט, איז פאַר אים דורכגעגאַנגען. ער געדענקט:

. . . אין אַ גרויען טאָג פון אָנהויב האַרבסט האָט אַ פור אים געבראַכט אין אַ צעוואָרפענעם דאָרף און אַראָפּגעלאָזט אינמיטן גאַס אין פאַרנט פון אַ נידעריקער כאַטע.

— דאָ וואוינט ער, נתן קרוקאָווער, — האָט דער פורמאַן געזאָגט און אַ שמיץ געטאָן די פערד.

ער איז געבליבן שטיין אין דרויסן מיט דעם געפלאָכטענעם קערבעלע אין איין האַנט, און מיטן פּעקעלע בעטגעוואַנט אין דער צווייטער. די פור איז שוין געווען ווייט ביים עק פון דאָרף און ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען און ניט געהאַט קיין מוט אַריינצוגיין.

פון טויער זענען אַרויסגעלאָפן צוויי באָרוועסע יינגלעך און אַ מיידל מיט אַ לאַנגן געלן צאָפּ. ווען די יונגע חברה האָט דערזען דעם נייעם מענטשן, זענען זיי ראַפּטום געבליבן שטיין, אים גוט אָנגעקוקט און אויסגעפּלאַצט אין אַ הילכיקן געלעכטער. דער בלייכער ישיבה־בחור, אין דער לאַנגער קאַפּאָטע, מיט אַן ערשטן ניט־גלייכן אָנוואוקס פון באָרד, מיט די לאַנגע פּאות, האָט זיי אויסגעקוקט זייער טשיקאַווע. די דריי האָבן דערנאָך זיך געלאָזן לויפן אין שטוב, אָנזאָגן וועגן זיין קומען.

באַלד איז פון שטוב אַרויסגעקומען אַ געפּאַקט, קורץ יידל, אין אַ יאַר־מעלקע און קורצן פּעלצל. ער האָט אָפּגעשטעקט דעם גאַסט אַ ברייטן שלום־עליכם, צוגענומען ביי אים די פּעקלעך און אים אַריינגעפירט אין שטוב.

פון קיך איז אַרויסגעקומען די באַלעבאָסטע: מיטל־יעריק, ברייט און נידעריק ווי דער מאַן, מיט פולע, צערויטלטע באַקן. דער פאַריק אויפן קאָפּ עטוואָס אַן אַ זייט. דערזען דעם גאַסט, האָט זיך איר פּנים צעלויכטן: „אַזאַ גאַסט! אַזאַ טייערער גאַסט!״

אין שטוב האָט גאָלדשטיינען אַ שלאָג געטאָן אין נאָז אַריין דער ריח פון

געפּרעגלטן שמאַלץ און אים דערמאָנט, אַז ער איז הונגעריק, אַז ער האָט אַ גאַנצן טאָג ניט געגעסן.

גאָלדשטיין איז געשטאַנען אַ פּאַרלאָרענער, זיך געדרייטלט און ניט גע־וואוסט, צי זאָל ער דער יידענע אָפּשטעקן אַ שלום־עליכם. ענדלעך האָט ער זיך אָנטשלאָסן און ער האָט דער „אישה" דערלאַנגט די האַנט. אַ היץ האָט אים באַגאָסן, זיין פּנים איז געוואָרן צונטער־רויט.

די באַלעבאָסטע איז באַלד צוריק אַוועק אין קיך, צוגרייטן עסן פּאַרן גאַסט. שלמה איז דערווייל געקומען צו זיך פון זיין פּאַרלאָרנקייט און האָט זיך אַרומגעקוקט. אין גרויסן צימער איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט לאַנגע בענק אַרום. אויבנאָן איז געשטאַנען אַ ברייטער שטול מיט הענטלעך ביי די זייטן, פּאַרן באַלעבאָס פון הויז. אויף דער ווייס־געטינקעוועטער וואַנט זענען געהאַנגען די בילדער פון משה מאָנטעפיאָרע און רבי יצחק אלחנן. אין ווינקל — אַ גרויסער אַלמער מיט ספרים.

דאָס הויז פון דעם פּאַרמעגלעכן נתן קרוקאָווער האָט אויך געדינט ווי אַ מקום תפילה פאַר שבתים און יום־טובים פאַר די יידן פון דאָרף. אינגאַנצן האָבן אין דאָרף געוואוינט אַרום פופצן יידישע משפחות, וועלכע האָבן זיך פּאַרנומען מיט פאַרשיידענע מלאכות. געווען דאָ צוויי שוסטערס, אַ סטאָליער, אַ שניידער, אַ היטלמאַכער, אַ בלעכער און צוויי שמידן, וועלכע האָבן געהאַט זייערע קונדיעס ביי ביידע ברעגן פון דעם דאָרף.

אַהערצו האָט דאָס אים נתן קרוקאָווער אַראָפּגעבראַכט צו זיין: מנהיג פון די גרויסע און רבי פאַר די קינדער. געהייסן האָט עס פון אָנהויב, אַז נתן קרוקאָווער אַליין ברענגט אַראָפּ אַ ישיבה־בחור צו לערנען נאָר מיט זיינע יינגלעך. אָבער אַז די יידן פון דאָרף האָבן זיך דערוואוסט פון דעם, זענען זיי צוגעשטאַנען, אַז דער מלמד זאָל לערנען אויך מיט זייערע קינדער. די באַל־מעלאָכעס האָבן געטענהט: „מיר וועלן פון דאָס לעצטע צאָלן, אַבי די קינדער זאָלן ניט פאַרגרעבט ווערן."

שלמה גאָלדשטיין האָט מיט התמדה געפירט זיין מלמדות, איז שטאַרק באַליבט און געאַכטעט געוואָרן פון די דאָרפס־יידן. ניט איין מאַמע, וואָס האָט געהאַט אַן אויסגעוואַקסענע טאָכטער, האָט טיף אין הארצן זיך געוואונטשן צו קריגן אַזאַ פיינעם איידעם, ווי שלמה גאָלדשטיין. אָבער גאָלדשטיין אַליין האָט פון דעם ניט געטראַכט. מיט זיין יונגער נייגעריקייט האָט ער גענומען צוקוקן זיך צו דעם אַרומיקן לעבן. אַלץ איז דאָ געווען אַנדערש, ווי אין דער אָרעמער ליטע. די ערד, אַ שוואַרצע און אַ פרוכטבאַרע, האָט אַלץ אַרויס־געגעבן מיט פולער שפּע. די מענטשן דאָ — מער אויפגעלייגט, געמיטלעכער, ברייטער. דאָ האָט מען געקענט הערן, ווי די יונגע פּאַראָבקעס און מוידן זינגען

אַרויס זייער פרייד און די לידער טראָגן זיך ווייט און הויך. אויף שלמה גאָלד־שטיינען האָבן די לידער אָנגעיאָגט אַ זיסע בענקעניש און געמאַכט ציטערן די נשמה מיט באַהאַלטענע, ביז אַהער ניט איבערגעלעבטע באַגערן.

— אַט דאָ וועל איך מיין היים בויען, — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, — נאָר ניט אייביק לעבן פון מלמדות. ניט פון קהלשער פרנסה. — ער האָט טאַקע געקנעלט בלויז אַ פאָר יאָר.

דעם ערשטן קליינעם פאַרזוך, אַרויסצורייסן זיך פון מלמדות, האָט ער געמאַכט מיט אויפקויפן די היי־געדרעטעניש ביים פריץ סטעפּניצקי און עס פאַר־קויפן צו אַ מיליטער־פאַדריאַדטשיק. ער האָט זיך ביי דעם געטוג אָנגעע־האָרעוועט. מען האָט געדאַרפט צושטעלן צו סטעפּניצקין אין גוט אַ פּרעס, צושטעלן דראָט, צונויפשלאָגן אָן אַרטעל פון פּרעסער און דערנאָך טראַנס־פּאָרטירן די באַלעס געפּרעסטן היי צום מיליטער־פּונקט. ווען ער איז פּאַרטיק געוואָרן מיטן מסחר און אונטערגעצויגן אַ סך־הכל, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט נאָך דערלייגט צום עסק. צו טייער האָט אים געקאָסט די טראַנס־פּאָרטאַציע. אָבער דאָס האָט אים ניט אָפּגעשראָקן. פאַרקערט, ערשט איצט האָט ער דערפילט דעם אמתן טעם פון מסחר: דאָס פאַרטראַכטן, פּלאַנירן און אויספירן פון יעדער סוחרישער אונטערנעמונג האָט אין זיך עטוואָס שעפעריש־קייט. צו דעם האָט אים געצויגן.

דאָס מזל האָט אים דערנאָך צוגעשפּילט. דריי וויאָרסט פון דאָרף האָט מען גענומען בויען אַ סטאַנציע אויף דער אייזנבאַן־ליניע: ליבאַווע־ראָמני.

שלמה גאָלדשטיין האָט זיך אונטערגענומען צוצושטעלן צו דער בויאונג פאַרשיידענע מאַטעריאַלן. ער האָט אָנגעדונגען פויערים צוצושטעלן וועגענער זאַמד, ער האָט טראַנספּאָרטירט באַן־שפּאַלעס, — און אין אַלע אַרבעטן אַרויס־געוויזן גוטע אָרגאַניזאַטאָרישע פייאיקייטן.

ווען ער איז געקומען אויף די יום־טובים צוריק אַהיים, אין זיין קליין שטעטל אין דער ליטע, האָבן קליין און גרויס גערעדט וועגן דעם בעל־מזל, שלמה גאָלדשטיין, וואָס איז געוועזן ערגעץ אין אַ ווייטן ווינקל אין „טיף ראָסעי" און איז דאָרטן רייך געוואָרן.

זיין פאָטער, וואָס איז שטענדיק געווען פון די אָנגעזעענע, הייסע סלאָנימער חסידים, איז מיט אים געפאָרן צום סלאָנימער רבין. איצט, אַז זיין בכור, שלמהלע, האָט געהאַלטן אין טאָן אַ שידוך, וועט ער עס אַוודאי ניט טאָן אָן דעם רבין. און אַ שידוך מיט אַ טאָכטער פון אַן אַנדער סלאָנימער חסיד איז טאַקע געשלאָסן געוואָרן. אַרום חנוכה־צייט זענען זיך די מחותנים צונויפ־געפאָרן און געמאַכט אַ קנס־מאָל. און אָנהויב זומער איז שוין שלמה גאָלדשטיין, מיט זיין יונג, שיין ווייבל, רחל, געווען צוריק אין דאָרף.

ער האָט ניט געהאַט קיין געניויערם פּלאַן צו וואָס זיך צו נעמען. די אייזנ־באַן איז שוין געווען פאַרענדיקט. דער פּאַרטיקער וואָקזאַל — די שענסטע געביידע, וואָס די אַרומיקע דאָרפסלייט האָבן ווען עס איז געזען. אויף דער אַנדערער זייט פון וואָקזאַל—די פּראַכט־געביידעס מיט אַן אָפענער פּלאַטפאָרמע אונטער אַן אייזערנעם דאַך, אין רויט געפאַרבט. באַן־צוגן זענען שוין געלאָפן אין די ווייטע שטעט. די פּראַכט־געביידעס האָבן נאָך אָבער געפּוסטעוועט.

שלמה גאָלדשטיין איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער און געבויט פּלענער.

אין אַ שיינעם זומער־פרימאָרגן האָט ער גענומען זיין יונג ווייבל, רחלען, און איז מיט איר צוגעגאַנגען צו אַ ברייטן באַשטאַן, פאַרזעצט מיט פאַרשיידענע גרינסן. ער האָט מיט איר אַרומגעשפּאַנט אַרום און אַרום. דער באַשטאַן האָט זיך געצויגן מיט אַ שמאָלן פּאַס צו דער פּאָדערגאַס און ווייט אַהינטער די זייטיקע געסלעך.

— אָט דאָ וועלן מיר אונדזער היים בויען, איך האָב דאָס שוין געקויפט. רחל איז געשטאַנען אַ פאַרוואונדערטע.

— אונדזער ערשטלינג וועט געבוירן ווערן אין אונדזער נייער, אייגענער היים! — האָט ער געזאָגט. און רחל האָט זיך פאַררויטלט און געקוקט אויף אים מיט אַ וואַרעמען בליק.

— זע, אָט דאָ וועט שטיין אונדזער שטוב, — האָט שלמה מיט דער האַנט געוויזן, — דאָ וועלן מיר אויפשטעלן קלוניעס, און אינמיטן הויף אַ וואָג פאַר די פורן היי און שטרוי; און אָט דאָרטן וועל איך אַ סאַד פאַרזעצן: עפּל, באַרן, קאַרשן, פלוימען...

שלמה גאָלדשטיין איז באַלד צוגעטראָטן צו דער אַרבעט — בויען זיך אַ היים!

אַרבעטער האָבן געגראָבן דעם פונדאַמענט. פורן האָבן געבראַכט געהילץ. מען האָט צוגעשטעלט, מיט דער דעסנע, בלעך פאַרן דאַך. שלמה גאָלדשטיין האָט אַרומגעשמייעט אַ פאַרהאָוועטער גאַנצענע טעג. האָט קיין צייט ניט גע־האָט אַפילו דורכצוואָרפן זיך מיט אַ וואָרט מיט זיין רחלען. ער האָט נאָר אַלץ געהיים געוואָרפן בליקן צו איר אויפגייענדיקן גוף... מיט יעדן טאָג איז זי גרעסער, רונדער געוואָרן...

דערפאַר אָבער פלעגט ער שבת פון איר ניט אָפּטרעטן. איר שוואַנגער־שאַפט האָט געענדערט איר אויסזען. אים האָט זי זיך אויסגעוויזן נאָך שענער. פלעגט ער זיצן מיט איר און אויסטרוימען פאַר איר זיינע חלומות.

— אָבער צו וואָס יאָגסטו זיך אַזוי אַרויס די כחות? — האָט זי זיך געבעטן ביי אים.

— אונדזער קינד, אונדזער בכור זאָל געבוירן ווערן אין אונדזער אייגענער

הים. וואַרט! אַט וועסטו זען, ווי איך וועל עס אויסמעבלירן. פון קיעוו וועל איך אונדזער מעבל באַשטעלן.

אַז דאָס הויז איז פאַרטיק געוואָרן, זענען די דאָרפישע יידן אַלץ געגאַנגען קוקן אויף דעם ווי אויף אַ חידוש. אַזוינע הייזער האָט מען נאָך ביי זיי אין דאָרף ביז אַהער ניט געבויט. דאָס הויז האָט געהאַט אַ ברייטן גאַניק צו דער גאַס, מיט געשניצטע קאָלאָנעס; האָט געהאַט אַ רויטן בלעכענעם דאַך און גרין־געפאַרבטע לאָדנס, כמעט אַ פּריצישע שטוב.

די דאָרפישע יידן האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס: „וואו האָט זיך צום מלמד גענומען אַזעלכע השגות? און וואָס וועט ער טאָן מיט דער גרויסער וואָג פאַר פורן, וועלכע מען האָט איינגעגראָבן אין דער ערד אינמיטן פון הויף?"

שלמה גאָלדשטיין האָט זיך געהאַט זיינע פּלענער: ער וועט אויפקויפן די געריעטעניש פון די לאַנקעס ביי די פּריצים. זיי, די פּריצים, וועלן עס אים צושטעלן אין הויף. דאָ וועט מען עס פּרעסן אין באַלן, אָנלאָדן, און די באַן וועט די היי־וואַגאָנען אַוועקפירן אין וייטע שטעט.

סוף זומער איז מען פאַרטיק געוואָרן מיטן בויען די שטוב און די קלוניעס. שלמה גאָלדשטיין האָט זיך אויסגעקליידט מעשה דייטש, אין אַ קורצן סורדוט, אַ ווייס העמד און קראַגן און אַ קאַפּעליוש אויפן קאָפּ. ער האָט אַרומגעשאַרן די שטאַרק־צעוואַקסענע, שוואַרצע באָרד, און זיך אַוועקגעלאָזן אין ווייטן פּעטערבורג אָנצונעמען באַשטעלונגען און איינשטעלן פאַרבינדונגען.

פון פּעטערבורג איז ער צוריקגעקומען מיט אויסגעברייטערטע פּלענער. ער וועט צושטעלן וואַגאָנעס שטרוי צו די פּאַפּיר־פאַבריקן. ווי נאָר עס האָבן זיך געשטעלט די ערשטע פרעסטלעך, האָט שלמה גאָלדשטיין געדונגען אַ פור און זיך אַוועקגעלאָזן אין די שכנישע דערפער. ער איז אַריין צום יוסטן באַלעבאָס פון דאָרף.

— גוט־מאָרגן, מיקיטאַ!

— גוט־מאָרגן, פּאַן שליאַמקאַ! וואָס מאַכט מען?

— אַט אַזוי. געקומען אַהער צו פאָרן אָפּצוקויפן ביי דיר די שטרוי.

— די שטרוי? — האָט מיקיטאַ אָנגעקוקט אומצוטרוילעך, צי מאַכט ניט דער ייד קיין שפּאַס פון אים?...

— דו האָסט דאָך שטרוי, ניין?

— פּאַראַן, גאָט צו דאַנקען, פּאַראַן גענוג. גאָט האָט ניט באַוואָלהט.

— און וואָס טוסטו מיט דעם?

— נו, וואָס פאַר אַ נוצן קען מען האָבן פון שטרוי? בלויז אויף אונטער־צוליגן אונטער די בהמות, און די הרובע צו הייצן.

— איז אָט וואָס, מיקיטאַ. פיר דעם שטרוי צו מיר. איך וועל פאַר דעם צאָלן געלט.

— דו? וועסט צאָלן געלט פאַר דעם?

— יאָ, מיקיטאַ. מיטן ערשטן שניי־וועג נעם, און פיר דיין שטרוי צו מיר, און זאָג אַן אַלעמען אין דאָרף מען זאָל פירן צו מיר זייער שטרוי.

פון דאָרטן איז שלמה גאָלדשטיין פאַרפאָרן אין נאָך דערפער און פאַר־שפּרייט די נייעס, אַז ער קויפט שטרוי. אינגיכן איז עס באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער געגנט און די פּויערים האָבן גענומען פירן צו אים זייער שטרוי, וואָס פריער האָט עס פאַר זיי כמעט קיין ווערט ניט געהאַט.

די נייעס וועגן די גאָלדענע גליקן, וואָס שלמה גאָלדשטיין מאַכט אין זיין נייעם געשעפט, האָט זיך שנעל צעטראָגן צווישן זיינע קרובים אין דער ליטע. איינציקווייז האָבן זיי גענומען אַריבערקומען צו אים אין דאָרף. שלמה גאָלדשטיין האָט יעדערן אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, געהאָלפן מיט געלט און מיט אַן עצה. אינגיכן איז דער גאַנצער וועג, פון דאָרף צו דער באַן־סטאַנציע, פאַרבויט געוואָרן מיט אַ פיינער, ברייטער גאַס און האָט געטראָגן אַ באַזונדערן נאָמען: „דער וואָקזאַל".

דאָס דאָרף האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען אַן אַנדער פּנים. מען האָט אויפ־געבויט לאַנגע מויערן מיט קראָמען; פּויערים האָבן אָנגעהויבן צו קומען אַהער איינקויפן פאַר דער באַלעבאַטישקייט און פאַרקויפן דאָ די מותרות פון דאָרף. עס האָבן זיך באַוויזן מער סוחרים, נייע מענטשן, וואָס זענען אָנגעקומען פון דער ווייט. טייל האָבן זיך דאָ באַזעצט אויף שטענדיק.

דער דאָרפישער שניידער, עלי־משה ריפּס, האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אַ גרעסערער דירה, נעענטער צו די קראָמען. ער האָט אויף דער גאַנצער ברייט פון שטוב אויפגעהאַנגען אַ שילד מיט אַ מאָדנע בילד פון אַן אימ־פּאָזאַנטער פרוי, מיט הויכע בריסט, מיט אַ ברייטן געזעס, און דערביי — מיט אַ קונציק־דינער טאַליע... אויף דער גאַנצער לענג פון שילד איז געווען געשריבן מיט געצירקלטע ווערטער: „דאַמסקער סאַלאָן פון עלי־משה ריפּס. קליידער נאָך דער לעצטער פּאַריזשער מאָדע."

און קעגנאיבער דעם „דאַמסקן סאַלאָן" האָט זיך געעפנט אַ האָר־שערעריי. אויך דאָ איז געווען אַ שילד מיט אַ בילד, וואָס האָט שטאַרק צוגעצויגן די נייגעריקע פּויערישע בליקן. אויפן שילד: אַ בלאָנדער יונגערמאַן מיט שפּיציק־פאַרדרייטע וואָנצעס. די אויגן פון יונגנמאַן האָבן געקוקט: איינס רעכטס, דאָס אַנדערע לינקס. די האָר פון קאָפּ זענען געווען פאַרקעמט אַרויף און גע־שטאַנען שטייף, ווי ביי אַ יאָזש, ווען ער דערשמעקט סכנה. און די אונטער־שריפט, מיט נאָך מער געצירקלטע און גרעסערע בוכשטאַבן, וואָס האָבן

קאָנקורירט מיטן שילד אַנטקעגנאיבער, האָט זיך אַזוי געלייענט: „וואַרשעווער פּאַריקמאַכערסקע. האָר־טואַלעטן לויט דער סאַמע לעצטער מאָדע.״

דאָס דאָרף איז שוין אַריבערגעוואַקסן אין אַ שטעטל. די באַן האָט געעפנט אַלץ נייע און נייע קוואַלן פון פּרנסה. די פּויערים אַרום האָבן זיך גענומען אָפּגעבן מיט מער־קולטיווירטער זריעה. מען האָט געזייט מער טאַבאַק, וואָס האָט דאָ געטראָגן דעם נאָמען „טיטון״. מען האָט געזייט פּאַנערויזן. אַן אייל־שלאָגעריי האָט זיך געעפנט, וואָס האָט פון די קערלעך פון פּאַנערויזן געפּרעסט אייל און דעם אָפּפאַל האָט מען געפּרעסט אין אַזוינע קיילעכדיקע ציגל און מען האָט מיט דעם געהאָדעוועט בהמות.

די צאָל פון די יידן איז שטאַרק געוואַקסן. איצט האָט מען שוין געדאַוונט אין עטלעכע מנינים. אָבער שלמה גאָלדשטיין האָט זיך געהאַט צונויפגערעדט מיט די באַלעבאַטים, מען זאָל זיך שטעלן בויען אַ שול.

אין איינעם פון די מילדע טעג אין מאַי, האָט מען אויף האַלב־וועג צווישן מאַרק און וואָקזאַל אַוועקגעשטעלט אין דרויסן אַ גרויסן טיש, מיט בראַנפן, לעקעך, טאָרט, קיכלעך און מאַרינירטן הערינג. אַ קאַפּעליע קלעזמער, וואָס איז פאַר דעם עקסטראַ אַראָפּגעבראַכט געוואָרן, האָט עפּעס אויסגעשפּילט, וואָס איז געווען אי אַ פריילעכס, אי אַ וויינענדיקס. יידן פון אַלע עקן שטעטל האָבן זיך גענומען ציען אַהער צום טיש, וואו אויבנאָן איז געזעסן דער עלטסטער באַלעבאָס, נתן קרוקאָווער, און לעבן אים שלמה גאָלדשטיין און מרדכי גינצ־בורג. מען איז צוגעקומען צום טיש, אַוועקגעלייגט אַ נדבה, גענומען אַ גלעזל בראַנפן, געוואונטשן זיך און אַלע יידן גליק, געמאַכט „שהחינו״ און אויס־געטרונקען, דערנאָך פאַרביסן מיט אַ שטיק מאַרינירטן הערינג און קיכל, צי מיט אַ שטיקל טאָרט, לעקעך. יידן האָבן געדאַנקט גאָט פאַר דעם גנאָד, וואָס ער האָט מיט זיי געטאָן, האָבן זיך דערוואָרעמט, פאַרלייגט די הענט איינער אויפן צווייטנס אַקסל און אַוועקגעגאַנגען אין אַ טענצל.

די קאַפּעליע איז ערשט איצט אַריין אין דער ריכטיקער שפּיל. פון אַלע עקן דאָרף זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן די פּויערים, פּויערטעס און קינדער, אָנצוקוקן דאָס טשיקאַווע, זעלטענע בילד, ווי יידן הוליען...

אויף דעם אָרט וואו מען האָט איצט געטאַנצט איז אין אַ יאָר אַרום גע־שטאַנען אַ גרויסער בית־המדרש. דער אַלטער נתן קרוקאָווער איז געוואָרן גבאי.

**
*

אין האַרבסט איז שלמה גאָלדשטיין צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן זיין חלום, אַ חלום, וואָס ער האָט געטראָגן טיף אין האַרצן נאָך פון זיין קינדהייט — צו פלאַנצן אַ סאָד.

אין דעם היימישן, ליטווישן שטעטל, וואו אַ שטוב איז געווען צוגעבויט מיטן רוקן צו אַן אַנדער שטוב, וואו די געסלעך זענען געווען שמאָלע, שטויביקע און אָן ביימער, דאָרט האָט ער דעם חלום אויסגעוואָרעמט.

געווען ביי זיי אין הויף אַ קליין שטיקל באָדן, צווישן צוויי שטיבער. האָט זיך דער קליינער שלמהלע געבעטן: „טאַטע! לאָז מיר דאָ אַ גערטנדל מאַכן.“

נאָר דער פאָטער זיינער, ברוך־מאיר, האָט שטענדיק געהאַט אַן אַנדער תירוץ: מען דאַרף דעם פּלאַץ פאַר אַ סוכה, מען לייגט דאָ אָפּ האָלץ אויף ווינטער. ביז דער קליינער שלמהלע איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן.

אָנהויב פרילינג איז דאָס געווען. ער איז אויפגעשטאַנען גאָר, גאָר פרי, ווען דאָס גאַנצע שטעטל איז נאָך געשלאָפן. ער האָט מיט אימפּעט גענומען אַרויסרייסן די שטיינער און אויפגראָבן דאָס שטיקל באָדן. אין אים האָט גע־אַרבעט אַ קליינער שדל. ער האָט ניט באַוויזן אויסצורייניקן דעם גאַנצן שטח פון די שטיינער, ער האָט אָבער געהאַט אָפּגערייניקט גענוג פּלאַץ צו פאַרזעצן צוויי ביימלעך. און טאַקע באַלד איז ער געלאָפן אין מאַרק און מיט זיין אייגע־נעם פון קליינגעלט־אָפּגעשפּאָרטן „אוצר“ געקויפט אַ קאַרשן־ביימל און אַן עפּל־ביימל און זיי פאַרפלאַנצט.

ווען טאַטע־מאַמע זענען אויפגעשטאַנען אינדערפרי האָבן זיי שוין געפונען אַ פאַרטיקן סעדעלע. דער טאַטע האָט זיך געוואָלט אַ בייזער טאָן: סטייטש, יונגאַטש! — און אַנדרייען אים גוט די אויערן. דערזעענדיק אָבער ווי די מאַמע שטייט און קוועלט אָן פון איר זונעלע, וועלכער האָט זיך נאָך אַלץ געעסקט אַרום די ביימלעך, האָט דער טאַטע געשוויגן, געטראַכט: „דאָס ייִנגל האָט כאַראַקטער, ער וועט זיך צו זיינס דערשלאָגן, פון אים קען אויסוואַקסן אַ כלי.“

דאָ, אין דעם קליינעם סעדעלע, וואָס האָט זיך מיט יעדן פרילינג און זומער אַלץ מער צעוואַקסן, האָט שלמהלע געחלומט פון ברייטע, גרינע פעלדער, פון פרוכט־גערטנער.

איצט איז געקומען די צייט דעם אַלטן חלום צו פאַרווירקלעכן. ער האָט שוין אויך געהאַט דעם פּלאַן. ניט אומזיסט האָט ער זיך צוגעקוקט צו די פריצישע סעדער. ער האָט איינגעלאַדן דעם סאַדאָווניק אַנטאָן, איז מיט אים אַרומגעגאַנגען איבער דעם איצט־ליידיקן באַשטאַן און פאַר אים אויסגעלייגט זיינע פּלענער.

אַנטאָן האָט אויסגעהערט, דאָ און דאָרט אַריינגעשטעלט אַ וואָרט, וועגן אייניקע זאַכן זיך געשפּאָרט און צום סוף גענומען זיך צו דער אַרבעט — פלאַנצן דעם סאַד. שלמה גאָלדשטיין האָט אים געגעבן אַן אָנזאָג: קויף פון די בעסטע סאָרטן ביימער. אַנטאָן האָט געאַרבעט ביז שפּעט אין אָסיען, נאָר די אַרבעט ניט פאַרענדיקט.

ס׳איז געקומען דער ווינטער. שניי האָט צוגעדעקט די יונגע ביימעלעך. גאָלדשטיין איז צופיל פאַרנומען געווען אין זיין געשעפט און האָט, דוכט זיך, גאָר פאַרגעסן אָן זיין סאָד. אָבער ווי נאָר דער פרילינג איז געקומען, האָט אין אים ווידער אויפגעוואַכט דער שטאַרקער ברען צום אויפגייענדיקן סאָד. גלייך ווי נאָר די זון פלעגט אַריינקוקן אין זיין שלאָפצימער, פלעגט דאָס אים אַ הויב טאָן פון בעט. ער איז געלאָפן אין סאָד, באַטראַכט יעדעס ביימעלע, געפרייט זיך מיט די קנאָספּן, וואָס זענען וואָס אַ טאָג געוואָרן שווערער, און האָבן זיך ביסלעכווייז צעעפנט. ער האָט אָנגעקוקט צו זען ווי די גרינע בלעטעלעך, נאָך גאָר בלאַסע, האָבן שוין אַרויסגעשטעקט זייערע מײַלעכלעך צו דער זון...

אַנטאָן האָט ווידער געאַרבעט. איצט האָט ער פאַרזעצט פאַרשיידענע יאַגדע־ביימלעך און קוסטעס: די שוואַרצע סמאָראָדינע, מאַלינעס, אַגרעסן, ווײַנפּערלעך. שלמה גאָלדשטיין האָט געוואָלט, אַז אַלץ זאָל געבויט ווערן גרונטאָוונע. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער שוין ניט איינמאָל געזען דעם סאָד אַ צעבליטן. ווי יונגע כלות שטייען די ביימער אויסגעפּוצט אין ווייסן און ראָזעווען צוויט. דערנאָך געזען אין זיין דמיון די ביימער שווער־באַלאָדענע מיט פּרוכט. ביז צו דער ערד בויגן זיך די צווייגן אָנגעשאָטענע מיט עפּל און באַרן.

און אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער אויך געזען דעם סאָד פול מיט חברה יונגוואַרג. ער האָט אַפילו געזען זיך און זיין אַלטיטשקע, רחל, אַרומגערינגלט מיט אַ מחנה קינדער און אייניקלעך. ער האָט דאָך ניט געבויט זיין נעסט פאַר זיך אַליין. ער האָט געבויט מיט בטחון אויפן גנאָד פון גאָט. דער שטאַם פון שלמה גאָלדשטיין וועט וואַקסן און שטאַרק זיין.

און ס׳איז אים באַשערט געווען צו זען, ווי זיין חלום איז מקוים געוואָרן. דער סאָד האָט זיך ווירקלעך צעוואַקסן און צעבליט. איין זאַך, נאָר, איז אים ניט געראָטן. ער האָט געלאָזן אויסגראָבן אַן אָזיערע אין אַ נידעריקן ווינקל פון סאָד. אפשר האָט ער שוין געזען אין זיין פאַנטאַזיע די ווייסע שוואַנען, וואָס וועלן דאָרטן אַרומשווימען, ווי ביי די רייכע פּריצים. אָבער דאָס וואַסער פון דעם צעגאַנגענעם שניי האָט ניט געסטאַיעט, פלעגט גיך אויסטריקענען און איבערלאָזן אַ זומפּיק געמייזעכץ, פול מיט פליגעלעך.

אַזוי זענען געגאַנגען די יאָרן. קינדער זענען געקומען, אונטערגעוואַקסן. שלמה גאָלדשטיין האָט זיי אין געשעפט אַריינגענומען. ווינטער האָט די גאַנצע משפחה אייניק געאַרבעט. זומער איז דער סאָד פול געווען מיט פרייד און געזאַנג. די עלטערע צוויי זין האָבן יונג חתונה געהאַט. גענומען ווייבער מיט יחוס און נדן. איין טאָכטער שוין אויסגעגעבן. דער עלטערער זון, הערשל, האָט דאָ אין שטעטל אויפגעבויט די ערשטע פאַראָווע מיל. דער יינגערער,

משהל, האָט געהאַט אַ לאַגער פון ערד־באַארבעטנדיקע מאַשינען. האָט געטריבן מסחר אין די גאַר שווערע טויזנטער.

דער אַלטער, שלמה גאָלדשטיין, האָט שוין מער ניט געהאַט דעם אַמאָליקן אימפּעט. אָבער ער פלעגט מיט שטאָלץ צוריקקוקן אויף זיין לעבן. ער האָט געזען, ווי מיט זיין מי האָט ער באַפרוכפּערט די ערד. פון די קליינע צווייג־שטאַמען זענען איצט אויסגעוואַקסן פרוכט־ברענגענדיקע ביימער; ער האָט געזען, ווי מיט זיין פליים האָט ער געהאָלפן, אַז אָט דאָס פאַרוואָרפן דאָרף זאָל זיך צעוואַקסן אין אַ בליענדיק שטעטל; פּרעסיר־זאַוואָדן פון היי און שטרוי זענען געעפנט געוואָרן, טאַבאַק האָט מען דאָ געפּאַקט פאַר די פאַבריקן פון מערב־ליטע, מילן האָבן זיך גענומען דרייען, עס זענען צוגעקומען אַר־בעטער, פריקאַזטשיקעס. מענטשן האָבן געאַרבעט, געהאַט פרנסה. און געטאָן האָט ער עס ניט דווקא צוליב אייגננוץ, נאָר צוליב דער פרייד פון טאָן, פון בויען. ער איז געווען צופרידן. האָט זיך געפילט, ווי אַ טייל פון דעם פעסט־איינגעשטעלטן סדר־העולם. אַ נויטיק שרייפעלע אין דעם גרויסן עקאָנאָמישן בנין...

אָט אַזוי איז איצט פאַר גאָלדשטיינען אַדורך זיין גאַנצער לעבנס־וועג. דער גאַנצער שליאַך... און ס'האָט אין אים געברויזט: „און איצט קומען זיי און ווילן איינרעדן דער וועלט, אַז ער מיט זיין שטאַנד זענען איבעריק. מער ניט נויטיק." זיין גאַנץ וועזן ווערט אָנגעפילט מיט כעס קעגן די נייע דעה־זאָגער. אַ גאַנץ לעבן געהאָרעוועט, געבויט און איצטער ווילן „זיי" אַרויסשלעפּן דעם פונדאַמענט פון אונטער זיינע פיס! ניין, ס'איז דאָך פשוט אומזין. אַ מוח־פאַרבלענדעניש, וואָס וועט ווי מיטן ווינט אַריבער.

שלמה גאָלדשטיין האָט אַזוי געהאַלטן אין איין טענהן און אין געבן גערעכט זיך אַליין. פון ערגערניש האָט ער אויפגעהערט צו עסן, איז אַראָפּ פון לייב. ער איז שלאַף געוואָרן און טעג גאַנצע פלעגט ער ליגן אין בעט אָן חשק עפּעס צו טאָן. געלעגן און געטרונקען זיך אין ביטערקייט פון זיין אייגענעם געמיט.

איין טרייסט האָט אים אויפגעהאַלטן אין די לאַנגע שלאָפלאָזע, ווינטער־דיקע נעכט. ער האָט זיך צוריק גענומען לערנען תורה. ערגעץ טיף איז אין אים געווען דער גלויבן, אַז גאָט ווייסט, מן־הסתם, וואָס ער טוט. ער פלעגט צוגיין צום אַלמער, אַרויסנעמען אַ חומש, צי אַ גמרא. גיכער טאַקע פלעגט ער אַרויסנעמען אַ גמרא און ביי אַ קליין אָנגעצונדענעם לעמפּל פלעגט ער זיך זעצן לערנען.. און דער אַלטער ניגון פון דער גמרא פלעגט אָנפילן די נאַכט מיט מאָנונג און רחמנותדיקן געבעט. „גאָטעניו", האָט ער געמורמלט צו זיך אַ פסוק פון קהלת: „וזה היה חלקי מכל עמלי?" — און דאָס איז, הייסט עס,

מיין חלק פון דער גאַנצער מי און מאַטערניש? און אַ רחמנות צו דער גאַנצער וועלט און צו זיך אַליין פלעגט אים אַרומנעמען.

**
*

אויף מאָרגן נאָך טאַטיאַנאַס וויזיט, האָט די טאָכטער, פאַניאַ גאָלדשטיין, אויף זיך אַרויפגעוואָרפן אַ פּראָסט קליידל און אַן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, כדי איר אויסזען זאָל זיין וואָס מער „פּראָלעטאַריש", און איז אַוועק צו זען זיך מיט דער חברטע אָוודעיענקאָ.

זי איז אַריין אין סאָוועט. טאַטיאַנאַ איז געווען פאַרטאָן אין לייענען אַ באַריכט. פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ איז אַ ווײַלע געשטאַנען און געוואַרט.

— חברטע אָוודעיענקאָ, איך בין צו אייך געקומען...

טאַטיאַנאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון די פּאַפּירן.

— אָך, בירגערין גאָלדשטיין, זעצט זיך, — האָט טאַטיאַנאַ געזאָגט און האָט אָנגעקוקט פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַן אין איר „פּראָלעטאַרישן הולך". „אַהאַ! ניטאָ שוין מער די פריערדיקע פאַניאַ מיט אירע שיינע קליידער!" — און אַ געפיל פון באַפרידיקטער נקמה האָט איר באַוועלטיקט. „איצטער ביזטו געקומען צו מיר. אָבער פריער, האָסטו זיך ווען עס איז אומגעקוקט אויף מיין ווייניקייט? פאַר דיר בין איך געווען בלויז אַ ניצלעכע הויז־זאַך. אמת, דו האָסט מיר געגעבן דיינע אויסגעטראָגענע סאַראַפאַנען, ווען דו האָסט זיי שוין מער ניט געוואָלט. אָבער ווייסטו, וויפיל געפאַלנקייט און דערנידערונג איך האָב געהאַט ווען איך פלעג זיי אָנטאָן?" — דאָס אַלץ האָט טאַטיאַנאַ געטראַכט, נאָר זי האָט עס געוואָלט באַהאַלטן טיף אין זיך. אָבער דאָך איז אַ נצחונדיקער גלימער געבליבן אין אירע אויגן.

זי האָט געזאָגט זאַכלעך און טרוקן:

— מיט וואָס קען איך אייך בוצלעך זיין?

— חברטע אָוודעיענקאָ! צי קאָן מען ניט לאָזן אונדז נאָך אַ צימער? איר ווייסט דאָך: דער פאָטער איז אַלט. פילט ניט גוט.

טאַטיאַנאַ האָט אַ ווײַלע געטראַכט.

— ניין. מען קען ניט, פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ. אייער פאָטער איז דאָך ניט פון דעם האַרעפּאַשנעם קלאַס.

— איר ווייסט דאָך, חברטע אָוודעיענקאָ, מיין פאָטער איז ניט קיין באַנקיר, וואָס זיצט און שערט קופּאָנעס. מיין פאָטער האָט אפשר אין זיין לעבן געהאָרעוועט מער ווי אַן אַנדער האָרעפּשאַניק. ער האָט פּלאַנירט, אַרומגעפאָרן נעמען באַשטעלונגען, איינגעקויפט, איינגעשטעלט דאָס גאַנצע געשעפט. ער

האָט געבויט, געהאָוועט. ער האָט געגעבן מענטשן באַשעפטיקונג, ברויט...
חברטע אָודעיעַנקאָ האָט פּאַמעלעך געענטפערט:

— פאַר זיך האָט ער זיך געסטאַרעט. אַ באַלעבאָס. פאַר זיין אייגענעם פּראָפיט. און וואָלט ער ניט געהאָט קיין רווח פון דעם, וואָלט אים, מסתמא, ניט געאַרט, וואָס די מענטשן פּוכניען פון הונגער...

פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ האָט ברייט געעפנט די אויגן. צי רעדט דאָס טאַקע טאַטיאַנאַ, די געוויזנע דערשלאָגענע דאָרף־שיקסע? זי האָט אויפגעפלאַמט:

— יעדערער זוכט דאָך זיין אייגן נוצן. אַזוי גייט דאָס וועלטעלע, — האָט פאַניאַ אַרויסגעוואָרפן אַ פראַזע.

— יאָ. אַזוי איז געווען. אַזוי וועט אָבער מער ניט זיין! — האָט טאַטיאַנאַ געזאָגט, און אירע אויגן האָבן אויפגעגליט. — איר פאַרשטייט, פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ, מיר ווילן בויען אַ בעסערע וועלט! —

פאַניאַן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז טאַטיאַנאַ רעדט איצט מיט מער האַרציקייט. זי האָט איר דאָך אָנגערופן ביים נאָמען. שוין ניט מער סתם „בירגערין גאָלדשטיין", וואָס האָט זי ווי אָפּגעווייטערט פון זיך. זי האָט ווידער געפּרואווט זאָגן:

— אָבער חברטע אָודעיעַנקאָ, אפשר קען מען פאָרט פאַרגרינגערן די פאַראָרדענונג?

— ניין. מען קאָן ניט. איר דאַרפט, פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ, פאַרשטיין, אַז ניט פאַר מיין אייגענעם נוצן טו איך עס. פאַר די פאַראָרעמטע, וואָס פלעגן פינצטערן אין די קעלערס, פלעגן קראַנק ווערן מיט רעוומאַטיזם, ווייטיקן, קראַמפן און פלעגן פאַר דער צייט שטאַרבן. פאַר זיי טו איך עס. איצט וועט עס מער ניט געשען. און איר . . . און איר, בירגערין גאָלדשטיין, זייט צופרידן, וואָס מען האָט ביי אייך אײַנגאָנצן די דירה ניט צוגענומען.

פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ האָט זיך ווידער דערפילט אָפּגעשטופּט. די לעצטע ווערטער האָבן ווי מיט אַ בייטש דערלאַנגט. זי האָט זיך אַ קאָרטשע געטאָן. איז, דוכט זיך, קלענער געוואָרן. נאָר גאָרניט געזאָגט און געלאָזן זיך צו דער טיר.

טאַטיאַנאַ האָט נאָכגעקוקט ווי זי דערווייטערט זיך. אַ ווײַלע איז פאַר איר אויפגעשוואומען דאָס פּנים פון דער אַלטער גאָלדשטיין. פאָרט האָט די אַלטע גאָלדשטיין צו איר אַרויסגעוויזן אַ סך מענטשלעכע גוטסקייט, ווען זי איז אַ שוואַנגעריקע צו זיי געקומען.

— פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ! — האָט זי זיך מיט אַמאָל אַ ווענד געטאָן צו פאַניאַן, וועלכע איז שוין געווען ביי דער טיר. — וואַרט אַ מינוט.

פאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ האָט אויסגעדרייט איר פּנים צו טאַטיאַנאַן. עס איז

געווען אַ שטאָלץ און בייז פּנים. איז געבליבן שטיין אין דערוואַרטונג ביי דער טיר.

טאַטיאַנאַ איז אויפגעשטאַנען פון שטול ביי דעם שרייבטיש און איז צו איר צוגעגאַנגען.

— איך האָב היינט געקראָגן דעם „פּאַיאָק", וויל איך אייך געבן אַ האַלבן פּוד מעל. נעמט, איך האָב גענוג.

פּאַניאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ איז געבליבן אַ ווײַלע אַ צעטומלטע. דערנאָך האָט אַלץ אין איר אויפגעזאָדן. זי האָט אַרויסגעשאָסן:

— די גאָלדשטיינס בעטלען ניט קיין ברויט. זיי זוכן נאָר גערעכטיקייט. זי האָט זיך אַ קער געטאָן צו דער טיר און איז אַרויס.

קאַפּיטל זעקס

דער גרויסער פאַרזאַמלונגס־צימער פון שטעטלשן סאָוועט איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. די לאַנגע בענק זענען ענג געווען באַזעצט. אַ סך אַנדערע מענטשן זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביי די ווענט. די פאַרזאַמלונג האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן און פון דעם לעבעדיקן גערײַדעריי פון עולם, פון דער ערנסטקייט פון די פּנימער, פון דעם ווי מען האָט נערוועז געצויגן אין זיך דעם רויך פון פּאַפּיראָסן, איז קענטיק געווען, אַז די פאַרזאַמלונג איז היינט אַן אויסערגעוויינלעכע.

קיינער האָט גאָר ניט געפילט, ווי אין צימער איז אָנגערויכערט און וואַרעם, ווי פּאַרע צעמישט מיט רויך האָט זיך געזעצט אויף די פענצטער און מיט אַ דין שטראָמעלע זיך געצויגן דורך אַ שפּאַלט אין דער טיר.

דער עולם האָט געוואַרט אויפן פאָרזיצער. ער האָט ענדלעך אַרייַנגע־הונקען, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן שטעקן. נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען חבר אַנדרעיעוו, אַ גאַסט־רעדנער, וואָס איז ספּעציעל געשיקט געוואָרן אַהער איינ־צולערנען מיטן עולם.

דער פאָרזיצער פון סאָוועט, חבר גריגאָרענקאָ, האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ. ס׳איז שטיל געוואָרן און ער האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג. געגעבן דאָס וואָרט חבר אַנדרעיעוון צו באַלייכטן די אַלגעמיינע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד.

די גרויסע געשעעניש אין רוסלאַנד, ווי די אַרבעטער האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט און איבערגענומען דאָס לאַנד פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג — די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז שוין לאַנג אויסגעקעמפט געוואָרן אין די גרויסע שטעט. דאָרטן האָט זיך די נייע מאַכט גענומען באַפעסטיקן, מיט יעדן טאָג געשלאָגן אַלץ טי״ערע וואָרצלען, און אַריינגעצויגן אַלץ גרעסערע מאַסן אַר־בעטער אין דעם גרויסן, פאַר זיי נאָך נייעם, פאַרמעסט צו רעגירן און צו פירן דאָס לאַנד.

דאָס לאַנד, רוסלאַנד, וואָס די נייע מאַכט האָט איבערגענומען און גענומען אַרויספירן אויף נייע וועגן, איז געלעגן אויסגעצויגן אין אָנמאַכט, ווי אַ געפאַלענער גיגאַנט.

פיר יאָר מלחמה האָבן אויסגעזויגן די כחות. מיליאָנען יונגע לעבנס, דער

צווייט פון לאַנד, זענען אונטערגעשניטן געוואָרן און זייערע קברים זענען געווען פאַרזייט איבער די פעלדער אויף אַלע פראַנטן.

ערשט ניט לאַנג איז געשלאָסן געוואָרן דער ברעסט־ליטאָווסקער שלום מיט דייטשלאַנד, וואָס האָט געזאָלט געבן דער אויסגעמאַטערטער רוסלאַנד אַ מעגלעכקייט אָפּצוציען דעם אָטעם. אָבער קיין פאַרלייכטערונג האָט דער שלום ניט געבראַכט. דער שונא, דער דייטש, האָט מיט אַ מעסער אַריינגעשניטן זיך אין לעבעדיקן קערפּער פון לאַנד און אָפּגעשניטן אוקראַינע, וואָס האָט געהאָט געשפּייזט גאַנץ רוסלאַנד מיט ברויט, צוקער, אייזן און קוילן.

עס האָבן זיך גענומען אומקערן פון געפאַנגענשאַפט די סאָלדאַטן, זיי זענען געקומען צו פאַרן אויסגעפּייניקטע פון לאַנגע הונגער־יאָרן אין פלען, מיט טיפער בענקעניש צו געפינען צוריק די אַלטע היים, ווי געווען, צו געפינען אַ מקום־מנוחה ביי די היימישע פייערן. אָבער געפונען האָבן זיי צעשטערטע היימען. די באַלעבאַטישקייט רואינירט. אָפּגעלאָזנקייט, אָרעמקייט און חולאת. די פרויען, די קינדער זענען אַרומגעגאַנגען אָן אַ בגד אויפן לייב, אָן אַ שוך.

און ווער איז אין דעם אַלץ שולדיק? ווער האָט אַריינגעוואָרפן דאָס מוטערל־רוסלאַנד אין בראַנד פון מלחמה? — דער צאַרישער רעזשים, זאָל ער דריי מאָל פאַרשאָלטן זיין! פאַר וועמעס נוצן האָבן מיר פאַרגאָסן טייכן בלוט? פאַר וועמעס וועגן האָט מען אָוועקגעלייגט די בעסטע יוגנט פון רוסלאַנד? פאַר דער גייציקער בורזשואַזיע, וואָס האָט געוואָלט נאָך און נאָך פּראָפיטן, געוואָלט פאַרכאַפּן די דאַרדאַנעלן, געוואָלט . . . אַזוי האָבן גערעדט צווישן זיך די אויסגעמאַטערטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן פאַרוואָרפן דעם פראַנט און ווי אַ הייסע כוואַליע זיך אַ לאָז געטאָן אַהיים. אַזוי האָבן אויך גערעדט די צוריקגעקומענע פון געפאַנגענשאַפט.

איצט וועט אַלץ אַנדערש זיין. די ערד, די פּריצישע גיטער, וועט געהערן צו די אַרבעטנדיקע פּויערים. די זאַוואָדן — זיי וועלן געהערן צו די וואָס שאַפן די רייכטימער, צו די אַרבעטער. דער וואָס האָט פריער גאָרניט פאַרמאָגט — דער וועט ווערן דער באַזיצער פון אַלץ! און די אויסגעפּייניקטע, אויסגעמאַטערטע מאַסן זענען אַזוי ווי באַפליגלט געוואָרן פון די נייע האָפענונגען. זייער האָפענונג האָט אומעטום אַראָפּגעשריען פון די גרויסע פּלאַקאַטן:

„זאָל לעבן די מאַכט פון די אַרבעטער און פּויערים!"

נאָר אומעטום האָט די נייע מאַכט געפונען שטערונגען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַיקאָט קעגן דער נייער מאַכט. דער קאַמף איז געווען אָן אָפענער און נאָך מער אַ פאַרבאָרגענער. די וואָס זענען געבליבן אויף אַמטן, האָבן סאַבאָטאַזשירט די אַרבעט.

די מלוכה־שיף איז געבליבן אָן געניטע רודערער, נאָר אין דער זעלבער

צייט איז פאַרגרעסערט געוואָרן דאָס עקשנות פון די נייע מענטשן. זיי האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר די שוועריקייטן. זיי האָבן דאָס קענטיק פאַראויס־געזען. וואו מיט פּראָפּאַגאַנדע און וואו מיט אַ שטאַרקער האַנט, האָבן זיי די שוועריקייטן בייגעקומען.

דערווייל אָבער האָט דער איבערברוך פון עקאָנאָמישן, דורות־לאַנג־איינגעשטעלטן סדר פון לעבן אַריינגעוואָרפן דאָס גאַנצע ברייטע און גרויסע רוסלאַנד אין אַן עקאָנאָמישער צערודערונג. די לאַנג־איינגעשטעלטע עקאָ־נאָמישע פאַרבינדונגען צווישן שטאָט און דאָרף זענען צעשטערט געוואָרן. דער באַן־פאַרקער איז געווען איבערגעלאָדן מיט סאָלדאַטן, וואָס זענען געלאָפן אין אַלע זייטן. פּראָדוקטן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן פאַר דער הונגעריקער באַפעלקערונג פון די גרויסע שטעט, פלעגן אונטערוועגנס צעראַבירט ווערן.

קיין רויע מאַטעריאַלן פאַר די פאַבריקן האָט ניט געסטאַיעט און די פאַבריקן זענען געבליבן שטיין. האָבן טויזנטער אַרבעטער מיט זייערע פאַ־מיליעס פאַרלאָזן די שטעט און געלאָפן אין די דערפער, צו קרובים, כדי צו ראַטעווען זיך פון הונגער.

דער פּריוואַטער מסחר פון פאַר דער מלחמה איז אינגאַנצן געווען געשלאָגן און קיין קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זאָלן פאַרנעמען זיין פּלאַץ, זענען נאָך ניט געווען. דער ספּעקולאַנט און דער זעקלניק האָבן פאַרנומען דאָס אָרט פון סוחר. פּויערים האָבן דערזען אַ מעגלעכקייט רייך צו ווערן. זיי פלעגן זיך שלעפּן גאַנצע מעת־לעבן מיט דער באַן צו פאַרקויפן אַ זעקל מעל אין שטאָט און צוריקקומען פון דאָרטן מיט פעק אַסיגנאַציעס — די „קערענסקיס“, און אין די שטעט, אויף די מערק, האָט זיך צעבליט דער „האַנט־מסחר“.

דאָס גאַנצע לאַנד האָט אַלץ טיפער געהאַלטן אין זינקען און קיין אויסוועג האָט זיך ניט געזען.

אַהערצו, אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל, וואָס איז געלעגן ווייט פון גרויסע שטעט, איז די אָקטאָבער־רעוואָלוציע געקומען עטוואָס פאַרשפּעטיקט. די געגנט איז אַ שטיק צייט געווען אונטער דער ממשלה פון סקאָראָפּאַדסקין און די דייטשן, דערנאָך אונטער די פליגלען פון דער אוקראַינישער „ראַדאַ“. ווען אין פּעטראָגראַד און אין מאָסקווע זענען שוין לאַנג געווען איינגעשטעלט סאָוועטן פון אַרבעטער און פּויערים, האָט נאָך דאָ, אין שטעטל, אַלץ גע־וועלטיקט די אַלטע מאַכט.

דער איבערבייט פון מאַכט איז דאָ ניט געווען קיין בלוטיקער. די אַלטע טוער האָבן אָפּגעטראָטן זייער אָרט.

— נאַט, נעמט זיך די מאַכט! פירט. מירן זען, ווי ווייט איר וועט דער־פירן. מער ווי דריי מאָנאַטן וועט איר זיך ניט האַלטן.

און וואָס שווערער און צערודערטער עס איז געוואָרן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן, אַלץ האַפּערדיקער זענען געוואָרן די אַלטע טוער. „איר זעט וואוהין זיי פירן? אַ בלינדער קען דאָך איינזען, אַז דאָס איז רואינע!"

נאָר די, וואָס האָבן איבערגענומען די מאַכט, האָבן געהאַט אַ נייעם קאָמפּאַס און האָבן געזוכט אַן אַנדער וועג צום לעבן. דאָס נייע לעבן האָט געהייסן „סאָציאַליזם". דאָס איז געווען פאַר זיי די צייט פון גאולה. קיינער האָט נאָך ביז אַהער דאָס ניט באַוויזן צו דערגרייכן, אָבער די גלויביקע האָבן ניט אָפּ־געלאָזן, זיי מוזן דאָס דערגרייכן! זאָל דער וועג זיין אַ לאַנגער און נאָך ניט קלאָרער, זאָל דער קאָמפּאַס ליגן אין נאָך ניט דערפּאָרענע הענט, אָבער מען וועט גיין און גיין, קריכן און קלעטערן, ביז דער וועג וועט ווערן קלאָר, און די הענט וועלן ווערן געניט.

מיט דעם גלויבן זענען אויך געווען באַהערשט די וואָרטזאָגער ביי דער פאַרזאַמלונג.

חבר אַנדרעיעוו, דער גאַסט, האָט זיך גראָד ניט פאַרנומען אין טיפע עקאָ־נאָמישע פראַגן, נאָר ער האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע אין לאַנד.

נאָך אים האָט חבר סימענקאָ גערעדט וועגן דער לאַגע דאָ אין שטעטל און אין דער אומגעגנט.

ביים עולם זענען די געמיטער געווען צעהיצט. די נערוון זענען געווען אָנגעשטרענגט. גוט און פיין. שיינע לאָזונגען. אָבער וואָס טוט מען אין דעם איצטיקן מאָמענט?

— חברים! — האָט מאַקאַראָוו, דער מאַשיניסט פון דער פאַראָווער מיל, זיך געקאָכט. — וואָס איז דאָס אַזוינס? אַן אַרבעטער־רעגירונג, דוכט זיך, און אונדזערן אַ ברודער, אַן אַרבעטער, איז נאָך שווערער געוואָרן צו לעבן. קיין בגד, קיין שוך, קיין טשוועקל אַפילו קען מען ניט קריגן. אַלץ איז מיט־אַמאָל פאַרשוואונדן פון מאַרק. ווילסטו עפּעס קריגן, מוזטו אָנקומען צו די ספּעקולאַנטן. און זיי רייסן פון דיר אַ פּאַס. לעבעדיקערהייט שינדן זיי די הויט פון דיר אַראָפּ.

— אַרעסטירן אַלע ספּעקולאַנטן! אַוועקנעמען ביי די הענדלער די סחורות און עפּענען אַ פאָלקס־קראָם! — האָבן זיך דערהערט געשרייען.

דער פאָרזיצער, גריגאָרענקאָ, האָט געפּרוּווט איינשטילן די שרייער.

— איר האָט געענדיקט? חבר מאַקאַראָוו, פּאַרטיק?

— נאָך אַ פּאָר ווערטער, חבר פאָרזיצער.

— וואָס איז דאָ צו רעדן? אַלץ איז דאָך קלאָר.

— לאָזט אים ענדיקן. שלאָגט אים ניט איבער, — האָבן אייניקע געבעטן.

— איז אָט־וואָס, חברים, — האָט מאַקאַראָוו באַטאָנענדיק גערעדט. — איר זאָגט אָוועקנעמען די סחורות ביי די הענדלער. נאָר די בורזשויעס, זיי זענען אַ כיטרע פאָלק. זיי וועלן באַהאַלטן זייערע סחורות, וועט מען דאָס מיט זיבן אויגן ניט געפינען. דאָ דאַרף מען די זאַך טאָן גריינטלעך.

נאָך אים האָט זיך אויפגעשטעלט דער באַן־אַרבעטער אַניסאָוו, שוין ניט קיין יונגער, מיט גרוילעכע האָר. אין די אויגן איז אָבער געווען אַ פאַרטייעט פייער. צו אים האָט מען זיך שטאַרק צוגעהערט, ווייל אַ סך געדענקען נאָך, ווי אין יאָר 1905 האָט ער אָנגעפירט מיט דער באַן־זאַבאַסטאָווקע דאָ אין שטעטל. מען האָט אים דערנאָך פאַרשיקט אויפן צפון אין אַרכאַנגעלסק אויף דריי יאָר. ער איז צוריקגעקומען אַהער און געשטעלט זיך אַרבעטן אויף דער באַן. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן אָן אַ זייט פון די פריערדיקע חברים, און געהאַט אַ חשד, אַז מען שפּיאָנירט אים נאָך. ערשט שפּעטער האָט ער זיך אין געהיים ווידער פאַרבונדן מיט די בונטאַרן, איז אַריין צו די באָלשעוויקעס.

חבר אַניסאָוו האָט אַ הוסטל געגעבן, אויסגערייניקט דעם האַלדז און אָנגעהויבן:

— און איך שטים ניט איין מיט חבר מאַקאַראָוון. די גאַנצע צרה נעמט זיך דאָך פון זעקלערייי. די זעקלעך־הענדלער באַפאַלן די באַנען, ווי בינען! אָט ווען מען זאָל דאָס קענען אָפּשטעלן, דעמאָלט איז קאַפּוט צום ספּעקולאַנט. איך שלאָג דעריבער פאָר מיליטער־קאָרדאָנען אויף די באַן־סטאַנציעס. אַרעסטירן די הענדלער, צונעמען ביי זיי די סחורות. ווילסטו האַנדלען, נעם אַרויס אַ דערלויבעניש פון סאָוועט. דעמאָלט וועלן מיר האָבן אַ קאָנטראָל איבער די הענדלער.

— ניט ריכטיק רעדסטו, אַניסאָוו! — האָט זיך אויף אים אַרויפגעכאַפּט אַן אַרבעטער פון דער פאַראָווער מיל, ניקולין. ער, ניקולין, האָט זיך פריער קיינמאָל ניט פאַרנומען מיט פּאָליטיק. נאָר זינט די סאָוועטן זענען געקומען צו דער מאַכט, האָט ער דערפילט, אַז מען טאָר ניט שטיין אָן אַ זייט. אַז די נייע מאַכט וויל טאָקע עפּעס טאָן פאַר אים גופא, פאַר זיינע קינדער. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און האָט זיך אויך געלערנט, געלייענט.

— די ספּעקולאַנטן וועסטו ניט כאַפּן, — האָט ניקולין גערעדט. — זיי וועלן פאַר מיילן דערשמעקן געפאַר און וועלן איידער וואָס־ווען אַראָפּשפּרינגען פון צוג. מיר מוזן דעריבער די זאַך גריינטלעכער באַטראַכטן. אָט האָט מען אין אַלע שטעט דורכגעפירט דאָס צונעמען די מותרות פון דער בורזשואַזיע און דאָס צעטיילט צו די נויטליידנדיקע האָרעפּאַשניקעס. און ביי אונדז? אַלץ

איז געבליבן ווי פריער. דער אַרבעטער, דער אָרעמאַן, פּלאָגט זיך. און די בורזשויעס? אָהאָ!...

געשרייען: — ריכטיק, ריכטיק, ניקולין!

אין זאַל איז געוואָרן אומרואיק. אַבראַשאַ פינקל האָט געבעטן אַ וואָרט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרומגעקוקט זיך, געזען די שטימונג פון די פאַר־זאַמלטע און האָט דערפילט, אַז דאָס וואָס ער וויל זאָגן, וועט פאַלן אויף ניט קיין פרייַנטלעכע אויערן. דאָך: ער מוז דאָס זאָגן!

— און איך דענק, חברים, אַז די גאַנצע זאַך איז ניט ריכטיק אָוועק־געשטעלט געוואָרן. וואָס פאַר אַ בורזשואַזיע האָבן מיר דאָ אין שטעטל? די ריכטיקע בורזשויעס קען מען דאָך אויף די פינגער אָנציילן. און די אַלע הענדלער זענען דאָך אויך אָרעמעלייט, וואָס ווילן אַ שטיקל ברויט, כּדי די פאַמיליע און זיך צו דערנערן...

אַניסאָוו האָט אים איבערגעשלאָגן: „הייסט עס, דו שטעלסט זיך איין פאַר די הענדלער, פאַר די ספעקולאַנטן!"

— ניין, חברים, ניט פאַר זיי שטעל איך זיך איין, נאָר פאַר דעם אמת. צו וואָס וועט דאָס אונדז פירן? אויב אָנשטאָט דעם, אַז מיר זאָלן אָנווענדן אונדזערע כּחות אויפצולעבן די באַלעבאַטישקייט און אָנצוהויבן צו פּראָדוצירן, וועלן מיר גיין זוכן מותרות ביי דער בורזשואַזיע, וועלן מיר מיט דעם ווייט ניט אַוועקגיין.

— גענוג! גענוג! מיר קענען שוין דייַן לידעלע. אַ נייער פאַרטיידיקער פון די בורזשויעס!

דער פאָרזיצער, אַפאַנאַס גריגאָרענקאָ, האָט גערופן דעם עולם צו אָרדענונג. די מיינונג פון די פאַרזאַמלטע איז געווען קלאָר. פונדעסטוועגן האָט דער פאָרזיצער געשטעלט די זאַך צו אַפּשטימונג. די הענט האָבן זיך אַ הויב געטאָן צו גונסטן דעם פאָרשלאָג, אַז מען זאָל באַלד צוטרעטן אָוועקצונעמען די מותרות פון דער בורזשואַזיע, און ניט נאָר די פאַרבאַהאַלטענע סחורות, נאָר אויך קליידער, וועש.

טאַטיאַנאַ איז די גאַנצע צייט געזעסן אין קלעם. ניט געוואוסט מיט וועמען צו האַלטן. אַ סך זאַכן, וואָס פלעגן באַטראַכט ווערן אין סאָוועט, זענען נאָך אַלץ האַרב געווען פאַר איר צו באַנעמען. איצט זענען אירע געפילן געווען מיט די אַרבעטער, וואָס האָבן געפאָדערט באַלדיקע מיטלען צו העלפן די אָרעמשאַפט. און דאָך האָט זי איינגעזען אַ סך אמת אין אַבראַשאַ פינקלס רייד. טיף אין האַרצן האָט זי נאָך עד־היום געטראָגן אַ טיפע אַכטונג צו אים.

— חברים! — האָט דער פאָרזיצער געווענדט זיך צו די פאַרזאַמלטע. — אַלץ, וואָס דאָ איז היינט גערעדט געוואָרן און פאָרגעקומען, מוז בלייבן אַ סוד.

אויב די בורזשויעס וועלן זיך דערוויסן באַצייטנס, וועלן זיי אַלץ באַהאַלטן און אונדזער אַרבעט וועט זיין אַן אומזיסטע.

אויף מאָרגן איז די אַרבעט אין סאָוועט אויבנאויף אָנגעגאַנגען ווי אין יעדן אַנדערן טאָג. אָבער אַ געניט אויג וואָלט געקענט דערקענען, אַז עפּעס גרייט זיך! אין דעם צימער פון פּאָרזיצער, גריגאָרענקאָ, זענען געווען פאַר־שפּאַרט מאַקאַראָוו, ניקולין און דער באַטראַק יעפרעמאָוו. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ באַוואָפנטער רויט־אַרמייער און קיינעם ניט צוגעלאָזט.

דער אויספיר־קאָמיטעט האָט דאָס שטעטל איינגעטיילט אין ראַיאָנען, האָט אויסגעקליבן די „אַקטיוויסטן", וואָס וועלן אָנפירן מיט דער אַקציע.

ווען אָוונט איז צוגעפאַלן, זענען אַלע אַקטיוויסטן שוין געווען פאַרזאַמלט און זיי האָבן געקראָגן גענויע אינסטרוקציעס ווי אַזוי די אַרבעט דורכצופירן. אַרום סאָוועט־הויז האָבן זיך פאַרזאַמלט גרופּעס אַרבעטער און יוגנטלעכע קאָמוניסטן. מען האָט זיי אַרויסגעגעבן ביקסן. צוטיילנדיק צו יעדן אַקטיוויסט צוויי באַוואָפנטע באַגלייטער, האָט מען זיך אַרויסגעלאָזן איבערן שטעטל.

טאַטיאַנאַ איז אויך אַוועק צו זוכן מותרות. זי איז מיט די באַוואָפנטע באַ־גלייטער אירע דורכגעגאַנגען די ערשטע עטלעכע הייזער. דאָס זענען אַלץ געווען קבצנישע שטיבער. עס איז ניט געווען וואָס צו זוכן און וואָס צו נעמען. די אָרעמקייט האָט אַרויסגעשריען פון יעדן ווינקעלע. טאַטיאַנאַ האָט זיך דאָרט לאַנג ניט געדאַרפט פאַרהאַלטן. אָבער ביי דעם באַלעגוף ראָדניצקי האָט זי שוין געמאַכט אַ גרינטלעכע אונטערזוכונג. אין קליידער־אַלמער האָט זי געפונען אַ זעקס גאַרניטורן. אין אַ באַשלאָגענעם קאַסטן זענען געלעגן עטלעכע אָפּשניטן אויף קליידער.

— בירגער ראָדניצקי! מיר לאָזן אייך איבער צוויי גאַרניטורן. איר קענט אויסקלייבן וועלכע גאַרניטורן איר ווילט זיך איבערלאָזן. די איבעריקע שרייבן מיר אָפּ. זיי וועלן בלייבן מיט אייך ביז מאָרגן און אויף אייער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט, ווען איר וועט זיי דאַרפן צושטעלן צום סאָוועט. די אַרבעטער גייען אַרום נאַקעט, אָן אַ בגד און ביי אייך — גאַנצע זעקס אָנצוגן און טייערע אָפּשניטן פאַר בגדים. דאָס קען מער אַזוי ניט זיין!

ראָדניצקי איז געשטאַנען אַ צעשראָקענער. ער האָט ניט פּראָטעסטירט. אַלץ געטוליעט זיך אין אַלטן מאַנטל און טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

פון דאָרטן זענען זיי, לויטן צעטל, געגאַנגען ווייטער. ביי דעם געוועזענעם גאַלאַנטעריי־קרעמער, באַבושקין, האָט מען געפונען אַ קעסטל מיט שפּילן און אַ היפּש פּעקל נאָדלען. מען האָט אויך געפונען אַ קעסטל זאָקן. אַלץ אָפּגעשריבן!

באַבושקין האָט זיך געבעטן: „טוט דאָס ניט. דאָס איז מיין גאַנץ איבער־געבליבן פאַרמעגן. איך פאַרקויף עס פאַר ברויט...״

— קלאָג ניט, ברודערל. די סאָוועטן־רעגירונג וועט דיך ניט לאָזן פאַלן, מען וועט אויך פאַר דיר אַרבעט שאַפן, — האָט געזאָגט איינער פון טאַטיאַנאַס באַגלייטער.

טאַטיאַנאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיטגייער מיט דאַנקבאַרקייט. איר אַליין איז שווער געווען די אַקציע. זי אַליין וואָלט געוואָלט זאָגן אַ וואָרט פון טרייסט צו די צעשראָקענע, ציטערנדיקע בירגער, וואָס זענען אויפגעוועקט געוואָרן אין מיטן דער נאַכט.

מען איז אַוועק ווייטער. טאַטיאַנאַ איז געבליבן שטיין פאַר אַ נידעריק הייזל, דאָס לעצטע אויף איר צעטל. זי האָט גוט געקענט דאָס שטיבעלע. דאָ האָט געוואוינט די אלמנה אסתר קראַנץ מיט איר משפחה. טאַטיאַנאַס האַרץ האָט געזונקען. זי קען ניט אַריינגיין צו אסתרן. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. אירע באַגלייטער זענען געשטאַנען גרייט אַנצוקלאַפּן.

— נו, וואָס־זשע שטייסטו, וואַקלסט זיך? לאָמיר שוין ענדיקן.

טאַטיאַנאַ איז מיט ניט־זיכערע טריט צוגעגאַנגען צו דער טיר. קען זי דען אַנדערש טאָן? זי איז דאָך אַ סאָלדאַט פון דער רעוואָלוציע. פליכט איז פליכט. איר אייגענע מומע אַגאַפּענאַ וואָלט זי ניט געשאַנעוועט. אַלע גלייך, און אַלעמען דער זעלבער גורל.

זי האָט אָנגעקלאַפּט. איר קלאַפּן איז געווען אַ שוואַכס. הינטער דער טיר איז געבליבן שטיל ווי געווען.

איין באַגלייטער האָט דאַן אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האָלץ פון ביקס: „עפנט!״ און זיך אויסגעזידלט: „איר שלאָפט, בורזשויעס, און מיר פרירן אין דער נאַכט.״

עס האָט זיך דערהערט אַ געדודער, אַ געוויין פון אַ קינד, דאַכט זיך אויך עמעצנס דערשראָקענע טריט, און דערנאָך האָט מען אָנגעצונדן פייער. אסתר האָט געעפנט די טיר. דערזען טאַטיאַנאַן מיט די צווי באַוואָפנטע באַגלייטער, איז זי בלייך געוואָרן און איז אָפּגעטראָטן אינעווייניק. זי האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. זי האָט שוין פאַרשטאַנען איר בראָך. מען איז געקומען צונעמען איר לעצטן פאַרמעגן — די צווי קעסטלעך זייף. זי האָט געוואוסט: אומזיסט דאָס ביטערוועזן. זי וועט ניט קענען אויסבאַהאַלטן. טאַטיאַנאַ ווייסט וואו די זייף געפינט זיך.

טאַטיאַנאַ איז געוואָרן רואיק.

— בירגערין קראַנץ! מיר פירן דורך דאָס אַוועקנעמען די מותרות פון די בורזשויעס. מיר וועלן ביי אייך גאָרניט נעמען, אָבער איך מוז אָפּשרייבן

וויפיל זייף איר האָט. איצט זייט אַזוי גוט, זאָגט דעם אמת, וויפיל קעסטלעך זייף האָט איר?

אסתר איז געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט. איר הויכע געשטאַלט מיטן בלייכן פּנים האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן. בלויז די שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט מיט אַן אומהיימלעך פייערל.

מיט אַמאָל האָט זי ווילד אַרויסגעפּלאַצט:

— דאָס האָסטו, טאַטיאַנאַ, מיך פאַרמסרט. אַ שד ביסטו, אַ שטן! נעם, נעמט, נעמט אַלץ צו!

און אסתר האָט זיך צעכליפּעט:

— נעמט צו מיין ברויט! טרינקט מיין בלוט! אפשר אַרויסרייסן אייך מיין האַרץ? בלוט־זויגער! דער צאַר האָט ביי מיר דעם שפּייזער צוגענומען און איר זייט געקומען מיין לעצט פאַרמעגן צונעמען. מיך מיט די קינדער לאָזן פון הונגער אויסגיין! טאָ, נאָט אייך! נעמט!!!

אסתר איז צוגעלאָפן צום אַלקערל, וואו די זייף איז געווען באַהאַלטן, געעפנט דאָס טירל: — איר זעט? גאַנצע צוויי קעסטלעך!

זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, איז אַנידערגעפאַלן אויפן טאַפּטשאַן און אויסגעבראָכן אין אַ יאָמער. די קינדער האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום איר און האָבן, קוקנדיק אויף דער יאָמערנדיקער מאַמע, זיך אויך צעוויינט.

טאַטיאַנאַ האָט זיך שנעל אַרויסגעכאַפּט פון אסתר קראַנצס הויז. די באַגלייטער, דערשיטערט פון דער סצענע, האָבן קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. טאַטיאַנאַ האָט ניט געהאַט קיין מוט צו קוקן זיי אין די אויגן. איר איז געווען אַזוי שווער, אַז זי האָט געוואָלט וואָס גיכער זיין אינדערהיים מיט זיך אַליין.

איינער פון די באַגלייטער האָט זיך אָפּגערופן: „קענטיק, אַן אָרעמע. ניט געדאַרפט אַפילו גיין צו איר. נאָר גאָרניט, אין סאָוועט וועט מען זיך פאַנאַנדערקלייבן.“

— אַ גוטע נאַכט! — האָט טאַטיאַנאַ אַוועקגעאײַלט אַהיים.

— אַ גוטע נאַכט!

ווי נאָר טאַטיאַנאַ איז אַריינגעגאַנגען צו זיך אין צימער, האָט זי אַ שליידער געטאָן דעם פאָרטפעל, אַראָפּגעוואָרפן דעם מאַנטל און אין די זאַכן זיך אַ וואַלגער געטאָן אויפן בעט. זי איז געווען אינגאַנצן דערשעפּט. איין זאַך האָט זיך איר איצט געוואָלט: פאַרגעסן, איינשלאָפן. נאָר זי האָט ניט געקענט איינשלאָפן. דאָס בילד פון דער יאָמערנדיקער אסתר קראַנץ מיט אירע וויינענדיקע קינדער איז געשטאַנען פאַר אירע אויגן.

אויף מאָרגן איז זי געגאַנגען אין דער קאָנטראָל־קאָמיסיע, צו אַבראַשאַ פינקל.

דאָס איז געווען חבר גריגאָרענקאָס פאָרשלאָג, אַז מען זאָל אַבראַשאַ פינקל באַשטימען אין דער קאָנטראָל־קאָמיסיע פון דער זוך־אַקציע. אַבראַשאַ פינקלס אַרויסטריט אויף דער פאַרזאַמלונג, וואו עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַוועקצונעמען די מותרות פון די בורזשויעס, האָט געשאַפן אַ פאַרדאַכט צו אים פון די איבעריקע חברים. — דעם וואָלף ציט אין וואַלד — האָבן זיי וועגן אים גערעדט, — ער האָט נאָך אַלץ ניט אַרויסגעשלאָגן פון זיך די קליינבירגערלעכע פסיכאָלאָגיע. לאָמיר אים דעריבער אַוועקשטעלן אין קאָנטראָל פון דער אַקציע. לאָמיר זען ווי ער וועט זיך באַגיין מיט די בורזשויטשיקעס, נאָכדעם ווי זיי וועלן קומען אין סאָוועט זוכן יושר.

טאַטיאַנאַ האָט ניט־דרייסט געעפנט די טיר. פינקל איז געזעסן פאַרטראַכט און געריוויכערט אַ פאַפיראָס.

— חבר פינקל. איך בין געקומען צו אייך. העלפט מיך פאַנאַנדערקלייבן זיך.

אַבראַשאַ האָט זיך גוט צוגעקוקט צו טאַטיאַנאַן. ער האָט ניט אַן שטאָלץ געטראַכט ווי זי איז גייסטיק אויסגעוואַקסן. ער איז דאָך געווען איר ערשטער לערער. איצט איז זי געווען אומעטיק און פאַרצאָגט, ווי אַ טעמפּער ווייטיק וואָלט זי גענאָגט.

— וועגן וואָס האַנדלט זיך עס, חברטע אָודיענקאָ?

— נו, ווי זאָל איך עס זאָגן? די נשמה איז ניט רואיק. עס דריקט מיך ווי אַ שווערער שטיין. ניט צופרידן בין איך מיט זיך. מיט מיין אויפפירן זיך ביי דער אַקציע פון אַוועקנעמען די מותרות...

— דערציילט זשע מיט אַ טאָלק, וואָס עס קוועטשט אייך.

— איך ווייס ניט ווי אָנצוהויבן. די בירגערין אסתר קראַנץ קענט איר?

— דאָס איז וועלכע?

— די קירזשנערקע.

— אָך, יאָ. די אלמנה מיינט איר?

— טאָקע די זעלבע. איר מאַן איז דערהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה. אסתר איז געבליבן אַליין מיט אירע פינף קינדער, איינס קלענער פונעם אַנדערן. זי שלאָגט זיך ווי אַ פיש אָן וואַסער. זי מאַכט היטלען און פאַרקויפט אויף זייף, וואָס זי ברענגט פון די גרויסע שטעט. איך קען זי גוט. פלעג ביי איר קויפן זייף, ווען איך פלעג נעמען גרעט צו וואַשן. זי איז אַן אָרנטלעכע, אַ גוטע. אַז איך פלעג אַמאָל ניט האָבן קיין געלט, האָט זי מיר געגעבן אויף באָרג. אַז איך פלעג אַמאָל קומען צו איר, ווען זיי זענען געזעסן ביים טיש און געגעסן, פלעגט זי מיך ניט אָפּלאָזן. איך האָב געמוזט עסן מיט

זיי צוזאַמען. מיט איין וואָרט, אַ גוטע, זיכער ניט קיין שעדיקעריין. אויך זי איז געווען אויף מיין צעטל. נו . . .

— דערציילט, דערציילט! — האָט אַבראַשאַ פינקל איר צוגעגעבן מוט.

— איך האָב געוואוסט, אַז זי האָט זייף. האָב איך אָפּגעשריבן איר גאַנץ פאַרמעגן: צוויי קעסטלעך. און איך ווייס ניט. עפּעס איז דאָ ניט ריכטיק. מיר האָבן דאָך געוואָלט די בורזשויעס אַביסל צודריקן, און דאָ באַקומט זיך, אַז עס ליידט אַן אָרעמער מענטש. איך קען זיך ניט פאַנאַנדערקלייבן...

— נו, וואָס צו וואונדערן זיך איז ניטאָ. אָט דאָס איז עס דאָך, — האָט אַבראַשאַ געזאָגט — מיר ווילן נאָכטאָן די גרויסע שטעט, דעם צענטער. דאָרטן איז אַנדערש. דאָרטן זענען טאַקע פאַראַן אמתע בורזשויעס, וואָס פאַרמאָגן אוצרות. ביי זיי צוצונעמען די מותרות און צעטיילן דאָס צווישן די נאַקעטע, אָרעמע אַרבעטער, דאָס איז ריכטיק. אָבער ביי אונדז? אָט דאָ אין דעם העק?... נאָר איצט, אַז אונדזער סאָוועט האָט באַשלאָסן, קען מען גאָר־ניט טאָן.

טאַטיאַנאַ האָט אַרויסגערעדט:

— דאָך, חבר פינקל, צי קען מען ניט איבערלאָזן איר די זייף? זי איז דאָך פאָרט אַן אלמנה. זי אַרבעט און דערנערט זיך.

— ניין, מען קען ניט. לאָזט מען איר איבער דעם זייף, מוז מען אויך די אַנדערע איבערלאָזן די אָוועקגענומענע זאַכן. אַ סך זענען אין דער זעלביקער קאַטעגאָריע.

— נו, ניט אַלע. אָט, ראַדניצקי! זעקס אָנצוגן האָט ער געהאַט.

— און דאָך קען מען ניט, חברטע אָודעיענקאָ. איצט איז פאַרפאַלן.

„פאַרפאַלן?" — האָט טאַטיאַנאַ שטיל נאָכגעזאָגט, ווי דער הימל וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן. זי האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק צו זיך אין אַרבעטס־צימער.

זי האָט זיך ניט געקענט באַרואיקן. אין איר האָט אַ שטימע אַלץ געמאָנט: „ביסט באַגאַנגען אַ נידערטרעכטיקייט." זי האָט זיך געוועדט: „איך האָב דאָך געטאָן מיין פליכט." נאָר דאָס האָט זי ניט באַרואיקט. „איז פליכט אַלע־מאָל יושרדיק?" ניין, פינקל איז ניט גערעכט. עפּעס מוז געטאָן ווערן. זי וועט רעדן מיט חבר גריגאָרענקאָ. ער איז דער פאָרזיצער פון סאָוועט. ער וועט שוין זיכער אַרויספירן זי פון קלעם.

פאַרנאַכט־צו האָט זי זיך באַגעגנט מיט חבר אַפאַנאַס גריגאָרענקאָ אין קאָרידאָר פון סאָוועט־הויז.

— חבר גריגאָרענקאָ, איר זענט פאַרנומען?

— אַביסל. וואָס איז, עפּעס וויכטיקס?

— ניין, אַזוי. איך האָב געוואָלט מיט אייך דורכשמועסן זיך וועגן אַן עניין.

— וואַרט־צו ביז איכ׳ל פאַרענדיקן מיין אַרבעט. ס׳וועט ניט נעמען לאַנג. מיר וועלן גיין צוזאַמען און זיך דורכשמועסן. אויב איר זענט ניט פאַרנומען, וואָלט איך אייך געלאַדן צו מיר. גוט ?

— גוט !

ווען זיי זענען אַרויס פון סאָוועט איז שוין געווען גאַר פינצטער. טאַטיאַנאַ האָט וואָס גיכער געוואָלט אַרויסלייגן אַלץ, וואָס איז געלעגן ביי איר אויפן האַרצן. נאָר גריגאָרענקאָ האָט זי אָפּגעשטעלט: „אָט וועלן מיר זיין ביי מיר אינדערהיים, וועט איר אַלץ דערציילן.

אַפּאַנאַס איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַזוי גייענדיק זייט ביי זייט מיט טאַ־טיאַנאַן זענען די דאגות און די רייד פון אַ טאָג אַרבעט אין סאָוועט אָפּגעטראָטן אַן אַ זייט, און ווידער אַמאָל, ווי ניט לאַנג צוריק, האָט אויף אים פון טאַטיאַנאַן אַ ווייַ געטאָן מיט פרוי, מיט וואַרעמקייט, און מיט גוף. ער האָט אַ זאָג געטאָן :

—ווילסט אָודאַי רעדן מיט מיר וועגן אַן עניין, וואָס האָט צו טאָן מיט אונדזערע פליכטן. אַזוי פאַרשטיי איך. אָבער לאָמיר אַ ווײַלע פאַרגעסן אַן דעם. איבער אַלע פליכטן קומט אַמאָל אויך אַרויס דיין „איך“. טראַכטסט פון לעבן, פון פרייד...

ער האָט אַ קוק געטאָן אין אירע בלוי־גרויע אויגן, און אים האָט זיך געדוכט, אַז אויך ביי איר האָט אויפגעגליט אַ באַהאַלטענער ציטער, אַ ווײַ־מוטיקער גלאַנץ אין בליק. פאַרוואָס, האָט זיך אים גענומען טראַכטן, האַלט זי זיך אַלץ ווייט פון מענער ? יאָ, פליכט, איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט. אָבער פאַרוואָס שפּילט זי אַלץ די ראָלע פון אַ צנועה ? וואַרט זי אויף איר איגנאַטן ? צי צערטלט זי אין זיך נאָך אַלץ דעם זכרון און ליבע צום דייטש ?

אַפּאַנאַס האָט דאָך גוט געוואוסט די געשיכטע פון טאַטיאַנאַס לעבן.

טאַטיאַנאַ האָט אויך געשוויגן. זי איז געווען צערודערט פון דער פּאַסירונג מיט אסתּר קראַנץ. זי וואָלט אַזוי געוואָלט געפינען אַן אָנשפּאַר אין אַפּאַנאַסן. זי האָט געוואוסט, אויך ער היט אָפּ די פליכט, אויך ער איז מענטש פון טאַט, אָבער דאָך, האָט זיך איר געדאַכט, האָט ער אין זיך אַ ברייטקייט. און אָט די געדאַנקען וועגן אַפּאַנאַסן האָבן זי אין דעם איצטיקן גאַנג צו זיין היים אַזוי ווי דערנעענטערט צו אים.

— נו, אָט זענען מיר שוין אינדערהיים ! — האָט ער אויסגערופן און פאַר־זיכטיק מיט זיין שטעקן געהויבן זיך איבערן גליטשיקן בערגל, וואָס האָט געפירט צו זיין טיר.

זיי זענען אַריין אין זיין וואוינונג. אַ קליין פאַדערצימער, וואָס האָט אים געדינט פאַר אַ קיך. אויפן ליידיקן, ניט צו־זויבערן טיש איז געשטאַנען אַ

פרימוס. עטלעכע טעפּלעך, טעלער, לעפל, גאָפּל און מעסער זענען געווען אויף אַ בענקל דערביי. חבר גריגאָרענקאָ האָט זיך אַליין געקאָכט זיין וועטשערע, ווען ער פלעגט קריגן עפּעס וואָס צו קאָכן. און דאָס איז געווען גאַנץ זעלטן. דאָס פאַרטיילן די שפּייז־פּאַרציעס — „דער פּאַיאָק" — פלעגט זיין זייער ניט־רעגלמעסיק. מערסטנטייל פלעגט אָפּאַנאַס אָפּקומען מיט עסן אַ שטיקל טרוקן ברויט מיט הייסן טיי. צוקער פלעגט ער נאָך קריגן ווען־ניט־ווען. זעלטענער פלעגט ער קריגן עפּעס פליישיקס, אָדער פיש. דעמאָלט פלעגט שוין זיין ביי אים יום־טוב. היינט אָבער האָט ער ניט אומזיסט איינ־געלאָדן צו זיך טאַטיאַנאַן. ער האָט געהאַט מיט וואָס זי צו טראַקטירן.

אין צווייטן צימער איז געווען גאַנץ פיין צוגעקליבן, נאָר עס איז געווען קאַלט, ווי אין דרויסן. גריגאָרענקאָ האָט זיך באַלד גענומען עוסקן אַרום דעם אייזערנעם אויוועלע, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן צימער מיט אַ לאַנגער בלעכענער טרויב, וואָס האָט זיך געצויגן צום פענצטער. עס האָט פריילעך גענומען ברענען דאָס האָלץ און אַ וואַרעמקייט האָט גענומען פליצן פון דעם אייזערנעם אויוועלע.

— נו, וואָס זיצסטו אַזוי טרויעריק, טאַטיאַנאַ, ווי עמעצער וואָלט ביי דיר געשטאָרבן?

— אַך, אָפּאַנאַס! כ'האָב זיך פאַרפּלאָנטערט, זיך פאַרפּלאָנטערט אין אונ־דזערע טואונגען. פריער איז אַלץ געווען אַזוי גוט. איך האָב געאַרבעט און בין געווען גליקלעך מיטן בלויזן געדאַנק, אַז איך טו עפּעס פאַרן געדריקטן, אָרעמען מענטש. פאַרן סאָציאַליזם. ניט אַזוי, אָפּאַנאַס? און אפשר פאַרשטיי איך ניט. פאַרט בין איך דאָך אַ פּויערטע. ניט קיין געבילדעטע...

— עפּעס רעדסטו אַלץ פאַרשטעלט. איך קען זיך ניט פאַנאַנדערקלייבן. דערציילע, וואָס אַזוינס דריקט דיך?

— אַט אויף דער אַרבעט אַוועקצונעמען די מותרות פון דער בורזשואַזיע האָט עס געטראָפן. אסתר קראַנץ, די קירזשנערקע. ביי איר האָב איך אָפּ־געשריבן צוויי קעסטלעך זייף, דאָס לעצטע וואָס זי פאַרמאָגט. זי האָט מיך מיט זידל־ווערטער באַוואָרפן. איך בין עס ווערט... און דאָך... איך האָב דאָך בלויז אויסגעפאָלגט דעם באַפעל פון סאָוועט. ס'איז דאָך אַן אַלגעמיינע זאַך.

— אָ, איצט פאַרשטיי איך. דו האָסט אויף איר רחמנות. וואָס־זשע? דיינס אַ נאָענטע איז זי?

— ניין. גאָרניט איז זי מיר. אָבער וואָס אמת איז אמת. איך קען אין איר ניט פילן קיין קלאַסן־שונא. אַ נאָענטע איז זי מיר, ווייל זי מאַטערט זיך ווי־עס־איז דורכצושלאָגן זיך מיט די קינדער. העלפן דאַרף מען איר גאָר, און דאָ...

— זי איז אַ קירזשנערקע, ווי קומט צו איר זייף? הייסט דאָס, אַז זי

האַנדלט־אונטער, ספעקולירט, — האָט אַפאַנאַס ניט אָפּגעלאָזט.

טאַטיאַנאַ האָט זיך געבעטן:

— אָבער וואָס זאָל טאָן אַן אלמנה מיט פינף קינדערלעך, אַז קיין שטאָף פאַר היטלען קריגט מען ניט?

אַפאַנאַס האָט געקוקט אויף טאַטיאַנאַן און געזען ווי זי ליידט. זיין גראָד־ליניקייט האָט זיך אַ בויג געטאָן. ער האָט טאַטיאַנאַן אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און געזאָגט:

— נו, גוט. דאגה ניט. מיר וועלן איר העלפן. שאַ! מאָרגן וועל איך זי רופן צו זיך. וועל איר העלפן אָרגאַניזירן אַן אַרטעל פון היטלען.

— טאַקע?! — האָט טאַטיאַנאַ פריידיק אויסגעשריען און אינגאַנצן אויפ־געשטראַלט. זי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אַפאַנאַסן אַרומגענומען. דאַנקבאַרקייט און פאַרערונג האָט זיך ביי איר מיט אַמאָל פאַרוואַנדלט אין צערטלעכקייט און אין אַ צוטוליען זיך...

אַפאַנאַס האָט זי שטאַרק צוגעדריקט צו זיך און געוואָלט אַ קוש טאָן. טאַטיאַנאַ האָט זיך איידל אָפּגערוקט. אָפּגערוקט זיך און ציטערדיק געשמייכלט.

דער מאַן אין אַפאַנאַסן האָט אויפגעגליט. ער האָט בחוש דערשפירט, אַז טאַטיאַנאַ פילט איצט אין זיך אַ נאָענטקייט צו אים.

— לאָמיר צוזאַמען טרינקען — האָט ער אויסגערופן — פאַר אונדזערע באַפרייטע לעבנס!

ער האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך בראַנפן.ביידע האָבן אויפגעהויבן די גלעזלעך. די בליקן האָבן זיך באַגעגנט און אין איילעניש זיך ווידער צע־גאַנגען. טאַטיאַנאַ האָט אויסגעטרונקען. דער בראַנפן האָט אַ ברי געטאָן דעם גומען און אַ וואַרעמקייט האָט זיך געגומען צעגיין איבער איר גאַנצן גוף.

טאַטיאַנאַ האָט זיך איצט געפילט לייכט, באַפליגלט. באַפרייט פון איר זאָרג וועגן אסתר קראַנץ, האָט זי זיך צוזאַמען שוין אויך באַפרייט פון אַנדערע צוימען אין זיך... ווי זאַכן און געפילן קענען זיך דאָס אַמאָל בינדן ביי אַ מענטשן... די אָנגעלאָדנקייט פון דער לעצטער צייט איז ווי ניט געוואָרן.

אַפאַנאַס האָט עס דערשפירט. ער האָט דערזען לעבן זיך דאָס אַמאָליק פריילעך און צוגעלאָזט מיידל, וואָס האָט אַזוי פיל אינערלעכן פייער געצונדן אויף די דאָרפישע פעלד־הוליאַנקעס. אין דער צוזאַמענדיקער איבערלעבונג פון די בייע טעג, האָט ער זיך נאָך נעענטער דערפילט צו איר. ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך. האָט זי געקושט.

טאַטיאַנאַ האָט שוין איצט ניט דערווידערט. זי האָט געפילט ווי זיינע הייסע קושן צינדן אין איר באַגערן און ווי זי ווערט אַוועקגעטראָגן מיט אַ הייסן שטראָם...

קאַפּיטל זיבן

אין גרוי פון פאַרטאָג האָט זיך טאַטיאַנאַ אַרויסגעכאַפּט פון אַפּאַנאַסעס צימער און אים געלאָזן נאָך אַ שלאָפנדיקן.

דער שפּעט־ווינטערדיקער מערץ־פרימאָרגן איז געווען בייסיק־רוי און קאַלט. אַ נעפּל האָט זיך נידעריק פּאַזע דער ערד געצויגן. דער נעפּל האָט נאָך שאַרפער געמאַכט די איינעסנדיקע קעלט. טאַטיאַנאַ האָט זיך איינגאַנצן צוזאַמענגעצויגן און פון קעלט אויפגעשוידערט. דאָך האָט זי אָפן אַריינגעצויגן אין זיך די קאַלטע לופט און דערפילט, ווי דער טשאַד, וואָס האָט ווי מיט רייפן געדריקט איר שטערן, וועפט זיך אויס, און איר ווערט גרינגער.

זי איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע און זיך אומגעקוקט. זי איז געווען צופרידן וואָס אין דרויסן האָט מען קיין לעבעדיקן מענטשן ניט געזען. דאָס שטעטל איז נאָך געשלאָפן. מיט גיכע טריט האָט זי אַוועקגעאײַלט צו זיך אַהיים. זי איז געגאַנגען נאַכגעיאָגט מיט אַ געפיל פון שולדיקייט און זיך אָפט אַרומגעקוקט אַהינטער, ווי זי וואָלט געשפּירט עמעצנס בליקן פאַלגן איר נאָך.

איצט האָט זי וועגן אסתר קראַנץ ניט געטראַכט. באַפרייט פון איין פלאַנמער, האָט זי איצט אין זיך דערשפּירט אַ נייעם פּלאָנטער. זי האָט ניט געקענט געפינען קיין ענטפער אויף דעם, וואָס האָט פּאַסירט מיט איר אין אַפּאַנאַסעס צימער. אַ געפיל פון שולדיקייט האָט גענאַגט און ניט אָפּגעלאָזט, ווי עמעצער וואָלט געשטאַנען מיט אַ שטראָפנדיקן פינגער און געטייטלט אויף איר. אַן אומרואיקע איז זי געגאַנגען דורכן פרימאָרגן־נעפּל.

דאָס געשטאַלט פון פריצן איז פאַר איר אויפגעשוואומען. זי האָט זיך דערמאָנט אַן דער מומע אַגאַפּענאַ, אַן איר קינד, אַנדריושקאַ. איר איז אומעטיק געוואָרן. זי האָט צו זיך אַליין גערעדט: „בין פּשוט אויסגעהונגערט געווען. הונגעריק נאָך אַ טרונק, הונגעריק נאָך צערטלעכקייט, הונגעריק נאָך מאַן... טייערער! שטיי ניט אַזוי פאַר מיר ווי אַ באַשולדיקער און מאָנער. צי ווייסטו ווי שרעקלעך איינזאַם איך בין אין די לאַנגע ווינטער־נעכט? און כאָטש איך לעב אין נשמהדיקן אויפברויז, און כאָטש מיין נייער גאַנג איז באַלויכטן מיט גלויבן, דאָך... דאָך ווערט אַזוי שווער... פריץ, טייערער! פאַרגיב מיר...״

אַזוי האָט זי גערעדט צו זיך מיט פאַרענטפערונג. דאָך האָט אין איר געריסן אַן אַנדער געפיל, וואָס נאָך גאַר אַמאָל האָט זי עס געשפּירט. אין דאָרף,

צי אין שטאָט, אין אַלטקייט, צי אין נייקייט, אַלץ בלייבט די פּרוי עפּעס ניט גאַנץ מיט זיך. און מאַן — איז מאַן...

און פּריץ, דער טאַטע פון איר קינד?... דאָס געשטאַלט פון פּריצן איז ניט אָפּגעטראָטן פון איר. וואו איז ער איצט? זי האָט פון אים אַזוי לאַנג ניט געהערט, און אפשר האָט ער געשריבן. זי איז שוין לאַנג ניט געגאַנגען אויף דער פּאָסט נאָכצופרעגן זיך.

אינדערהיים האָט זי זיך לאַנג געוואַשן מיט קאַלטן וואַסער, געריבן די שלייפן, געטענהט און אַלץ גערעדט צו זיך.

צו דער אַרבעט אין סאַוועט איז זי געקומען אַביסל שפּעט. זי האָט זיך געזעצט ביים טיש, אַרויסגענומען אַ באַרג פּאַפּירן און געקוקט אויף זיי מיט בלאַנקע אויגן. איר קאָפּ איז ניט געווען ביי דער אַרבעט.

אַפּאַנאַס גריגאָרענקאָ איז צוגעקומען צו איר. זיינע אויגן האָבן וואַרעם און דאַנקבאַר איר אַנטקעגן געטראָגן אַ שמייכל.

— וואו ביזטו נעלם געוואָרן פאַרטאָג? שלעכטע...

עטוואָס צעטומלט, האָט טאַטיאַנאַ אָפּגעקערט איר בליק און געפּרואווט פאַרגראָבן זיך אין אַ באַרג פּאַפּירן.

— וואָס איז, שעמסט זיך? פאַר וועמען האַלטסטו דאָס דיין ווייבלעכקייט? וואָס ביזטו עפּעס — אַן אַמאַליקע, אַלטע באַבע??!

זי האָט אויפגעהויבן אירע בלוי־גרויע אויגן, אויפגעבליצט און בייז גע־זאָגט: „גענוג! גיי!“

ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר רעכטער פּלייצע און וואַרעם אַ דריק געטאָן.

— נו, גוט. ווער ניט בייז. וועסט וואַרטן נאָך דער אַרבעט אויף מיר?

— צו וואָס?

— וואָס הייסט צו וואָס? איך וויל דיך, איך וויל דיין נאָענטקייט.

זי האָט געשוויגן. ער האָט גערעדט:

— קום! ס'איז שווער אַזוי תמיד נאָר צו לעבן מיט דער זעלביקער רוטינער אַרבעט. אומעטום לעכער. אומעטום שווערקייטן. אָפט דאַכט זיך, אַז עס וועט גאָר קיין סוף ניט נעמען צו די שוואַרצע טעג. און כאָטש איך ווייס, אַז מיר וועלן סוף כל סוף באַזיגן דעם כאַאָס, און אַרויסקומען אויפן ברייטן שליאַך פון בויאונג, דאָך איז די נשמה אויסגעמאַטערט. ס'ווילט זיך כאָטש אין די אָוונטן אָפּציען דעם אָטעם. ניט פאַרבלייבן מיט זיך אַליין. ס'ווילט זיך פאַרגעסן איבער נאַכט...

— אַזוי גאָר! ביזט אַ ווייבערניק... און איך האָב געמיינט: דו, דער

פּאַרזיצער פון סאָוועט, וועסט אונדז אַ ביישפּיל געבן. און דו? אַ פיינעם ביי־שפּיל גיסטו אונדז! — האָט טאַטיאַנאַ אָפּגעענטפערט.

— נו, וואָס אַז איך בין פּאַרזיצער? כלל איז כלל. אָבער דער „איך" מאָנט זיינס. פאַרשטייסטו ניט? נו, זאָג: ווּעסטו וואַרטן?

אַפאַנאַס גריגאָרעוויטש איז אַוועק און טאַטיאַנאַ איז געבליבן זיצן אַן אומעטיקע אַליין. נאָר זי האָט לאַנג ניט געקענט איינזיצן. זי האָט אַרויפ־געכאַפּט אויף זיך דעם מאַנטל און איז געגאַנגען צו דער פּאָסט. זי איז געלאָפן אַנצופרעגן זיך אויף אַ בריוו פון פּריצן.

דער פּאָסט־באַאַמטער האָט גוטמוטיק אַ נויג געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַוועק. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט אַ גאַנצן פּאַק בריוו.

— פאַראַן. און נאָך וויפיל — אַ גאַנצער פּאַק. זיי קומען אַזש פון דער וויַיט! פאַרלעגענע בריוו. עס שטעלן זיך איצט איין די פאַרבינדונגען. זענען אַלע אָנגעקומען מיט אַמאָל.

טאַטיאַנאַ האָט גענומען דעם פּאַק בריוו און זיך געלאָזן אַהיים. זי איז אַ פאַרפלאַמטע אַריינגעלאָפן אין כאַטע. מאַטרענאַ האָט זי אָנגעקוקט ווי אַ בייז וואונדער.

— וואָס איז מיט דיר, טאַטיאַנאַ?

— גאָרניט! גאָרניט! — האָט טאַטיאַנאַ געענטפערט און פאַרקליבן זיך אין איר אַלקערל.

זי האָט לאַנג באַטראַכט די קאָנווערטן פון די בריוו, וואָס האָבן געהאַט אויף זיך פאַרשיידענע שטעמפּלען. דערנאָך האָט זי זיי אויפגעעפנט און גע־לייענט אָן אַ סדר איינס נאָכן אַנדערן, זי האָט קיין טאָלק ניט געקענט דערגיין. האָט זי די בריוו צעלייגט אין אָרדענונג נאָך די דאַטן און זיי ווידער געלייענט. פּריץ האָט געשריבן:

„טייערע טאַטיאַנאַ!

„נעכטן האָט מען מיך צוריקגעבראַכט אין לאַגער פון קריגס־געפאַנגענע. יעפים קאַרפּאָוויטש איז צוריקגעקומען פון דאָרף מיט צוויי „באַגלויבטע מיט־גייער" אָפּצופירן מיך צום אוריאַדניק. זיי זענען צוגעקומען צו מיר און יעפים קאַרפּאָוויטש האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט גזלנישע אויגן. איך האָב באַלד דערזען, אַז ער איז נאָך אַלץ מוראדיק אויפגעטראָגן קעגן מיר. ער וועט מיר קיינמאָל ניט מוחל זיין מיין ליבע צו דיר, און איך וועל נאָך האָבן גענוג צרות פון אים. ער האָט זיך שוין, קענטיק, צונויפגערעדט מיט די באַגלייטער צו דערגיין מיר די יאָרן. קוים זענען מיר אַרויס אין אָפענעם וועג, האָבן זיי זיך גענומען טשעפּען צו מיר, שטורכען פון אַלע זייטן. דעם סיגנאַל האָט געגעבן יעפים קאַרפּאָוויטש. ער האָט מיר אַ שניט געטאָן פון הינטן מיט אַ

בייטש. איך האָב זיך אויסגעדרייט צו אים. נאָך קיינמאָל האָב איך אים ניט געזען אַזאַ בייזן. נאָך אַ מינוט, דאַכט זיך, און ער וועט מיך דאָ דערהרגענען. איך בין גרייט געווען צו שלאָגן זיך מיט אים. ניט לאָזן זיך פייניקן. נאָר די צוויי האָבן מיך צוגעהאַלטן, געשלאָגן. קוים אַ לעבעדיקער האָב איך זיך דער־שלעפּט אין שטעטל.

„איצט בין איך דאָ אין לאַגער פאַר געפאַנגענע. נאָכדעם ווי איך בין אָפּ־געווען מיט דיר אין כותאר מער ווי אַ האַלב יאָר, איז שווער ווידער צוגעוואוינען זיך צום לעבן פון אַ פאַרשפאַרטן געפאַנגענעם. נאָר די באַציאונג צו אונדז איז איצט אַ סך בעסער ווי פריער, פאַר דער רעוואָלוציע. איך פיל אָבער פיינלעך די איינזאַמקייט. בין באַזאָרגט פון דעם, וואָס איך ווייס ניט וואָס מיט דיר איז געשען. ווען איך טראַכט וועגן דעם, וואָס יעפים קאַרפּאָוויטש קען טאָן צו דיר, צינדן זיך אָן אין מיר די בלוטן. נאָר טיף אין מיר איז פאַראַן אַ גלויבן, אַז מיר וועלן די שוועריקייטן בייקומען און עס וועט קומען אַ צייט, ווען מיר וועלן ווידער זיין צוזאַמען.

„טייערע! זיי שטאַרק. איך טראַכט שטענדיק פון דיר און אונדזער צו־קונפט. לאַנג וועט שוין די בלוטיקע מלחמה ניט אָנהאַלטן. איך קוש דיך. דיין פריץ.״

טאַטיאַנאַ איז געזעסן אַ ווײַלע און ניט אַרויסגעלאָזן דעם בריוו פון האַנט. ווידער און נאָך אַמאָל האָט זי איבערגעלייענט די לעצטע ווערטער: „דיין, דיין . . .״. אירע אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרערן, און זיי האָבן גענומען רינען איבער די באַקן. ענדלעך האָט זי זיך אויסגעווישט די אויגן און גענומען זוכן דעם צווייטן בריוו. דער צווייטער בריוו איז געשריבן געוואָרן מיט צוויי מאָנאַטן שפּעטער. פריץ האָט געשריבן:

„טייערע טאַטיאַנאַ!

„די טעג ציען זיך ביי מיר דאָ ווי די יאָרן. שוין צוויי מאָנאַטן זייט איך האָב דיר געשריבן. איך וואַרט אַלץ אויף דיין ענטפער, כאָטש איך ווייס אָפילו ניט, צי עס איז צו דיר דערגאַנגען מיין ערשטער בריוו.

„די שטימונג דאָ אין לאַגער איז, אַז באַלד וועלן מיר זיין פריי. אַלע זענען איצט זיכער, אַז די מלחמה וועט שוין לאַנג ניט דויערן. איך וואַרט אויף דער גליקלעכער שעה. דעמאָלט וועלן מיר ווידער זיין צוזאַמען.

„מען באַציט זיך צו אונדז איצט אַ סך בעסער, ווי פריער. איצט ווייסן מיר, אַז די מלחמה איז געווען דער אויפטו פון די אימפּעריאַליסטן. צו וואָס זאָלן מיר, דייטשע און רוסישע האָרעפּאַשניקעס, מאָרדעווען איינער דעם אַנדערן? זיכער האָבן שוין אונדזערע ברידער אין דייטשלאַנד אויך איינגעזען די ווילדקייט און דעם אומזין פון אַזאַ שחיטה און אויך זיי, ווי די רוסישע

סאָלדאַטן, וועלן אַוועקלייגן דאָס געווער און זאָגן צו אונדזערע אייגענע אימ־פעריאַליסטן, אַז מיר ווילן ניט פאַרגיסן אונדזער יונג בלוט פאַר נייע פאַר־כאַפּונגען. אָט מיט דעם לעבן מיר דאָ אַלע. אונדזער הייסע האָפענונג איז, אַז די מלחמה וועט זיך שנעל ענדיקן. זיי־זשע שטאַרק, מיין טייבעלע. מיר וועלן ווידער זיין צוזאַמען. מיר וועלן ווידער זיין גליקלעך אין אַ פרייער רוסלאַנד.

„דיין אייביק געטרייער פריץ בענדערמויער."

דער דריטער בריוו איז געווען אַ קורצער. ער איז געשריבן געוואָרן באַלד נאָך די שלום־פאַרהאַנדלונגען אין בריסק.

„טייערע טאַטיאַנאַ", האָט פריץ געשריבן, „איך גיי אַרום דערשלאָגן. עס איז מיר אַזוי פיינלעך שווער צו טראַכטן, אַז דו ביזט איינע אַליין, נויטיקסט זיך אין הילף, און איך בין דאָ פאַרשפאַרט און קען גאָרניט טאָן.

„דערצו גייען אַרום קלאַנגען, אַז מען וועט אונדז ניט אַרויסלאָזן, נאָר אַז מיר וועלן איבערגעענטפערט ווערן צו דער דייטשער מאַכט, וועלכע וועט אונדז צוריקשיקן אויפן פראָנט.

„זאָלן זיי נאָר פּרובירן דאָס טאָן! מיר וועלן דאָס געווער ווענדן קעגן אונדזערע אייגענע. נאָר אַזוי וועלן מיר פאַרענדיקן די מלחמה.

„מיינע האָפענונגען, אַז מען וועט אונדז, קריגס־געפאַנגענע, פריילאָזן, זענען צערונען געוואָרן. וואָס־זשע קען איך דיר שרייבן? מיר איז אַזוי שווער! טיף אין זיך האָב איך דעם גלויבן, אַז די וועלט־באַפרייאונג מוז און וועט דאָך קומען. אַז גערעכטע זענען די באָלשעוויקעס."

טאַטיאַנאַ האָט אַוועקגעלייגט דעם בריוו. ס'איז איר וואַרעם געוואָרן פון דעם געדאַנק, אַז פריץ און זי — זיי געפינען זיך אין דעם זעלביקן לאַגער...

זי האָט אויפגעהויבן נאָך אַ בריוו. איצט האָט זי געצויגן צו די בריוו ווי אַ מאַגנעט. וועגן אַפּאַנאַסן האָט זי אינגאַנצן פאַרגעסן. פריץ איז איצט געווען מיט איר און האָט אויסגעפילט דעם גאַנצן אַרום. זי האָט אָנגעהויבן לייענען:

„איך שרייב דיר דעם בריוו אונטערוועגנס. מען פירט אונדז צוריק קיין דייטשלאַנד. איך פאָר און טראַכט, אַז יעדער ריר פון צוג דערווייטערט מיך פון דיר. איך וויל האָפן — ניט אויף אייביק. עס קען דאָך ניט זיין, אַז מיין שיקזאַל זאָל זיין אַזוי גרויזאַם צו מיר. דו, מיין איינציקע, וואָס ביסט געוואָרן צוגעשיקט צו מיר ווי אַן אָנהאַלט, ווי אַ ליכט־שטראַל, — דיך זאָל איך איצט פאַרלירן? נאָר לאָמיך דיר אויסשרייבן כסדר, וואָס עס האָט זיך מיט מיר פאַרלאָפן:

„ס'איז ביי אונדז אין לאַגער געווען אַ פרייד: דער פרידן צווישן רוסלאַנד

און דייטשלאַנד איז געשלאָסן געוואָרן. איצט וועלן מיר פריי זיין. אָבער באַלד האָבן מיר אויסגעפונען: אַלע דייטשע געפאַנגענע וועלן צוריקגעשיקט קיין דייטשלאַנד. צוריק אין שלאַכט קעגן די איבעריקע שונאים.

„צו אונדז איז געקומען צופאָרן אַ דייטשער אָפיצער אין דער באַגלייטונג פון אַ צאָל דייטשע סאָלדאַטן און אוקראַיִנישע אָפיצערן. ער האָט פאַר אונדז געהאַלטן אַ פייערלעכע רעדע: „מיר האָבן געזיגט. מיר האָבן די רוסן אינ־גאַנצן צעשלאָגן און זיי האָבן געמוזט אונדז אונטערשרייבן אַ פרידן, לויט וועלכן זיי זאָגן זיך אָפּ פון אוקראַיִנע. מיר האָבן, הייסט עס, אויך באַפרייט אוקראַיִנע, און זיי זענען איצט אונדזערע פאַרבינדעטע. אָט זענען זיי דאָ, אונדזערע נייע קאַמעראַדן", — און ער האָט אָנגעוויזן אויף די אוקראַיִנישע אָפיצערן...

„— איר, אונדזערע בראַווע זעלנער, וואָס איר זענט געווען איינגעשפּאַרט אין געפאַנגענשאַפט, איר זענט פריי איצט. איר וועט איצט קענען פאָרן צוריק אַהיים. אונדזער פאָטערלאַנד וואַרט אויף אייך. דער זיג פון אונדזער פאָטער־לאַנד איז איצט געזיכערט.

„זיינע לעצטע ווערטער זענען דערטרונקען געוואָרן אין די ווילדע באַ־גייסטערטע אויסגעשרייען פון די דייטשע סאָלדאַטן. עמעצער האָט אָנגעהויבן צו זינגען: „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס...". איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיינע קאַמעראַדן. אַלע זענען זיי, דאַכט זיך, ניט לאַנג אַזוי באַגייסטערט געווען פון די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן אַ סוף געמאַכט צו דער אימפּעריאַליס־טישער מלחמה. איצט זענען זיי פון דער הויט געקראָכן פון גליק און באַ־גייסטערונג. זייערע אויגן האָבן געגלאַנצט. מען האָט אונטערגעכאַפּט דעם דייטשן אָפיצער, אים געהויבן אינדערהויך און געשריען: האָך!!! האָך!!!

„איך האָב געוואָלט אויסשרייען: — קאַמעראַדן! וואָס טוט איר? די אָפיצערן וועלן דאָך אייך ווידער פאַרשפּאַרן אין יאָך און רייטן אויף אייך! — איך האָב זיך אַרומגעקוקט און דערפילט, אַז קיינער וועט זיך צו מיר ניט צוהערן, אַז איך וועל בלייבן אַליין. צי האָבן זיי דען ניט געזען, אַז מען וועט זיי ווידער שיקן מאָרדעווען מענטשן? צי אפשר האָבן זיי בלויז געזען פאַר זיך די היים, דעם קורצן אָפּרו, די וייב, משפּחה... איך ווייס ניט. עפּעס זענען זיי אין אַ רגע גאָר אַנדערע געוואָרן.

„איצט, פאַרנדיק אין צוג, האָב איך פאַרפירט אַ געשפּרעך מיט מיינע קאַמעראַדן, מיר זאָלן אויך אין דייטשלאַנד מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה, ווי די רוסן האָבן געטאָן. קיינער פון זיי טראַכט אָבער ניט, אַז דאָס וועט איצט נויטיק זיין. איצט, ווען מיר וועלן האָבן פאַר זיך איין פראָנט, וועלן מיר מאַכן אַ שנעלן סוף. אונדזער פאָטערלאַנד וועט זיגן. „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד

איבער אַלעס" — דאָס האָט אַרויסגעזונגען פון זיי אַלעמען. דאַכט זיך, אַז אַפילו די רעדער האָבן נאָכגעקלאַמפּערט אין ריטם: „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס".

„ווען איך טראַכט, אַז דער צוג טראָגט מיך איצט אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער פון דיר, ווילט זיך מיר אַראָפּשפּרינגען פון לויפנדיקן צוג און לאָזן זיך איבער די פעלדער צו דיר. יאָ, איך וועל צוריקקומען.

„דיין פריץ בענדערמויער."

טאַטיאַנאַ האָט געלייענט די בריוו, און אין איר האַרץ זענען אויפגעשוואומען פאַרשיידענע געפילן. פריץ איז איר טריי, ער בענקט אַזוי נאָך איר. ער וועט קומען, און אויך אין ליבע, ווי אין לעבן, וועט זי ווערן גאַנץ! אָבער ווען וועט ער קומען?

און דערביי איז אין האַרץ אויפגעגאַנגען אַ שטאָלץ. הייסט עס, פריץ פאַרשטייט אַלץ וואָס עס קומט פאָר אַרום אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. זי האָט זיך ניט גענאַרט. ער וועט איר זיין אַ גוטער חבר אין לעבן. מיט אַ ציטער האָט זי זיך געכאַפּט צו זיין לעצטן בריוו, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין דייטשלאַנד, אין אָנהויב 1918. דער בריוו איז, ווי די אַנדערע, פאַרהאַלטן געוואָרן און איז פיל שפּעטער ערשט אָדורך.

„טייערע טאַטיאַנאַ! אָט זענען מיר צוריק אין דייטשלאַנד. איך האָב באַקומען צוויי וואָכן אורלויב. נאָכדעם וועל איך זיך דאַרפן מעלדן און מען וועט מיך ווידער שיקן אויפן פראָנט. און איך בין אַזוי מיד! אַזוי מיד. צי האָבן מיר דען נאָך ניט פאַרגאָסן גענוג בלוט און טרערן? פאַרוואָס מוזן מיר פאַרצערן אונדזערע יונגע לעבנס, ווען אַלץ אַרום דאָ איז אַזוי שיין און פרידלעך! דו וואָלסט ניט געגלויבט, אַז דאָ, ווייט פון פראָנט, גייט נאָך אָן דאָס לעבן כמעט ווי געווען. אמת, מיט שפּייז איז זייער שלעכט, אָבער אין פּאַרק שפּילט אַ קאַפּעליע מוזיק. די קינאָמאַטאָגראַפן זענען אַלע איבערגעפּאַקט. אין די קאַפייען זיצן אָפּגעפּרעסטע קאָמערסאַנטן, און אַלץ וואָס מען רעדט איז, אַז איצט האָבן מיר שוין דעם זיג געזיכערט! דער רוס איז קאַפּוט. מען דאַרף נאָר איין גרויסן אָנגריף אויף דעם מערב־פראָנט. איצט — רעדן זיי — ווען מיר האָבן די אַגריקולטור־רייכע אוקראַינע, מוז מען אויך אַנעקסירן בעלגיע און דעם קוילן־געביט פון פראַנקרייך. דאַן.... דעמאָלט וועט דייטשלאַנד זיין מיט אַלץ באַזאָרגט. איך פּרוביר זיך קעגנשטעלן די אַלע רייד: „מיר דאַרפן פרידן, אָן אַנעקסיעס און אָן קאָנטריבוציעס", אָבער זיי קוקן מיך אָן בייז און רופן מיך: „באָלשעוויק".

„טאַטיאַנאַ, יאָ, איידער דאָ צו זיין און זען די צעפּוילטקייט, וועל איך בעסער גיין אויפן פראָנט. זאָל איך נאָר האָבן געוועך. עס וועלן זיך געפינען

נאָך אַ סך אַזעלכע ווי איך. מיט געווער וועלן מיר שוין מאַכן אַ סוף צום קריג. און דאַן וועל איך צו דיר צוריקקומען. און דאַן וועלן מיר זיין צוזאַמען.

„דיין, פריץ בענדערמויער."

טאַטיאַנאַ איז געבליבן זיצן אין טיפער בענקשאַפט. פריץ איז ניטאָ. אָבער פריץ איז אירער, אירער אויך לויט זיין קוק אויפן לעבן. ער וועט קומען! ער וועט אויך זיין טאַטע צום קינד. ער וועט אויפשטעלן אַ היים. ער וועט אויך די מומע אַגאַפּענאַ אַריינעמען.

זי האָט ביי זיך באַשלאָסן: באַלד טאַקע וועט זי צו זיך אַריבערנעמען די מומע און דאָס יינגל. דערנאָך וועט זי וואַרטן.

קאַפּיטל אַכט

פאַניאַ סאָלאָמאָנאָווגאַ האָט איבערגעלעבט שווערע טעג. עס האָט זי באַאומרואיקט דעם פאָטערס געזונט־צושטאַנד. אים איז וואָס אַ טאָג געוואָרן אַלץ ערגער.

שלמה גאָלדשטיין איז כמעט ניט אַרויסגעגאַנגען פון זיינע צוויי צימערן. ער איז געוואָרן גלייכגילטיק און אַפּאַטיש צו דער גאַנצער וועלט. אָפּט האָט זיך געדאַכט, אַז אַפילו דער גורל פון זיינע סאַמע נאָענטסטע גייט אים מער ניט אָן. ער איז געוואָרן נאָך מער פאַרביסן קעגן די נייע פאַראַנדקעס און יעדע קלייניקייט פלעגט ביי אים אַרויסרופן אויסברוכן פון צאָרן.

און זי, פאַניאַ סאָלאָמאָנאָווגאַ, האָט געפילט, אַז זי קען ווייטער אַזוי ניט לעבן, אַז זי לעבט אין אַ מאָדנע פוסטקייט. וואו אייגנטלעך געהערט זי? דער אַלטער, איינגעשטעלטער סדר פון לעבן איז אַוועק און ווער ווייסט צי דאָס וועט צוריקקומען ווען! און איז זי דען דעמאָלט גליקלעך געווען? איז דען דאָס לעבן דעמאָלט ניט געווען ווי אַ שטייענדיק וואַסער? זי איז געווען פאַר־נומען אין פאָטערס קאָנטאָר. אָבער די גאַנצע איבעריקע צייט איז געווען אייך גרויסע, אויסגעצויגענע לאַנגווייליקייט. זי האָט געהאַלטן אין איין פטרן צייט. פון דעם האָט זיך גענומען איר שלינגען ביכער. פון דעם האָט זיך געמומען, וואָס זי פלעגט לויפן באַגעגענען יעדן באַן־צוג. זי האָט זיך געלאָזן רעדן שידוכים, כאָטש דאָס איז איר ניט געווען צום האַרצן.

איצט איז געקומען די צייט, ווען זי האָט מער ניט געקענט און ניט געוואָלט מער וואַרטן. זי און אַבראַשאַ פּינקל האָבן זיך ליב געהאַט. זי האָט נאָר ניט געוואוסט ווי אַזוי דער פאָטער וועט זיך באַציען צו זייער הייראַט. און אין זיין איצטיקן אויפגערעגטן צושטאַנד האָט זי מורא געהאַט צו רעדן מיט אים.

נאָר ווען עס איז אויסגעגאַנגען דאָס חיות, אַז פאַניאַ זאָל חתונה האָבן מיט אַבראַשאַ פּינקל, איז געווען די מאַמע אירע. רחל האָט פּרובירט איינ־טענהן מיט שלמהן: „האָסט דען אַ בעסערן שידוך פאַר איר? אַזאַ וואוילער יונגערמאַן, אַ געבילדעטער, אַ גוטער...“

דער אַלטער שלמה גאָלדשטיין האָט איר גאָרניט געענטפערט. ביי זיך

געטראַכט: „היינטיקע צייטן פרעגט מען דען ביי עלטערן?" און אַ מאַך געטאָן אויף אַלץ מיט דער האַנט.

פאַרנומען מיט זיין אַרבעט אין סאָוועט, האָט אַבראַשאַ פּינקל קיין צייט ניט געהאַט צו זיין אָפּט ביי די גאָלדשטיינס. דערצו האָט ער געוואוסט, אַז דער אַלטער שלמה גאָלדשטיין האָט געטראָגן אויף אים אַ בייז האַרץ, ווייל ער און זיינס גלייכן זענען דאָך, הייסט עס, שולדיק געווען אין די אַלע צרות, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן לאַנד און אויף דעם אַלט־איינגעשטעלטן לעבן. איצט, ווען ער האָט באַשלאָסן חתונה צו האָבן מיט פאַניאַן, איז ער געקומען מיט אַ פעסטן באַשלוס: ער מוז געווינען דעם אַלטן שלמה גאָלדשטיין פאַר דער נייער אָרדענונג. שלמה גאָלדשטיין, וואָס האָט באַוויזן אַזוי פיל אויפ־טוערישקייט אין די אַלטע טעג, וואָלט דאָך איצט געקאָנט נאָך מער אויפטאָן. אַ וועג צו זיין האַרץ מוז געפונען ווערן!

— נו, וואָס מאַכט איר, ר' שלמה? — האָט אַבראַשאַ פּינקל געפרעגט, אַריינגייענדיק מיט פאַניאַן צום אַלטן אין צימער.

דער אַלטער שלמה גאָלדשטיין האָט זיך אויפגעזעצט אין זיין בעט, אַבראַשאַן דערלאַנגט די האַנט און אָנגעקוקט אים פון אונטער זיינע אַראָפּ־הענגענדיקע ברעמען.

— וואָס קען מען מאַכן איצט? אָט אַזוי וועל איך מיר דאָ דערציען מיינע טעג. שוין קיין סך ניט געבליבן.

— פאַרוואָס זאָלט איר אַזוי רעדן, ר' שלמה? סאַמע צייט פאַר אייך צו לעבן. מיר טרעטן ערשט צו צום בויען אַ ניי לעבן. און איר זענט דאָך אַ בויער. אַלעמאָל געווען...

דער אַלטער האָט מיט אַ גרימאַסע דערווידערט:

— איר וועט בויען? עפּעס זע איך ניט...

— נו, איר זעט ניט, ווייל איר ווילט ניט זען, אַנטשולדיקט פאַר מיין אָפנהאַרציקייט. דאָס דערמאָנט מיך אין אַ מעשהלע, וואָס איך האָב ערגעץ־וואו געלייענט אָדער געהערט. דערלויבט מיר דאָס אייך צו דערציילן, און זייט ניט בייז אויפן משל:

ערגעץ פון די הויכע בערג האָט אַ פרישער קוואַל אַרויסגעפלאָסן, און דאָס וואַסער האָט געגעערט די גאַנצע געגנט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין טאָל און איז געוואָרן דער קוואַל פון שפע און לעבן.

זענען געקומען די בערג־מענטשן און פאַרצאַמט דאָס וואַסער מיט אַ דאַמבע. „עס איז אונדזער וואַסער", האָבן געזאָגט די בערג־מענטשן. „דאָס וואַסער זאָל נאָר אונדז געהערן."

און אונטן, אין טאָל, הינטער דער דאַמבע, זענען די מענטשן אַרומגעגאַנגען

פאַרשמאַכטע: „גיט אונדז וואַסער! אַלץ ווערט אויסגעטריקנט! מיר גייען דאָ אונטער“, האָבן זיי געשריִען.

נאָר די שטאַרקע בערג־מענטשן האָבן פאַרשטאָפּט זייערע אויערן צו די געשרייען. „ס'איז אונדזער וואַסער. מיר דאַרפן עס פאַר זיך אַליין.“

און דערווייל האָט זיך דאָס וואַסער אין דאַמבע געקליבן. געבליבן שטיין, האָט פאַרצויגן זיך מיט שימל, מיט שמוץ. ביז איינמאָל, ווען דאָס וואַסער איז שוין געווען צו פול, האָט די דאַמבע איינגעבראָכן און דאָס וואַסער האָט זיך מיט אימפּעט אַ לאָז געטאָן אין טאָל.

אָבער פריער האָט אַ פלייץ געטאָן אין טאָל דער אויבערשטער, איינגע־שאָטנטער, פאַרעיפּושטער שימל פון וואַסער. און ווען די אויסגעדורשטיקטע מענטשן אין טאָל, וואָס האָבן אַלעמאָל געחלומט פון דעם פרישן קוואַלנדיקן וואַסער, האָבן דערפילט דאָס פוילע, עיפּושדיקע וואַסער, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייען: — ס'איז ניט דאָס! ניט דאָס! עס איז שמוץ, פאַרדאַרבונג! פאַרמאַכט צוריק די דאַמבע!„

אַבראַשאַ פינקל איז שטיל געבליבן. ער האָט געקוקט אויף דעם אַלטן שלמה גאָלדשטיין און געוואָלט אַראָפּלייענען: צי ער האָט פאַרשטאַנען דעם משל.

גאָלדשטיין האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— מיינסטו מיט דעם צו זאָגן, אַז דאָס וואָס עס איז ביז אַהער פאָרגעקומען איז געווען דאָס אומפאַרמיידלעכע שמוץ פון פאַר דער רעוואָלוציע?

— ניין. ניט דאָס בין איך אויסן. איך מיין צו זאָגן, אַז דער אמתער פרישער, שעפערישער כוח פון דער רעוואָלוציע וועט ערשט קומען.

— ווען וועט ער קומען?

— ווען די רעוואָלוציע וועט באַהערשן די אויסערלעכע שטערונגען. ווען די וואָס טראַכטן נאָר וועגן זיך וועלן אויפהערן צו זיין געגנער, ווען די רעוואָ־לוציע וועט אַרויסגיין אויפן ברייטן שליאַך פון בויאונג.

— מיט וועמען וועט איר בויען? מיט די איוואַנעס? סטעפּאַנעס?

— יאָ. מיט זיי. טאַקע מיט זיי. אָט די מיליאָנען איוואַנעס און סטעפּאַנעס, וועמען די צאַרישע מאַכט האָט געהאַלטן אונטערדריקט, געהאַלטן אין פענטעס, אין אומוויסנהייט און פינצטערקייט. די רעוואָלוציע וועט פאַנאַנדעררייסן זייערע קייטן, וואָס האָבן אַריינגעשטופּט זייער לעבן אין ענגן ווינקל פון דלות און שיכרות. זי וועט זיי געבן בילדונג, וועט אַרויסרופן און דערמוטיקן די גרויסע כחות, וואָס האָבן ביז אַהער געדרעמלט אין זיי. די מאַסן וועלן וואונדער אויפטאָן. פון זיי וועלן אַרויסקומען נייע בויער און פירער.

— עט! מעשיות שיינע! אויף דעם זענט איר, באַלשעוויקעס, גרויסע מייסטערס!

שלמה גאָלדשטיין האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. פונדעסטוועגן איז אים געפעלן געוואָרן דאָס פייער, מיט וועלכן פינקל האָט גערעדט.

דאָס פייער האָט געווירקט. דער אַלטער שלמה גאָלדשטיין האָט זיך אָפּט גענומען פאַרטראַכטן וועגן אַבראַשאַס רייד. ער האָט גענומען אַרויסשטעקן זיין קאָפּ פון אונטער דעם טשערעפּאַכן־פּאַנצער, פון זיין איינגערעדטער גערעכטיקייט. איצט האָט ער גענומען וואָגן אַרויסקוקן צו דער וועלט און אויך אַריינקוקן צו זיך אַליין אין דער נשמה. ער האָט גענומען צווייפלען, ער האָט גענומען פרעגן: — בין איך טאַקע אַליין אינגאַנצן גערעכט? און וואָס וועט זיין דער תכלית פון מיין איינגעשפּאַרטקייט? וואו איז דער אויסוועג? איז טאַקע אַלץ ביי זיי בלויז פאַרדאַרבונג?...

* * *

דער לאַנגער ווינטער איז ענדלעך געווען צום סוף. נאָך די גרויסע מערץ־זאַווערוכעס האָבן די קעלטן נאָכגעלאָזן. דער הימל, וואָס איז לאַנג געווען באַלאָדן מיט שווערע וואָלקנס, האָט אַ בליאַסק געטאָן מיט לויטער בלוי, און די זון האָט געשמאָלצן דעם שניי אויף די וועגן און אויף די דעכער. ריטשקעלעך מוטנע וואַסער האָבן זיך געצויגן צו די רינוועס און פון דאָרטן, דורך פאַרשיידענע וועגן, אַראָפּ, צו דער דעסנאַ.

מיט יעדן טאָג פון שטייגנדיקן פרילינג איז שלמה גאָלדשטיין אַלץ מער געקומען צו זיך. ער האָט זיך ענדלעך אַרויסגעריסן פון זיין איינגעשפּאַרטן ברוגז אויף דער וועלט און פון זיין אַפּאַטיע. איצט איז ער שעהענווייז געשטאַנען ביים פענצטער און צוגעקוקט זיך פאַרגאַפט צו דעם זיך־אייביק באַנייענדיקן לעבן. ער האָט פאַנאַנדערגעעפנט די פענצטער און געלאָזן די ווינטן פריי יאָגן זיך דורך זיין דירה. ער האָט גיריק איינגעאָטעמט די פרישע ריחות און, ווי אין אַמאָליקע פרילינגס, איז ער פאַרשיכורט געוואָרן פון זיי. אַ דראַנג האָט אים אָנגענומען צו באַהעפטן זיך מיטן ליכטיקן אַרום, אַרויס פון דער פאַרגליווערטקייט! ס'איז אים ענג געוואָרן אין די צימערלעך. האָט ער אויף זיך אַרויפגעכאַפּט דעם מאַנטל און איז אַרויס אין סאָד.

דער שניי איז געווען צעגאַנגען. נאָר דאָ און דאָרטן, אין די ערטער וואו די זון קומט ניט צו, איז נאָך געלעגן אַ דינער שיכט פון שוואַרץ־געוואָרענעם שניי. יונגער סאַמעט־גראָז איז אויפגעקומען מיט נייער גרינקייט; די בעזביימלעך אונטער די פענצטער האָבן שוין געעפנט די קנאָספּן און מיט גרינע ליפּעלעך געטרונקען וואַרעמקייט און ליכטיקייט פון דער זון. די פייגעלעך

זענען פאַרהאַוועט געשפּרונגען איבער דיביימער און געבויט זיך נעסטן. אומעטום האָט דאָס לאַנגע ווינטערדיקע יערן איבערגעגאָסן זיך אין ראַשיקן לעבן.

גאָלדשטיינס גאַנץ וועזן איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַ ציטער און דראַנג עפּעס צו טאָן. ער האָט שוין מער ניט געקענט איינשטיין אין זיין דירהלע. ער איז געגאַנגען זען מענטשן, זען דאָס שטעטל.

אויפן וועג צום מאַרק האָט ער באַגעגנט זיין שוועסטערקינד, מרדכי טרונסקי. ביידע האָבן פריער צווישן זיך ניט געהויזט. איצט האָט זיי די צערודערטע צייט ווידער דערנעענטערט.

— וואָס־זשע מאַכסטו, מאָטל?

— וואָס קען מען איצט מאַכן? דאַנקען גאָט, מען לעבט. געבליבן נאָך עטלעכע „טיוקן״ טאַבאַק, מאַכט מען דערפון ציגאַרן, און מיין אפרימקע פאַר־קויפט זיי. פון דעם לעבט מען. נו, און דו?

שלמה האָט ניט געענטפערט. בלויז אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— הערסט, שלמה! לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען. אַנטלויפן אין דער גרויסער שטאָט. קיעוו, כאַרקאָוו, אַבי אַרויסרייסן זיך פון דאַנען. דאָ וועלן מיר פאַר דער צייט אונטערגיין.

— נו, און דאָרט וואָס וועסטו טאָן?

— עפּעס שייך?! פאָרט אַ גרויסע שטאָט. מען קען האַנדלען...

גאָלדשטיין האָט זיך אויסגעגלייכט, אַ הויב געטאָן די ברעמען און אַרויסגעזאָגט:

— שאַכער־מאַכער? ניין. ניט פאַר מיר! דאָ האָב איך מיין היים געבויט. דאָ בלייב איך.

מרדכי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ מאָדנע, לאַנגן בליק.

— וואָס־זשע? ביי דיר איז שוין האַנדל אויך — שאַכער־מאַכער. רעדסט שוין באַלד ווי אַ באָלשעוויק.

— האַנדל איז אַ נוצלעכע זאַך. אָבער דאָס וואָס גייט איצט אָן, איז דען דאָס סוחרישער האַנדל? אָט די ספּעקולאַציע, דער וואַליוטע־האַנדל, דאָס פאַרקויפן פון הינטער דער פאָלע? דאָס... ניין. דאָס בין איך דיר מוחל. מוחל!

— נו, וואָס־זשע? אפשר וואָלסטו זיך אָנגעשלאָסן אָן „זיי״? מען זאָגט, זיי ווילן בויען מיט די יידן אַ קאָלכאָז.

— קאָלכאָז? וואָסער קאָלכאָז? וועגן וואָס רעדסטו?

— וואָס? דו ווייסט גאָרניט? דער סאָוועט גיט דאָך די דעקלאַסירטע יידן און די שטאָטישע אָרעמשאַפט פרייע ערד. זיי גייען דאָך בויען אַ נייעם קאָלכאָז.

— וואו ? ווען ?
— טאָקע מאָרגן וועלן זיי האָבן אַן אסיפה וועגן דעם.

גאָלדשטיינען האָט די נייעס אַ הויב געטאָן. ער האָט זיך שנעל געזעגנט מיט זיין קאָזין און איז אַוועק. ער איז געגאַנגען צום מאַרק. עפּעס האָט נאָך דער מאַרק געהאַט אַ שייכות צו זיין זוכן. ער האָט דאָרטן געוואָלט געפינען סימנים פון טעטיקייט. נאָר איצט האָבן זיך זיינע געדאַנקען גענומען ציען צו אַן אַנדער ריכטונג.

„אַ קאָלכאָז ! אַ יידישער קאָלכאָז !" — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט. „יידן וועלן אַקערן, זייען און שניידן. יידן וועלן עסן ברויט פון דער אייגענער האָרעוואַניע. „יגיעת כפיך כי תאכל, אשריך וטוב לך." טאָקע פּראָסט, שוואַרץ ראָזעווע ברויט, אָבער פון אייגענער מי. אפשר טאַקע בעסער אַזוי ?..."

ביים אָנקומען אין מאַרק האָט זיך אים גלייך געוואָרפן אין די אויגן אַ נייער שילד: „ערשטער סאָוועטישער אַרטעל פון קירזשנער". דאָס איז געהאַנגען אויף אסתר קראַנצס הויז.

ניט נאָר איז דאָס וואָרט „אַרטעל" פאַר אים געווען ניי, נאָר דער פריש־געפאַרבטער שילד אויפן פאָן פון דער אָפּגעלאָזנקייט פון די אַרומיקע געביידעס האָט ממש צוגעשמידט זיין בליק.

ער איז אַריין אינעווייניק. אים אַנטקעגן איז געקומען די פאַרוואַלטערין פון אַרטעל, אסתר קראַנץ.

— אָ, אַ גוט־מאָרגן אייך, ר' שלמה ! געקומען זען דעם ערשטן סאָוועטישן אַרטעל ביי אונדז אין שטעטל ? זייער פיין, פיין !

שלמה גאָלדשטיין איז געשטאַנען מיט פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן. גע־טראַכט : — געלעגן אַ גאַנצן ווינטער ווי אַ בער אין זיין ווינטער־לאָך. גע־מיינט : אַלץ שטאַרבט אָפּ. אומעטום פאַרדאַרבונג. איצט זע איך — עס הויבט זיך אָן בויען עפּעס נייעס. פאַר מיר איז דאָס ניט פאַרשטענדלעך. ווי־זשע ?...

גאָלדשטיין האָט אַרויסגענומען זיין טיכעלע און אויסגעווישט די אויגן. נאָכאַמאָל האָט ער זיך אַרומגעקוקט. אין דעם גרויסן וואַרשטאַט, גרעסער ווי אַמאָל, בעת קראַנץ האָט נאָך געלעבט, זענען איצט געווען אויסגעשטעלט צוויי רייען מאַשינען. אויף אַ לאַנגן טיש זענען געווען אויסגעלייגט שטיקער גע־וואַנט. אַ צושניידער איז דאָרט געשטאַנען און מיט אַ לאַנגער שער געשניטן דאָס געוואַנט. אַ יונג מיידל, אסתרס טאָכטער, איז געשטאַנען מיט אַ בעזעם אין האַנט. זי האָט געהאַלטן אין צורוימען דעם וואַרשטאַט. איצט, מיט גאָלד־שטיינס אַריינקומען, האָט זי אָפּגעשטעלט די אַרבעט. אויף פּאָליצעס אין אַ סדר, מיט די דאַשיקעס פאַראויס, זענען געלעגן רייען אויסגעאַרבעטע היטלען.

— הייסט עס, מען קאָן איצט אויך אַרבעטן? ווי־זשע, דערציילט מיר, איז דאָס צו־שטאַנד געקומען?

— איר הערט, ר׳ שלמה, איך זאָג אייך, אַז אַ מענטש קען קיינמאָל ניט וויסן פון וועמען די ישועה קען קומען. אָט הערט אַ מעשה...

און אסתר האָט דערציילט:

— אַז מען האָט ביי מיר צוגענומען די צוויי קעסטלעך זייף, מיין גאַנץ ביסל פאַרמעגן, האָב איך געטראַכט, אַז אויס! עס איז עק וועלט! כאָטש נעם מיט די קינדער און גיי איבער די הייזער, אָדער שטאַרב פון הונגער. ערשט איך קריג גאָר אַן אַנזאָג, איך זאָל קומען אין סאָוועט זען דעם פאָרזיצער, חבר גריגאָרענקאָ. איך האָב זיך ניט אויף קאַטאָוועס דערשראָקן. אָט וועט מען מיך אָוועקשיקן אין „טשעקאָ" און מיינע קינדערלעך וועלן בלייבן לעבעדיקע יתומים. איך האָב דאָך זי, די חברטע אָודעיענקאָ, גוט באַליידיקט. מיאוס געזידלט זי. ווען איך בין אַריינגעגאַנגען צום פאָרזיצער, האָבן הענט און פיס ביי מיר געציטערט. נאָר ער, גריגאָרענקאָ, האָט מיך אויפגענומען דווקא גאָר פריינטלעך, מיך זיצן געבעטן און דערקלערט און אויפגעוויזן, ווי ניט ריכטיק עס איז פאַר אַ פּראָלעטאַרקע צו פאַרנעמען זיך מיט ספּעקולאַציע.

— וואָס־זשע — זאָג איך צו אים — זאָל אַן אלמנה מיט פינף קינדערלעך טאָן צו דערנערן זיך? אַז מען קריגט ניט קיין געוואַנט, קיין פאָדעם, און אויסאַרבעטן נייע היטלען קען מען ניט?

האָט ער געזאָגט, אַז וועגן דעם טאָקע האָט מען מיך גערופן. דער סאָוועט וועט שוין זען איך זאָל קריגן געוואַנט, און פאָדעם, און אונטערשלאַק. דער פאָרזיצער האָט מיך געהייסן דערנאָך זיך זען מיט אַבראַשאַ פּינקל וועגן שאַפן אַן אַרטעל. לערנט זיך אויס נייע טואונגען, האָט ער מיר געזאָגט. בקיצור, איר הערט, ר׳ שלמה, זיי האָבן דאָס איבערגעגעבן צו דעם אַבראַשאַ פּינקל, אָט דער טאָקע, וואָס האָט אַמאָל ביי אייך געוואוינט. לאַנגע יאָרן זאָל ער האָבן! און עס האָט זיך אָנגעהויבן בויען. מאָלט אייך, אַזוי גרינג איז דאָס ניט אָנגעקומען. מען האָט געבראַכט מאַשינען און זיי זענען לאַנג גע־שטאַנען אָן אָרדענונג. עס האָט אויסגעפעלט רוי־מאַטעריאַל. ס׳האָט זיך געצויגן ווי פון פעך. די גאַנצע צייט האָב איך געלעבט אין פיבער און אין ציטער. מאָמענטנווייז אַפילו געטראַכט: עט... עס וועט גאָרניט אַרויסקומען פון דעם. אָבער ענדלעך איז אַלץ אַריינגעקומען: געוואַנט, אונטערשלאַק, פאָדעם און דאַשיקעס. איצט קוקט: פון דער אומאָרדענונג איז געוואָרן אַ פיינער וואַרשטאַט. עס האָט זיך אַלץ איינגעשטעלט. איך פיר אַן אַרטעל! אויס מיט דעם זייף, באַהאַלטענעם הינטער דער פאָלע! אויס שרעק! נו, טאָקע? ווי קום איך, אַ קירזשנערקע, גאָר צו האַנדלען מיט זייף?

איך דערמאָן זיך: איך פלעג פירן דעם זייף מיט דער באַן פון קיעוו; דאָס האַרץ פלעגט מיר יעדע מינוט איינפאַלן, טאָמער פאַקט מען מיך, טאָמער מסרט מען מיך. איצט... איצט איז עס אַלץ אַראָפּ פון קאָפּ. איצט בין איך דאָך אַ פּראָלעטאַרקע, אַן אַרבעטערין און אַ בויערין... לאַכט ניט פון מיר, ר' שלמה. איך בין טאַקע אַ פּראָסטע יידענע, אָבער איך פיל מיטן האַרצן, אַז עס איז עפּעס אַ נייע צייט. און פרעגט די יוגנט, זיי וועלן שוין אייך דער־קלערן מיט אַלע פּישטשעווקעס. זיי מאָלן אייך אויס אַ בילד פון די נייע משיח־צייטן, ווי זיי וואָלטן שוין דאָס האָבן אין דער האַנט.

שלמה האָט געדולדיק געהערט די התפעלותדיקע רייד פון אסתרן. ער האָט אַריינגעוואָרפן:

— נו, דערווייל קיין סך נאָך ניט אויפגעבויט.

ער האָט איר געפּרואווט דערווידערן, אָבער עפּעס נייעס איז אויפגעגאַנגען אין אים. ער האָט זיך עפּעס ווי געשעמט פאַר זיך אַליין. אַ שטימע אין אים האָט גערעדט: „וואָס־זשע, אַז איך האָב פאַרשטעקט דעם קאָפּ אונטערן קישן, מיינט דאָס אַז די זון שיינט ניט? זיי וועלן דאָך פאַרט בויען אַ ניי לעבן."

און ער איז גלייך אַרויס פון אסתר קראַנצן.

שלמה איז נאָך פון געוואוינהייט געגאַנגען ווייטער אין מאַרק. אָבער אַלץ מער האָט אים פאַרכאַפּט דער געדאַנק פון אַ יידישן „קאָלכאָז". און וואָס מער ער האָט וועגן דעם געטראַכט, אַלץ מער איז אים די זאַך געפעלן געוואָרן. אין זיינע געדאַנקען האָט ער זיך שוין געגומען אויסמאָלן, ווי דער יידישער קאָלכאָז וועט אויסקוקן. דאָס וועט זיין ענלעך ניט צו אַן אָרעמער פּויערישער באַלעבאַטישקייט, נאָר דאָס וועט זיין, לויטן אויסקוק, ווי אַן אַמאָליקער פּריצי־שער גוט, אָבער אָן פּריצים. ער האָט געזען פאַר זיך בילדער פון אומענדלעכע קאָרן־פעלדער. געזען ווי די שווערע זאַנגען וויגן זיך אונטערן ווינט כוואַליעס־וויַיז. געזען פאַר זיך ברייטע לאָנקעס. געזען שטאַלן מיט מעלקנדיקע קי, געזען טשאַטעס עופות...

ער האָט זיך ראַפּטום אָפּגעשטעלט. נאָך אַמאָל אַרומגענומען דעם מאַרק, דאָס האַרץ פון שטעטל, מיט זיין טריבן בליק. אַזוי קוקט מען אַמאָל אויף אַ געוועזענער געליבטער, וועמען מען טרעפט זי מיט יאָרן שפּעטער, אַן אָפּגעלעבטע, אַ פרעמדע. אַלץ איז דאָ איצט געוואָרן פאַרענדערט. די הייזער אָפּגעבליאַקע־וועט, אַלט. די ברייטע פרויען־פיגור, אויף עלי־משה ריפּס שילד, איז געווען אָפּגעקראַכן און מען האָט קוים געקענט אַרויסשיילן די קאָנטורן פון איר דינער טאַליע. קעגנאיבער האָט פון דער וואַרשעווער פאַבריקמאַכערסקע געקוקט אויף דעם לײדיקן מאַרק דאָס אויסגעמאָלט בילד פון דעם יונגנמאַן מיט די פאַרדרייטע שפּיציקע וואָנצעס און מיט די האָר, ווי נאָדלען אַרויף, צעשראָקן

און פאַרלאָרן... ניין. ער האָט דאָ מער ניט וואָס צו טאָן. ער האָט שוין געפונען דעם ענטפער אויף די כסדר־מאַטערנדיקע פראַגן: וואָס טוט מען? וואו איז דער אויסוועג? ער האָט דערפילט: עס נעמט אים אַרום אַ נייער כח.

שלמה גאָלדשטיין איז צוגעשטאַנען צו די ערשטע קאָלכאָזניקעס. ער האָט זיך מיטן גאַנצן ברען אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו בויען אַ קאָלכאָז פון די דעקלאַסירטע יידן.

ניט אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון צוזאַמענקונפטן, אַמפּערן זיך וועגן די פּלענער, זיצונגען און גיין נאָך עצות און מיט בקשות אין סאָוועט.

און אין סאָוועט האָט זיך שלמה גאָלדשטיין ווידער באַגעגנט מיט טאַטיאַנאַ אָוודיעַנקאָ, וועלכער מען האָט איצט אַריבערגעפירט אויף דער אַרבעט צו באַזאָרגן די אָרעמע פויערים מיט פאַרזיי־זריעה און די ערדלאָזע דעקלאַסירטע יידן — מיט ערד, מכשירים און זריעה.

טאַטיאַנאַ האָט באַגעגנט דעם אַלטן גאָלדשטיין מיט אַ וואַרעמען שמייכל.

— נו, וואָס מאַכט מען, חבר גאָלדשטיין?

אַ ווײַלע בלויז איז אין אים אויפגעקומען דאָס אַלטע גדלות: — „אַהאַ! זי נעמט מיך שוין אַריין אין איר חברותא!" — ער האָט פון אונטער זיינע אָנגעזאָפּעטע ברעמען אַ קוק געטאָן אויף איר. געזען דעם וואַרעמען בליק פון אירע בלוי־גרויע אויגן, דעם וואַרעמען שמייכל, און ס'איז אים אַליין וואַרעם געוואָרן פון דעם נייעם, פאַר אים, וואָרט: „חבר".

ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— מיר בויען, מיר בויען אַ קאָלכאָז!

— זייער גוט, זייער גוט! באַווייזט טאַקע וואָס איר קענט!

מען האָט דעם יידישן קאָלכאָז צוגעטיילט אַן ערד־חלק — אַ טייל פון סטעפּניצקיס גוט. שלמה גאָלדשטיין האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָ, אין סטעפּניצקיס גוט, האָט ער אָנגעהויבן זיין ערשטע טעטיקייט, ווי אַ סוחר. דעמאָלט איז ער יונג געווען. און איצט... ניין, ער איז נאָך ניט אַלט. ער וועט נאָך דאָס באַווייזן מיט מעשים. און ווי אַלעמאָל, ווען ער איז געשטאַנען פאַר אַ נייעם אָנהויב, האָט ער דערפילט די אומגעדולדיקייט. דערפילט ווי עס רייסן זיך די הענט צו דער אַרבעט!

גאַנץ פרי האָבן זיך די ערשטע קאָלכאָזניקעס צוזאַמענגעקליבן מיט די פורן, און מען איז אַרויסגעפאָרן צום אָנגעצייכנטן ערד־חלק.

מען איז צוגעקומען צום גוט. קיין סימן פון דעם אַמאָליקן גוט־איינגעפונדעוועטן, פּריצישן הויף איז ניט געווען. דער פּאַרקאַן איז געווען צעשלעפּט. אַ סקעלעט פון אַן אָפּגעברענטער געביידע האָט אין דעם פרילינגדיקן פרי־

מאָרגן אַרויסגעשיילט זיך מיט זיינע שוואַרצע פאַרסאַרפּעטע ברעטער. אומעטום איז געלעגן חורבן. די טירן פון די הייזער זענען אַראָפּגענומען געוואָרן פון די זאַוויעסעס און אַוועקגעשלעפּט געוואָרן. די ראַמען פון די פענצטער זענען פאַרשוואונדן. אַלץ האָבן די אַרומיקע פּויערים צענומען, ווען סטעפּניצקי איז אַנטלאָפן מיט די „ווייסע".

קיין סימן פון לעבן. ניט קיין בהמות, ניט קיין עופות. די שטאַלן, וואו מען פלעגט האַלטן די אָקערס, באַראַנעס, זענען געווען ליידיק.

אַז די ערשטע קאַלכאָזניקעס האָבן דערזען דאָס בילד פון חורבן אַרום זיך, זענען זיי געבליבן אַפּהעטיק. די פנימער האָבן זיך אויסגעצויגן, די אויגן האָבן געגאַפט אין דעם אַרומיקן תוהו־ובהו. דער הויף איז געווען פאַר־וואָרפן מיט צעבראָכענעם גלאָז, מיט צעריסענע שמאַטעס, צענעצטע ביכער. קיין זאַך איז דאָ ניט איבערגעלאָזן געוואָרן גאַנץ. בלויז די בלומען זענען אויפגעגאַנגען און דער בעז האָט געבליט ווי אים וואָלט גאָרניט אָנגעגאַנגען. די הענט האָבן זיך ניט געהויבן עפּעס צו טאָן. פון וואָס אָנהויבן? די קאַל־כאָזניקעס האָבן אַרויפגעקוקט צו שלמה גאָלדשטיין.

דער אַלטער גאָלדשטיין איז אויך אַ ווײלע געשטאַנען אַ פּריטשמעליעטער. דערנאָך אָבער האָבן זיינע אויגן אַ גלי געטאָן מיט עקשנות.

— ברידער, בטחון! נאָר בטחון. מיר וועלן דאָס אויפשטעלן. ניט גע־זאָרגט. אָט דאָ וואו עס איז איצט פאַרוויסטונג, וועט אַ געזונט, זאָט לעבן זיין. יידן! לאָמיר פאַר אָט דעם געזונטן, זאַטן לעבן טרינקען לחיים! לחיים, יידן!

ער האָט אַרויסגענומען אַ פלעשל פּסחדיקן שליוואָוויץ, וואָס ער האָט געהאַט באַהאַלטן נאָך פון די אַלטע צייטן.—„לחיים! צו געזונט און צום לעבן!"

די קאַלכאָזניקעס זענען געוואָרן לעבעדיקער, האָבן אַראָפּגעוואָרפן די אויבער־בגדים, האָבן פאַרקאַשערט די אַרבל און מיט חשק זיך גענומען צו דער אַרבעט — אָפּצורייניקן דעם חורבן, אויפשטעלן די באַלעבאַטישקייט. ביסלעכווייז האָט דער הויף אָנגעהויבן אָנצונעמען אַן אַנדער מראה, און פון דעם תוהו־ובהו האָט גענומען געבאָרן ווערן אַ ניי לעבן.

קאַפּיטל ניין

עס איז געווען שוין שפּעט אין פרילינג. אין דרויסן איז געשטאַנען אַן אמת־זומערדיקער וועטער. די אַרבעט אין פעלד און אין גאָרטן איז געווען אין פולן גאַנג.

אויך אין דער אָפּטיילונג פון סאָוועט, איבער וועלכער טאַטיאַנאַ האָט איצט געהאַט די אויפזיכט, האָט געקאָכט מיט אַרבעט. אָרעמע פּויערים זענען גע־קומען מיט בקשות פאַר הלוואות אויף זריעה, געקומען מיט טענות וועגן די ערד־חלקים וואָס מען האָט זיי צוגעטיילט. טאַטיאַנאַ איז דאָ פאַרנומען געווען אַ גאַנצן טאָג, און אין אָוונט האָט זי נאָך געהאַט זיצונגען, באַראַטונגען.

נאָר איצט איז נאָך געווען פרי. קיין באַזוכער האָט זי איצט ניט געהאַט. זי האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד די פּאַפּירן און זיי אויסגעלייגט אין אַ סדר. דורכן פענצטער זענען אַריינגעקומען די שטראַלן פון דער נידעריקער זון. זיי האָבן וואַרעם געגלעט.

נאָר מיט אַמאָל האָט זיך די טיר האַסטיק אָן עפן געטאָן און אין דער טיר־עפענונג איז אויסגעוואַקסן אַ גרויס שווער געשטאַלט אין אַ סאָלדאַטסקן, אָפּגעטראָגענעם מאַנטל. אַ ווײַלע איז דאָס געשטאַלט געבליבן שטיין אין דער טיר. דערנאָך געמאַכט אַ פּאָר טריט צו טאַטיאַנאַס טיש.

טאַטיאַנאַ האָט אָנגעקוקט דעם אַריינגעקומענעם: איגנאַט?

איגנאַט איז שוין געשטאַנען לעבן איר. דאָס פּנים אָנגעלאָדן ווי אַ שוואַרצע כמאַרע. די אויגן שאַרף, שטרענגע ברעמען.

— נו, וואָס! אַט אַזוי באַגעגנסטו דיין מאַן?

טאַטיאַנאַ איז אַזוי דערשטוינט געוואָרן. וואָס? „מיין מאַן?" מאָדנע! זינט זי האָט פאַרלאָזן יערעמענקאָס כוטאָר און אָוועק אין שטעטל, איז איר גאַנץ צוזאַמענלעבן מיט איגנאַטן געווען אַן אָפּגעשלאָסן קאַפּיטל אין איר לעבן. זי האָט זעלטן געטראַכט פון אים. איר פריערדיק לעבן, דאָס מיידלשע און פאַרהייראַטע — איידער זי איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון נייעם, ברייטן שטראָם אין לאַנד — איז פאַר איר געווען ווייט און אָפּגערוקט. איצט איז פּלוצים געקומען אַ ווייטע דערמאָנונג אין דעם מאָדנעם געשטאַלט פון איגנאַטן אין אַן אָפּגעטראָגענעם סאָלדאַטסקן מאַנטל. און די דערמאָנונג איז נאָך געקומען מיט טענות... זי האָט געפּרואווט אַ שמייכל טאָן צו אים, נאָר דער שמייכל איז

אַרויסגעקומען אַ פאַרגליווערטער. אירע ליפּן האָבן בלאָס אַרויסגערעדט:
„וואָס מאַכסטו, איגנאַט?״ און זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט.

ער האָט אָנגעכאַפּט איר האַנט, האָט זי מיט כח אַ שלעפּ געטאָן פון שטול צו זיך און, לויטן רוסישן שטייגער, געקושט טאַטיאַנאַן דריי מאָל. איר קאַלט־קייט האָט אים נאָך מער גערייצט. ער האָט זי פעסט געהאַלטן אין זיינע אָרעמס.

זי האָט געמאַכט אַ שוואַכן פּאַרזוך צו באַפרייען זיך פון אים. ער האָט זי ענדלעך אָפּגעלאָזט און ביטער געזאָגט:

— ניט ליב איז דיר, ווי איך זע, אונדזער באַגעגעניש.

טאַטיאַנאַ האָט זיך צורעכט געמאַכט די האָר.

— גוט! — האָט ער צוגעוואָרפן. — ניט קיין צייט איצט צו ברוגזן זיך. קום!

טאַטיאַנאַ האָט אָנגעקוקט איגנאַטן מיט חידוש. אָט דער גרויסער און שווערער איגנאַט איז איר איצט געווען אַזוי פרעמד און ווייט. און דאָך האָט ער אַ חזקה אויף איר?

— וואוהין זאָל איך גיין? — האָט זי געפרעגט.

— וואָס הייסט: וואוהין? וואוהין אַנדערש, ווי אַהיים? אַהיים צו אונדז אין כוטאָר. די באַלעבאַטישקייט וואַרט דאָך אויף דיר. סאַמע צייט צו זייען איצט!

— אין ערגעץ וועל איך מיט דיר ניט גיין, איגנאַט! זעסט דאָך: איך בין פאַרנומען...

— דו וועסט גיין, פּאַסקודע! — איז ער צוגעשפּרונגען צו איר אַ צע־רייצטער און אַ סטראַשענדיקער, מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט.

זי האָט זיך אויסגעגלייכט אין איר גאַנצער הויך, רואיק געשטאַנען און אים אָנגעקוקט מיט אירע צאַרנדיקע אויגן.

— איר פאַרגעסט, איגנאַט יעפימאָוויטש, — איז זי מיטאַמאָל געוואָרן אָפיציעל צו אים, — איצט איז אייך ניט דער אַלטער רעזשים. איר וועט אָנהויבן בויאַנעווען, וועל איך אייך לאָזן אַרעסטירן.

איר זיכערקייט אין זיך, איר רואיקייט, איר טאָן פון רעדן, איר איבערגיין אויף דעם אָפיציעלן „איר״, האָט איגנאַטן אַ זעץ געטאָן איבערן קאָפּ ווי מיט אַן אייזן. זיין אויפגעהויבענע האַנט איז ווי פאַראַליזירט געוואָרן. לאַנגזאַם האָט ער זי אַרונטערגעלאָזט. „אָט איז עס — דער נייער רעזשים, זאָל עס פאַרשאָלטן זיין! אַלץ איז איצט געוואָרן קאַפּויר. אַן אייגן ווייב, אַ געזעצלעך־פאַרהייראַטע, און איך האָב קיין דעה ניט איבער איר.״

דער גרויסער, שווערער איגנאַט איז אַנידערגעפאַלן אין שטול, האָט אַריינ־גענומען זיין קאָפּ אין די הענט און האָט זיך געוויגט אין פּיין. ער האָט ניט

געקענט פאַרשטיין: וואָס פאַר אַ וועלט איז דאָס געוואָרן?! ער האָט דער־פילט, אַז צווישן אים און טאַטיאַנאַן שטייט אַ וואַנט פון פרעמדקייט. אַז זי איז ווייט פון אים.

און ווי ער האָט דאָס געחלומט פון זייער באַגעגעניש!

גלייך מיט אַלעמען, האָט ער אויפגענומען מיט פרייד די נייעס וועגן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. איצט, איז ער געווען זיכער, וועט שוין לאַנג ניט נעמען און דער לאַנג־געגאַרטער שלום וועט קומען. מען וועט צוריקפאָרן אַהיים. אַהיים! ווי אויסגעבענקט דאָס האַרץ איז געווען נאָך דער היים. די טעג האָבן זיך געצויגן לענגער ווי לאַנג. די אומגעדולדיקייט האָט אויפ־געשרויפט די נערוון ביז צום פּלאַצן. און ענדלעך איז ער געקומען — דער גליקלעכער טאָג. מיר פאָרן, מיר פאָרן אַהיים! דאָס האַרץ האָט פריידיק געזונגען. מיר פאָרן צו דיר, מוטערל רוסלאַנד. מען וועט אונדז באַגעגענען מיט פרייד, מיט ליבשאַפט און דאַנקבאַרקייט. מיר האָבן זיך דאָך געשלאָגן, בלוט פאַרגאָסן, דערנאָך געהונגערט אין געפאַנגענשאַפט, אויסגעצאַנגען פון בענקשאַפט.

אָבער קיינער האָט איגנאַטן מיט די איבעריקע געפאַנגענע ניט באַגעגנט מיט קיין בלומען. קיינער איז ניט געקומען צו זאָגן זיי אַ פריינטלעכן ברוך־הבא. שטיל זענען זיי אַראָפּ פון באַן־צוג אויף דער דייטשישער זייט. האָבן פאַרוואָרפן די רוק־זעק מיטן איבערגעבליבענעם אָרעמען באַגאַזש איבער די פּלייצעס. שטיל האָבן זיי זיך געשלעפּט צופוס צו דער רוסישער זייט.

און אָט זענען זיי שוין אויף דעם רוסישן וואָקזאַל. די ערשטע שילדן גיבן אַ בלענד מיט היימישקייט. איגנאַט אָטעמט פרייער אָפּ. דאַכט זיך, עס גייט זיך גרינגער אויף דער היימישער ערד. און יעדער טראָט דערנעענטערט צו דער היים, צו די עלטערן, צום ווייב... אָ, היימלאַנד! איך שפּיר שוין דיינע הימלען, דיינע שנייען, דיינע אומענדלעכע פעלדער, די טיף־בלויע וועלדער. אָבער פאַרוואָס זענען די מענטשן אַזוי פאַרזאָרגט? וואו איז די פריינטלעכע אויפנאַמע? צי דען וועט קיינער ניט קומען מיט אַ וואַרעמען שמייכל און זאָגן: „איך באַגריס דיך, פיל־געליטענער רוסישער סאָלדאַט! זאָל זיין געבענטשט דער טאָג פון דיין צוריקקער אַהיים!"

דאָס האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט שווערן פאַרגעפיל. אומעטיק האָט מען זיך אַוועקגעזעצט אויף דער הילצערנער פּלאַטפאָרמע לעבן וואָק־זאַלכל וואַרטן אויף אַ צוג.

אַ שעה דריי האָט מען געוואַרט. דערנאָך האָט זיך צוגעשלעפּט אַ צוג מיט ליידיקע פראַכט־וואַגאָנעס. אויף די ניט־געהייצטע וואַגאָנעס איז געווען דער געוויינלעכער אויפשריפט: פערציק מענטשן, אַכט פערד. מען האָט פול אָנ־

געפּאַקט די וואַגאָנעס און אומגעדולדיק געוואַרט די באַן זאָל זיך נעמען רירן.

די ערשטע פריינטלעכע ווערטער האָבן זיי דערהערט פון דעם קאָנדוקטאָר.

— ווילקאָמען, ברידערלעך! אָנגעמלחמהט זיך, האַ? צייט, צייט אַהיים צו פאָרן!

דער באַן־צוג האָט זיך געשלעפּט אַ גאַנצן מעת־לעת. די עטלעכע ציווילע מענטשן, וואָס זענען מיטגעפאָרן אין וואַגאָן, זענען געזעסן שטיל, אַריינגעטאָן אין זיך אַליין. איגנאַט האָט באַלד דערפילט, אַז די מענטשן זענען עפּעס אַנדערש געוואָרן. די געמיטער זענען געוואָרן האַרטער, פאַרביטערטער, ווי זיי וואָלטן געטראָגן אַ כעס אויף דער גאַנצער וועלט. וואו איז אַהינגעקומען די וואַרעמקייט פון רוסישן מענטשן? ער האָט ניט געוואוסט, אַז שוין וואָכן־לאַנג ווי עס ציען זיך די צוגן מיט צוריקגעקומענע קריגס־געפאַנגענע. פון אָנהויב האָט מען זיי נאָך וואַרעם באַגעגנט, געגעבן ברויט. אָבער אַז צו דעם האָט קיין סוף ניט גענומען, איז די וואַרעמקייט אַוועק.

קיינער האָט זיך ניט געזאָרגט צו שפּייזן די הונגעריקע סאָלדאַטן. זיי האָבן געפּרוּווט אויסבעטלען ברויט ביי די אָרעמע פּויערים. די פּויערים האָבן געשוואָרן: „פאַר זיך אַליין ניטאָ, ביי גאָט!״ — פונדעסטוועגן איז איגנאַט געווען מזלדיק. אַ פּויערטע האָט אים געגעבן עטלעכע קאַרטאָפל.

אין מינסק האָט איגנאַט געדאַרפט איבערזעצן זיך אויף אַן אַנדער צוג, וואָס זאָל אים דערפירן אַהיים. דאָ איז געווען אַ טויזנט־קעפּיקער המון. אומעטום זענען געלעגן סאָלדאַטן מיט מידע, גרויע פּנימער. זייערע סאָל־דאַטישע מאַנטלען האָבן געטראָגן אויף זיך די שטויבן פון די אַלע ערטער, וואו זיי האָבן זיך איבערגעוואַלגערט. שטויבן פון אַלע וועגן...

צו דער מידקייט איז צוגעקומען אַ גלייכגילטיקייט. וואו נאָר אַ סאָלדאַט האָט געקענט, האָט ער זיך צוגעמאַסטשעט צו אַ וואַנט, האָט אָנגעשפּאַרט זיין מידן קאָפּ און איז באַלד אַריינגעפאַלן אין אַ דרעמל. דורכן דרעמל האָט ער זיך צוגעהערט: צי עס קומט ניט אָן קיין באַן. ווי נאָר ער האָט דערהערט דאָס קלאַפּן פון די באַן־רעדער, איז ער אויפגעשפּרונגען און איז גרייט געווען זיך ביז בלוט צו שלאָגן פאַר אַ פּלאַץ אין וואַגאָן.

און אָט האָט זיך דערהערט דאָס אָנקומען פון אַ צוג. די טרעפּלעך און די אַריינגאַנגען זענען שוין געווען פול מיט זיך אָנהענגענדיקע מענטשן. קענטיק, אַז די מענטשן האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט נאָך איידער דער וואַגאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט. די גרויע מענטשן־מאַסע איז געשטאַנען ווי אַ וואַנט. די אויגן אָנגעשטעלט, די הענט אָנגעשטייפט צו שטופּן, קלאַמערן זיך. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. די לעבעדיקע וואַנט האָט זיך אַ רוק געטאָן נעענטער צו די אַריינגאַנגען. איגנאַט האָט צוגעלייגט זיין כוח צו דעם געדראַנג פון דער מאַסע.

ער איז שוין געשטאַנען באַענט צום אַריינגאַנג. פון פאָרנט אים איז געשטאַנען אַ פויערל מיט אַ זעקל אונטערן אָרעם, אַ פויערטע און אַ יונג מיידל. איגנאַט האָט איבער די קעפּ פון די שטייענדיקע אַ וואָרף געטאָן זיין רוק־זעקל, זיך מיט אַלע כחות אַ שטופּ געטאָן פאָראויס, אָנגעכאַפּט מיט איין האַנט דאָס הענטל פון וואַגאָן און האָט זיך אַ צי געטאָן אויפן טרעפּל.

— אוי, מאַמעלעך! זיי דערשטיקן מיך! — האָט ער דערהערט דעם פאַר־צווייפלטן געשריי פון דער יונגער מיידל. איגנאַט האָט זיך אַפילו ניט אומ־געקוקט. אַזוי איז ער אָפּגעפאָרן אַהיים.

און פאָרנדיק אַזוי, האָט ער געחלומט: אַ ווייב וואַרט, אַ היים, אַן אָפּרו. און מיט אַמאָל אַזאַ באַגעגעניש!...

ענדלעך האָט איגנאַט אויפגעהערט צו וויגן זיך אין שטול. ער האָט עטוואָס אויפגעהויבן זיין קאָפּ, האָט אויסגעזען ווי אַ געשלאָגענער.

— טאַטיאַנאַ! טאַטיאַנושקאַ, טייערע! זאָג אַליין! זע וואָס דו טוסט מיט מיר!

אַ רחמנות־געפיל האָט זיך אַ ריר געטאָן אין טאַטיאַנאַס האַרץ. אירע אויגן האָבן אָנגעטראָפן איגנאַטס אויגן און זי האָט אין זיי געזען אַזוי פיל הונגער, געבעט, און באַגער נאָך איר. טאַטיאַנאַן איז געוואָרן אומהיימלעך. זי האָט זיך צוריק געזעצט צו דער אַרבעט, ווי זי וואָלט דערמיט וועלן פאַרטומלען דעם אָנרויש פון געפילן, וואָס האָבן זיך אַ ריס געטאָן אַרויף פון פאַרבאָרגענע קוואַלן.

— שוין לאַנג געקומען?

— אייערנעכטן ערשט אָנגעקומען. צוויי לאַנגע וואָכן געשלעפּט זיך אין שמוץ און אין קעלט. ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן. אַלץ געטרוימט: כ׳וועל קומען אַהיים, אין דער ריינער, זאַטער כאַטע, אַט וועל איך זיך אָנעסן צו זעט. וועל זיך גוט אויספּאַרען אין באָד פון די אַלע שמוצן אונטערוועגנס, און וועל זיך אויסשלאָפן פאַר דער גאַנצער צייט... און אַט: אַלץ פאַרלאָרן, דאָס ווייב, די באַלעבאַטישקייט. אַ פאַרפאַלענער בין איך...

— נו, גענוג. דאָ איז ניט קיין אָרט אויסצוטענהן זיך, — האָט טאַטיאַנאַ געזאָגט.

— וואוהין־זשע האָב איך געזאָלט גיין? כ׳בין געווען אַזוי אויפגעבראַכט, אַז איך וואָלט דיך געגאַנגען זוכן אַפילו אויף דעם טייוולס הערנער!

טאַטיאַנאַ האָט געזאָגט:

— גיי אַריבער צו מיר. די מומע אַגאַפּענאַ וועט דיך אויפנעמען. מיט טיי אָנטרינקען.

— וואו־זשע וואוינסטו?

— אויף קיסליאַקאָווער גאַס. פרעג אויף ראַמזינס כאַטע.

— און דו? ווען וועסטו קומען?

— איך וועל קומען שפּעט. כ'האָב אַ זיצונג אין אָוונט.

— קענסטו ניט, צוליב מיר, דורכלאָזן די זיצונג?

— דאָס קען איך בשום אופן ניט. כ'האָב פליכטן.

איגנאַט האָט געמורמלט: „פליכטן, פליכטן"... ער איז אַוועק. אין דרויסן איז געווען ליכטיקער פרילינג. מיט יונג־גרינקייט האָט זיך באַצירט די וועלט. אין דער לופט איז געהאַנגען דער אַראָמאַט פון פיאַלקעס, וואָס האָבן געשמעקט מיט פרישן ווייַן. און אַ רואיקייט האָט געשוועבט איבער אַלץ.

דאָס האָט איגנאַטן אַביסל באַרואיקט. אים האָט זיך ניט געוואָלט איצט גייַן צו דער מומע אַגאַפּעָנאַ. ער האָט געוואָלט בלייבן מיט זיך אַליין. באַנעמען, פאַרשטיין דעם גאַנצן קנויל פון די געשעעַנישן.

אים האָט זיך געטראַכט:

— אָ, היינט! אַזאַ פיינער פרילינג־טאָג, די ריכטיקע צייט אַרויסצוגייַן אין פעלד, שטעלן זיך אַקערן. אין הויף דער צוואוואוקס פון קעלבלעך, חזרימי־לעך, עופות. אומעטום פאָדערט זיך אַ באַלעבאָסטעס האַנט. טאַטיאַנאַ האָט דאָך ליב געהאַט די אַרבעט. און איצט... זיצט ביים שרייב־טיש און פּאַטשקעט... ווען האָט זי זיך דאָס אויסגעלערנט? וואָס שרייבן און שרייבן זיי? קיין טאָלק קען מען ניט דערגייַן.

ער איז געגאַנגען איבער די געסלעך פון שטעטל. אומעטום האָט מיט אימפּעט געשפּאָרצט נייַ־לעבן. די בלומען אין פאָרנט פון די הייזער, וואו די פאַרקאַנעס זענען דורכן ווינטער צענומען געוואָרן אויף האָלץ, האָבן איצט געצויגן זייערע שטאַמען. פייגעלעך זענען איבער צווייגן געשפּרונגען, מיט געפּילדער געשלאָגן זיך פאַר זייערע „זי'ען". איגנאַטן האָט געפּרעסן אַ פראַגע: וועט טאַטיאַנאַ צוריקגיין מיט אים אין כוטאָר? צוריק צו דער באַלעבאַטישקייט?

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז עס ווערט שפּעט. די זון נידערט. האָט ער זיך פאַרקירעוועט און איז אַוועק זוכן ראַמזינס כאַטע אויף דער קיסליאַקאָווער גאַס.

ער האָט געעפנט די טיר. אויפן דיל, אויף אַן אויסגעשפּרייטן אַלטן בגד איז געזעסן אַ קינד מיט אַ פייקל־שפּילצייג אין הענטל און האָט זיך געשפּילט. לעבן אים איז געשטאַנען די מומע אַגאַפּעָנאַ, גערעדט לאַסטשענדיקע רייד און צוגעקלאַפּט מיט די הענט צום טאַקט פון פייקל. דערביי איז אַגאַפּעָנאַס פּנים געווען פול מיט מאַמעשער ליבשאַפט.

דערזען דאָס געשטאַלט אין טיר, האָט אַגאַפּעָנאַ אַ ווייַלע ניט געקענט באַ־נעמען און דערמאָנען זיך, ווער דאָס איז. אָדער נאַרן זי די אַלטע אויגן אירע? דאָס איז דאָך איגנאַט! איגנאַט יעפּימאָוויטש!... זי האָט מיט אַמאָל געקראָגן

אַ דערשראָקענעם פּנים. האָט שנעל געכאַפּט דאָס קינד, ווי צו באַשיצן עס, און האָט אים אַריינגעטראָגן אין צווייטן חדר.

דערנאָך איז זי אַרויס באַגעגענען איגנאַטן. זי איז נאָך אַלץ געווען צעטומלט.

— ניט אַנדערש, איגנאַט יעפּימאָוויטש! אַט אַ גאַסט! און איך... שוין אַלט געוואָרן. ניט דערקענט. נו, וואָס מאַכט מען? זעצט זיך! זעצט זיך, איגנאַט יעפּימאָוויטש. איין מינוטקעלע און איך וועל דעם סאַמאָוואַר שטעלן. און אפשר הונגעריק, האַ? געבן עפּעס וואָס צו עסן?

איגנאַט האָט די גאַנצע צייט די אויגן ניט אַראָפּגענומען פון אַגאַפּענאַס צעטומלטן פּנים. אַ קראַמף האָט צוזאַמענגענומען זיין האַרץ. מאָדנע. ער האָט דאָך געוואוסט, אַז טאַטיאַנאַ האָט געהאַט געבוירן אַ קינד פון דייטש. נאָר ביז איצט האָט ער פון דעם וויניק געטראַכט. איצט האָט דער אַנבליק פון דעם קליינעם נפשל ווידער אויפגעשניטן די אייטערדיקע וואונד. נאָך אַ וואָגט איז אויסגעוואַקסן צווישן אים און טאַטיאַנאַן — דאָס יונג נפשל.

עס האָט אים געצויגן אָנצוקוקן דאָס קינד. אים האָט זיך געוואָלט גלויבן, אַז דאָס קליין נפשל איז דווקא ניט געראָטן אין דעם דייטש, נאָר האָט מער ענלעכקייט צו טאַטיאַנאַן, צו אים... אַ מאָדנע געווירבל פון געפילן: אָט איז ער פול מיט אייפערזוכט און האַס צו טאַטיאַנאַן, צו איר קינד, און אָט האָט זיך אין אים געוועקט אַ וואַרעם, פאָטערלעך געפיל צום קליינעם נפשל. וואָס איז טאַקע אָט דאָס קינד שולדיק? איגנאַט איז גרייט געווען אַלץ פאַרגעבן, צונעמען טאַטיאַנאַן מיטן קינד צוריק. אַזוי טאַקע וועט ער איר היינט זאָגן. אָבער באַלד דערפילט ער, אַז דאָס קליין נפשל וועט זיין אַ שטענדיקער דער־מאָנער... אַז ווען ער זאָל אַפילו וועלן פאַרגעבן, וועלן אַנדערע דערמאָנען. און קען ער דען פאַרגעסן?...

איגנאַט האָט אַראָפּגענומען דעם סאָלדאַטסקן מאַנטל און זיך שווער אַראָפּ־געלאָזט אין שטול. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. דאָס געניטע אויג פון אַ באַלעבאָס האָט גלייך באַמערקט די אָרעמקייט און נעבעכדיקייט פון דער באַלעבאַטישקייט. אַן אַלטער טיש, אַ פּאָר צעפּאָרענע בענקלעך, אַזוי אויך דער שטול, אויף וועלכן ער איז געזעסן. ביי דער וואַנט אַ ברייטע בעט. אין ווינקל פון חדר — אַ טישל, הויך אָנגעוואָרפן מיט בראָשורן און ביכלעך. ער איז צוגעגאַנגען, גענומען אין האַנט איין ביכל, אַ צווייטס, געבלייענט די קעפּלעך. המ... אָט פון וואַנען עס נעמט זיך דאָס אַלץ, אָט ווער ס׳איז שולדיק אין דעם, וואָס טאַטיאַנאַ האָט אים אַזוי קאַלט אויפגענומען...

אַגאַפּענאַ איז אַריינגעקומען מיטן סאַמאָוואַר. אָפּגעשטעלט און גענומען פאַרפּאָרען טיי.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? עפּעס קוקט דאָס גאָרניט אויס ווי טיי.

— יאָ, איגנאַט יעפּמיאַוויטש. קיין ריכטיקן טיי קריגט מען ניט פאַר קיין געלט. נו, האָבן מיר צוגעטראַכט: מערן. מיר נעמען מערן און צעשניידן עס אויף דינע רעפּטלעך, דערנאָך ברוינען מיר עס צו אין אויוון. און אָט האָסטו דיר טיי. און עס שמעקט גוט אויך...

איגנאַט האָט פאַרביטערט געזעדט:

— יאָ, דערלעבט זיך! אַלץ פעלט אויס. געווען פריער אַזאַ זאַטקייט, אַזאַ וואוילטאָג. איצט האָסטו זיך — דעם נייעם רעזשים. פרייהייט... אָבער זאָט זיין מיט דעם קען מען ניט. און וואוהין פירט ער, דער נייער רעזשים? איר'ט געדענקען מיינע ווערטער, אַגאַפּענאַ מאַטוועיעוונאַ, זיי וועלן דערפירן מוטערל רוסלאַנד צו אונטערגאַנג.

— נו, איך בין שוין צו אַלט. קען ניט פאַרשטיין. אַלע רעדן, אַלע זאָגן, און איך קען פון זייערע רייד ניט קליגער ווערן. נאָר גאָט באַהיט דיך, דו זאָלסט אַזוינס רעדן צו טאַטיאַנאַן. זי וועט פון די כלים אַרויס.

— נו, זאָל זי! איך וועל זי שוין צאַמען. איך בין איר מאַן. פאַר גאָט האָט זי געשוואָרן. בין איך איר מאַן, צי ניט?

אַגאַפּענאַ האָט געזען, אַז איגנאַט ווערט אַלץ מער אויפגערעגט, זיין פּנים ווערט פינצטערער, האָט זי זיך צוגעאײלט מיטן כיבוד:

— טרינקט, איגנאַט יעפּימאַוויטש, טרינקט. געדאַרפט האָט מען ווי אַ גאַסט אייך מיט גוטע זאַכן טראַקטירן. אָבער מער ווי שוואַרץ ברויט און אַ געטריקנט פישל איז אין שטוב גאָרנישט דאָ. נאָר דאָס פישל איז אַ פעטס, אַ פרישס. אַזעלכע זעט מען איצט ניט. נעכטן אויפן „פּאַיאָק" געקראָגן. אַך, גאָר איינגאַנצן פאַרגעסן די צוקערקעס צו דערלאַנגען. ס'איז גוט צו האַלטן אַ קאַראַמעלקע אין מויל, ווען מען טרינקט טיי.

איגנאַט האָט געזען ווי עס וואַקסט די אומרואיקייט אויף דער מומעס פּנים, ווי אירע באַוועגונגען ווערן אַלץ נערוועזער, איילִיקער. עס האָט אים געצויגן צו רעדן מיט איר וועגן טאַטיאַנאַס לעבן, וועגן אירע באַציאונגען מיטן דייטש. די וואונד אין האַרץ האָט געשמאַרצט און עס האָט אים אַלץ געצויגן זי צו קראַצן. אָבער עס איז אים אַ רחמנות געווען אויף דער אַלטער, גוטער אַגאַפּענאַ מאַטוועיעוונאַ. האָט ער האַרט צונויפגעקלעמט די ליפּן, אַרויסגענומען זיין מאַכאָרקע, צונויפגעדרייט אַ פּאַפּיראָס פון אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס ער האָט אַרויסגעריסן פון איינעם פון די ביכלעך אויפן טישל, און גע־נומען רויכערן. דערנאָך האָ ער ליידנשאַפטלעך געטרונקען אין גלאָז טיי נאָך דער צווייטער.

שפּעט אין אָוונט איז טאַטיאַנאַ געקומען. זי האָט איגנאַטן געטראָפן זיצנ־

דיק ביים טיש אין אַ וואָלקן פון טשאַדיקן רויך.

— נו, האָסטו אָנגעררויכערט! — האָט זי געזאָגט צו איגנאַטן בשעת זי האָט געהאַלטן אין אַראָפּנעמען דעם מאַנטל. — האָסט שוין געגעסן?

איגנאַטן איז געוואָרן לייכטער. ער האָט געמיינט, אַז איצט רעדט זי עפּעס פריינטלעכער. ער האָט געזאָגט:

— ניין. געוואַרט אויף דיין קומען. אינאיינעם וועלן מיר עסן.

טאַטיאַנאַ האָט געשטעלט אויפן טיש עטלעכע געזייערטע אוגערקעס, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך. אַגאַפעגאַ האָט שוין באַוויזן אָפּצוקאָכן אַ זופּ, פאַר־פּראַוועט עס מיט אויל און מיט צוגעברוינטע ציבעלעס. מען האָט זיך געזעצט עסן וועטשערע.

די וועטשערע איז דורכגעגאַנגען אָן איבעריקע רייד. מ׳האָט מער געשוויגן, ווי גערעדט. טאַטיאַנאַ האָט געקוקט אויף איגנאַטן און האָט ניט געהאַט וואָס אים צו זאָגן. ער איז געווען פרעמד און ווייט פון אַלץ, וואָס האָט לעצטנס אַזוי פאַרכאַפּט איר גאַנץ וועזן. און דאָך... און דאָך האָט זי געפילט, אַז זי קומט אים עפּעס אַ חוב, וואָס זי מוז באַצאָלן. זיינע אויגן — פול מיט הונגער און באַגער נאָך איר, האָבן געמאָנט, געבעטן זיך. זי האָט געפילט, אַז זי האָט ניט קיין כוח אים צו אַנטווישן...

די אַלטע אַגאַפעגאַ איז אַוועק צו אַנדריושקאַן אין צימערל און צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר. טאַטיאַנאַ און איגנאַט האָבן פאַרענדיקט דעם טיי. איגנאַט האָט זיך אויפגעהויבן.

— כ׳בין מיד, מ׳דאַרף שוין שלאָפן.

טאַטיאַנאַ האָט אויפגעהויבן די אויגן און די בליקן האָבן זיך געטראָפן.

טאַטיאַנאַ איז געבליבן זיצן. ווידער האָט זי ניט געהאַט קיין קלאָרע תשובה אויף די קאָנפליקטן אין איר האַרץ. איגנאַט, דער פויער פון אַמאָליקן פעלד, מאָנט ביי איר, איר גוף, איר צערטלעכקייט, ווי מען מאָנט אַן אַלטן חוב. ער האָט געוואַרט, געטרוימט. זיין הייס בלוט קאָכט. ער זוכט שכר פאַר זיינע ליידן, פאַר דעם פּיין, וואָס ער איז זיך אויסגעשטאַנען. ווידער אַמאָל איז זי טאַטיאַנאַ די פרוי, אַרומגערינגלט פון דער צודרינגלעכקייט פון מאַן...

טאַטיאַנאַ האָט געפילט: ס׳איז גרינגער צו געפינען אַ לייזונג אויף פראַגעס, וואָס האָבן צו טאָן מיט פאַרמעגנס, וואָס מען דאַרף אָפּשרייבן, ווי אויף פראַגעס, וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם פאַרמעגן פון דיין אייגענעם אינערלעכן וועזן.

איגנאַט האָט אַ זאָג געטאָן:

— נו, וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט? וועסט טראַכטן מאָרגן. ס׳איז שפּעט. קום, טייערע, איך האָב דאָך נאָך דיר אַזוי געבענקט.

אין האַרצן האָט ער געטראַכט: „ער איז איר מוחל דעם דייטש. ער איז איר מוחל אַלץ. — זי וועט זיין זיינע, זיינע. זי איז דאָך פאַרט זיין ווייב.“

ער האָט זיך אויסגעטאָן און געלייגט אין בעט. גיריק און אומגעדולדיק האָט ער נאָכגעפאָלגט ווי טאַטיאַנאַ דרייט זיך אַרום אין צימער. ווי זי טוט זיך אויס. און ווי אַ לאַווע האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איר. זי געקושט, געדריקט, געפּרעסט אין זיינע אָרעמס. זי איז געווען איינגעהאַלטן. נאָר זיין הייסע ליבע האָט זי שוואַך געמאַכט און זי איז אַנגעגאָסן געוואָרן מיט מידער ווארעמקייט און נאָענטקייט פון מאַן.

נאָכן ערשטן שטורעם פון ליבע איז איגנאַט אַ באַפרידיקטער איינגעשלאָפן. זיינע ליפּן האָבן נאָך אַלץ אין שלאָף געציטערט, ווי ער וואָלט זי נאָך אַלץ געקושט. און זי, טאַטיאַנאַ, איז געלעגן לעבן אים מיט אָפענע אויגן. די נאָר־וואָס געשעענע נאָענטקייט האָט די פרעמדקייט צווישן איר און אים נאָך גרעסער געמאַכט. עס האָט זיך איר געדאַכט: זי ליגט אויף איין ברעג פון פעלד, און ער אויף אַ צווייטן ברעג. אָט האָט זי אָפּגעצאָלט אַ חוב, נו, גענוג! אויס מיט די אַמאָליקע חובות.

איינדערפרי איז איגנאַט אויפגעשטאַנען גאָר אַן אַנדער מענטש. האַפערדיק און זיכער. טאַטיאַנאַ איז צוריק זיין ווייב. איצט וועט זיך אַלץ איינשטעלן ווי געווען.

די מומע אַגאַפעננאַ האָט אַריינגעטראָגן דעם סאַמאָוואַר. האָט דערלאַנגט צום טיש און איז ווידער אַוועק אין צימערל, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן אַנדריושקאַס קינדעריש געוויין. טאַטיאַנאַ איז געשטאַנען ביים שפּיגל, זיך געקעמט די האָר און אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט איגנאַטס אויגן.

איגנאַטס פּנים איז מיט אַמאָל ווידער פינצטער געוואָרן. דאָס קינדעריש געוויין, האָט זיך אים געדוכט, איז די וואַנט, וואָס שטייט צווישן אים און טאַטיאַנאַן. וועט דאָס שטענדיק אַזוי זיין?

— דו איילסט זיך? — האָט ער געפרעגט טאַטיאַנאַן, און די ווערטער זענען שוין ניט געווען פון דעם פריערדיקן ווילדן איגנאַטן, נאָר זענען אַרויסגעקומען פול מיט געבראָכנקייט.

— צו דער אַרבעט גיי איך.

— ווי־זשע? מיר דאַרפן זיך דאָך דורכשמועסן. קענסט דאָך מיך ניט פּייניקן אַזוי.

— וועגן וואָס וועלן מיר רעדן, איגנאַט?

— וואָס הייסט וועגן וואָס? באַלד פיר יאָר ניט געזען זיך. און איך האָב די גאַנצע צייט אַזוי געגאַרט נאָך דיר. און דו — „וועגן וואָס וועלן מיר רעדן“!

טאַטיאַנאַ האָט אויסגעדרייט איר פּנים צו אים, אָפן אַנגעקוקט:

— דאָס פאַרגאַנגענע איז אַוועק און וועט זיך מער ניט צוריקקערן.

איגנאַט האָט ווידער אויף זיין פויערישן אופן גענומען רעדן און טענהן. געמיינט, אַז דאָס גופיקע ביינאַכט וועט שוין אַלץ פאַרריכטן. ערשט עס הויבט זיך גאָרניט טאָן! אָט האָסטו דיר אַ ווייב! ער האָט מיט געבראָכנקייט גענומען אויסלייגן זיין האַרץ, דערציילן פון זיינע שווערע איבערלעבונגען. אָבער אין אַלע פאַרוויסטונגען איז אים, דורך דער גאַנצער צייט, געבליבן איין געשטאַלט: טאַטיאַנאַ, וואָס האָט אים פון ווייטן געגעבן טרייסט און האָפענונג. איצט — ווי אַלץ האָט זיך דאָס איבערגעקערט! דאָס דאַרף איז קיין דאַרף ניט, די היים איז קיין היים ניט, און זי... זי איז ניט די פריערדיקע טאַטיאַנאַ.

— קום צוריק אין כוטאָר! — האָט ער זיך געבעטן.

זי האָט סאַרקאַסטיש אַ שמייכל געטאָן:

— אין כוטאָר, צוריק. נאָר צוריק ווילסטו גיין!

און דאָ האָט טאַטיאַנאַ אים געפּרוּווט מיט די איינפאַכסטע ווערטער דער־קלערן וואָס אין לאַנד איז געשען. דערקלערן אים די איבערקערעניש. דער־קלערן אים, אַז דאָס אַלטע גייט אַוועק, שטאַרבט אָפּ און אַ ניי לעבן ווערט געבויט. נייע מעשים פאַרדעקן די אַמאָליקע פויערישע קליינינקע חלומות... צום אַמאָליקן איז קיין אומקער ניטאָ מער. פאַרשטייסטו, איגנאַט? אַוודאי האָסטו געליטן. אָבער טאַקע צוליב דיליידן פון מיליאָנען פויערים און אַר־בעטער איז אָט די איבערקערעניש געקומען. וועסט זען: ברייטע קאָלכאָזן וועלן מיר אויפבויען. ניט מיט קיין הילצערנע באָראָנעס און אַלטן אַקער־אייזן וועט מען די ערד אויפהויבן. טראַקטאָרס וועלן די ערד אויפהויבן, שניידן, מאָלן. ס'וועט ניט זיין מער קיין כוטאָרס פון איינצלנע...

און וואָס מער טאַטיאַנאַ האָט גערעדט צו איגנאַטן וועגן דער נייער אָרדענונג, אַלץ פרעמדער איז זי אים געוואָרן. זי האָט פאַר זיינע אויגן גענומען אויסוואַקסן ווי אַ שונא, וואָס וויל מיט גוואַלט אַלץ צונעמען פון אים — צונעמען דעם כוטאָר, דאָס פעלד און אויך צונעמען די ליבע. ביי איגנאַטן האָט זיך אַלץ אויסגעמישט צוזאַמען. ער האָט גענומען שרייען:

— ניט נאָר מיך, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד פירט איר צום אָפּגרונט. איר זענט שוין די אמתע מחבלים. וואָס די שווערד פון קריג האָט איבערגעלאָזט, וועט איר שוין דערענדיקן.

און איגנאַט האָט ווייטער געשריען:

— וואָס מיינסטו, מען וועט אַוועקנעמען פון מיר די ערד! מיין נחלה? מיין האָב־און־גוטס? מען וועט אייך וויזן אַוועקנעמען. זאָל מען נאָר פּרובירן. מיר האָבן נאָך ניט פאַרגעסן, ווי דאָס געוואָרן צו האַלטן...

טאַטיאַנאַ האָט מער ניט געענטפערט. שנעל האָט זי אַרויפגעוואָרפן אויף זיך די פּאַטשיילקע און איז אַרויס אין דרויסן. איגנאַט איז אויך אַרויס.

ביידע האָבן גענומען גיין.

איגנאַט — רעכטס.

טאַטיאַנאַ — לינקס.

צווייטער טייל

אין גלויבן

קאַפּיטל צען

אין אויגוסט 1918 איז פריץ בענדערמויער, אינאיינעם מיט אַ נײַ־צונויפֿגעשלאָגענער ראָטע סאָלדאַטן, צוריקגעשיקט געוואָרן צום פראָנט.

אויפֿן מערבֿ־פראָנט איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַ פּיבערישע טעטיקייט, וואָס האָט זיך זיי, די נײַ־אָנגעקומענע, שטאַרק געוואָרפֿן אין די אויגן. טאָג ווי נאַכט האָבן די באַנען געהאַלטן אין ברענגען צום פראָנט צוגן אָנגעלאָדן מיט אַמוניציע, פּראָוויאַנט און מענטשן, מענטשן אָן אַ שיעור.

אין לעצטן טויטלעכן פּאַרמעסט האָט די דײַטשישע קאָמאַנדע געוואָרפֿן די אַרמיי אויפֿן שונא אין מערבֿ. פֿאָראויס! פֿאָראויס! דורכברעכן דעם פראָנט, צעשלאָגן דעם שונא, און דאַן — ענדגילטיקער זיג. דעמאָלט „וועלן מיר, דײַטשן, דיקטירן דעם שלום".

אַזוי האָט מען צו די מידע סאָלדאַטן גערעדט דורך אַלע וועגן פֿון פּראָפּאַגאַנדע. די סאָלדאַטן האָבן זיך צו די רייד צוגעהערט און האָבן געפּאָלגט. האָבן זיך בראַוו געשלאָגן, אָבער שוין ווייניק געגלויבט אין אַ נצחון.

אויפֿן מערבֿ־פראָנט זענען דאַן געשטאַנען טעג — לויטער גאָלד און בלוי. בײַטאָג האָט די זון נאָך שטאַרק געבריט. די אָוונטן זענען שוין געווען מילד־קילע. די נאַכט — טיף־טונקעלע, אויסגעשטערנטע, סודותפֿולע.

פריץ בענדערמויערס רעגימענט האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט עטלעכע שלאַכטן. זייערע רייען זענען שיטערער געוואָרן. מיט עטלעכע טעג צוריק זענען זיי צוריקגעשיקט געוואָרן אין רעזערוו אויף אָפּרו. איצט האָבן זיי ווידער מאַרשירט צו די פראָנט־פּאָזיציעס צו פֿאַרבײַטן אַנדערע אויסגעמאַטערטע קעמפֿער אין די טראַנשייען.

ביים ראַנד פֿון אַ האַלב־צעשאָסענעם וועלדל האָבן זיך די סאָלדאַטן אָפּגעשטעלט. מען האָט אַראָפּגעלאָזט די רוק־זעק פֿון די פּלייצעס, לויז געמאַכט די לעדער־גאַרטלען און זיך אויסגעלייגט אויפֿן גראָז.

פֿון דער ווײַט האָט זיך אָהערצו דערטראָגן די קאַנאָנאַדע פֿון שווערע האַרמאַטן, אָבער דער זוניקער און ליכטיקער אַרום האָט באַרוט די אָנגעשטרענגטע נערוון, האָט אײַנגעשלעפֿערט די וואַכזאַמקייט. מען האָט אויסגעצויגן די מידע גלידער און געלאָזט זיך אײַנוויגן אין רו. אַזוי איז מען געלעגן אַ לאַנגע צײַט אָן אַ וואָרט.

— אַדאָלף! — האָט זיך ענדלעך אָפּגערופן דער אייביק־הונגעריקער וואַלדע. — וואָס הערט זיך עפּעס וועגן אַ גוטן מאָלצייט?

אַדאָלף לעווערמאַן, צו וועמען די ווערטער זענען געווען געווענדט, איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף, מיט אַ פויסט צוקאָפּנס, און געקוקט אין הימל. ער האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן, אויסגעדרייט זיין פּנים צו וואַלדען און אַ צו־פרידענער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין גוטמוטיקן פּנים. צו אים, אַדאָלפן, קוקט איצט אַרויס ניט וואַלדע אַליין. לעווערמאַן האָט אַ שם אין דעם גאַנצן רעגימענט. מען זאָגט: ער האָט אַ זעקסטן חוש. ער דערשמעקט וואו מען קען עפּעס דערשנאַפּן צום עסן. מיט עטלעכע טעג צוריק, ווען זיי זענען אַריין אין אַ דערפל, פון וואַנען די ענגלענדער האָבן ערשט געהאָט אָפּגעצויגן, האָט ער דערשנאַפּט אַ יונג חזירל. ס'איז געווען אַ גרויסע גדולה אויף אים. דאָס כאַפּן, דאָס קוילענען און אויסרייניקן דאָס חזירל, האָט ביי אים קיין סך ניט גענומען. נאָר צייט אָפּצובראָטן אים האָט ער ניט געהאָט. האָט ער אַריינ־געפּאַקט דאָס חזירל אין רוק־זאַק און מיטגענומען אין טראַנשיי.

דעם גאַנצן טאָג האָט געפּלאַקערט אַ שלאַכט. די האַרמאַטן האָבן געדונערט. מיט אַ מוראַדיקן קראַך האָבן האַרמאַטן־קוילן זיך צעשראַפּנעלט נאָענט צו דער טראַנשיי. האָבן ניט איין מאָל פאַרשאָטן די סאָלדאַטן מיט ערד־שטויב, מיט מעטאַל־שטיקער. דער ביקסן־קנאַל איז אָנגעגאַנגען אָן אַן אויפהער. מען איז געלעגן צוגעדריקט צו די ווענט פון טראַנשיי. געוואָלט טיפער אַריינקריכן אין דער ערד. די נערוון זענען געווען אָנגעשפּיצט ביז צום פּלאַצן. די גלידער אָנגעשטייפט און גרייט יעדע מינוט צו באַגעגענען די געפאַר, וואָס האָט גע־לויערט פון אַלע זייטן. און דער הונגער האָט געפּייניקט, הייַנט נאָך מער ווי אַלעמאָל, ווייל יעדערער האָט געטראַכט פון אַדאָלפס חזירל, וואָס ליגט אין זאַק.

נאָר ענדלעך . . . די שלאַכט איז פאַראיבער. די קאַנאָנאַדע האָט אויפ־געהערט. דער שונא איז שוין אויך מיד. מען לאָזט אָפּ די אָנגעשטייפטע גלידער. אַ מאָדנע שוואַכקייט באַפאַלט אַלעמען. עס נאָגט דער הונגער. ערשט איצט דערפילט מען, אַז די כחות זענען אויסגעשעפּט. דאָך פילט מען זיך דער־לייכטערט: איבערגעקומען נאָך אַ שלאַכט.

אַדאָלף לעווערמאַן איז שוין ניטאָ אין טראַנשיי. ער איז שוין פאַרנומען מיטן חזירל. בראָט עס. עמעצער האָט אָנגעגראָבן קאַרטאָפל אין פעלד. מען האָט זיי צעשניטן אין דינע רעפטלעך און איינגעברוינט אין חזיר־פעטס. אַלע האָבן זיך מיט דעם מאכל געקוויקט.

דעם טעם פון געבראָטענעם חזירל פילט נאָך וואַלדע אַפילו היינט.

אַדאָלף פרעגט: „וואָס, אַשטייגער, וואָלסטו היינט געוואָלט האָבן, וואַלדע?“

— וואָס? אַ געבראָטן גענדזעלע, מיט איינגעברוינטע קאַרטאָפּלעס, מיט מערעלעך. פֿאַרבייסן מיט אַ כּוסה ווײַן.

— דאָס איז ניט אַזוי שווער צו קריגן, — זאָגט לעווערמאַן און ער נעמט זיך צום רוק־זאַק, ווי ער וואָלט זיך עס פֿון דאָרטן געקליבן אַרויסנעמען. דערנאָך פֿרעגט ער: „נו, און אויף וואורשטלעך מיט זויערקרויט וועסטו ניט איינגיין?"

וואָלדע שלינגט מיט די אויגן די באַוועגונגען פֿון אַדאָלפֿס הענט אין דעם רוק־זאַק. אָט באַלד וועט, אפשר, אַדאָלף באַווײַזן אַ נס און אַרויסשלעפּן וואורשטלעך און זויערקרויט.

נאָר אַדאָלף שלעפּט ענדלעך אַרויס זײַנע ליידיקע הענט פֿון זאַק. נעמט זיי פֿאַנאַנדער: „מ־נאַ, זאָגט ער, נאָך ניט פֿאַרטיק, וואָלדע."

אַלע צעלאַכן זיך. דער הונגער ווערט שטאַרקער. מען טאַפּט ווידער און אָבער אַמאָל אין די רוק־זעק. עמעצן געלינגט פֿאָרט צו געפֿינען דאָרט עפּעס צו גריזשען, און אַלע קוקן אויף אים מיט קנאה.

עס דערהערט זיך די קאָמאַנדע: „אַכטונג! שטעלט זיך אויס!"

מען שפּרינגט אויף. מען פֿאַרשטייפֿט די גרעסער־געוואָרענע לעדער־גאַרטלען. מען טוט אָן די רוק־זעק, מען נעמט די ביקסן און מאַרש, מען גייט ווייטער.

שוין שפּעט אין אָוונט האָט די ראָטע זיך דערקליבן צו די פֿראָנט־פּאָזיציעס. דאָס איז געווען אָן ערשט ניט־לאַנג פֿאַרנומענער, האַלב־צעשאָסענער טראַנשיי. מען האָט זיך פֿאַנאַנדערגעשאָטן. יעדערער האָט געזוכט אויסצוקלייבן אַ ווינקל פֿאַר זיך, יעדערער האָט געזוכט וואו זיכערער צו פֿאַרשטעקן דעם קאָפּ.

דאָ, אין דעם טראַנשיי, איז די ראָטע פֿאַרבליבן עטלעכע טעג. דער ערשטער טאָג איז אַוועק אין צורעכט־מאַכן דעם טראַנשיי. די שלאַכטן האָבן זיך איינגעשטילט. אין די שטילערע מינוטן פֿלעגן די סאָלדאַטן זיך אַרומקלייבן אַרום פֿריץ בענדערמויער. זײַנע רייד האָבן געהאַט פֿאַר די איבעריקע סאָלדאַטן אַ מאָדנעם צויבער. ער איז געווען אין רוסלאַנד, וואו דאָס פֿאָלק האָט געמאַכט אַ סוף צו דער מלחמה. פֿריץ האָט שוין באַוויזן גוט צו באַקענען זיך מיט אַלעמען. מיט אייניקע אַפֿילו זיך גוט איינצולעבן. אַמערסטנס קלעפּט צו אים דער פּויער, וואָלדע. ווען פֿריץ רעדט, קוקט אים וואָלדע אין מויל אַרײַן. בענדערמויער דערציילט זיי די נײַעס פֿון רוסלאַנד, ווי אַזוי ער איז אין געפֿאַנגענשאַפֿט אַרײַנגעפֿאַלן, ווי אַזוי עס האָט זיך אים גוט געלעבט אויף יערעמענקאָס פֿאַרם. ווי אַזוי דאָס פֿאָלק האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם קייסער און צו דער מלחמה.

צו אָט די בייעסן פון רוסלאַנד הערן זיך אַלע צו מיט אַ שטאַרקן נייגער.
— ביי אונדז וועט דאָס קיינמאָל ניט פּאַסירן, — זאָגט אַדאָלף לעווערמאַן.
— קיינמאָל ניט? — פרעגט דער שוואַרצער, זשוואַווער היינריך קלאָץ. ער וואַרט אָפּ אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט וואַרטן אויף אַן ענטפער, און דערנאָך ענטפערט ער זיך אַליין:
— קיינמאָל ניט. ווײַל מיר זענען איצט אויסגעהוילטע, פאַרווירטע מענטשן, וואָס פאָלגן בלינד אַלץ, וואָס די אָפיצערן באַפעלן אונדז. מיר ווערן ווי שאָף געטריבן צו אויסשלאַכטונג. און וויפיל זענען מיר איצט אינגאַנצן געבליבן? מיר זענען געווען אַ הונדערט און פופציק מאַן, און איצט . . .
— ניט אין צאָל מענטשן גייט עס, קאַמעראַדן, — זאָגט פריץ. — עס גייט אין דעם באַוואוסטזיין. פאַר וואָס שלאָגסטו זיך? אָט דאָס גיב נאָר אַ טראַכט!
— פאַרוואָס? נו, ס׳איז דאָך גוט באַוואוסט: פאַרן פאָטערלאַנד און קייזער.
— נו, און דער פראַנצויז?
— ער שלאָגט זיך פאַר זיין פאָטערלאַנד.
— און דער ענגלענדער?
— אויך דאָס זעלבע.
— און דער רוס?
— נו, יאָ, פאַר זיין פאָטערלאַנד.
היינריך שאָקלט מיטן קאָפּ: „איך קען עס ניט פאַרשטיין. עפּעס שטימט דאָ ניט. מיין דאָרף איז הונדערטער מייל פון דאַנען, אין בייערן. איז וואָס טו איך דאָ איצט, אין פראַנקרייך? פאַרוואָס צעשיס איך די הייזער און גערטנער פון אַ פראַנצויזישן פויער?
— ווער טאַקע האָט אונדז אַוועקגעשטעלט איינער קעגן דעם אַנדערן צו מאָרדעווען, — זאָגט קורט גרינמויער, וועלכער האָט די גאַנצע צייט מיט אייפער זיך צוגעהערט און אַנגעשטרענגט געטראַכט.
— אָט דאָס איז עס, קאַמעראַדן. עמעצן גייט דאָס אין לעבן, מיר זאָלן זיך איינער דעם צווייטן מאָרדעווען. עמעצער וויל האָבן מער לאַנד, וויל מאַכן מער פּראָפיטן; עמעצער וויל פאַרכאַפּן עמעצנס רויע מאַטעריאַלן. אָט פאַר ווע‏מען מיר שלאָגן זיך. אָט פאַר וועמען מיר לייגן אונדזערע קעפּ, — זאָגט פריץ בענדערמויער.
— עמעצער? ווער?
— ווער? פאַרשטייט זיך, ניט דו. דו ביזט צופרידן אָפּצולעבן מיט דיין נחלה אין דאָרף.
— איז פאַרט ווער?
— די קאַפּיטאַליסטן.

— זענען זיי דאָך געראכט, די רוסן, די באָלשעוויקעס.

— געראכט, — זאָגט פריץ — אַוודאי געראכט.

— ביי אונדז וועט דאָס ניט גיין, — זאָגט דער פּרייוויליקער קאַרל באַד־היים. — אַזוי זענען מיר גאַנצע העלדן, אָבער מיר ליגן אונטער דעם באַפעל פון קלענסטן אָפיצער.

קאַרל האָט מיט אַמאָל אָפּ זיינע רייד. אין טראַנשיי קומט אַריין דער אָפיצער פאָן־האָקענזען. אַלע קוקן זייטיק, זוכן אויסצומיידן פאָן־האָקענזענס בליקן. מען צעגייט זיך אין באַזונדערע טראַנשיי־ווינקלעך.

פאָן־האָקענזען נעמט אַלעמען דורך מיט אַ דורכדרינגענדיקן בליק. וואָס עפּעס מיידן אַלע אויס צו קוקן אין זיין זייט? קוקן ווי קאָנספּיראַטאָרס? איין פריץ בענדערמויער קוקט אים אָן שאַרף און פינצטער. פון זיינע אויגן פּילט פאָן־האָקענזען אַרויס טיפע שנאה. ער טראַכט: פריער איז דאָס ניט געווען אַזוי. ער איז דאָך מיט די סאָלדאַטן אויפן פראָנט שוין באַלד מער ווי אַ יאָר צייט. אינאיינעם מיט זיי אין די טראַנשייען געלעגן, פאַראויס אין אַטאַקע געגאַנגען. אינאיינעם געהונגערט, אינאיינעם געפרוירן. ניט אַנדערש, עס לאָזט זיך דאָ פילן דער שלעכטער איינפלוס פון דעם קערל, פריץ בענדער־מויער. מען דאַרף וועגן דעם עפּעס טאָן.

פאָן־האָקענזען דערפילט אָבער, אַז זיין אייגענע פריערדיקע פעסטקייט איז עטוואָס שוואַכער געוואָרן. פאַרוואָס באַשולדיקן נאָר פריצן? פאָן־האָקענ־זען ווייסט דאָך, אַז צו אים אַליין איז שוין אַ צווייפל געקומען... פריץ, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון רוסישער געפאַנגענשאַפט, דערציילט מעשיות, וואָס שעדיקן די אַרמיי־מאָראַל. אָבער עס זענען דאָ נאָך סיבות, וואָס צערודערן די געמיטער. ווייסט ער דאָך, פאָן־האָקענזען, טיף אין האַרצן, אַז די מלחמה איז פאַרלאָרן. און דאָך פירט ער זיי אין אַטאַקע, צום טויט. און אויך זיי, די סאָל־דאַטן, פילן עס. מען קען דאָס אַראָפּלייענען פון זייערע מידע, גרוי־חושכדיקע פּנימער. אים דוכט זיך, אַז זייערע אויגן פרעגן שטום: ווען וועט שוין צו דעם נעמען אַ סוף? צי דען וועט ניט נעמען קיין ענדע צו די אַלע שוידערן?

פאָן־האָקענזען פילט דאָס שטאַרקער נאָך דער לעצטער שלאַכט, אין וועלכער זעכצן סאָלדאַטן זענען געפאַלן אין אַן אַטאַקע און מען האָט זיי אַלעמען באַגראָבן אין איין ברידערלעכן קבר. זעכצן לעבנס. און פינף פון זיי נאָך גאָר קינדער. ער דערמאָנט זיך ווי אין אָנהויב אַטאַקע האָט איינער פון זיי, וואָלפ־גאַנג, געציטערט. ווי זיינע יונגע צעשראָקענע אויגן האָבן געזוכט און געבעטן באַשיצונג. אים, פאָן־האָקענזענען אַליין, האָט זיך געוואָלט צוגיין צו דעם פּיזיש נאָך־ניט־אַנטוויקלטן בחורל, אים באַרואיקן, באַשיצן. אָבער אַנשטאָט דעם האָט ער שטרענג אַכטונג געגעבן, אַז קיינער זאָל ניט אָפּשטיין פון דער

אַטאַקע. איצט איז וואָלפגאַנג טויט. און ער, פאַן־האַקענזען, ווייסט: ער וועט די לעבן־געבליבענע מאָרגן, צי איבערמאָרגן, ווי נאָר דער באַפעל וועט קומען, ווידער פירן צום טויט.

פאַן־האַקענזען דערשרעקט זיך אַליין פאַר זיינע אייגענע געדאַנקען. ער מיידט איצט אויס זיינע קאַמעראַדן. ס׳איז שווער צו זיין מיט זיך אַליין, נאָך שווערער צו זיין מיט אַזעלכע געדאַנקען.

ער גייט אַוועק. אַ ווײַלע קוקן נאָך די סאָלדאַטן נאָך דעם אַוועקגייענדיקן אָפיצער. דאַן קלייבן זיי זיך ווידער צוזאַמען אַרום פריץ בענדערמויער.

— ווי־זשע האָבן די רוסן אָפּגעשטעלט די מלחמה? דערצייל! דערצייל, קאַמעראַד!

פריץ בענדערמויער פאַרציט שטאַרק דעם ביטערן רויך פון ציגאַרעט און הויבט אָן צו דערציילן, ווי די פּשוטע סאָלדאַטן האָבן אויסגעקליבן ראַטן פון די דרייסטע צווישן זיי, האָבן אַרונטערגעריסן די עפּאָלעטן פון די אָפיצערן, האָבן זיך, אָנשטאָט שלאָגן זיך, געברידערט גאָר מיט די דייטשע סאָלדאַטן...

מיט אַמאָל האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַנאָנאַדע פון דער שווערער אַרטילעריע. מען האָט אָנגעהויבן צו באַשיסן דעם טראַנשיי און עטלעכע האַרמאַטן־קוילן האָבן אויפגעריסן גאָר נאָענט און באַהאָגלט אַלעמען מיט שטיקער ערד און אייזן.

פאַן־האַקענזען איז אויף אַלע פיר צוריק אַריינגעקראָכן אין טראַנשיי. אַלע ווייסן שוין: דער שונא גרייט זיך צו אַ נייער אַטאַקע.

פאַן־האַקענזען פרעגט: „האָט איר אַלץ?"

קיינער ענטפערט אים ניט. אַלעמענס פּנימער האָבן מיט אַמאָל באַקומען דעם אָנגעשטרענגטן, ערנסטן אויסדרוק, וואָס קומט ערגעץ פון דער טיף, בעת דאָס גאַנצע מענטשלעכע וועזן דערשפּירט געפאַר.

— מען וואָלט באַדאַרפט נאָך אַמוניציע, — זאָגט וואַלדע.

— ניטאָ מער, — האַקט פאַן־האַקענזען אָפּ.

נאָך אַ האַרמאַטן־קויל האָט אויפגעריסן נאָענט צו דעם טראַנשיי און אָנגעפילט די לופט מיט געשטאַנק פון פּולווער און שוועבל.

מיט אַמאָל האָבן די שראַפּנעלן אויפגעהערט צו פאַלן. ס׳איז געוואָרן אומהיימלעך שטיל. די אַטאַקע פון שונא דערנעענטערט זיך. באַלד וועלן זיי שטורעמען דעם טראַנשיי.

פאַן־האַקענזען גיט די קאָמאַנדע: „פאָראויס!!! אין אַטאַקע!" — און ער קריכט דער ערשטער אַרויס פון טראַנשיי.

די משוגעת פון הריגה און טויט נעמט אַלעמען אַרום. אַלע קריכן אַרויס. פריץ אויך. ער ווערט באַהערשט פון דעם זעלבן חיהשן געפיל. ס׳איז איצט:

טויט דעם געגנער, אָדער ווער אַליין געטויט. מען קריכט אויף אַלע פיר אַנט־קעגן דעם שונא. מען הויבט זיך אויף און מען לויפט. מען שטעכט, מען פאַלט.

דערנאָך, אַז דער שונא איז אָפּגעשלאָגן און טרעט אָפּ, קערט מען זיך אום אויסגעשעפּטע צום טראַנשיי. מען שלעפּט אַריין די פאַרוואונדעטע.

— וואו האָט דיך געטראָפן? — פרעגט ביי איינעם פאַן־האַקענזען, — אין פוס?

קאַרל באַדהיים באַמיט זיך צו זיין בראַוו. די פאַרקרימטע ליפּן רעדן פון וויטיק קוים אַרויס: „איןביידע פיס, דאַכט זיך. זיי זענען אינגאַנצן אָפּ־גענומען."

— און דיך וואו? — פרעגט פאַן־האַקענזען אַ צווייטן.

דער צווייטער ענטפערט ניט. די קויל האָט אים געטראָפן אין בויך. ער האָט פאַרלאָרן אַ סך בלוט.

— גיכער, די סאַניטאַרן! — באַפעלט פאַן־האַקענזען.

ער קוקט זיך אַרום: די סאָלדאַטן ליגן שווער־אָטעמדיקע, אויסגעשעפּטע. איינציקע ווישן מיט שמוציקע אַרבל דעם שוויס פון געזיכט. שילטן: „עך, פאַרשאָלטן לעבן אונדזערס!" אין פריצס אויגן דערזעט פאַן־האַקענזען דעם זעלביקן פינצטערן בליק. דער בליק רעדט שטום: „ס'איז שחיטה! אומזיסטע, אומנישטע שחיטה! וואָס וועט דאָ זיין?"

פאַן־האַקענזען קערט אָפּ זיין בליק פון פריצן און גייט אַרויס.

ס'איז שטיל געוואָרן. נאָר דאָ און דאָרטן קנאַלט אויף אַ ביקס. די זון פאַרגייט. זי באַלייכט, מיט רויט, די שפּיצן פון אַ האַלב־צעשאָסענעם וועלדל. און מיט אַמאָל דערזעען אַלע גאָר אַן אַנדער מין רויטקייט. דאָס איז אַ רויטער פלעק אינדערהויך, אויף די צווייגן פון אַ בוים. אַן אָפּגעריסענער גליד פון אַ מענטשן־קערפּער, באַגאָסן מיט בלוט, וואָס איז געבליבן הענגען אויף אַ צווייג.

די לופט ווערט קיל. אָוונט־שאָטנס נידערן אויף דער ערד.

אַרום ווערט אַלץ שטילער, אַזוי ווי די גאַנצע רו וואָלט זיך צוזאַמענ־געקליבן. עס קנאַלן מער ניט קיין ביקסן. קיין שום אויפרייס. די שטילקייט דערשרעקט אַלעמען. פאַרוואָס אַזוי שטיל? מען איז איינגעוואוינט אויפצו־כאַפּן די קלענסטע קלאַנגען. יעדער קלאַנג באַדייט אַן אַנדער געפאַר. איצט אָבער איז שטיל. מיט אַמאָל צעלאָזט זיך עפּעס אַזאַ מאָנאָטאָן שטיל גרילצן אין דער נאָענט. מאָדנע. וואָס איז עס? די סאָלדאַטן הערן זיך צו מיט פאַרדאַכט. צי איז דאָס אַמאָל ניט אַ נייער סם־גאַז? וואָס זשומעט אַזוי?

עס ציען זיך מינוטן פון אָנגעשטרענגטן צוהערן זיך.

— ס'איז דאָך אַ גריל! — שרייט אויס וואַלדע.

— אַ גריל?!

— טאַקע אַ גריל! — באַשטעטיקט עמעצער, און אַלעמען נעמט אַרום אַ פרייד.

די קלאַנגען פון גריל דערמאָנען, אַז ס'איז נאָך זומער. ברענגען דערינערונגען פון אַנדערע צייטן, אַן אַנדער וועלט, אַ פרידלעכער.

וואַלדע, דער פויער, האַלט ניט אויס: „ברידער! אפשר איז שוין שלום אויף דער וועלט?"

אַלע הויבן אויף די אויגן צו וואַלדען. הערן זיך איין מיט האַרץ־קלאַפּעניש צו דעם מאָנאָטאָנעם רוף פון דעם גריל, ווי דאָס וואָלט געווען די לאַנג־געגאַרטע בשורה פון גאולה. זיצן פאַרגליווערט און קוקן אַריין אין דעם אָנ־קומענדיקן אָוונט. דערזעען די ערשטע שטערן. דעם קיילעך פון דער בלאַסער לבנה. און מיט אַמאָל: אַ קנאַל פון אַ האַרמאַט, אַ צווייטער, אַ דריטער און דערנאָך געדיכט איינער נאָכן אַנדערן.

— שלום, אַט האָסטו דיר, שלום! — זאָגט אַדאָלף לעווערמאַן און שפּייט אויס. — נעם בעסער דאָס געווער.

אַדאָלף אַליין נעמט זיך אָבער גאָר צום רוק־זאַק. עס הונגערט. גרילן, גאָר אַנדערע גרילן, גרילצן טיף אין האַרצן.

**
*

ענדלעך איז עס פּאַרט געשען: פרידן!

שוין פיל טעג נאָכאַנאַנד ווי די קלאַנגען וועגן אַ באַלדיקן שלום האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין דער לופטן. די קלאַנגען האָבן אומרואיקער געמאַכט קלאַפּן דאָס האַרץ, האָבן שווערער און אומזיניקער געמאַכט דאָס ליגן אין די פייכטע טראַנשייען. לפנים בלויז איז אָנגעהאַלטן געוואָרן די דיסציפּלין און די וואָך קעגן שונא.

פריץ בענדערמויער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער מינוט, ווען ער מיט די סאָלדאַטן וועלן אַרויס פון די גריבער, וועלן אַריבערשפּרייזן „קיינעמס לאַנד", און וועלן אויסשטרעקן אַ ברידערלעכע האַנט צו די פראַנצויזן, ענגלענדער און אַמעריקאַנער פון דער אַנדער זייט. אַזוי איז דאָך דאָס געשען אין רוסלאַנד.

אָבער דאָס ברידערן זיך איז ניט געשען. פאָן־האַקענזען האָט צו דעם ניט דערלאָזט. שוין עטלעכע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ געבראָכן געמיט און פינצטער פּנים. אָבער ער האָט נאָך פּאַרט אָנגעהאַלטן די מאַכט. גוט, פרידן, אָבער אָן ברידערן־זיך. כדי צו פאַרמיידן די דערנידערונג פון ברידערן־זיך מיטן שונא, באַפעלט ער די סאָלדאַטן אַרויסצוגייען פון טראַנשייי. מען שטעלט זיך אויס. ער גייט אַרום די רייען סאָלדאַטן. באַטראַכט זיי געני

ווי פאַר אַ פּאַראַד. רייניקט דעם האַלדז. באַלד וועט ער, מן־הסתם, האַלטן אַ רעדע. נאָר ער רעדט ניט. ער גיט אַ באַפעל: מאַרשירן!!!

און אַזוי גייען זיי אָפּ פון שלאַכטפעלד. מען מאַרשירט, מען פאַרלאָזט דאָס מלחמה־פעלד, מען גייט אַהיים!

פריץ וואַרפט אַ בליק צום שונאס זייט. ס'איז דאָרטן שטיל. ער וואַרפט אַ בליק צו די פרישע ברידערלעכע קברים, צו דער חרובער, צעשאָסענער לאַנדשאַפט, צו די אָפּגעבראַנטע דערפער, וואָס סטאַרטשען אַרויס מיט שטיקלעך צעשאָסענע קוימענס, און ער דערפילט ווי עפּעס וואַרגט אים. אָט באַלד, באַלד וועט ער אויסשרייען ווי אַ ווילדע חיה זיין יאָמער: „צוליב וואָס? צוליב וואָס?"

פריץ קוקט אָן די איבעריקע קאַמעראַדן. אַדאָלף לעווערמאַן, וואָס מאַר־שירט אין איין ריי מיט אים, באַגעגנט זיין בליק, זיפצט אָפּ און שפּייט אויס.

— דריי יאָר! די בעסטע דריי יאָר פון מיין לעבן דאָ איבערגעלאָזן. עך פאַרשאָלטן לעבן!

פרידן! אָבער צוזאַמען מיט דער פרייד האָבן אַלט־פאַרבאָרגענע קשיות און טיפע אומעטן גענומען עסן די הערצער.

דער איינציקער, וואָס פילט ניט דעם אומעט, איז דער זשאַווער־שוואַרצער היינריך קלאָץ.

— עך, וואָס איז דאָרטן פאַראַן וואָס צו רעדן? וואָס געווען איז געווען. ס'איז דאָך פרידן איצט. עך, ברידערלעך, וועל איך דאָס אַ לעב טאָן: פרויען, וויין . . .

אָבער קלאָץ שטעקט ניט אָן די אַנדערע מיט זיין שטימונג. ס'איז ביטער־קייט, וואָס ווערט שטאַרקער אין זיי. מיט אַמאָל דערזעען זיי, ווי פון דער אַנדער זייט האָט אַ ווייס טיכל, ווי אַ ווייסע טויב, אַ פלאַטער געטאָן. דאָס טיכל פאַרוואונדערט מיט איר בלענדיקייט. אַלע נעמען אַרונטער די קאַסקעס און מען וויגט זיי הין־און־צוריק. פריץ בענדערמויער ציטערט אויף. ער איז גרייט אַ שפּרונג צו טאָן פון דער ריי און וואַרפן זיך צו דער אַנדער זייט מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. אָבער פאַן־האַקענזען, מיט זיין גענייט אויג, דערפילט דאָס גלייך. זיין האַנט פאַלט אויפן לעדערנעם טעשל פון רעוואָלווער. ער וועט זיך ניט אָפּשטעלן און שיסן. עס דערהערט זיך זיין שטרענגער באַפעל: „מאַרשירן! פאָראויס!" דערוויל איז ער נאָך אָפיצער. דיסציפּלין מוז געהאַלטן ווערן. אָרדענונג!...

מען גייט אַהיים. איז דאָס אמת?... די ראָטע גייט ווי אין היינערפלעט.

אָבער מיט יעדן מייל, וואָס דערווייטערט פון פראָנט מיט זיינע טראַגישע קאַשמאַרן, איז די לאַנג־געגאַרטע היים געוואָרן רעאַלער, קלערער. מען האָט

זיך גענומען אויסטשוכען. יעדער איז איצט געווען פאַרטאָן אין זיינע אייגענע טראַכטונגען. אַלץ דרייט זיך אַרום דער אייגענער משפּחה.

דער גורלדיקער בונד, וואָס האָט צוזאַמענגעהאַלטן די סאָלדאַטן ווען זיי זענען געווען אין געפאַר, איז שוואַכער געוואָרן. נאָר איין זאַך האָט זיי איצט פאַרבונדן: די פאַרביטערונג קעגן די מלחמה־צינדער. די לאַנגע יאָרן פון ליידן, אַגאָניעס, הונגער און טויט האָבן געעקבערט די נשמות מיט מאָנונג: צוליב וואָס? זיי האָבן אין זיך געפילט אַ נאַגנדיקע הוילקייט.

די פראָנט־זאָנע פון צעשטערונג האָט זיך אַלץ אָפּגערוקט אַהינטער. עס האָבן זיך באַוויזן דערפער, נאָך גאָר ניט אָנגערירטע פון מלחמה. אָט איז עס, דאָס היימלאַנד. מען הערט שוין די היימישע דייטשישע שפּראַך. מ׳ווערט מער אויפגעהייטערט. איבער דער הויפט־גאַס פון דאָרף זענען נאָך געהאַנגען די געפלאַכטענע יאָלקע־גירלאַנדעס, צעפליקטע פון ווינט, מיט וועלכע מען האָט באַגריסט די אַהיים־זיך־אומקערנדיקע סאָלדאַטן. עס ווילט זיך הערן אַ וועל־קאָמען־באַגריסונג. אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער. אָבער קיינער טוט דאָס ניט. זייער באַטאַליאָן איז ניט געווען דער ערשטער דאָ דורכצוגיין. אַ סך, אַ סך אַנדערע האָבן שוין דאָ פריער פאַרביימאַרשירט. ס׳איז אַנדערש געווען ווען די סאָלדאַטן זענען געגאַנגען אין מלחמה. יונג און פריש, מיט זיכערן טראָט, מיט אויפגעהויבענע קעפּ אונטער די קלאַנגען פון מוזיק זענען זיי דאַן גע־גאַנגען. איצט איז די באַפעלקערונג שוין מיד פון די כסדר־צוריקציִענדיקע סאָלדאַטן. קיינער קוקט זיך שוין ניט אום אויף זיי. יעדערער איז דערדריקט און פאַרנומען מיט זיך אַליין. די מלחמה איז פאַרשפּילט.

אין איינעם פון די דורכגייענדיקע דערפער האָט פריץ בענדערמויער גע־קראָגן אַ פרישע דייטשישע צייטונג. מיט גרויסע ווערטער האָבן אַראָפּגעשריִען די צייטונג־קעפּלעך: „רעוואָלוציע אין בערלין!״; „קייזער ווילהעלם אַנט־לויפט קיין האָלאַנד!״

בענדערמויער איז שנעל דורכגעלאָפן מיט די אויגן די נייעס. אַזוי, אויך אין מיין דייטשלאַנד האָט זיך אַ ריר געטאָן! און ער האָט זיך געלאָזן מיט דער צייטונג צו די חברים.

די חברים־סאָלדאַטן זענען זיך גאַנץ געמיטלעך געזעסן אין הויף פון אַ באַלעגוף. אַדאָלף לעווערמאַן האָט ערגעץ דערטאַפּט אייער. איצט טראַקטירט ער אַלעמען מיט פיינקוכנס.

בענדערמויער שאָקלט אין דער לופט מיט דער צייטונג: האָד, קאַמעראַדן! עס האָט זיך אָנגעהויבן!

— וואָס? וואָס?

— די רעוואָלוציע! אין בערלין! נאָט, לייענט!

ער שפּריִיט אויס די צייטונג און לייענט הויך. אַלע זיצן געפּלעפּטע. אומ־פאַרשטענדלעך און אומגלויבלעך! דער קייזער?!...

— אוממעגלעך! אַ ליגן!

— וואָס דאָרט אַ ליגן? אָט לייענט: „קייזער אַנטלויפט נאָך האָלאַנד!"

— אַנטלאָפן! אַנטלאָפן! — זאָגן־נאָך אייניקע מיט אַ צעבראָכן געמיט.

אינדערמיט קומט אַריין פאָן־האַקענזען. ער דערזעט דעם קרייזל אַרום בענדערמויערן, דערזעט די אויסגעשפּרייטע צייטונג מיט די גרויסע צייטונגס־קעפּלעך. אין ווילדן כעס גיט ער אַ ריס אַרויס די צייטונג און צערייסט זי אויף שטיק־שטיקלעך.

— ליגנס! ליגנס! פאַרדאַמטע ליגנס!!! — שרייט ער און שליידערט די צעריסענע צייטונג אויפן דיל.

בענדערמויער שפּרינגט אויף. אַ ווילע שטייען זיי איינער קעגן דעם אַנדערן. באַלד וועט, דאַכט זיך, פאָן־העקענזען אויפהויבן באַפעלעריש דעם קאָפּ און אַ באַפעל־טאָן: אַכטונג! און בענדערמויער וועט זיך געהאָרכזאַם אויסציען. אָבער דאָס מאָל איז עס ניט געשען. בענדערמויער האָט אַ ריס געטאָן די אָפיצערישע עפּאָלעטן. ער איז ווילד און שרייט: „נידער מיטן קייזערטום! נידער מיט די יונקערס!"

פאָן־האַקענזען גיט זיך אַ כאַפּ צום רעוואָלווער. אָבער עטלעכע סאָלדאַטן שפּרינגען אויף און האַלטן אים פעסט. ער קוקט זיי אַריין אין די אויגן. דאָס זענען ניט די זעלבע סאָלדאַטן, וואָס ער האָט געקענט אַזוי גוט אַזוי פיל חדשים. „לאָזט אָפּ!" — שרייט ער אויס.

אָבער מען האַלט אים פעסט.

— לאָזט אָפּ! — זאָגט ער שוין מיט געבעט, אַ באַזיגטער.

מען לאָזט אים אָפּ. אָבער פון זיכערקייט וועגן נעמט מען ביי אים צו זיין רעוואָלווער.

דער דייטשער אָפיצער האָט שוין אין זיין אייגענער ראָטע דערפילט, אַז עס איז ניט קיין ליגן. ער נעמט אַרום די סאָלדאַטן מיט זיין געבראָכענעם בליק. ער באַגעגנט פרעמדע און פיינטלעכע אויגן. ער לאָזט אַרונטער זיינע אויגן, ווערט דאַכט זיך קלענער, איינגעבויגענער, גייט אַוועק אָן אַ וואָרט.

און מער האָט ער זיך שוין ניט געוויזן.

קאַפּיטל עלף

דער צוג לויפט פאַרביי נאַקעטע אָסיענדיקע פעלדער, פאַרביי הוילע וועלדער, פאַרביי אויסגעוויקטע, פאַרטרונקענע לאָנקעס, פאַרביי פאַרכמורעטע שטעט און שטעטלעך. דער צוג טראָגט פריצן אַלץ נעענטער אַהיים.

שוין דעם צווייטן טאָג ווי עס רעגנט. אַ דריבנע אָסיענדיקע רעגנדל פאַלט אָן רויש אויף די פענצטער פון וואַגאָן און ציט זיך מיט דינע שטראָמעלעך אַרונטער. די לופט איז קאַלט און פייכט, און קריכט אַריין אין די ביינער, מאַכט אויפשוידערן אַלע גלידער פון קעלט.

פריץ בענדערמויער הערט זיך צו צו דעם מאָנאָטאָנעם קלימפּערן פון די רעדער: „צוריק אַהיים — צוריק אַהיים", רודערן די רעדער מיט שטאָלענעם ריטם. און דאָך פילט ער, פריץ, קיין פרייד ניט אין זיך. עס איז דאָך פרידן! דער לאַנג־געגאַרטער פרידן! ניטאָ קיין פרייד און פרידן אין פריצס האַרץ. דאָס האַרץ ליגט באַשווערט פון עפּעס אַ טעמפּקייט און אומזיכערקייט.

די אָפענע, אָסיענדיקע פּאַנאָראַמע האָט דערמאָנט פריצן אָן זיין אָנקום אין יערעמענקאָס כוטאָר. אויך דעמאָלט איז זיין האַרץ געווען באַשווערט פון טעמפּקייט און אומזיכערקייט.

ער טראָגט זיך איבער מיט די געדאַנקען צו דער ווייטער אוקראַאינע. ער דערמאָנט זיך דעם לעצטן פרימאָרגן מיט טאַטיאַנאַן. זי וואַקסט אויס פאַר אים בוילעט און קלאָר אין איר טיפן צער, אַט אַזוי ווי ער האָט זי געזען אין פעלד, איידער מען האָט אים צוריק פאַרנומען אין געפאַנגענשאַפט־לאַגער. אָן אַנגסטלעכער ווייטיק טרעט־צו צום האַרצן. טאַטיאַנאַ... וואו איז זי איצט? ווי איז זי איבערגעקומען די צייט פון געבוירן דאָס קינד? זיין קינד...

אַ בענקשאַפט גייט אויף אין זיין האַרץ. אָבער —

וואוהין זאָל ער גיין? צו וועמען זאָל ער זיך צוריקקערן?

עך, ווי מאָדנע דער שיקזאַל שפּילט זיך מיטן לעבן! אַט איז געקומען דער פרײדיקער מאָמענט — די מלחמה איז געענדיקט. אַ פרידלעך לעבן דאַרף מען אָנהויבן. און ער ווייסט ניט ווי און וואו. פאָרן צו טאַטיאַנאַן? ניין! ער מוז זי פאַרגעסן. ווער ווייסט וואו זי איז איצט, און צי זי איז פריי. איר מאַן, איגנאַט, איז שוין געוויס צוריק אינדערהיים פון געפאַנגענשאַפט. זיין קומען אַהין וואָלט געוויס פאַרשאַרפט די לאַגע. און פאָרן צוריק אין רוסלאַנד איז איצט אַזוי שווער.

איז וואוהין־זשע פאַרט זאָל ער פאָרן?

אפשר זאָל ער פאָרן צוריק אַהיים אין דאָרף, וואו עס שטייט זיין פאָטערס נחלה?

אָבער ער ווייסט: אויך דאָרטן איז פאַר אים קיין פּלאַץ ניטאָ. זינט דער פאָטער איז געשטאָרבן, איז די קליינע פאַרם אַריבער צום עלטערן ברודער, אָסקאַר. אָסקאַר אַליין איז אַ מטופל מיט פינף קליינע קינדערלעך. וועט ער זיך דען טיילן מיט אים די ירושה? אָסקאַר שלאָגט זיך געוויס קוים דורך מיטן אָרעמען ברויט. דערצו איז ער זייער קאַרג און האָט ליב תמיד צו שפּילן די ראָלע פון אַן עלטערן ברודער, האָט ליב צו קאָמאַנדעווען. ניין, דעם פאָטערס נעסט מיינט שוין איצט גאָרניט פאַר פריצן.

דאָס קליינע דערפל האָלט אָבער געפאַנגען זיין האַרץ מיט דערינערונגען פון קינדהייט און יוגנט. מיט איר אַמאָליקער ראָמאַנטישקייט און שיין־מאָלערישער אומגעבונג. די צעוואָרפענע פערמעס, דער קלויסטער, אַרומ־גערינגלט מיט ליפּע־ביימער. די אַרומיקע וועלדער און פעלדער. די אָזיערע מיט דער ברייטער לאָנקע, די אַרומיקע באַוועלדערטע בערגלעך, מיט די שלאָסן פון בייערישע אַדלליט, וואו עס איז אָנגעגאַנגען אַ פרעמד צויבערהאַפט לעבן פון עשירות.

דאָרטן, אין דערפל, האָט ער צום ערשטן מאָל די וועלט דערזען. און דאָרט האָט ער זיין קינדהייט און יוגנט פאַרבראַכט.

יאָ, — דאָס אָרעמע לעבן אויף דער פערמע האָט ניט געהאַט אין זיך קיין סך פרייד. דאָך, ווער קען מעסטן און שאַצן די שטילע פרייד, וואָס גיסט זיך אַריין אין אַ יונגער נשמה? זון־אויפגאַנג אין פרישן פרילינג־טאָג! העלער און העלער ווערט באַזוימט דער ראַנד פון דער אָזיערע; די זון, אַזאַ גאָלדענע, רוקט זיך אַרויס פון פוטערפּאַס און פאַרפּליצט דעם אויבערפלאַך פון אָזיערע מיט טונקעלדיקע פלאַמען. ריזלדיקע גליקזעליקייט פון נייעם פרילינג־טאָג! אַלץ אַרום וועקט זיך אויף מיט אימפּעט צו וואַקסן און בליען. רוף פון לעבן!

איצט, אין רעגנדיקן טאָג, פאַרנדיק פאַראומעטיקט פון דעם בראַנד פון מלחמה, מיט די בילדער פון טאָג־טעגלעכער פאַרוויסטונג און טויט פאַר זיינע אויגן, טראַכט פריץ בענדערמויער פון זיין היים און פון די יונגע יאָרן. ער פילט זיך אָבער אינגאַנצן אויסגעהוילט. ניט פון נחת איז ער פון זיין היים אַוועק.

פון קינדוויז אָן האָט ער זיין פאָטער אַרויסגעהאָלפן אין פעלד. פראַצע איז געווען די נויטיקייט פון זיין לעבן, אַזוי ווי דאָס אָטעמען לופט, ווי דאָס עסן.

עס איז שטענדיק געווען געגנוג אַרבעט אויף זיין פאָטערס פערמע. און ווען עס זענען שפּעטער אויסגעוואַקסן שיינע ווילעס, אויף די ברעגן פון דער

אַזיערע, פלעגן אַהין ציען געסט פון אַלע עקן לאַנד און אַפילו פון אויסלאַנד; דאָן האָט זיך נאָך די אַרבעט געמערט. אויב ניט ביים פאָטער אויף דער פערמע, איז אין דער דינערשאַפט.

פריץ בענדערמויער האָט אויך די אַרבעט, אין דער דינערשאַפט, פרי אָנ־געהויבן צו טאָן. נאָר די אַרבעט, סיי אויף דעם פאָטערס פערמע, סיי אַלס באַדינער, האָט אים ניט באַפרידיקט. ער האָט גענומען טראַכטן וועגן אַ בעסערער צוקונפט.

ער האָט געזען ווי זיין פאָטער און מוטער פראַצעוועןביידע שווער צו שפייזן די משפחה, געזען דער מוטערס אויסגעדאַרטע הענט, און פאַרשטאַנען איר שטילע מרה־שחורה. ער האָט געזען, ווי דורך די יאָרן זענען דעם פאָטערס פלייצעס געבויגן געוואָרן און ווי ער האָט רעזיגנירט צום שווערן לעבן. אַלץ וואָס דער פאָטער האָט געשטרעבט און געהאָפט, איז צו דערהאַלטן די משפחה און אַרויספירן די קינדער צווישן מענטשן. ער האָט געלעבט אין טיפן גלויבן: אַזוי איז גאָטס ווילן. אַזוי האָבן זיינע עלטערן געלעבט, געאַרבעט און גע־שטאָרבן אויף זייער נחלה ערד. אַזוי וועט אויך זיין אייגענער גורל זיין.

פריץ האָט קעגן דעם דערווידערט. ער האָט דערוואַרט עפּעס מער פון לעבן, און עס האָט אים געצויגן אין שטאָט. זיין טרוים איז געווען מיגבען. אָבער מינבען איז געווען צו ווייט. האָט אים זיין פאָטער, אין איינעם פון די אָסיענדיקע טעג, ווען אויף דער פערמע איז ניט געווען וואָס צו טאָן, געבראַכט אין דער קרייז־שטאָט ג.

דער פאָטער איז מיט אים אַרומגעגאַנגען פון ווערקשטאַט צו ווערקשטאַט, זיך נאָכגעפרעגט, צי מען דאַרף ניט קיין געזעל. ער איז שטאַרק, קען גוט אַרבעטן און וועט זיין געהאָרכזאַם, האָט ער געריימט זיין זון.

אַזוי האָט ער אָנגעשפּאַרט צו עמיל באַנהיימס מאַשין־וועקשטאַט. דאָרטן האָט מען פאַרריכט אַגריקולטור־מאַשינען.

ווען דער אַלטער בענדערמויער איז אַריין נאָכפרעגן זיך, איז באַנהיים געשטאַנען צו אים מיטן רוקן, אין אַ היטעלע מיט אַ לאַנגן ברילִיק, געבויגן איבער אַ צעבראָכענעם טייל פון אַ מאַשין. דער אַלטער בענדערמויער האָט ניט דרייסט איבערגעחזרט זיין פראַגע.

באַנהיים האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט אַ הויב געטאָן דעם ברילִיק, אַ ווײַלע נאָכטראַכטנדיק געשוויגן, ווי ישובנדיק זיך און, צוקומענדיק נעענטער, באַ־טראַכט פריצן.

— ער איז ניט פויל, קען גוט אַרבעטן. איז געוואוינט צו אַרבעט פון קינדוויז אָן — האָט בענדערמויער אַלץ גערעדט.

באַנהיים האָט אָן צערעמאָניעס אָנגענומען דעם בחורל ביי די פלייצעס,

אים אַזוי ווי אויסגעשאָקלט. האָט באַטראַכט זיינע הענט — שטאַרקע. באַנהיים איז קענטיק געבליבן צופרידן.

ער האָט גערעדט צום טאַטן:

— ביי מיר מוז מען אַרבעטן, אויספּאָלגן מיינע באַפעלן. אַלץ פּינקטלעך! דערפאַר אָבער וועט ער זיך אויסלערנען אַ פאַך. וועט זיין מיט מענטשן גלייך. און דאָס געהאַלט זיינס — פון אָנהויב פּופּצן מאַרק. אויב ער וועט זיך אויס־טויגן, וועל איך אים ניט באַעוולהן.

דער אַלטער בענדערמויער האָט זיך געקראַצט אַ באַק. פּופּצן מאַרק איז ווייניק. ווי אַזוי וועט פריץ אויסקומען? אָבער דינגען זיך האָט ער ניט געוואַגט. און פריץ איז פאַרבליבן אַרבעטן.

פריץ זעט ווי זיין פאַרגאַנגענהייט לויפט פאַר זיינע אויגן אָט אַזוי, ווי די פעלדער, דורך וועלכע עס שניידט זיך אַדורך די באַן.

ווידער גיט אים אַ קלאַפּ אין קאָפּ: — וואוהין פאָרט ער איצט? צו וועמען זאָל ער זיך אומקערן? ער גיט אַ טראַכט: ער וועט איצט פאָרן אין דער קרייז־שטאָט נ. דאָרטן געפינט זיך דאָך גערטרוד. און דאָס געשטאַלט פון גערטרודן וואַקסט אויס פאַר זיינע אויגן, אָט ווי זי איז געווען אין יענע יונגע טעג, ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל באַגעגנט. אַ שלאַנקע, עטוואָס העכער פון מיטעלער וואוקס, מיט ליכטיקע, גרין־גרוילעכע אויגן און לאַנגע בלאָנדע האָר, וועלכע זי פלעגט פאַרפלעכטן אין צעפּ און אַרומוויקלען זיי ווי אַ קראַנץ איבער איר הויכן שטערן. דער אויסדרוק פון איר פּנים איז געווען אַן ערנסטער, אַפילו אַביסל אַ שטרענגער. נאָר ווען זי איז אים געוואָרן נאָענט, האָט ער דערפילט, אַז די ערנסטקייט איז אַן אַרויפגעצוואונגענע. ווען זי צעשמייכלט זיך, דעמאָלט איבעררײַשן אַנגענעם אירע אויגן און אירע ווייסע גלייכע ציין צערייסן די אָנגעצויגנקייט און ערנסטקייט...

פריץ דערמאָנט זיך: זיין געהאַלט האָט ניט געקלעקט אַדורכצוקומען. ער פלעגט לעבן מער מיט די פּעקלעך, וואָס זיין פאָטער פלעגט אים צושיקן פון דערהיים. קיין ריכטיקן מאָלצייט האָט ער זיך ניט געקענט פאַרגינען און ער פלעגט זיך קוויקן מיט אַ בולקע און אַ פלאַש מילך. ער איז געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער אין אַ דערבייאיקער בעקעריי, וואו גערטרוד האָט געאַרבעט. דאָרטן האָבן זיי זיך באַקענט.

זי איז אים געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך דאָ, אין דער שטאָט נ., געפילט מאָדנע איינזאַם און פאַרלאָרן. עס האָבן אים אויסגעפעלט די חברים, מיט וועלכע ער איז פון קינדווייז אויס געוואַקסן אינאיינעם. איבערהויפּט האָט ער זיך ניט געקענט געפינען קיין אָרט אין די פרייע זונטיקס. ער האָט אָפט גע־

טראַכט: ווי גוט וואָלט דאָס געווען, ווען גערטרוד זאָל אים ווערן נאָענט. נאָר ער האָט לאַנג וועגן דעם ניט געוואָגט מיט איר צו רעדן.

אין ווערקשטאָט האָבן די יונגען גערעדט וועגן מוידן בלאָט און אָפּן, אָפּט באַרימענדיק זיך מיט בחורישע אַוואַנטורעס. פריץ האָט זיך ענדלעך אָנגענומען מיט מוט און איינגעלאַדן גערטרודן אין קינאָ. דערביי האָט אים שטאַרק געקלאַפּט דאָס האַרץ און זיינע בליקן האָבן דערגעדט דאָס איבעריקע.

גערטרוד האָט אויפגעהויבן אירע ערנסטע אויגן און אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. פון ניט־דערוואַרטונג האָט זי זיך אַפילו צעטומלט און פאַררויטלט. אויך ביי איר איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס אַ קאַוואַליער לאַדט זי איין צו פאַרברענגען. און אויך ביי איר האָט דאָס האַרץ אַ פריידיקן שפּרונג געטאָן. אירע ליפּן האָבן וואַרעם געשמייכלט. זי וועט מיט פאַרגעניגן אָננעמען זיין איינלאַדונג. זאָל ער וואַרטן אויף איר אויפן ראָג־גאָס.

זי איז אַרויסגעקומען פון דער בעקעריי אַ פרישע, מיט אַ לייכטן טראָט, און האָט אַרויסגעלויכטן פון איר בלויען קלייד, מיט די בלימעלעך אַרום קאָלנערל.

זיי זענען אַ ווילע געגאַנגען זייט ביי זייט שווייגנדיק. זי איז געווען די ערשטע איבערצורייסן די שטילקייט.

— איר ווייסט? איך ווייס דאָך אַפילו ניט ווי מען רופט אייך.

— פריץ בענדערמויער. און איך רופט מען, גערטרוד?

— יאָ. גערטרוד ווייסהויזען.

ווידער זענען זיי געגאַנגען שטיל. פריץ האָט זיך דערמאָנט אָן די באַרימערייען פון די חברים. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און זי אָנגענומען אונטערן אָרעם.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און ברוגזלעך. ער ווערט שוין צו שנעל היימיש מיט איר. צי מיינט ער ניט, אַז זי איז פון יענע מיידלעך?... איידל האָט זי אַרויסגענומען איר האַנט פון זיינע, כלומרשט געוומען פאַרריכטן די האָר אויפן קאָפּ. דערמיט געגעבן אים צו וויסן, אַז דאָס איז איר ניט אָנגענעם. אָבער ביסלעכוויז האָט פריץ פאַרקניפּט מיט איר אַ געשפּרעך. מיט דער אָפנהאַרציקייט פון דאָרפישן מענטשן, האָט ער איר דערציילט פון זיין פאָטערס הויז, פון זיינע חברים אין דאָרף און פון זיין אַרבעט דאָ אין שטאָט.

אויך זי איז געוואָרן מער רעדעוודיק. און ווען זיי זענען שפּעטער געזעסן אין קינאָ און פריץ האָט אין דער פינצטער אָנגענומען איר ווייכע, וואַרעמע האַנט, האָט זי ניט דערווידערט.

איצט האָבן זיי זיך באַגעגנט אָפט. פלעגן ביידע אַרויספאָרן אין פאַרק.

דאָרטן אויפן גראָז פלעגן זיי אויף אַ ווייסער סערוועטקע פּאַנאַנדערלייגן זייער מיטגענומענעם מאָלצייט. פלעגן ליגנדיק אויפן גראָז בליקן פאַרחלומט צו די שפּיצן פון די גרינעביימער, און שטיל זיך אָנקוקן...

אָפט פלעגן זיי זיך שפּילען אויף דער אַזיערע. דאָס רודערן פון די רודערס האָט עפּעס אַ כישוף אין זיך. דאָס שפּיל גליטשט זיך פאָראויס און דאָס טאָג־טעגלעכע וואָכעדיקייט איז איצט ווייט, ווייט פון זיי. עס ווייעט אָן אַזאַ ראָמאַנטישקייט, אַ ראָמאַנטישקייט וואָס ברענגט מיט זיך דעם אָטעם פון אור־צייט, פון אייביקייט...

אין די כמורנע זונטיקס פלעגן זיי גיין אין קינאָ. פריץ האָט זי שוין אויך מיטגענומען אין טעאַטער צו זען אַ פאָרשטעלונג פון אַ וואַנדערנדיקער טרופּע. אים האָט אַלץ מער געצויגן צו איר אין זיין איינזאַמקייט, און זי האָט זיך אויך אַלץ מער צוגעוואוינט צו אים. ליב געהאַט, אָבער אָן באַגייסטערונג, אָן פייער.

אויף די יום־טוב־טעג פון קריסטוסעס געבורטסטאָג, האָט פריץ מיט־גענומען גערטרודען צו זיינע עלטערן אין דאָרף.

דער אַלטער, יאָהאַן בענדערמויער, האָט אָפּגעמאָסטן גערטרודן מיט זיין פויערישן אויג און איז געבליבן אומצופרידן. ער האָט געטראַכט: „צו דאַר, צו שמאָל און צו טרוקן, וועט קיין גרויסע אַרויסהעלפערין אין דער באַלע־באַטישקייט ניט זיין." אָבער זיין זון, פריצן, האָט ער וועגן דעם קיין וואָרט ניט געזאָגט. בלויז פאַרבייגייענדיק האָט ער באַמערקט: „וואָס־זשע? דאָ אין דאָרף זענען שוין ניטאָ קיין מוידן פאַר דיר?"

פון דעמאָלט אָן האָבן זיי זיך באַטראַכט ווי אָפיציעלע חתן־כלה. ביידנס געדאַנקען האָבן זיך געדרייט אַרום זייער צוקונפט. פריצן האָט געשראָקן די שווערע לאַסט פון פירן אַ פאַמיליע־לעבן. גערטרוד איז אָבער געווען מער דרייסט און מער האַפערדיק. זי האָט אים ניט איינמאָל צוגעצויגן צו די וויטרינעס פון די מעבל־קראָמען, אָנגעוויזן וואָס איר געפעלט.

— טייערינקע! — האָט ער פאַרלאָרן גערעדט, — דאָס וועט אַוודאי קאָסטן דריי הונדערט מאַרק, — און פלעגט דערנאָך בלייבן שטיל און אומעטיק.

גערטרוד פלעגט אים שטיפעריש טרייסטן:

— געלט איז גאָרניט. געלט געפינט מען אין די גאַסן...

דערנאָך האָבן זיי זיך אָבער טאַקע ערנסט גענומען צונויפרעדן וועגן זייער „פאַרמעגן". ער האָט אַ פּאָר אָפּגעשפּאָרטע מאַרק, אויך זי האָט אַביסל מאַרקן אָפּגעשפּאָרט — וועט עס צוזאַמען שיער ניט זיין אַ קאַפּיטאַל... אין איר צו־גאָרנישט מאַכן די פראַגע וועגן געלט האָט פריץ דערזען אַ פיינעם שטריך אין איר נשמה, אַ געטריישאַפט. ער האָט זי ליב געצערטלט.

אין אַ חודש אַרום האָבן זיי חתונה געהאַט.

זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַ קליין דירהלע. די פענצטער זענען אַרויס־געגאַנגען אין אַ גערטנדל, פול מיט בלומען. גערטרוד האָט אַלץ געאַרבעט אין דער בעקעריי, אָבער אין די אָוונטן, ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָט זי געבויט איר היים. יעדן טאָג האָט זי עס מיט עפּעס נייעס באַפּוצט. דאָ האָט זי געהאָט אַ נייעם פאָרהאַנגל. דאָ עפּעס אַ נייע צאַצקע אויף דער עטאַזשערקע. דאָ אַ סטאַטועטקע פון אַ הייליקן. זי האָט ליב געהאַט שיין צו באַפּוצן דאָס בעט. און איינמאָל האָט זי איבערראַשט פריצן מיט אַ נייער זיידענער קאָלדרע. זי האָט דערציילט:

— כ׳האָב עס דערזען אין קראָם. כ׳האָב זיך פון דעם ניט געקענט אָפּ־רייסן. איז עס ניט שיין? כ׳האָב געגעבן אַן אויפדערויף און דאָס איבעריקע וועל איך אויסצאָלן. זאָג אַליין, איז דאָס ניט אַ פּראַכט? — דערביי איז זי געשטאַנען צונויפגעקלאַמערט די פינגער פוןביידע הענט און אירע אויגן האָבן אַרומגענומען און געשפּיגלט זיך אין דער שיינקייט פון פאַרפּוצטער בעט און צימער.

***

איצט, פאַרנדיק פון קריג אַהיים, לעבן־אויף אין פריצס מח אַמאָליקע קליינינקייטן מיט אַזאַ העלקייט, ווי ערשט נעכטן וואָלט עס געשען... קומען אָן נאָך און נאָך דערמאָנונגען. ווי זוניקע פליגעלעך רינגלען די מחשבות אים אַרום טעג און טעג, נעכט און פרימאָרגנס. אַרבעט. אָוונטברויטן. גערטרודס נאָענטקייט. שטילע זומערדיקע זונטיק־פאַרנאַכטן. גערטרוד האָט געטריבן פון צווישן זייערע פיר ווענט אַלע זאָרגן.

אָבער די ערשטע אָסיען־ווינטן האָבן געגומען ברומען: מען דאַרף זיך פאַרגרייטן מיט קוילן, מען דאַרף שיך, מען דאַרף . . .

די זאָרגן האָבן פריצן באַשווערט. ער האָט געלעבט, ווי ס׳איז געקומען. זענען געווען טעג פון זאָרגלאָזיקייט — איז ער געווען זאָרגלאָז. זענען ווידער געקומען טעג פון זאָרגן, האָט ער זיך געלאָזט פון זיי באַהערשן.

ער האָט געוואָלט אַ קינד. אָבער ס׳איז ניט געקומען. אויך גערטרודן האָט עס שטאַרק געאַרט.

און ער דערמאָנט זיך: עפּעס האָט זיך דאַן אין זיין לעבן איבערגעבראָכן. ער איז געוואָרן פויל. האָט אָנגעהויבן טרינקען, שיכורן. באַנהיים האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון ווערקשטאַט. צאַנקערייען אין הויז. ביז פריץ האָט אינ־גאַנצן אויפגעהערט אַהיימקומען. שפּעטער איז ער אַוועק קיין ריגע, לאַטוויע, אויף אַרבעט... אַוועק ווייט פון גערטרודן.

***

אָבער איצט, פאַרנדיק צוריק פון מלחמה־בראַנד, שטייט ווידער אויף גערטרוד ווי אַ רעטונגס־זייל פאַר אים. טאַטיאַנאַ ? — דאָס איז דאָך בלויז געווען, דוכט זיך אים איצט, אַן עפּיזאָד אין לעבן. יאָ, ער האָט זי ליב געהאַט, געבענקט, געשריבן בריוו, געטראַכט, — אָבער פאַרן איצט צו איר האָט קיין זין ניט. ער פאָרט צו גערטרודן! אין מח האָט געצופּט : וועט זי פאַרגעבן ? האָט זי נאָך אַלץ אין האַרצן אַן אָרט פאַר אים ? אפשר האָט זי שוין אַן אַנדערן ? ווי גוט וואָלט געווען צו קומען איצט אַהיים, אין אַ וואַרעמען, ליכטיקן צימער, דערפילן איר אַמאָליקע נאָענטקייט, דערהערן גערטרודס אַמאָליקע טרייסט־ווערטער.

דער לאַנגער פייף פון לאָקאָמאָטיוו האָט איבערגעריסן זיינע געדאַנקען. דער צוג האָט זיך דערנעענטערט צו דער סטאַנציע נ. ער האָט שנעל פאַר־שפּיליעט דעם רוק־זאַק אויף די פּלייצעס און אַראָפּגעשטיגן אינאיינעם מיט אַנדערע אַהיימקומענדיקע סאָלדאַטן.

קיינער האָט אויף זיי ניט געוואַרט. קיין קאַפּעליע מוזיק האָט זיי ניט באַגעגנט. בלויז דער הימל האָט זיך אויף זיי דערבאַרעמט. אַ ווינט האָט געטריבן די וואָלקנס און שטיקער הימל־בלוי האָבן דורכגעקוקט.

גיין — וואוהין ? צו דער אַמאָליקער בעקעריי, וואו גערטרוד האָט גע־אַרבעט, דאָרט וועט ער זיך דערוויסן וואו זי איז.

אָבער ניט נאָר דערוויסן זיך, אָט איז זי טאַקע. שטייט ביי דעם געבעקס ווי גאָרניט וואָלט געשען...

ווען פריץ איז אַריין, איז גערטרוד געשטאַנען צו אים מיטן רוקן, אויס־לייגנדיק אַ פרישן בעקן. ער איז געבליבן שטיין. ניט געוואַגט אָנצורופן זי ביים נאָמען. און מיטאַמאָל האָט זי זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אים.ביידע האָבן זיך אַ ווײלע אָנגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זייערע אייגענע אויגן ניט געגלויבט.

גערטרוד האָט זיך שטאַרק געענדערט. דינע פאַסן פון גרויע האָר האָבן זיך געצויגן אַרויף אין די גלאַט־פאַרקעמטע האָר. זי איז געוואָרן פולער, און ווי עס האָט זיך פריצן אויסגעוויזן, שענער. זי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, האָט די פינגער פאַרבראָכן אין אַ קלאַמער, אויף אירע באַקן האָט זיך באַוויזן פאַרב און אירע ליפּן האָבן אַרויסגעשטאַמלט : „פריץ !“

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים. האָט פאַרוואָרפן אירע הענט אַרום זיין האַלדז. טרערן זענען איר איבער די באַקן געגאַנגען. זי האָט געהאַלטן אין דריקן זיך צו אים און פּליסטערן : „גאָט האָט מיין תפילה פאַרנומען. ער האָט דיך צוריקגעבראַכט צו מיר. וואָס־זשע מאַכסטו, פריץ, טייערער ? גאַנץ ? געזונט ?“

— ווי דו זעסט מיך : גאַנץ, געזונט.

— אַך, טייערער! — האָט זי גערעדט צו אים מיט אַזוי פיל ליבשאַפט אין קול. האָט געגלעט זיין פאַרוואָקסענעם פנים. דערנאָך צוגעדריקט איר קאָפּ צו זיין ברוסט און זיך צעוויינט.

אַ קונה איז אַריינגעקומען אין בעקעריי. דערזען די סצענע פון מאַן און ווייב, איז ער געבליבן שטיין פאַרגליווערט. בלויז אויף די ליפּן האָט געשפּילט אַ שמייכל. אַ שמייכל פון מיטגעפיל און אַפּלאַכן צוזאַמען.

גערטרוד האָט געזאָגט:

— אַט באַלד ווער איך פאַרטיק. דו ביזט מיד. דאַרפסט זיך אַרומוואַשן. וואַרט ניט אויף מיר. גיי אַהיים. וואוהין? צו אונדזער אַלטער דירה. איך האָב נאָך אַלץ אַנגעהאַלטן אונדזער דירהלע. אַלץ געהאָפט: וועסט צוריקקומען. גאָט זיין דאַנק! ביזט צוריקגעקומען.

ער האָט גענומען דעם שליסל פון אירע הענט. דערפילט ווי עפּעס אַ קנויל, וואָס שטיקט אים, קומט צו צום האַלדז. איר גוטסקייט האָט אים פאַרניכטעט. אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט איר זאָגן, כדי צו זוכן פאַרגעבונג פאַר „אַמאָל", איז ניט נויטיק געווען. איז ער ווערט איר טרייהייט? פּריץ איז פאַרפּלייצט געוואָרן פון אַ וואַרעמקייט און לעכצעניש צו איר.

מיט אַ מונטערן טראָט איז ער איצט געגאַנגען איבער די גאַסן צו זיך אַהיים. אַהיים! איך האָב אַ היים! — האָט יעדער טראָט אין אים געזונגען. איצט האָט ער באַקוקט די אַלט־באַקאַנטע הייזער, גאַסן, סקווערן. אַלץ איז געווען אַביסל פאַרענדערט, אָפּגעלאָזן, פאַרעלטערט. אָבער דאָך: אַלץ שטייט אויף דעם זעלביקן אָרט. און מענטשן גייען הין און צוריק. יעדערער איז מיט עפּעס פאַרנומען. דאָס לעבן גייט אָן. אויך ער וועט געפינען אַ וועג צוריק צום לעבן.

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ איז ער אַריין אין זיין אַלטער דירה. ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל און געבליבן שטיין. אינעווייניק איז געווען שטיל און קאַלט. דאָך האָט פון יעדן ווינקעלע אַראָפּגעשריען צו אים מיט וואַרעמקייט און אייגנקייט. אַלץ איז דאָ געווען, כמעט אַזוי ווי פריער, ווען ער האָט מיט איבער פינף יאָר צוריק זי פאַרלאָזן, די היים. די זאַכן האָבן פאַרלאָרן זייער פרישן קאָליר. אַלץ איז געווען אָפּגעבליאַקעוועט, פאַרעלטערט. ער איז צוגעקומען צום לאַנגן שפּיגל, זיך לאַנג אָנגעקוקט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אויך דו, ברודערל, ביזט ניט דער זעלביקער, וואָס געווען, — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט.

ער האָט איינגעהייצט דעם אויוון. דערנאָך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די סאָלדאַטסקע קליידער. האָט זיך לאַנג געוואַשן, געסקראָבעט זיך אין וואַנע. דערנאָך ראַזירט זיך. דעמאָלט איז ער ווידער צוגעגאַנגען צום שפּיגל און זיך

אַ ווײַלע באַטראַכט אָדם־נאַקעט. ער זעט איצט אויס בעסער. אָבער דאָך — ווי ווײַט איז ער פון דעם בילד אויף דער וואַנט, וואו ער שטייט אײנאײנעם מיט גערטרודן? ניט נאָר איז ער דאַן יונג געווען, נאָר אין זײַן בליק איז געווען האָפענונג, גלויבן. און איצט...

— נאָך ניט צו שפּעט — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין. — איך וועל אָנהויבן פון דאָסניי.

ער איז צוגעגאַנגען צום אַלמער. זײַנע זאַכן זענען געהאַנגען אין אָרדענונג, פּונקט ווי ער וואָלט זיי ערשט נעכטן אויפגעהאַנגען. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאָר הויזן, אָנגעטאָן און זיך אויסגעצויגן אויפן בעט. אַ גליקזעליקייט איז אים באַפאַלן. מיט אומגעדולד האָט ער געוואַרט אויף גערטרודס קומען אַהיים, און אַזוי ליגנדיק האָט ער אײַנגעדרעמלט.

אַ סקריפּ פון טיר און גערטרודס לײַכטע טריט האָבן אים אויפגעוועקט. ער האָט זיך אויפגעהויבן, איז איר געגאַנגען אַנטקעגן, האָט צוגענומען די פּעקלעך, וואָס זי האָט אַהיים געבראַכט, און זי אַרײַנגענומען אין זײַנע אָרעמס. ער האָט איר געוואָלט זאָגן וואַרעמע, האַרציקע ווערטער. אַ געפיל פון שולדיקייט קעגן איר האָט אָבער זײַן צונג באַשווערט. בלויז זײַנע ליפּן, וואָס האָבן געפונען אירע ליפּן, האָבן הונגעריק געקושט.

זי האָט זיך אים אויסגעדוכט גאָר אַן אַנדערע. אַזאַ ווייכע, אַזאַ וואַרעמע. ער האָט זי געצויגן צו זיך. זי האָט אים געוואָרנט מיטן פינגער...

— פריץ, כ'האָב וואורשט געבראַכט. פריש געבעקס. וועל קאַרטאָפל צו־פּרעגלען. דײַן אַהיימקומען וועלן מיר פײַערן מיט אַ גוטן מאַלצײַט, — האָט זי שעלמיש אַ וואָרף געטאָן צו אים מיט די אויגן, און גלײַך אָפּגעקערט זיך און זיך גענומען צו דער אַרבעט, צוגרייטן דאָס אָונט־ברויט.

ער האָט זיך גענומען איר אַרויסהעלפן. האָט געדעקט דעם טיש מיט אַ ווײַס טישטוך, צעשטעלט דאָס געשיר, די גאָפּל, מעסער. „זעסט, איך האָב נאָך ניט פאַרגעסן מײַן אַלטע מלאכה״, האָט ער געזאָגט און געשמייכלט. ער האָט זיך ניט געקענט באַפרייען פון דער שטאַרקער לײַדנשאַפט, וואָס אירע באַ־וועגונגען האָבן אין אים געוועקט. גערטרוד האָט דאָס צופרידן באַמערקט, אָבער האָט דאָס ניט געוואָלט צוגעבן. זי האָט זיך מיט אַ כיוון מער פאַרטאָן אין דער אַרבעט.

דאָס אָונט־ברויט איז געווען זייער באַטעמט. גערטרוד האָט געהאַלטן אין איין צולייגן צו פריצן אין טעלער: דאָ אַ שטיקל וואורשט. דאָ נאָך גע־פּרעגלטן קאַרטאָפל. מען האָט עס פאַרטרונקען מיט ביר. און גערטרוד האָט זיך דערמאָנט: זי האָט ניט פאַרגעסן צו קויפן פאַר אים אַ גוטן ציגאַר.

ער האָט באַטראַכט דעם זאַפטיקן, שמעקעדיקן ציגאַר, אַ דערמאָנונג פון

די גוטע אַלטע צייטן. ער האָט מיט דאַנקבאַרקייט אַרויפגעקוקט צו גערטרודן. זי האָט אים אַלץ פאַרגעבן, ווי פריער וואָלט צווישן זיי גאָרניט פאָרגעקומען. מאַן און ווייב.

שפּעטער, ווען ביידע זענען געלעגן זייט ביי זייט באַפרידיקטע, האָט זי אים אין שטילן פליסטער אויסדערציילט פון אירע פינף יאָר איינזאַמקייט. אויסדערציילט ווי שטאַרק זי האָט געבענקט נאָך אים. ווי הייס זי האָט אים באַגערט, ווי זי האָט געבעטן ביי גאָט, ער זאָל אים ברענגען צוריק צו איר.

ער האָט זי הייס געקושט, געצערטלט. און זי האָט זיך שטאַרקער געטוליעט צו אים.

— אַך, ווי נאַריש מיר זענען געווען. ווי ווייניק מיר האָבן עס געקענט אָפּשאַצן אונדזער גליק. איך ווייס: דו האָסט געבענקט נאָך אַ קינד. איך וויל אויך אַ מוטער זיין. בין געווען ביים דאָקטאָר. ער האָט געזאָגט: מען דאַרף אַן אָפּעראַציע. פריער האָב איך זיך געשראָקן. איצט אָבער...

מיטאַמאָל איז פאַר פריצן אויפגעשוואומען אין זכרון יענער פרימאָרגן, ווען טאַטיאַנאַ איז געלעגן ביי זיין זייט און אים אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז זי שוואַנגערט. ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט געגלעט טאַטיאַנאַס בויך אין אָנפאַל פון ליידנשאַפט. ער האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגערוקט פון גערטרודן, האָט זיך אויפגעהויבן אויף דער האַנט און האָט זי מאָדנע אָנגעקוקט. טאַטיאַנאַס בילד האָט מיטאַמאָל אַ שוועב געטאָן פאַר זיינע אויגן. זיין בליק האָט געגומען קוקן ווי אין דער ווייטקייט אַריין...

גערטרוד איז אַ ווײַלע געבליבן פאַרגליווערט.

— וואָס איז מיט דיר, טייערער? האָסט זיך דערשראָקן? מיך שרעקט איצט קיין זאַך ניט. איך וויל האָבן אַ קינד...

ער האָט אויטאָמאַטיש נאָכגעזאָגט: „יאָ, אַ קינד...“

קאַפּיטל צוועלף

די ערשטע טעג פון זאָרגלאָזיקייט, פון צוריק איינהיימען זיך, זענען פאַרביי. דערנאָך האָט זיך געגומען צעלייגן אַן איינטאָניקייט, אַן אומעטיקייט.

פריץ בענדערמויער, וואָס האָט אויפן פראָנט, אין די גריבער, געחלומט פון דער גליקלעכער פרייער צייט, ווען ער וועט זיין אינדערהיים, געחלומט אויסצופילן זי מיט טעטיקייט, איז איצט גאָר געוואָרן אַפּהענטיק.

ער האָט געטראַכט: מען דאַרף זוכן אַרבעט. עס איז דאָך קיין תכלית ניט אַזוי צו פּטרן די טעג. ער האָט אָבער ניט געקענט נעמען זיך צו קיין זאַך. די מידקייט פון די יאָרן, פון ניט דערשלאָפן און ניט דערעסן אין די טראַנשייען, האָט איצט אַרומגענומען זיין גאַנץ וועזן און אים האָט זיך געוואָלט נאָר איין זאַך: רוען. ער איז שפּעט געשלאָפן. אָפט איז ער אָפּגעלעגן אין בעט ביז האַלבן טאָג. און ווען ער איז שוין אַרויסגעקראָכן פון בעט, האָט ער גלייך געפילט ווי עס ציט אים ווידער צו ליגן, צו פילן די אַנגענעמע ווייכקייט פון דער ריינער בעט, און ביינאַכט די נאָענטקייט און וואַרעמקייט פון דער אייגענער ווייב.

אַזוי זענען אַוועק עטלעכע וואָכן, ביז ער האָט ענדלעך אָפּגעשאָקלט פון זיך די מידקייט. ער האָט אָנגעזאָגט גערטרודן:

— מאָרגן גיי איך זוכן אַרבעט. געננג שוין פוסטע־פּאַסעווען.

— רו זיך נאָך אויס. סיי ווי סיי שטייען ניט קיין גליקן אָנגעגרייט פאַר דיר — האָט זי געזאָגט.

נאָר פריץ איז געווען אַנטשלאָסן צו געפינען אַרבעט. פריער אָבער מוז ער אָפּטראָגן זיין ביקס אין די מיליטער־באַראַקן און קריגן זיין דעמאָביליזאַציע־קאַרטל.

ער איז אַוועק גאַנץ פרי, האָט אָפּגעגעבן זיין ביקס און געקראָגן זיין דעמאָביליזאַציע־געהאַלט פון פופציק מאַרק און נאָך פופצן מאַרק אויפהאַלט־געלט. חוץ דעם — אַ מיליטערישן מאַנטל, אַ פּאָר שיך, אַן איבערבייט פון וועש און אַן אוניפאָרם.

גלייך נאָכדעם איז ער געגאַנגען אין אַלטן ווערקשטאַט, וואו ער האָט אַמאָל אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס אַ געזעל.

עמיל באַנהיימס ווערקשטאַט האָט, אין דער צייט פון מלחמה, אויס־געאַרבעט טיילן פון גראַנאַטן. איצט איז דער ווערקשטאַט שטיל געשטאַנען.

בלויז עטלעכע אַרבעטער, וואָס פריץ האָט זיי ניט געקענט, האָבן זיך אַרומ־געדרייט אַרום די צעוואָרפענע מאַשינען, וואָס די אַרומיקע פויערים האָבן געבראַכט צום פאַרריכטן.

עמיל באַנהיים האָט ניט געהאַט וואָס צו טאָן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַן אומעטיקער. ער האָט זיך פאַר דער צייט שטאַרק געעלטערט. דערזען דעם אַריינגעקומענעם סאָלדאַט, האָט ער אים ניט באַלד דערקענט. דערנאָך, אַז ער האָט זיך גוט איינגעקוקט, איז ער צופרידן אים אַנטקעגן געגאַנגען.

— בענדערמויער? אָ, וועלקאָמען! וועלקאָמען! נו, וואָס מאַכט מען? שוין לאַנג צוריק? קוקסט אויס גרויסאַרטיק.

פריץ האָט געזאָגט:

— יאָ. גענוג זיך אָנגעליטן. איצט זוך איך אַרבעט.

— וואָס? אַרבעט? ניטאָ גענוג פאַר די אַלטע הענט וואָס צו טאָן. יאָ. יאָ. ניט גוט. פאַרשפּילט די מלחמה. און דער זיג איז געווען אַזוי מעגלעך, אַזוי נאָענט.

פריץ האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט: „דער זיג איז געווען אַזוי מעגלעך? אַזוי נאָענט? האָט ער פאַר זיך איבערגעחזרט. וואָס מיינט דער אַלטער מיט דעם?

ער האָט געשוויגן.

באַנהיים האָט אויפגעכאַפּט בענדערמויערס פאַרוואונדערטן בליק, און געזאָגט מיט מער שאַרפקייט:

— נו, יאָ. ניט אמת? נאָך אַביסל שטאַרקייט, אויסגעהאַלטנקייט, און מיר וואָלטן דאָך געזיגט.

פריץ בענדערמויער פילט ווי אַ כעס הויבט אָן צו זידן אין אים. נאָר ער צוימט זיך, האַלט זיך איין. דער אַלטער דרך־ארץ פאַרן באַלעבאָס איז נאָך אַלץ איינגעקריצט טיף אין דער נשמה. דאָך אינגאַנצן קען ער עס ניט פאַר־שוויגן. ער זאָגט:

— זענט איר געווען אויפן פראָנט? וואָס האָט איר געטאָן פאַרן זיג?

— איך האָב דאָך אַמוניציע געמאַכט — זאָגט באַנהיים ניט אָן שטאָלץ.

איצט ווייס שוין פריץ, ער וועט זיך ניט קענען מער איינהאַלטן. ער זאָגט ביטער:

— איר האָט געמאַכט אַמוניציע און דערביי אויך גוטע פּראָפיטן. און מיר, דאָרטן, מיר האָבן אונדזערע יונגע לעבנס אומגעבראַכט.

באַנהיים ווערט צעטומלט. זיינס אַ געוועזענער געזעל, און רעדט צו אים אַזוי פרעך? ער רוקט זיך אָפּ פון פריצן. קוקט אים אָן עטוואָס צעשראָקן.

דו ווייסט ניט היינט מיט וועמען דו רעדסט. אַנדערע צייטן. ער שטאַמלט: „נו, יאָ, אָבער...״

פריץ גייט אַרויס פון באַנהיימס ווערקשטאַט און וואַנדערט אָן אַ ציל איבער די גאַסן. מאָדנע, טראַכט ער, וואָס האָט באַנהיים געזאָגט אַזוינס, וואָס האָט אים אַזוי אויפגערעגט און שווער געמאַכט דאָס האַרץ? אַ סך רעדן דאָך איצט אַזוי.

ער שפּרייזט איבער די גאַסן און קוקט זיך צו. מענטשן זענען פאַרנומען מיט זייערע טאָג־טעגלעכע זאָרגן. מענטשן האַנדלען, יאָגן זיך נאָך פּרנסה. גייען אַרום כעסדיקע.

גאָר אַנדערע מענטשן איצט. וואו זענען אַהינגעקומען די מוזיק־אָרקעס־טערס, וואָס האָבן די סאָלדאַטן באַגלייט צום פראָנט, וואָס האָבן אַזוי באַרוישט די מענטשן און זיי געטריבן אין גאַס צו פּאַראַדירן און אויסצושרייען פּאַטריאָטישע אויסגעשרייען? איצט איז אַלץ אַזוי וואָכעדיק און גרוי.

אַרום אַ פליישקראָם שטייט אַ לאַנגע ריי פרויען. זיי קוקן אָנגעשטרענגט אַריין אין קראָם, וואו אַ גראָב־בייכיקער קצב טיילט אויס קליינע חלקים פלייש. אויף די פּנימער זאָרג: וועט עס דערגיין צו אונדז, צי ניט?

פון אַן אַנדער גאַס־עק:

אַ מאַן, איינגעשפּאַנט אין אַ שלעפּ־וועגעלע, האַלט אין איבערפירן זיין באַלעבאַטישקייט: עטלעכע אַלטע שטולן, אַ טיש. צו די איבערגעקערטע פיסלעך פון טיש זענען צוגעבונדן געפּעק בעטגעוואַנט, טעפּ. הינטערן וועגעלע גייט נאָך אַן אָרעם־געקליידטע פרוי, וואָס האַלט אין איין האַנט אַ קליינעם אַלטן טשעמאָדאַן און מיט דער צווייטער האַנט העלפט זי שטופּן דאָס וועגעלע.

עמעצער אינדערהויך האַלט אין פאַרריכטן פענצטער פון אַ שאַלקע, וואָס זענען נאָך שויבנווייז פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס.

און אָט איז דער מאַרק. דאָ ווימלט מיט מענטשן פון אַלע שטאַנדן, וואָס פאַרקויפן זייער פאַרמעגן פון די הענט אַרויס.

אַ הויכער, שטאַלטנער מאַן, מיט אַן אויסגעשיטערטער צוויי־גאָרנדיקער מאָרדע, האַלט אין האַנט אַ געמאָלן בילד. דאָס בילד שטעלט פאָר אַ לאַנד־שאַפט. פריץ שטייט לאַנג און באַטראַכט דאָס בילד און דעם פאַרקויפער. דער מאַן באַמערקט אים. נעמט אָן זיין אויפמערקזאַמקייט, ווי די פאַראינטערעסירונג פון אַ מעגלעכן קונה. זיינע אויגן בעטן זיך: קויפט. אָבער ער רעדט ניט. ער רופט ניט אויס די מעלות פון זיין סחורה, ווי דאָס טוען אַנדערע אין מאַרק. פאַרקערט, אַ מאָדנע רעזיגנירטקייט ליגט אויף זיין פּנים.

אויף אַן אַנדער ווינקל איז געשטאַנען אַן אַלטע אויסגעדאַרטע פרוי, אָנ־געטאָן אין אַלט־מאָדישע לאַנגע בגדים, און מיט אַ הוט, וואָס האָט געהאַט אויף

זיך עטלעכע פֿאַנטאַסטישע פֿעדערן און דערמאָנט פֿון אַ וועלט, וואָס איז שוין לאַנג, לאַנג אַוועק. זי איז געשטאַנען מיט עטלעכע קליידלעך אין האַנט. די קליידלעך זענען געווען באַפּוצט מיט טייערע שפּיצן. דאָס האָט צוגעצויגן די פֿרויען. כמעט יעדע פֿרוי, וואָס איז פֿאַרבייגעגאַנגען, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע און באַטראַכט די קליידער און די שפּיצן. און ניט נאָר די פֿרויען, אַפֿילו מענער איבערקויפֿער האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די פֿרויען האָבן געטאַפּט די וואַרע, געדרייט די קליידלעך אין אַלע זײַטן, באַטראַכט די פּאַסאַנען. די איבערקויפֿער, ווידער, האָבן באַטראַכט די פֿאַרקויפֿערין, האָבן געזען איר נעבעכדיקייט און האָבן פֿאַר די קליידער אָנגעבאָטן אַ שיבוש.

די פֿאַרקויפֿערין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. זי וועט דאָך פֿון דעם אַפֿילו אויף אַ וואָך ברויט ניט האָבן. און דאָס איז איר לעצט פֿאַרמעגן! אַלץ וואָס זי האָט פֿאַרמאָגט, האָט זי שוין אויספֿאַרקויפֿט.

דאָ, אויפֿן מאַרק, האָט מען, מער ווי אומעטום, געקענט דערקענען די ביטערע נויט. אַהער האָט מען אַרויסגעטראָגן אַלץ וואָס ס׳האָט זיך געלאָזן פֿאַרקויפֿן. פֿאַר די מאַרקן אײַנגעקויפֿט ברויט, פּראָוויזיע.

פֿריץ איז אַוועק פֿון מאַרק מיט אַ שווער געמיט און זיך געלאָזן שפּרייזן ווײַטער. ער האָט געוואַנדערט פֿון איין גאַס צו דער אַנדערער. אַלץ באַקאַנטע ערטער. עס האָט זיך דאָך אַ סך געענדערט. אויף די ראָגן האָבן זיך געעפֿנט נײַע ביר־שטובן. און דאָ וואו עס איז געווען די גראָסינגער־בעקערײַ, האָט זיך איצט געעפֿנט אַ קאַפֿע־הויז מיט שרײַענדיק־אילומינירטע פֿענצטער.

אומעטום, אין די ביר־שטובן און אין די קאַפֿייען איז פֿול געווען מיט מענטשן. די טישלעך זענען געווען געדיכט באַזעצט. אויף דער קליינער בינע פֿון קאַפֿע־הויז האָט אַ זינגערין געזונגען וויציקע קופּלעטן. אין מיטן פֿון דער שרעקלעכער אַרבעטלאָזיקייט און נויט, האָבן פֿיל מיט אַ גוואַלדיקער גיריקייט זיך געיאָגט אַרײַנצוכאַפּן וואָס מער גאַסיקע פֿרײלעכקייט און לײַכטע פֿאַר־געניגנס.

ער האָט אַוועקגעוואַנדערט ווײַטער. עס איז געשטאַנען אַ שאַרף פּרעסטל, וואָס האָט לײַכט געמאַכט דעם טראָט. אין די געשעפֿטן האָט זיך שוין געפֿילט דער ערב־ווײַנאַכט. דאָ און דאָרטן האָט די יום־טובֿדיקייט אַרויסגעקוקט מיט פֿענצטער, אויסגעפּוצטע מיט געפֿלאָכטענע יאָלקע־קראַנצן און מיט פֿעדים פֿון זילבער־שניי, און מיט גאָלדענע לעמפּעלעך.

אויפֿן ראָג פֿון לינדער־שטראַסע איז ער געבליבן שטיין פֿאַר דער געבײדע פֿון אימפּעריאַל קאַפֿע. די קאַפֿע־אימפּעריאַל איז אַלעמאָל געווען אַ גוט־באַזוכטער פּלאַץ. איצט האָט אינעווייניק פּשוט געווימלט מיט מענטשן. די טישלעך מיט די מאַרמאָר־פּלאַכן און רויטע שטולן אַרום זיי, זענען געווען

געדיכט באַזעצט. די לופט איז דאָ געווען אָנגעפּילט מיט רויך און פּאַרע.

ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע און זיך געוואונדערט: וואָס אַזוינס טוען דאָ די מענטשן שעהען־לאַנג? די נײַגעריקייט האָט אים אַרײַנגעצויגן אינעווייניק. ער האָט קוים געפונען אַ ליידיק אָרט. זיך צוגעזעצט און געפּרואווט כאַפּן דעם גאַנג פון שמועס.

ביים טישל רעכטס זענען געזעסן געשעפטסלייט און פאַרהאַנדלט וועגן אַ ליפערונג פון קאַרטאָפל. ביים טישל לינקס האָט זיך אַן אַנדערער באַרימט מיט זײַן בריהשקייט: „איך האָב אײַנגעפּאַקט די זייטלעך פלייש אין מײַן טשעמאָ־דאַן. האָב עס גוט אײַנגעוויקלט, אַזוי אַז קיין ריח זאָל פון דעם ניט שלאָגן. איך האָב באַמערקט ווי די זשאַנדערן קוקן מיר נאָך. איך האָב זיך אָבער ניט דערשראָקן. פאַרקערט, מיטן טשעמאָדאַן אין די הענט האָב איך מיט זיכערקייט זיך געטראָטן פאַראויס. בין זיי פאַרבײַגעגאַנגען און די זשאַנדאַרן האָבן ניט געוואָגט צו פאַרטשעפּען מיך.״

און אַ דריטער האָט דערציילט:

— און איך האָב זיי נאָך קונציקער „אָפּגעפּריצעוועט״, די זשאַנדאַרן. איך האָב געהאַט עטלעכע פונט פּוטער, און פריילין קלײַנהויז איז מיט מיר גע־גאַנגען געאָרעמט, ווי אַ חתן־כלה. מיר ליבלעך אַרײַנגעקוקט אין די אויגן. אין איר הוט־קאַרטאָנקע האָט זי באַהאַלטן מײַן פּוטער.

אַלע האָבן אָנגעקוואָלן פון דעם אײַנפאַל. געלאַכט: „וואָס איז דיר ליבער געווען: די פּוטער צי פריילין קלײַנהויז?״

דערנאָך איז צוגעקומען אַ קעלנער און געבראַכט געריכטן פון געבראָטן פלייש. פון די טעלער האָט געשלאָגן אַן אַפּעטיטנער ריח, וואָס האָט גערייצט די נאָזלעכער. אַ ווײַלע איז פריץ געזעסן און נאָכגעפאָלגט די זשעדנעקייט, מיט וועלכער די ספּעקולאַנטן האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די געריכטן. זײַער אַפּעטיט האָט אים אָנגעשטעקט און ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל ער פאַר זיך אויך באַשטעלן אַ פלייש־געריכט. אין קעשענע זענען נאָך געלעגן די מאַרקן, וואָס ער האָט באַקומען אין די מיליטער־באַראַקן. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז די סומע, וואָס ער האָט באַקומען אין די באַראַקן, וואָלט ניט געסטאַיעט אויף אַ געהעריקן מאָלצייט און איבערהויפּט נאָך — אויף די איצטיקן פּרײַזן. און אַחוץ דעם, טאָר ער זיך ניט פאַרגינען אַזאַ לוקסוס. ער אַרבעט דאָך ניט; וואָלט זיך דאָס גערטרוד דען פאַרגונען?

ער האָט באַשטעלט אַ פּוטערברויט און אַ טעפּל קאַווע און לאַנגזאַם געגעסן. דער אומעט האָט אים גענאָגט. קיינמאָל נאָך האָט ער זיך ניט געפילט מער אײַנזאַם און טרויעריק, ווי צווישן אָט דעם המון, וואָס האָט געכאַפּט און גע־זויפט, ווי עס וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געווען קיין בלוטיקע מלחמה!

ס'איז געוואָרן פינצטערלעך אין דרויסן. אין קאַפע־הויז האָט מען אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע ליכט און ביסלעכווייז האָט די קאַפע גענומען אָנפילן זיך מיט אַ נייעם סאָרט באַזוכער. דאָס זענען געווען יונגע פרויען, שטאַרק אונטערגעפאַרבט, מיט אונטערגעצויגענע אויגן. אין די היט — שרייענדיק־קאָלירטע פעדערן, וואָס האָבן דערציילט ווער די פרויען זענען.

פונעם טישל, וואו די סוחרים זענען געזעסן, האָט מען די פרויען גלייך באַמערקט. דער מאַן, וואָס האָט נאָר־וואָס דערציילט ווי קונציק ער האָט דורכגעפירט די פּוטער, האָט צו זיי אַ וואונק געטאָן און אַ פּאָר האָבן זיך איבערגעזעצט צו זיין טישל.

— קעלנער! — האָט ער באַלד אַ רוף געטאָן — אַ פלאַש וויין! — און מיט איינער פון זיי האָט ער הייס זיך גענומען סודען.

פריץ האָט דערפילט אַן עקל צו די אַלע מענטשן און צו דעם טומל אַרום. ער האָט באַצאָלט און איז אַרויס. אים האָט זיך ניט געוואָלט גיין צוריק אַהיים. אַן אויפגעבראַכטער האָט ער לאַנג געשפּאַנט און גערעדט צו זיך אַליין:

— אָט אַ באַנדע פּראָפיטירער! זיי איז גוט. וואָס גרעסער דער מאַנגל, אַלץ מער געשעפט פאַר זיי. וואָס גרעסער דער הונגער, אַלץ מער פּראָפיטן מאַכן זיי. און איך? איך פאָדער דען אַ סך פון לעבן? איך וויל אַרבעט. איך וויל אַ רואיק לעבן. איך וויל האָבן אַ משפחה און זען אַ צוקונפט פאַר מיינע קינדער. איך וויל זיין כאָטש עטוואָס באַזאָרגט אויף דער עלטער. איז דען דאָס אַ סך?

— צום טייוול! — האָט ער געשאָלטן און אַ בייזן שפּיי געטאָן. — ווען איך בין געווען אין רוסלאַנד, דעמאָלט האָב איך אַ נייעם דראַנג דערשפּירט. בין געווען אַ געפאַנגענער, און דאַך האָב איך, דאַכט זיך, פליגל באַקומען. דעמאָלט בין איך גרייט געווען צו קעמפן און געוואוסט קלאָר פאַר וואָס. און איצט דאָ — אַ קעסלגרוב, וועסט זיך ניט פאַנאַנדערקלייבן. אַלע טומלען, אַלע ציען צו זיך. זאָגן צו דעם גן־עדן. און איך שטיי אַ צעטומלטער, אָן גלויבן אין קיינעם. בעסער דאָ צו שטיין אָן אַ זייט. היטן מיין אייגן רואיק ווינקל.

ווען פריץ איז אַריינגעקומען אין שטוב, איז גערטרוד געזעסן אַ פאַרזאָרגטע. אָוונט־ברויט איז געווען געגרייט. גערטרוד האָט גלייך באַמערקט, אַז פריץ איז שטאַרק אַנטמוטיקט.

פריץ האָט זיך געזעצט צום טיש און ביידע האָבן שווייגנדיק געגעסן דעם אָרעמען מאָלצייט. פריץ האָט עסנדיק ווידער געזען פאַר זיך די זאַטע ספּעקולאַנטן, געזען ווי זיי שלינגען די פלייש־געריכטן, ווי זיי כאַפּן אַלץ אַריין.

גערטרוד האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף פריצס אַקסל, אים אַריינגעקוקט אין די אויגן: „וואָס איז געשען, פריץ?" האָט זי שטיל געפרעגט.

— איך בין געגאַנגען זוכן אַרבעט.
— גאָרניט געפונען?
— גאָרניט דערווייל.
— נו, יאָ. איצט איז זייער אַ שווערע צייט.

גערטרוד:

— אָבער איך האָב אַ פּלאַן, פּריץ.
— וואָס? — האָט ער נייגעריק געפרעגט.
— פאָר זיך דורך צום ברודער, אין דאָרף. קענסט גרינג ברענגען פון דאָרטן פּראָדוקטן. דיך קען דאָך דאָרט יעדערער, וועט דיר ניט שווער זיין צו קריגן פּראָדוקטן. וועסט גוט פאַרדינען.

פּריץ האָט מיט רוגזה אַ שליידער געטאָן דעם לעפל, זיך אויפגעהויבן.

— איך בין אַן אַרבעטער! כ'האָב זיך קיינמאָל ניט פאַרנומען מיט פּראָפיטירעריי.

— וואָס קען מען מאַכן, פּריץ? אַ צייט אַזאַ. אַלע טוען עס. איך האָב עס אויך פיינט, נאָר מ'קען זיך ניט העלפן.

אין פּריצן האָט אויפגעריסן דער גאַנצער אָנגעזאַמלטער קנויל פון פאַרדרוסן פון דעם גאַנצן טאָג. ער איז גרייט געווען צו זאָגן איר עפּעס בייזעס, שאַרפס. ער האָט אָבער אַ קוק געטאָן אויף גערטרודן. אין איר בליק איז געווען אַזוי פיל געבראָכנע איבערגעגעבנקייט. ניין, ער האָט איר ניט געקענט וויי טאָן. ער האָט געזאָגט:

— איך וועל נאָך פּרוּוון קריגן אַרבעט. ס'קען ניט זיין, איך זאָל שוין גאָרניט קענען קריגן. איך בין דאָך אַ סאָלדאַט. האָב אויפן פראָנט געקעמפט. מיר מוז מען געבן אַרבעט.

אויף מאָרגן איז פּריץ ווידער געגאַנגען זוכן אַרבעט. ער איז אויסגעווען אין אַלע וורקשטאַטן. געזען זיך מיט מענטשן, וואָס ער האָט גוט געקענט פון די פריערדיקע יאָרן. אומעטום דער זעלבער ענטפער: „ניין. איצט דערווייל ניטאָ. ער מוז צוואַוואַרטן. עס וועט זיך איינשטעלן דאָס לעבן, וועלן קומען די אַלטע גוטע צייטן. דערווייל — ניטאָ.“

צוריקוועגס, אויף לינדען־גאַס, האָט ער זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן ביי דעם קאַפע־אימפעריאַל. צי וואָלט ער ניט געקענט קריגן אַרבעט אין קאַפע? דאָ קאָכט. געוויס וואָלטן זיי אים געקענט ביי עפּעס באַשעפטיקן.

ער איז אַריין אינעווייניק, צו רעדן מיטן אייגנטימער.

אַ הויכער, סאָלידער מאַן האָט אים באַגעגנט, האָט אָנגערוקט זיינע שפּאַקולן און באַטראַכט פּריצן פון קאָפּ ביז די פיס.

— מיט וואָס קען איך אייך דינען? — האָט ער העפלעך געפרעגט.

— איך בין אַ דעמאָביליזירטער סאָלדאַט. דאַרף אַרבעט. איך קען זיך ניצלעך מאַכן אין קיך, אָדער וואַשן געשיר.

— זענט איר אַ געשיר־וואַשער ?

— ניין. ביז דער מלחמה געווען אַ מעטאַל־אַרבעטער. אָבער איצט בין איך גרייט צו טאָן יעדע אַרבעט.

— נו, יאָ, הונדערטער קומען אַהער יעדן טאָג. זענען גרייט צו אַרבעטן פאַרן עסן בלויז. וואו זאָלן מיר זיי אַהינטאָן ? ניין, מיין ליבער, מיר האָבן גענוג הענט.

פריץ איז אַרויס פון קאַפע־אימפעריאַל אינגאַנצן אַ דערשלאָגענער, און אַרומגעבלאָנקעט אָן אַ ציל. דערנאָך אַריין אין אַ קנייפּע. פאַראַן דערוויל גענוג אויף ביר. ער איז דאָ, אין קנייפּע, לאַנג געזעסן און געצויגן לאַנגזאַם שלוקען פון גלאָז. געוואָלט פאַרטרינקען זיין שווער געמיט. זייטיק האָט ער זיך צוגעהערט צו די שמועסן אַרום אים.

אַ מיטל־יאָריקער מאַן, מיט אַ קאָפּ זילבערנדיקע האָר און אַראָפּהענגענ־דיקע באַקן איז געזעסן און גערעדט מיט האַרץ צו אַן אַנדערן:

— באַטראַכט נאָר דעם בזיון ! אַ זאַטלמאַכער, עפּעס אַן עבערט, האָבן זיי אויסגעקליבן פאַר אַ פּרעזידענט פון דעם „דויטשן רייך". איז עס ניט צום לאַכן ?

דער מיטשמועסער שאָקלט מיטן קאָפּ און דער מאַן רעדט ווייטער:

— זיי וועלן דערפירן אונדזער פאָטערלאַנד צום אָפּגרונט. נעמט אַריין אין זינען מיינע ווערטער.

און אויסדרייענדיק זיך דערנאָך צו פריצן, ווי ער וואָלט זיכער געווען, אַז ביי אים וועט ער געפינען מיטגעפיל צו זיינע רייד, האָט דער מאַן פאַר־ענדיקט: „ניט אמת אַזוי ? איר האָט דאָך אונדזער קייזער געדינט, איאָ ?"

— נו, יאָ. איך האָב געדינט, איז וואָס ?

און דער מאַן האָט געזאָגט, באַשווערנדיק יעדעס וואָרט:

— דאָס האָבן זיי דאָך, די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, די שיידעמאַנס, די נאָס־קעס, די רעוואָלוציע געמאַכט. ווען ניט זיי, ווען מיר האַלטן זיך נאָך אַביסל, טאַקע נאָך אַ ביסעלע, וואָלטן מיר דאָך זיכער דעם קריג געוואונען. אָט ווי זיי האָבן זיך פאַרלייגט אויף אונדזער פאָטערלאַנד !

פריץ האָט זיך אָפּגערופן: „וואָס מיינט איר, איר וואָלט דעם קריג גע־וואונען ? ווי אַזוי ?"

— נו, יאָ ! אַמווייניקסטנס געדאַרפט האַלטן זיך ביז אַ גינסטיקן פרידנס־אָנבאָט.

— אַך, מענטש ! איר ווייסט ניט וואָס איר רעדט. איר האָט זיך דאָ אין הינטערלאַנד אויסבאַהאַלטן. אייך איז גרינג צו רעדן. אַהינצו, צום פראָנט,

וואָלט מען אייך באַדאַרפט שיקן. דעמאָלט וואָלט איר געוואוסט! העלדן...

— אָבער אַזוי איז עס דאָך שרעקלעך. וואָס־זשע האָט איר דאָרטן אויפן פראָנט ניט געקענט פּאַראַליזירן, וואָס עס וועט זיך פאַנאַנדערשפּילן אין לאַנד ביי אונדז?

פריץ האָט געזאָגט:

— מיר האָבן קיין גלויבן אין זיג מער ניט געהאַט. אויסגעמאַטערט ביזן טויט. אויסגעליידיקט. מען האָט אונדז פאַרפירט.

— און זיי, זיי וועלן אונדז ווידער פאַרפירן, אויב מיר וועלן זיי ניט באַזייטיקן! — האָט זיך אָפּגערופן אַ נידעריקער מאַן, וואָס איז די גאַנצע צייט שטום געזעסן אין אַ ווינקל און געצויגן זיין ביר. ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו פריצן. זיין ניט־ראַזירטער פּנים איז געווען צונטער־רויט. אַ כּעס האָט אין אים געזאָדן. ער האָט פריצן דערלאַנגט זיין ביינערנע האַנט.

— קאַמעראַד! אין דער אַרטילעריע בין איך געווען. דריי יאָר זיך גע־וואַלגערט אויפן פראָנט. דאָס איז ניט גענוג פאַר די בורזשויעס. זיי ווילן אונדז ווידער איינשפּאַנען אין קריג. גייען אַרום אומעטום און זייען די זאָמען פון טומאה. עך, ניט געדאַרפט אָוועקגעבן דאָס געווער. געדאַרפט פאַרטרייבן און ממיתן זיי, ווי מיר פלעגן ממיתן די שטשורעס אין די שוץ־גריבער. אויפ־שטעלן אונדזער מאַכט. די מאַכט פון סאָלדאַטן, אַרבעטער, פּויערים... איבער־בויען די וועלט אויפסניי. ווי די רוסן. אָט דאָס איז אַ פאָלק! אָט דאָס זענען קעמפער! אַניט, געדענק מיינע ווערטער, צום אַלטן וועלן זיי אונדז פאַרפירן. און ווידער וועלן זיי רייטן אויף אונדזער קאַרק.

אָפּגעזאָגט, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און איז אַרויסגעגאַנגען. אַז פריץ האָט אים דערזען אַרויסגיין, האָט עס אים אויך אַ הויב געטאָן און ער האָט זיך געלאָזן צו דער טיר.

— קאַמעראַד! שטיי אַ ווײַלע. איך וויל מיט דיר רעדן. דיינע רייד... ניט קלאָר איז מיר: האָבן מיר דען ניט אַ רעוואָלוציע אין לאַנד? האָבן מיר דען ניט קיין אַרבעטער אין דער רעגירונג? אָט, אונדזער פּרעזידענט — אַ זאָטלמאַכער איז ער דאָך געווען. אַן אונדזעריקער, הייסט עס, אַן אַרבעטער...

אונדזעריקער און ניט אונדזעריקער. וואָס ווילן זיי, די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן? דאָס אַלטע צוריקברענגען? זיי זאָגן צו: אַלטע גוטע צייטן, זאַטע יאָרן. די געמיטלעכקייט פון פריערדיקן לעבן גיב זיי צוריק! אָפּנאַרער! דאָס אַלטע דאַרף אַוועק, קיינמאָל ניט צוריקצוקומען. פאַר דער אַלטער אָרדענונג, וואָס האָט אונדז, מיליאָנען, מענטשן אין בלוטיקן קריג געוואָרפן, לוינט זיך דען צו קעמפן? קעמפן דאַרף מען גאָר קעגן די היינטיקע אָפּנאַרער...

פריץ האָט געזאָגט:

— אָבער דאָס איז דאָך בירגער־קריג, פריינט! און מיר זענען אַלע מיד. מיר ווילן פרידן.

— נו, יאָ. דו, קאַמעראַד, ווילסט פרידן, ברויט. גיבן זיי דיר דען ברויט? וועלן זיי דיך דען לאָזן אין פרידן?

דער נידעריקער מאַן האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. האָט גוט אָנגעקוקט זיין מיטשמועסער. פריצס פּנים האָט אויסגעדריקט אַנגסטן, צעטומלטקייט. יענער האָט זיך שווין געקליבן צו געבן פריצן צו פאַרשטיין. דערנאָך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אָן ווערטער אַוועק מיט זיין וועג.

פריץ בענדערמויער האָט אים נאָכגעקוקט מיט באַדויער: „אַ היצקאָפּ! בירגער־קריג וואָלט ער דאָ באַלד געהאַט. פּונקט ווי מיר וואָלטן נאָך ווייניק בלוט פאַרגאָסן." אָבער דאָך האָבן דעם פרעמדנס רייד וועגן רוסלאַנד אים, פריצן, אַרויפגעבראַכט אויפן געדאַנק די ערשטע טעג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. און צוגלייך מיט דעם האָט ער פאַר זיך דערזען טאַטיאַנאַן אין יענע טעג פון באַרוישונג. דערמאָנט זיך אָן איר נייגעריקייט צו די געשעענישן אין לאַנד. דערמאָנט זיך, ווי ער פלעגט פאַר איר די צייטונגען לייענען. דער־מאָנט זיך איר הייסע ליבע. די זכרונות פון טאַטיאַנאַן זענען ביי אים ענג צוזאַמענגעבונדן געווען מיט רעוואָלוציע. טאַטיאַנאַ! וואו איז זי איצט? און דאָס קינד? ער האָט פון איר די גאַנצע צייט ניט געהערט. און זיי האָבן דאָך אָפּגערעדט זיי זאָלן שרייבן איינער דעם אַנדערן. אמת, ער האָט איר ניט געגעבן זיין אַדרעס, אָבער זיי האָבן אָפּגעמאַכט צו שרייבן אונטער אַ באַשטימטן צייכן, פערזענלעך אָפּצונעמען. און אפשר האָט זי געשריבן? די בענקשאַפט האָט אים אַ ברי געטאָן. ער האָט זיך פאַרקירעוועט צו דער פּאָסט־געביידע און זיך נאָכגעפרעגט, צי עס איז ניטאָ קיין בריוו: נומער 277, ביז אויפפאָדערונג?

דער באַאַמטער האָט איבערגעקוקט די בריוו: „ניין. ניטאָ. פון וואַנען דערוואַרט איר דעם בריוו?"

— פון רוסלאַנד.

דער פּאָסט־באַאַמטער האָט מיט אַ ברייטן מויל גערעדט:

— אַך, פון די באָלשעוויקן. ס'גייט זיי דאָרטן זייער שלעכט. ס'קומען זעלטן בריוו פון דאָרטן. איר ווייסט דאָך, זיי האָבן דאָרטן אַ בירגער־קריג. עטוואָס שרעקלעכס קומט דאָרט פאָר. גאָט צו דאַנקען, מיר האָבן עס דאָ, אין אונדזער דייטשלאַנד, אויסגעמיטן.

פריץ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַוועק.

ער איז געגאַנגען. אין האַרצן ביי אים איז אויסגעוואַקסן אַ מורא: „בירגער־קריג. ווידער בלוט. ווידער פייער."

און ער האָט זיך געטראַכט: „איך מוז פאַרגעסן רוסלאַנד. די רייד פון דעם נידעריקן מאַן זענען אָנגעפילט מיט געפערלעכן פלאַם. ווער ווייסט וואָס פון דעם קען זיך צעברענען. דאָס טויג ניט! איך מוז פאַרגעסן רוסלאַנד און פאַרגעסן טאַטיאַנאַן. דאָ דאַרף איך זיין, דאָ, אינדערהיים, — דאָ דאַרף איך מיין לעבן בויען. גערעכט איז גערטרוד: אַ צייט אַזאַ. מען קען ניט זיין צו איבערקלייבעריש. איך וועל טאַקע אַ פּאָר טאָן אין דאָרף אַריין, וועל ברענגען פּראָדוקטן. וועל אונטערהאַנדלען, ווי אַלע טוען. אַ צייט אַזאַ.“

קאַפּיטל דרייצן

גערטרוד האָט זיך גענומען איבערקוקן די גאַנצע באַלעבאַטישקייט. קודם דעם אַלמער מיט דער גאַרדעראָבע. זי האָט אַרויסגעשלעפּט איין בגד נאָך דעם אַנדערן. יעדן בגד געניו באַטראַכט, אָפּגעשאַצט צי עס האָט נאָך עפּעס אַ ווערט, און דאָס וואָס מען האָט נאָך געקענט פאַר עפּעס פאַרקויפן, האָט זי אָפּגעלייגט אַן אַ זייט.

דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום קופערט און אַרויסגעשלעפּט אַ וואַטאָווע זיידענע קאָלדרע. האָט זי אויסגעשפּרייט אויפן בעט.

— פרידריך! — האָט זי אַריינגעשריען אין טונקעלן קאָרידאָר.

פון קאָרידאָר איז אַרויסגעקומען בענדערמויער מיט איינגעשמירטע הענט און מיט אַ פּאַס שמירעכץ אונטער דער נאָז.

— זע נאָר, זע! די קאָלדרע איז נאָך גאַנץ גוט. וויפיל, דענקסטו, איז דאָס ווערט?

— יאָ. די קאָלדרע איז איצט אפשר ווערט צען טויזנט מאַרק. אָבער מיט וואָס וועלן מיר זיך צודעקן? ס'איז דאָך ווינטער.

— אונדז וועט זיין גענוג די אַלטע דעקע. מיר האָבן דאָך אויך מאַנטלען.

— ניין, גערטרוד, בעסער פאַרקויפן דעם שפּיגל. אָן דעם קען מען זיך באַגיין.

— דעם שפּיגל? וואָס רעדסטו? די וואַנט וועט בלייבן הויל. יעדערער וואָלט עס גלייך דערקענט דורכן פירעקיקן פלעק אויף דער וואַנט. ניין. דעם שפּיגל וועל איך פאַר קיין פאַל ניט פאַרקויפן.

— נו, איז ווייסטו וואָס? אָט באַלד בין איך פאַרטיק מיט פאַרריכטן מיין וועלאָסיפּעד. ער וועט אפשר ווערט זיין זעכציק טויזנט מאַרק. דאָס וועט זיין אַ שיין פאַרמעגן מיט וואָס אָנצוהויבן.

— און טאָמער קריגסטו אַרבעט? ווי אַזוי וועסטו פאָרן צו דער אַרבעט? ניין. איך האָב קליידער. אייניקע וועלן קענען פאַרקויפט ווערן פאַר אַ גוטן פּרייז. די קליידער צוזאַמען מיט דער וואַטאָווער קאָלדרע וועלן זיין גענוג פאַר אַן אָנהויב. שפּעטער וועט מען זען.

פריץ האָט געקוועטשעט מיט די פּלייצעס. געוואָלט עפּעס דערווידערן, אָבער זיך איינגעהאַלטן. ער איז אַוועק אין קאָרידאָר און גערטרוד איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט איר אַרבעט.

ביסלעכווייז האָט זיך אָנגעקליבן אַ היפּש פּעקל.

פריץ איז צוריק אַריינגעקומען: „נאָך אַלץ ניט פאַרטיק?"

— זע נאַר, זע! — האָט גערטרוד צופרידן געזאָגט. — כ'האָב גאָרניט געוואוסט ס'אַראַ רייכטום מיר פאַרמאָגן.

פריץ איז צוגעגאַנגען צום בערגל זאַכן און, מעשה עקספּערט, איבער־געקוקט יעדעס בגד באַזונדער. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַן אָפּגעטראָגן קאַפּטל, האָט עס גוט באַטראַכט פון אַלע זייטן.

— אָט די שמאַכטע געהערט ניט אַהער. איך וועל עס ניט מיטנעמען.

— וועסט אפשר קיין סך ניט קריגן פאַרן קאַפּטל, אָבער אַ טוצן אייער וועט דיר יעדע פּויערטע געבן.

— אַ טוצן אייער? איין איי קאָסט שוין היינט אַכציק מאַרק. ווער וועט דאָס געבן טויזנט מאַרק פאַר אַזאַ שמאַכטע?

— אַך, פריץ! — האָט גערטרוד אויסגערופן אַ באַליידיקטע און אין איר טאָן זענען געווען טרערן.

פריץ האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר איין בליק צו גערטרודן האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז עס איז בעסער ניט צו רעדן. ער האָט פאַרצווייפלט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: עט, זאָל עס גיין! — און אָוועקגעלייגט דאָס קאַפּטל צו די זאַכן, וואָס דאַרפן איינגעפּאַקט ווערן.

ער האָט פאַנאַנדערגעעפנט אַ גרויסע וואַליזע. איידער ער פלעגט אַריינ־לייגן אַהין אַ בגד, פלעגט ער עס ווידער און ווידעראַמאָל באַטראַכטן. יעדע זאַך האָט אים אויסגעקוקט אָפּגעבליאַקעוועט און אַלט. ער וועט שעמען זיך עמעצן דאָס פאַרצושלאָגן. אָבער ווי־־טאָן גערטרודן האָט ער ניט געוואָלט. און ער האָט אַלץ אַריינגעפּאַקט אין דער וואַליזע. די וואַטאָווע קאָלדרע מיט נאָך אייניקע זאַכן האָט ער פאַרפּאַקט אין אַ באַזונדער פּעקל. פון זיכערקייט וועגן, האָט ער דאָס פּעקל און די וואַליזע אַרומגעבונדן מיט לעדערנע פּאַסן און אָוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל.

— אַלזאָ, מאָרגן גאַנץ פרי פאָר איך אַרויס אין דאָרף — האָט פריץ גע־זאָגט מיט אַ געבראָכן געמיט.

ער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געקוקט אויף די פּעקלעך, ווי אויף שטומע עדות פון זיין ירידה.

גערטרוד איז צוגעקומען צו אים. האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין פּלייצע און האָט זיך צוגעדריקט צו אים.

— וואָס קען מען מאַכן? כ'שלאָג זיך אַזוי אויך געגוג אַרויס פון די כחות אָנצוהאַלטן אונדזער היים. אַלץ וואָס איך האָב געהאַט אָפּגעשפּאָרט,

האָט די אינפלאַציע פאַרניכטעט. בלויז די שמאַטעס זענען געבליבן. און אַט די שמאַטעס זענען דאָך איצט אונדזער גאַנץ פאַרמעגן. דערלעבט צייטן!

פריץ האָט אַ צערטל געטאָן איר האַנט. ווייך געזאָגט: „גוט, טרודי! ס׳וועט שוין רעכט זיין. אַנשטאָט די שמאַטעס וועסטו האָבן נייע קליידער. אַ פוטערנעם מאַנטל.״

— הער שוין אויף! דו ווייסט גוט, איך בין ניט אויסן רייך צו ווערן און גיין אויסגעפּוצט ווי אַ ספּעקולאַנטס ווייב. מיר דאַרפן האָבן גרויסע געלטער אויף עפּעס וויכטיקערס.

מער האָבן זיי פון דעם ניט גערעדט. גאַנץ פרי, פאַרטאָג, ווען עס איז נאָך געווען שטאָק־פינצטער, איז פריץ, אָנגעטאָן אין סאָלדאַטישן מאַנטל, אַרויס פון הויז מיט די צווי פּעקלעך אין די הענט און זיך געלאָזן צום וואָקזאַל.

עס איז געפאַלן אַ שיטערער שניי. פריץ איז געגאַנגען און אין מוח באַטראַכט וואָס ער דאַרף איצט טאָן. ער וועט אָנקומען אין דאָרף גאָר פרי, ווען קיינער פון די פּראָדוקטן־איינקויפער וועלן נאָך ניט זיין. ער וועט זיין דער ערשטער. מיט אומגעדולד האָט ער געוואַרט, דער צוג זאָל שוין אָנקומען.

ווען ער איז נאָך צוויי און אַ האַלב שעה פאָרן אָנגעקומען צו דער באַן־סטאַנציע, פונוואַנען עס איז נאָך געווען פינף קילאָמעטער צום דאָרף, און אַראָפּגעשטיגן פון די באַן־טרעפּלעך, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פון די וואַגאָנעס איינקויפער, אַזעלכע ווי ער, אין די צענדליקער. יעדערער האָט געכאַפּט זיין געפּעק אויף די פּלייצעס און אין די הענט און מען האָט זיך געלאָזן צו די אַרומיקע פּערמעס.

בענדערמויער איז געשטאַנען אַ ווילע, ניט ווויסנדיק וואָס צו טאָן. פון דאַנען ביז זיין ברודערס פאַרם איז געווען גוטע פינף קילאָמעטער גאַנג. און די וואַליזע איז אַ שווערע. גאַרניט צו מאַכן, האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט, ער וועט זיך מוזן שלעפּן אַהין צופוס. ער האָט צוזאַמענגעבונדן די שווערע וואַליזע צוזאַמען מיטן פּעקל, האָט עס אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל, און איז אַרויס אין באַנהויף.

ביי אַ פויערישן שליטל איז געשטאַנען אַ פּאַרמער אין אַ קורצן ווינטער־מאַנטל און שטייפער צוזאַמענגעצויגן דעם פערד־געשפּאַן. דערזען בענדער־מויערן, האָט ער פון אים די אויגן ניט אַראָפּגענומען.

— זע נאָר, זע. איך וואָלט שווערן, אַז דאָס איז איינער פון די בענדער־מויערס.

— נו, יאָ. איך בין פריץ בענדערמויער. און איר זענט ברעמלער. היינריך ברעמלער. וואָס־זשע מאַכט מען?

— וואָס קען מען מאַכן איצט? שווערע צייטן. און איר וואוהין? איר גייט אַהיים?

— נו, יאָ...

— וואָס־זשע? איך זע, ביזט אין דער אַרמיי געווען. גליקלעכער מענטש. ביזט אַ גאַנצער אַהיים געקומען.

— ביי די רוסן אין געפאַנגענשאַפט באַלד צוויי און אַ האַלב יאָר פאַר־בראַכט. דערנאָך צום בלוטיקן סוף געקומען.

— ס׳מאַכט ניט, בענדערמויער. איצט איז שלעכט, אָבער מיר וועלן פון דעם אַרויסקומען געשטאַרקטע. דייטשלאַנד וועט ווידער ווערן רייך, שטאַרק און מעכטיק. געדענק מיינע ווערטער. און זיי דאָרטן, די רוסן, זיי מאָרדעווען זיך איינער דעם אַנדערן אין אַ בירגער־קריג. רוסלאַנד איז קאַפּוט. דאָס גאַנצע לאַנד איז רואינירט.

פריץ האָט אומצופרידן געזאָגט:

— אויך ביי אונדז איז ניט בעסער. קיין אַרבעט ניטאָ. אַלץ איז בראַנד־טייער. אָט! — האָט בענדערמויער אַ וויַיז געטאָן מיט דער האַנט אויף די פעקלעך — די לעצטע בגדים פון זיך אָפּגעריסן און פאָר אין דאָרף איינקויפן פּראָדוקטן. עפּעס־וואָס פאַרדינען.

פריץ האָט געמאַכט אַ טראָט אַוועקצוגיין.

— וואוהין־זשע גייסטו? זעץ זיך אויפן שליטן. איך פאָר דאָך באַלד. וועל דיך צופירן...

בענדערמויער האָט זיך ניט געלאָזט בעטן. ער האָט פאַנאַנדערגעבונדן די פעקלעך, אַריינגעוואָרפן זיי אין שליטן. אַליין האָט ער זיך געזעצט לעבן ברעמלערן.

אויפן וועג צום דאָרף האָט אים ברעמלער געפרעגט: „נו, און וואַליוטע פירסטו מיט?“

— וואַליוטע?!

— נו, יאָ. דאָלאַרן, אָדער כאָטש פראַנצויזישע פראַנקן.

— ניין. קיין וואַליוטע פיר איך ניט. וואו וועל איך זי נעמען, די וואַליוטע?

— וואָס הייסט, וואו? ביזט דאָך עפּעס אין פּראָפּיטירעריי־געשעפט. און דעם היינטיקן קורס פון דאָלער ווייסטו?

— אַך, הערט אויף, ברעמלער!...

— אַ, איך זע. ביזט נאָך אַ גרינער אין די געשעפטן. אַן אָנפאַנגער. וואָס־זשע פירסטו אין די פעקלעך?

— אַלץ וואָס כ׳האָב פאַרמאָגט: געניצטע קליידער... מאַרקן.

— קליידער זענען אַ קנאַפּע מציאה. און וואָס איז שייך מאַרקן, וואָלט איך בעסער געוואָלט האָבן דאָלאַרן, אָדער שווייצאַרישע פראַנקן.

— אָבער ווי קענט איר אַזוי רעדן, הער ברעמלער! ס׳איז דאָך ניט ערנ־האַפּט!

— און וואָס איז איצט דען ערנהאַפּט? וואָס איז איצט סטאַביל? די געזעצן זענען דאָך זינלאָז. גיב אַוועק דער רעגירונג די איבעריקע שפּייז פּאַר אַ שיבוש. זיי, די ביוראָקראַטן אין בערלין, האָבן אַ סך געהאָרעוועט אויף דעם? זיי לעבן דאָרטן אין רייכטום און אין לוקסוס. ס׳איז ליגן און באַטרוג אומעטום. ביים קייזער איז עס אַזוי ניט געווען. טאָ לאָמיר כאָטש אויסנוצן די געלעגנהייט, אפשר די איינציקע געלעגנהייט, רייך צו ווערן.

— איר פאַרגעסט, הער ברעמלער, ווי עס ליידן פון דעם די אָרעמע, די אָנגעשטעלטע מיט אַ באַשרענקטן געהאַלט, די אַרבעטער און דערהויפּט די אַרבעטלאָזע.

— דאָס איז טאַקע צום באַדויערן. אָבער וואָס קענען מיר זיך העלפן? ווען דער הונגער אין די שטעט האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן זיך גענומען באַווייזן ביי אונדזערע שוועלן מוטערס פון קינדער. אַ סך פון זיי וואויל־געבאָרענע. מיט רוק־זעק אויף די פּלייצעס פלעגן זיי וואַנדערן אויף די וועגן, אויס־געמאַטערטע, אויסגעמאָגערטע, אינגאַנצן אָן כחות. פלעגסט אַ קוק טאָן אויף זיי: די אויסגעלאָשענע אויגן האָבן געקוקט אויף דיר מיט אַזוי פיל רחמנות, האָבן אַריינגעדרונגען צו דיר טיף אין האַרצן. דאָס מויל האַלב־אָפן, בלויע אָדערן אויף די שלייפן. זיי פלעגן זינקען אויף די בענקלעך, מיט טרערן אין די אויגן און שאַנדע אין האַרצן פלעגן זיי בעטן אַביסל מעל, אַ שטיקל פּוטער,ביינער אויסצוקאָכן אַביסל געקעכץ פאַר די קינדער, קאַרטאָפל... און מיר האָבן געגעבן. און זיי פלעגן גליקלעכע אַוועקגיין. באַלד האָבן אָבער אָנגעהויבן צו קומען אַנדערע, וואָס האָבן דערשמעקט, אַז דער הונגער אין שטאָט איז די בעסטע געלעגנהייט רייך צו ווערן. מענער פלעגן ברענגען זאַכן פון שטאָט. פּרויען פלעגן פאַרקויפן שמאַכטעס. און אָפּט זיך אַליין. זיי זענען שוין ניט געווען ווי יענע נידערגעשלאָגענע פרויען. זיי האָבן געוואוסט מיט וואָס זיי קענען איבעררעדן דעם פּויער. זיי פלעגן אויפרייסן די אויגן פון אָרעמען פּויער מיט די פּעק געלט. ווען אַ פּויער, וואָס האָט אַ גאַנצן לעבן געחלומט פון אַ טויזנט מאַרק, האָט דערזען די אַסיגנאַציעס פון טויזנטער, ווען ער האָט דערזען די שיינע שטאָטישע זאַכן, וואָס ער פלעגט זיך פריער קיינמאָל ניט פאַרגינען, האָט זיך אים דער קאָפּ פאַרדרייט. טונקעלע פאַרשוינען פלעגן זיך אַריינ־שמוגלען דורך די הינטערשטע טירן מיט געגנבעטע זאַכן. און די פּויערים, וואָס פלעגן פריער קוקן קרום אויף דעם שמוגל, האָבן זיך גענומען באַרימען

מיט די גליקן, וואָס זיי מאַכן. ביז עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז איצט ווייסן מיר ניט וואָס ס׳איז גוט און וואָס ס׳איז שלעכט. עך, ניטאָ די גוטע אַלטע צייטן! דער קייזער ניטאָ! דאָס גוטע דייטשישע געלט ניטאָ. אַלץ גייט, דאַכט זיך, קאַפּוט. און די נייע? וואָס ווילן זיי? צו וואָס שטרעבן זיי? עך, עך! שווערע צייטן...

פריץ האָט געהערט, געשוויגן. ברעמלער האָט אַ זאָג געטאָן:

— נו, אָט איז שוין דאָס דאָרף. כ׳וועל אייך צופירן צום טאַטנס פאַרם. געווען אַ גוטער מענטש, יאָהאַן בענדערמויער, אייביקע רו זאָל ער האָבן...

ברעמלער האָט אַ ציִ געטאָן די לייצעס און דאָס פערד איז געבליבן שטיין ביים טויער פון בענדערמויערס פאַרם.

— נו, גריס דעם ברודער דיינעם. זיי געזונט, קום צוגיין צו מיר. כ׳וועל דיר עפּעס געבן. אפשר אַ צוואַנציק קילאָ מעל. צום ווידערזען...

ברעמלער האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד און איז אַוועקגעפאָרן.

פריץ האָט גענומען די צוויי פּעקלעך און זיך געלאָזן דורכן הויף צו דער שטוב.

מען האָט שוין באַמערקט דעם גאַסט. פון הויז, אין אַ היטל און אין אַ מאַנטל, איז אים אַנטקעגן געלאָפן דער ברודער, אָסקאַר.

ביידע ברידער האָבן זיך געוואָרפן אין די אָרעמס. אָסקאַר האָט גענומען די וואַליזע און ביידע זענען געגאַנגען אין שטוב. באַלד איז פריץ אַרומגע־רינגלט געוואָרן פון דער כאַפּטע קליינוואַרג. פריץ האָט געעפנט די וואַליזע. ער האָט ניט פאַרגעסן צו ברענגען פאַר זיי מתנות. ניט קיין שפילצייג, אָבער געטרודע האָט געשיקט זעמל־געבעקס און שאָקאָלאַדע.

— וואָס־זשע מאַכסטו, פריץ? געזונט? גאַנץ? גאָט צו דאַנקען! וואָס־זשע טוסטו?

— שלעכט, ברודער אָסקאַר. קיין אַרבעט ניט צו קריגן.

אָסקאַרס פּנים איז פינצטער געוואָרן: „באַלד וועט ער נאָך בעטן הילף אָדער גאָר וועלן זיך באַזעצן אויף דער פאַרם...‟

אָסקאַר האָט געזאָגט:

— און אונדז דאָ, דענקסטו, איז גרינגער? שווער, זייער שווער, פון דער קליינער פאַרם אַרויסצוקריגן גענוג פאַר אַ פאַמיליע פון זיבן.

— וואָס איז דאָס ביי דיר? — האָט פריץ אַ פרעג געטאָן, ווען זיין בליק האָט פּלוצלונג דערזען דאָס שיין־געשניצטע קעסטל פון אַ גראַמאַפאָן, וואָס האָט אַזוי מיט זיין אויסזען אַרויסגעסטאַרטשעט פון דעם אָרעמיקן פּויערישן מעבל.

— אָ, דאָס? אַ גראַמאַפאָן. געמאַכט זיך אַ מציאה. אָפּגעקויפט פון אַ שטאָטישן מענטשן פאַר פופציק קילאָ מעל מיט צוויי פונט פּוטער.

ערשט איצט האָט פריץ באַמערקט, אַז אָנשטאָט די הילצערנע בעטן, שטייען נייע בעטן מיט ניקלנע שפּיצן. געזען דורכן פענצטער, אַז די שטאַל איז איבערגעצויגן געוואָרן מיט אַ נייעם דאַך. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אָסקאַרן, אויף דער אַרומיקער געמיטלעכער שטוב, אויף די קינדערלעך, און דערפילט שטילע קנאה. ער האָט ביטער אַ טראַכט געטאָן: „דו באַקלאָגסט זיך אויף, ברודערל!" ער האָט אָבער גאָרניט געזאָגט. בלויז אַ זיפץ איז דורך זיינע ליפּן אַדורכגעזיפּט געוואָרן.

אָסקאַרס פרוי האָט געגרייט צום טיש. מען האָט זיך געזעצט עסן און די קינדערלעך האָבן די גאַנצע צייט ניט אַראָפּגענומען זייערע אויגן פון אָנקל פרידריך אין די סאָלדאַטישע קליידער.

— נו, דערציי־ל, ברודער, דערצייל. אַזוי פיל יאָרן ניט געהערט פון דיר. ביזט דאָך אין קריג געווען. גאָט זיי דאַנק, ביזט צוריקגעקומען. גאָט זיי דאַנק...

פריץ האָט געזאָגט:

— נו, יאָ. בין צוריקגעקומען. ניט פאַרקריפּלט, גאַנץ, ווי דו זעסט. דאָך ליגט מיר דער קריג אין די ביינער, אין מאַרך. קיינמאָל וועל איך שוין ניט זיין דערזעלבער, וואָס געווען. און קיין אַרבעט איז ניט צו קריגן. בין איך געקומען אַהערצו פּראָדוקטן איינקויפן.

— אַך, אַזוי? דערזען דיך מיט די טשעמאָדאַנעס, האָב איך געמיינט: ביזט געקומען באַזעצן זיך דאָ. וואָס־זשע האָסטו געבראַכט אין די פּעקלעך?

— אונדזער גאַנץ פאַרמעגן: קליידער, אַ קאָלדרע.

נאָכן עסן האָט אָסקאַר געהאָלפן דעם ברודער. אַפריער האָט ער זיך געלאָזן באַווייזן די זאַכן. האָט אָפּגעקליבן עטלעכע קליידער פאַר זיין פרוי. דערנאָך איז מען געגאַנגען צו די שכנים. דעם אַ קלייד, יענעם אַ קלייד. אויף דער קאָלדרע זענען געווען עטלעכע בעלנים.

און אָנגעלאָדן מיט שווערע פּעק, איז פריץ צוריקגעפאָרן אַהיים.

אַזוי האָט ער אָנגעהויבן זיין נייע באַשעפטיקונג. און דאָס געשעפט איז אַוועק גוט. פריץ איז אָפט געפאָרן אין דאָרף און יעדעס מאָל האָט דאָס אים געבראַכט גוטע פּראָפיטן.

שפּעטער, אַז מען האָט פריצן אָנגעבאָטן אַרבעט אין אַ גאַראַזש, וואו מ׳האָט פאַרריכט אויטאָמאָבילן, האָט ער עס שוין ניט אָנגענומען. ער האָט פאַרדינט גענוג פון פּראָדוקטן־האַנדל.

פרנסה איז געווען. נאָר געטרוד איז ניט געווען רואיק. זי האָט געוואָלט אַ קינד, און קיין קינד איז ניט געקומען. אַזוי ווי דער דאָקטאָר האָט גע׳עצהט: אָן אָפּעראַציע, האָט זי זיך גענומען גרייטן צו דעם.

פריץ איז געווען זייער פאַרוואונדערט, ווען ער איז איינמאָל געקומען אַהיים און געפונען גערטרודן וואַרטן אויף אים. דער טיש איז געווען געגרייט.

— האָט עפּעס פּאַסירט? אַזוי פרי פון דער בעקעריי?

— כ׳האָב אויפגעגעבן די אַרבעט.

— אויפגעגעבן? נו, גוט. שוין צייט זיך טאַקע אָפּצורוען.

— וועל רוען אַ וואָכן צוויי.

— און נאָכדעם?

— כ׳האָב זיך שוין באַדונגען מיטן דאָקטאָר. ער וועט מיך אָפּערירן.

— אַך, טרודי! דו זוכסט זיך צרות?

— רעד מיך ניט אָפּ. דאָס איז ביי מיר אַ פעסט־באַשלאָסענע זאַך.

פריץ איז אַריינגעפאַלן אין אַ שווייגן. אויך זי האָט געשוויגן.

און אָט די שטיל־שווייגעניש איז געהאַנגען אין שטוב די גאַנצע צוויי וואָכן ביז דער אָפּעראַציע. אַלץ איז געווען אונטער דער כמאַרע פון דער קומענדיקער געשעעניש, וואָס האָט געדאַרפט מיט אַ מאָדנעם צויבער איבעראַנדערשן זייער ביז־איצטיקן לעבן. אַ געשעעניש, וואָס האָט זיי געהאַלטן אין דערוואַרטונג מיט נייעם אוישפּראַץ און אין דערזעלבער צייט זיי געשראָקן. אָט די געשפּאַנטקייט האָט זיי דענערווירט און גערטרוד איז געווען צופרידן, ווען דער טאָג איז ענדלעך געקומען, צו גיין אין שפּיטאָל.

נאָר ווען זי האָט גענומען צוזאַמענקלייבן אירע זאַכן, איז דאָס האַרץ איר צוזאַמענגעדריקט געוואָרן פון אַ ספּאַזמען־שרעק.

גאַנץ פרי איז פרידריך מיט איר אַוועק אין שפּיטאָל. די קראַנקן־שוועס־טער, אין ווייסן, האָט ביי איר צוגענומען דאָס פּעקעלע זאַכן און זי אַנגענומען אונטערן אָרעם.

זיי האָבן זיך געזעגנט ציטערדיק, ווי מ׳געזעגנט זיך אין אַ שפּיטאָל.

פריץ האָט איר נאָכגעקוקט ווי זי גייט מיטן לאַנגן קאָרידאָר, דערווייטערט זיך פון אים. ביז זי איז פאַרשוואונדן אין איינער פון די טירן. ער איז גע־שטאַנען אַ ווײַלע מיט אַ פאַרקלעמט געמיט. דערנאָך אַוועק אַהיים.

אין דעם טאָג, ווען גערטרוד איז אָפּערירט געוואָרן, איז פריץ געזעסן אין שפּיטאָל אַ נערוועזער. די מינוטן האָבן זיך אויסגעצויגן אין שעהען. ער האָט עס שוין ניט געקענט אויסהאַלטן און איז אַרויס אין דרויסן און זיך געלאָזט גיין אין די גאַסן. ער איז לאַנג אַזוי אַרומגעגאַנגען אָן אַ פּלאַן. די געדאַנקען האָבן זיך עפּעס ניט באַוועגט. אַלץ אין אים איז געלעגן באַשווערט פון דער שרעק פאַר גערטרודן.

ווען ער איז צוריקגעקומען אין שפּיטאָל, איז דאָקטאָר שיידערהויזע אַרויס־געקומען:

— די אָפּעראַציע איז דורכגעגאַנגען געלונגען. דער פּאַציענט פילט זיך גוט. אָבער, לײדער, קען איך אײך ניט דערלויבן איצט זי צו זען. בלויז פון דערוויטנס קענט איר זי אָנקוקן.

פריצן איז לײכטער געוואָרן אויפן האַרצן. ער איז נאָכגעגאַנגען דעם דאָקטאָר צו דער טיר פון איר צימער. גערטרוד איז געלעגן מיטן קאָפּ נידעריק אויפן בעט, באַוואוסטלאָז, נאָך אַלץ אונטער דער ווירקונג פון כלאָראָפאָרם. דאָס פּנים איינגעפאַלן און בלוטלאָז. די קאָנטורן פון איר געזיכט זענען אים, פריצן, איצט געווען פרעמד.

דעם צווייטן טאָג, ווען ער איז געקומען, האָט זי געהאַלטן האַלב־אָפן די אויגן. זי האָט פּרובירט אַ שמייכל טאָן, נאָר עס איז אַרויסגעקומען אַ קרענקלעכע גרימאַסע. זי איז געווען אַזוי שוואַך, אַז די ווערטער זענען קוים, קוים הערבאַר אַרויסגעקומען פון איר מויל.

אויף איבערמאָרגן נאָך דער אָפּעראַציע האָט זיך די טעמפּעראַטור געהויבן. גערטרודן האָט געשטיקט אַ הוסט און דער דאָקטאָר האָט געפונען סימפּטאָמען פון לונגען־אָנצינדונג. מער האָט זי שוין פריצן ניט דערקענט. מער האָט זי שוין ניט גערעדט.

שײדערהויזע איז געווען באַזאָרגט און פריץ האָט אים שוין מער קײן פראַגן ניט געשטעלט. ער, וואָס האָט געזען דעם טויט אַזוי נאָענט אויפן שלאַכט־פעלד, האָט שוין געוואוסט, אַז גערטרוד דערציט איצט אירע לעצטע טעג, זי האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט אַ גאַנצע וואָך און איז אויסגעגאַנגען.

פריץ איז אַרײנגעפאַלן ווי אין אַ הינערפלעט. ער האָט געוואוסט : גערטרוד, די אײנפאַכע, גוטע גערטרוד, האָט עס געטאָן צוליב אים. געוואָלט אים ברענגען פרייד אין הויז... זי האָט זיך מקריב געווען !... און דאָס האָט אים געעגבערט דאָס האַרץ. ער האָט געטראַכט : בין איך דען ווערט איר קרבן ? די טעג זענען איצט געגאַנגען פאַר אים אײנזאַמע, אומעטיקע, אָן אַ ציל.

קאַפּיטל פּערצן

פּריץ בענדערמויער איז געשטאַנען ביי דעם זעלבן פענצטערל אין פּאָסט־אַמט, וואו ער האָט ניט איינמאָל געקראָגן איין און דעם זעלבן ענטפער: „ניין, ניטאָ“, און פאַטעטיש געבעטן:

— כ׳בעט אייך, דערקונדיקט זיך: אפשר איז פאַראַן בריוו „צום אָפּנעמען נומער 277“?

איצט האָט ער אויך דערוואַרט דעם זעלבן ענטפער. ער האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו דערוואַרטן בריוו פון טאַטיאַנאַן. און ער אַליין האָט איר אויך די גאַנצע צייט ניט געשריבן. דאָך, די לעצטע צוויי יאָר, זינט זיין פרוי, גערטרוד, איז געשטאָרבן, האָט ער אָפט געטראַכט פון איר, פון טאַטיאַנאַן. געטראַכט פון דעם קינד און שטאַרק געגאַרט צו הערן פון זיי.

דאָס מאָל האָט דער באַאַמטער זיך ניט געאיילט מיט זיין אָפּזאָג. ער איז צוגעגאַנגען צו דער אַלמער, וואו די בריוו זענען געלעגן, האָט אַרויסגענומען אַ דיקן פעקל בריוו און זיי לאַנגזאַם איבערגעקוקט, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ ברייטן, פול־געפּאַקטן בלויען קאָנווערט. ביי דעם בלויען קאָנווערט איז ער געבליבן שטיין, האָט אים אַ וועג געטאָן אויף דער האַנט, באַקוקט פון אַלע זייטן און מיט אַ שמייכל עס דערלאַנגט פּריצן.

— אַ בריוו?! — האָט פּריץ גענומען דעם קאָנווערט, נאָך אַלץ ניט גלויבנ־דיק זיך אַליין. — אַ בריוו טאַקע?

ער איז געלאָפן אַהיים.

נאָר אינמיטן לויף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אָן אַ זייט, הינטערן ראָג ביי אַ שטוב, און געעפנט דעם קאָנווערט. אינעווייניק איז געלעגן אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון טאַטיאַנאַן מיט אַ קליין ייִנגעלע. די צוויי געשטאַלטן אויף דער פאָטאָגראַפיע האָבן ממש צוגעשמידט צו זיך זיינע אויגן. ער איז געשטאַנען אָן אַ זייט פון טראָטואַר, צוגעגליט צום בילד. אַ וואַרעמקייט האָט אויפ־געכוואַליעט אין אים.

דערנאָך איז ער געלאָפן אַהיים. האָט נאָך אַמאָל אַרויסגענומען די פאָטאָ־גראַפיע און דאָס איצט באַטראַכט מיט מער רואיקייט. דאָס ייִנגעלע איז געזעסן אויף אַ שטול מיט אַ הילצערנעם פערדל אין הענטל. אַ ליב־ליכטיק פּנימל מיט פאַרחידושטע אויגן. טאַטיאַנאַ איז געשטאַנען הינטער אים. זי האָט

אויסגעקוקט שטאַרק געענדערט. אויפן בילד איז זי געווען העכער, מער אָפּ־געצערט. בלויז די אויגן און דער גוטמוטיקער אויסדרוק פון פּנים זענען אים געווען באַקאַנט פון פריער.

פּריץ, דער אַנטמוטיקטער פּריץ, האָט דערפילט, ווי ער ווערט פאַרפּלייצט פון אַ מאָדנער וואַרעמקייט: „ניט איינזאַם מער אויף דער וועלט.״ אָט דאָס קליינע נפשל אויפן בילד איז אַ טייל פון אים אַליין. איצט איז פאַראַן צוליב וואָס צו לעבן. אָט דער געדאַנק האָט אים אַזוי גליקלעך געמאַכט, אַז דאָס צימער האָט זיך אים אויסגעוויזן צו זיין צו ענג. ער וואָלט גלייך געפלויגן צו זיי: זיין יינגעלע און טאַטיאַנאַ. ער האָט לאַנג דאָס בילד ניט אַרויסגעלאָזט פון די הענט. ווידער און נאָכאַמאָל האָט ער זיך איינגעזאַפּט מיט די אויגן אין די שטריכן פון זיין זון און טאַטיאַנאַ.

דערנאָך האָט ער דאָס בילד אַוועקגעשטעלט אויפן קאָמאָד און גענומען לייענען טאַטיאַנאַס בריוו. אַ לאַנגער בריוו.

„טייערער פּריץ!

„איך שרייב צו דיר איצט פון זשעלעזנאָוואָדסק, אויף קאַווקאַז, וואוהין מען האָט מיך געשיקט דערהאָלן זיך. איך בין צוויי מאָנאַטן אָפּגעלעגן קראַנק מיט טיפוס. איצט רו איך זיך דאָ אָפּ. טרינק די הייל־וואַסערן, און פיל זיך שוין אַ סך בעסער. מיט מיר איז אונדזער זון, אונדזער אַנדריושקאַ. איך שיק דיר זיין פאָטאָגראַפיע. ער איז אַ טייער קינד און שטענדיק, ווען איך קוק אויף אים, דוכט זיך מיר, אַז ער איז געראָטן אין דיר.

„זינט דיין לעצטן בריוו, ווען דו האָסט געשריבן אַז מען שיקט דיך צוריק קיין דייטשלאַנד, האָב איך פון דיר גאָרניט געהערט. וואָס איז מיט דיר? צי האָסטו געקראָגן די בריוו, וואָס איך האָב דיר געשיקט? און פאַרוואָס האָב איך פון דיר ניט קיין ענטפער? קען עס זיין, אַז דו האָסט פאַרגעסן דיין טאַטיאַנאַן?

„אמת, איך האָב דיר אויך ווייניק געשריבן. די געשעענישן דאָ אין לאַנד האָבן זיך געטראָגן מיט אַזאַ שטורמישן אימפּעט, אַז עס איז קיין צייט ניט געווען צו טראַכטן וועגן אייגענעם לעבן, אייגענע געפילן.

„איצט בין איך דאָ אין זשעלעזנאָוואָדסק. צייט איז פאַראַן אַ סך. און איך טראַכט אָפּט פון דיר, פון אונדזער צוקונפט. עס בענקט דאָס האַרץ נאָך יענע גליקלעכע טעג, ווען מיר זענען געווען אינאיינעם. און איך שרייב דיר מיט דער האָפענונג, אַז דאָס מאָל וועסטו מיר ענטפערן.

„אויב דו ווילסט וויסן וואָס ס׳האָט זיך מיט מיר פאַרלאָפן דורך דער גאַנצער צייט, וועל איך דאָס דיר אין קורצן, אַזוי שרייבנדיק, דערציילן.״

און אַזוי האָט טאַטיאַנאַ אין בריוו ווייטער איבערגעגעבן וואָס מיט איר

איז אַלץ פֿאַרגעקומען. זי האָט דערציילט ווי נאָך פּריצעס אַוועקגיין צוריק צו די קריגס־געפֿאַנגענע איז איר אַלץ געוואָרן דערווידער אין יערעמענקאָס כוטאָר, און ווי זי איז אַוועק אין שטעטל.

און ווייטער:

ווי זי איז אָנגעקומען פֿאַר אַ דינסט צו די אַלטע באַלעבאַטים, צו די גאָלד־שטיינס. דאָ, אין שטעטל, איז דאָס ייִנגעלע געבאָרן געוואָרן. שווער געווען צו דינען ביי פֿרעמדע און צו זיין אַ מאַמע אין דערזעלבער צייט. איז זי אַוועק צוריק אין דאָרף צו דער מומע אַגאַפֿענאַ.

נאָר אויך אין דאָרף, ביי דער מומען, איז איר ניט גרינגער געווען דורכ־צולעבן זיך אין דער נעבעכדיקער באַלעבאַטישקייט. דאַן האָט זי געלאָזט אַנדריושאַן ביי דער מומע אַגאַפֿענאַ און אַליין אַוועק צוריק אין שטעטל.

און ווייטער, און ווייטער האָט טאַטיאַנאַ אין בריוו געשילדערט וועלכע גרויסע ענדערונגען עס זענען פֿאָרגעקומען אין לאַנד:

פֿאַר דעם זומער, וואָס זי איז געווען אַוועק פֿון שטעטל, האָט זיך דאָרטן אַלץ געענדערט. און וואָס עס איז געווען אַנדערש, האָט זי פֿון אָנהויב ניט באַנומען. אויבנאויפֿיק האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן, אַז די מענטשן זענען אַרויסגעשלאָגן געוואָרן פֿון דעם געוויינלעכן גאַנג פֿון לעבן. די אָרעמקייט אין קליידן זיך האָט מען געזען אויף אַלעמען. נאָר גלייכצייטיק האָט זיך געפֿילט אַ שטאַרקע אויפֿלעבונג ביי די אָרעמע מענטשן.

זי איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ קרייז פֿון נייע מענטשן און ביסלעכווייז האָבן זיך אירע אויגן געעפֿנט. אָט די אַלע באַקאַנטע זענען אַזוי ווי הונגעריק געווען. הונגעריק ניט נאָר נאָך ברויט, נאָר נאָך וויסן. זי האָט זיך אָנגעהויבן צו לערנען. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס לאַנד איז גרויס און רייך אין אַלץ, אָבער אומעטום, איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פֿון לאַנד, האָבן די מענטשן, אַחוץ אַ קליינער טייל, געלעבט אין דחקות און אין פֿינצטערניש. זי האָט געלערנט ווי צו קעמפֿן קעגן דער אָפּגעשטאַנענקייט. זי האָט איינגעזען, אַז מען מוז קעמפֿן קעגן דער זשעדנעקייט. אַזוי איז זי געוואָרן איינע פֿון די פֿיל, וואָס קעמפֿן פֿאַר אַ נייער וועלט.

איגנאַט איז געקומען צוריק פֿון פּלען. ער איז פֿאַרבליבן דער זעלביקער, וואָס געווען. ער וואָלט נאָך אַלץ נאָכגעגאַנגען דער סאָכע מיט די אָקסן: צאָב־צאָבע, צאָב־צאָבע. ער האָט געוואָלט טאַטיאַנאַ זאָל זיך ווידער אָפּזונדערן פֿון דער גאַנצער וועלט. ער האָט געטראַכט נאָר פֿון זיין כוטאָר און באַלעבאַטיש־קייט. זי האָט דעריבער מיט אים איבערגעריסן. צווישן זיי איז געשטאַנען אַ דיקע וואַנט. אים האָט געצויגן צום אַלטן. ער האָט ניט געקענט באַגרייפֿן

און איינזען, אַז די רעוואָלוציע האָט איבערגעאַנדערשט דאָס לעבן. אַז גיין צוריק איז שוין מער ניט מעגלעך.

און דאָס לעבן אין יענע טעג איז ניט געווען קיין גרינגס. אַלץ איז געווען צעשטערט, רואינירט. אַלץ האָט, ווי ס'האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, געהאַלטן אין צעפאַלן.

אָבער ס'איז ניט צעפאַלן. ניט איינמאָל האָט מען געמאַכט טעותן. אָבער פון די טעותן האָט מען זיך געלערנט ווי צו בויען. מיט איין האַנט האָט מען געבויט, און מיט דער צווייטער זיך פאַרטיידיקט קעגן די שונאים, וואָס זענען אויפגעשטאַנען פון אַלע זייטן.

זי האָט פון אָנהויב געאַרבעט אין סאָוועט פון קרייז־שטעטל. דערנאָך, אַז דער בירגער־קריג האָט זיך צעפלאַקערט און די אינטערווענטן פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך פאַראייניקט מיט די אינערלעכע שונאים צו דערשטיקן די רעוואָלוציע, האָט זי געפילט, אַז איר פלאַץ איז אויפן פראָנט. זי האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער רויטער אַרמיי. געאַרבעט ווי אַ סאַניטאַרשע אין אַ פעלד־לאַזאַרעט. אָבער אָפט איז איר אויסגעקומען צו נעמען אין האַנט די ביקס און גיין אינאיינעם מיט די רויט־אַרמייער אָפּצושלאָגן דעם שונא. זי האָט אַזוי־אָ דורכגעמאַכט דעם פראָנט מיט דער רויטער אַרמיי פון אָריאָל ביז ראָסטאָוו־אויפן־דאָן.

עס זענען געשטאַנען שטאַרקע פרעסט. זי האָט אָפּגעפראָרן די פינגער פון די פיס און האָט שוין ווייטער ניט געקענט גיין. דאָ אין ראָסטאָוו איז זי שוין פאַרבליבן ביזן סוף פון בירגער־קריג.

נאָכן בירגער־קריג, אַז זי האָט זיך גענומען צוקוקן צו דעם אַרומיקן לעבן, האָט זי דערזען ווי שרעקלעך דאָס לאַנד איז רואינירט. די פויערים האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו באַאַרבעטן די פעלדער. דער לעבעדיקער אינווענטאַר אויפן דאָרף איז כמעט אינגאַנצן געווען פאַרניכטעט. אָפט האָט מען געקענט זען ווי די פויערים גראָבן אויף אַ פעלד מיט אַ פשוטער לאָפּעטע. די אַלע פאַבריקן זענען געשטאַנען. אַפילו קיין טשוועקל האָט מען ניט געקענט קריגן, שוין אָפּגערעדט פון אַ בגד, אַ שוך. די באַנען זענען געווען רואינירט, פאַר־ברענט. אַלץ, האָט זיך געדאַכט, גייט צום גרונט.

צו דער גרויסער רואינע איז דערנאָך צוגעקומען די טריקעניש און דער הונגער. די פויערים אין דאָרף האָבן איינגעזען, אַז אָן ברויט און אָן פיטער פאַר די בהמות וועלן זיי אויסגיין פון הונגער, האָבן זיי געקוילעט די לעצטע קו און האָבן מיט די לעצטע כחות זיך דערשלאָגן צו דער גרויסער שטאָט.

ראָסטאָוו איז פאַרפלייצט געוואָרן פון מחנות הונגעריקע. היימלאָזע קינ־דער האָבן געוואַנדערט איבער די גאַסן. אויסגעדאַרטע, גרויע שאָטנס פון

מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען און געזויגן שטיקער מאַקוכע. די ברויט־געשטעלן אויפֿן מאַרק פֿלעגן באַפֿאַלן ווערן פֿון הונגעריקע, פֿלעגן צעראַבירט ווערן, און קיין סוף צו די צרות האָט זיך ניט געזען. אָבער מען האָט אַלץ ניט אַראָפּגעלאָזט די הענט. די גרויסע אַרבעט פֿון פֿרידלעכן בויען, פֿון אויפֿשטעלן אַ זאַטערע און בעסערע וועלט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן.

יאָרן זענען פֿאַרביי. האָט מען שוין אויפֿגעבויט אַ גוט לעבן? מען האָט נאָך אַ סך, גאָר אַ סך צו טאָן. אָבער מ׳גייט אויפֿן ריכטיקן וועג. זי, טאַטיאַנאַ, און אַלע אַרום זענען פֿול מיט גלויבן.

פֿון ראָסטאָוו איז זי דערנאָך אָפּגעפֿאָרן אַהיים. זי האָט זיך פֿאַרבענקט נאָך אַנדריושאַן, נאָך דער מומע אַגאַפֿענאַן.

אויפֿן וועג האָט זי זיך אָנגעשטעקט מיט טיפֿוס. זי האָט דערנאָך געדאַרפֿט פֿאָרן קיין זשעלעזנאָוואָדסק צו דערהאָלן זיך. זי האָט אַהין מיט זיך מיטגענומען דאָס ייִנגל.

און צום לעצט האָט טאַטיאַנאַ אין דעם בריוו געשריבן מיט ענטוזיאַזם וועגן נייעם לעבן. די לעצטע שורות זענען אַזוי געגאַנגען:

„איך פֿיל זיך, ווי באַפֿליגלט מיט אַ נייער נשמה. איך פֿיל, כּחות האָבן אין מיר אָנגעקוואָלן. מיר דאַכט זיך איצט, אַז איך האָב גאָרניט געקענט אונדזער לאַנד, רוסלאַנד. מיר, די אָרעמע מענטשן, וואָס האָבן געפֿראַצעוועט אַ גאַנץ לעבן, האָבן קיין שום אַנונג ניט געהאַט ווי גרויס און שיין עס איז אונדזער לאַנד.

„פֿון דאַנען קלייב איך זיך צו פֿאָרן לערנען זיך פֿאַר אַן אַגראָנאָם. און דעמאָלט וועל איך מײַנע כּחות ווידמענען צו העלפֿן אונדזערע פּויערים.

„אַנדריושאַ וועט אינגיכן אָנהייבן צו גיין אין שול. ער וועט וואַקסן אין אַן אַנדער וועלט, אָן דער ביטערער דערפֿאַרונג פֿון מײַנע יונגע יאָרן.

„איצט בעט איך דיך צו שרײַבן וועגן זיך. צי וואָלסטו ניט געוואָלט קומען צו אונדז, אין רוסלאַנד. דאָ איז פֿאַראַן גענוג פּלאַץ פֿאַר יעדערן, וואָס וויל אַרבעטן, און בויען.

„איך טראַכט פֿון דיר. איך געדענק, דו האָסט מיר דאָך אַזוי פֿיל מענטשלעכקייט אַרויסגעוויזן. איך און אַנדריושאַ וואַרטן אויף דײַן ענטפֿער. פֿון מיר, טאַטיאַנאַ אָודעיענקאָ.“

פֿריץ בענדערמויער האָט דורכגעלייענט דעם בריוו און איז געבליבן אין אַ טיפֿן פֿאַרדרוס. אַ מאָדנער בריוו! אַזאַ רואיק שרײַבן! וואו איז איר הייסע ליבע? וואו זענען די צאַרטע ווערטער, וואָס ער וואָלט וועלן הערן פֿון איר. די בילדער פֿון זייער צוזאַמענלעבן זענען, איינס נאָכן אַנדערן, גליאיק דורכגעגאַנגען פֿאַרביי אים. זייערע נאַכטיקע טרעפֿענישן. זייערע געגנבעטע

מאָמענטן בייטאָג. דאָס אַלץ האָט געצויגן און געצונדן דעם מוח. דאָס האָט אים אָנגעפילט מיט שטאַרקער בענקשאַפט. און זי — זי רעדט עפּעס גאָר אַנדערש, אַזוי געצוימט!

ער האָט ווידער גענומען אין האַנט איר בילד, און לאַנג געקוקט אויף דעם. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט איצט פאַר זיך גאָר אַן אַנדער טאַטיאַנאַ. עפּעס איז זי איצט אַזוי אויסגעוואַקסן. דאַכט זיך, אויך אירע אויגן זענען גאָר אַנדערע פון דער דאַרפישער פרוי, וואָס ער האָט געקענט אין פאַר־וואָרפענעם כוטאָר, פון יענער טאַטיאַנאַ, וואָס האָט אַמאָל געלעכצט און גע־שלונגען זיינע רייד; פון יענער באַאיוועך טאַטיאַנאַ איז קיין זכר ניט געבליבן. איצט איז פאַר אים אַ מענטש, וואָס האָט פאַר זיך אַ קלאָרן וועג. און וואָס איז דרייסט צו גיין פאָראויס. און ער? וואָס האָט ער געזוכט די גאַנצע צייט? אַביסל רו? אַביסל אייגן גליק? ער, דער מידער פון מלחמה, האָט געוואָלט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ שטיל ווינקעלע פון אייגענער באַקוועמלעכ־קייט. אויסבאַהאַלטן זיך פון די שטרייטן... ער האָט זיך דערפילט אַזוי בישטיק קליין.

ער איז אַרויס אין דרויסן און לאַנג געשפּאַנט איבער די גאַסן. ער איז געווען באַרוישט פון דעם אָנקוועל פון נייע געפילן, וואָס האָבן זיך געשטופּט איינער איבערן אַנדערן. געדאַנקען האָבן אויפגעטויכט, געטראָגן זיך־אַ ווײַלע אויפן אויבערפלאַך און דערנאָך פאַרשטופּט געוואָרן פון אַנדערע, ווי קריעס אין אייז־גאַנג.

אויף מאָרגן, ווען ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט, איז זיין אויפמערק־זאַמקייט צוגעצויגן געוואָרן צו אַ רירנדיקער סצענע: אַ פרוי האָט מיט טרערן פּרובירט אויסבעטן ביי אַ באַאַמטן, ער זאָל זי ניט אַרויסשטעלן פון דער דירה. עטלעכע שטיקלעך מעבל זענען שוין געלעגן אין גאַס.

אַזעלכע סצענעס פלעגן זיין אָפטע דערשיינונגען אין יענע טעג. כדי ווינציקער צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון עולם, פלעגן אַזוינע אַרויס־זעצונגען פאָרקומען גאַנץ פרי אין פרימאָרגן. פריץ האָט דאָס ניט איינמאָל געזען, נאָר ער פלעגט פאַרבייגיין און ניט אַריינמישן זיך. איצט האָט דאָס אים אַ ברי געטאָן. ער האָט געזען, ווי דער באַאַמטער האָט אָפּגעשטופּט די פרוי, געגעבן אַ באַפעל מען זאָל שנעלער אַרויסטראָגן אירע זאַכן אין דרויסן.

פריץ איז צוגעגאַנגען צו דער פרוי.

— וואָס איז? פאַרוואָס?

די פרוי האָט געוויינט: „איך ווייס ניט וואו איך וועל זיך אַהינטאָן. מיין מאַן איז אַרבעטלאָז. קראַנק."

פריץ האָט שוין מער ניט געטראַכט פון דער אַרבעט. ער איז געלאָפן צום טעלעפאָן און אָפּגערופן די „רויטע זעלבסט־הילף״.

דערווייל האָבן די באַאַמטע, אינאיינעם מיט אַן אַרויסהעלפער פון הויז־ווירט, אַרויסגעטראָגן אַלץ מער זאַכן אין דרויסן.

פונדערווייטנס האָט זיך באַוויזן אַ מחנה אַרבעטער אויף וועלאָסיפּעדן. אַלע האָבן זיי געטראָגן בלויע היטעלעך מיט פינף־קאַנטיקע שטערנס.

ווען די באַאַמטע און דער אַרויסהעלפער האָבן דערזען די אָנקומענדיקע, זענען זיי, דערשראָקענע, אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט.

די אַרבעטער זענען פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פון די וועלאָסיפּעדן. האָבן גענומען שטיקער מעבל, אַנדערע זאַכן און זיי צוריק אַריינגעטראָגן אין דער ליידיקער דירה. די פרוי האָט מיט טרערן אין די אויגן געדאַנקט די קאַמעראַדן פון דער „רויטער זעלבסט־הילף״.

פריץ האָט זיך געבראָכן. ער האָט געפילט, אַז ער ווערט גאָר אַן אַנדערער. ער באַקומט כח.

ביסלעכווייז איז ביי אים רייף געוואָרן דער באַשלוס צו פאָרן קיין רוסלאַנד. דאָרטן דאַרף ער זיין, מיט טאַטיאַנאַן און מיט זיין קינד. ער איז אַן אַרבעטער, אַ גוטער מעטאַליסט, און אַרבעט וועט אים אין רוסלאַנד ניט פעלן.

אָט דער געדאַנק, אַז ער וועט איינגיכן זיין אין רוסלאַנד, האָט אים געהאַלטן געשפּאַנט און באַפליגלט. ער האָט גענומען ביסלעכווייז אויסצופּאַרקויפן זיין באַלעבאַטישקייט. אין די אָוונטן פלעגט ער לויפן צו די קאָמוניסטישע פאַר־זאַמלונגען און געשלונגען יעדן גוטן גרוס פון רוסלאַנד. ער איז געוואָרן רירעווודיק, איילעק. ער איז געפאָרן צום סאָוועטישן קאָנסול אין מינכען נאָך אַ וויזע.

גאַנץ פרי איז שוין פריץ געזעסן אין אויפנאַם־צימער פון קאָנסולאַט און געוואַרט. פון אומגעדולדיקייט האָט ער נערוועז געצופּט די פראַנדזן פונעם שאַליקל. ענדלעך האָט מען אים געבעטן אַריינקומען. אים האָט אויפגענומען אַ פאַרנעמער מאַן פון מיטעלן וואוקס, שוין ניט אין די יונגע יאָרן, מיט אַ דיקלעך־פולן לייב. ער האָט בענדערמויערן גוט אָנגעקוקט. איז געווען פריינט־לעך און אין דערזעלבער צייט געהאַלטן בענדערמויערן אַזוי ווי אָפּגערוקט פון זיך. און פריץ האָט דווקא געפילט, ווי צו זיין צו אים נאָענט, רעדן צו אים פון האַרץ צו האַרץ.

— מיט וואָס קען איך דינען, מיין הער ?

— איך וויל פאָרן קיין סאָוועטן־רוסלאַנד.

— האָט איר אַריינגעשיקט אייער אַפּליקאַציע ? האָט איר אויסגעפילט די פראַגע־ליסטע ?

— ניין. וועלכע פראַגע־ליסטע ? איז דאָס דען נויטיק ? אַט בין איך דאָך דאָ. קען געבן איך די פולע אינפאָרמאַציע.

דער באַאַמטער האָט זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צו אַ שראַנק און אַרויסגענומען עטלעכע אַנקעטעס.

— פילט דאָס אויס און שיקט אונדז אַריין. מיר וועלן אייך לאָזן וויסן דורך פאָסט.

פריצן האָט זיך ניט געוואָלט אַוועקגיין. ער האָט געהאָפּט צו הערן אין סאָוועטישן קאָנסולאַט, וואַרעמע, האָפערדיקע רייד פון דעם לאַנד, וואו עס ווערט געבויט אַן אַנדער לעבן פאַרן אַרבעטער. דאָס לאַנד, צו וועלכן עס ציט דאָס האַרץ. און אַט שטייט ער פאַר דעם פאָרשטייער פון דער אַרבעטער־מלוכה, אָפּגעטיילט מיט קעלט און האַרטקייט. אָפּגעטיילט מיט אַנקעטעס פון הונדערטער פראַגן. ער האָט זיך אַ ווײַלע געוואַקלט און דערנאָך געוואַגט.

— אָבער, חבר ! איך בין דאָך אַן אַרבעטער ! פאַרוואָס זאָל איך ניט גלייך קענען פאָרן ?

— פילט אויס די פראַגע־ליסטע און מיר וועלן אייך לאָזן וויסן — איז שוין דער באַאַמטער געוואָרן אומגעדולדיק.

בענדערמויער האָט זיך פאַרנויגט און איז אַרויס.

עס האָבן זיך דערנאָך אַוועקגעצויגן טעג, וואָכן און חדשים אין אומ־געדולדיקער דערוואַרטונג. ענדלעך האָט פריץ בענדערמויער געקראָגן אַ מעלדונג, אַז די ענטפערט אויף דער אַנקעטע זענען ניט צופרידנשטעלנדיק.

פריץ איז ווידער געפאָרן צום קאָנסול. דאָס מאָל האָט אים פאַרזיכטיק אויסגעהערט אַ באַאַמטער ניט מיט קאַלטקייט, נאָר מיט אַ שטרענגן פאָרשערישן בליק אין די שפּיציקע, שאַרפע אויגן. אָבער פריץ האָט פון די ערשטע פראַגן דערפילט, ווי ער וואָלט געווען אויף אַ באַשולדיקונגס־באַנק.

— וואָס באַוועגט אייך צו וועלן זיך באַזעצן אין סאָוועטן־לאַנד ?

— איך בין אַן אַרבעטער. אַ גוטער מעטאַליסט. וויל העלפן בויען דאָס לאַנד.

— איז דאָס דער איינציקער מאָטיוו ?

פריץ האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט.

— פאַראַן נאָך אַן אורזאַך. פאַראַן דאָרטן אַ פרוי און מיין קינד.

דער אויספרעגער האָט אַרייַנגעקוקט אין דער אַנקעטע.

— אויף אייער אַנקעטע זאָגט איר דאָך, אַז אייער פרוי, גערטרוד, איז געשטאָרבן ?

— יאָ. דאָס איז ווירקלעך אַזוי. אָבער ווען איך בין אין רוסלאַנד געווען

אַ קריגס־געפאַנגענער, האָב איך געאַרבעט אויף אַ פאַרם. דאָרטן האָבן איך זיך פאַרבונדן מיט אַ פרוי. האָב אַ קינד מיט איר.

— אין אייער אַנקעטע האָט איר וועגן דעם גאָרניט געשריבן. פאַרוואָס האָט איר דאָס פאַרבאָרגן פון אונדז? האָט איר באַווייזן?

— איך האָב איר פאָטאָגראַפיע מיטן קינד.

— נו, פאָטאָגראַפיעס קען מען צושטעלן אַ סך. זיי זענען ניט קיין באַווייזן! האָט איר בריוו?

— אָט האָט איר איר לעצטן בריוו.

דער אויספרעגער האָט אַריינגעקוקט אין בריוו און בענדערמויער האָט זיך געפילט דערלייכטערט.

— אין וועלכער צייט זענט איר געווען אין רוסלאַנד?

— פון סוף 1915 ביז דעם זומער 1918.

— האָט איר אָנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציע?

פריץ האָט געפילט, ווי מען וואָלט אים ביי עפּעס געכאַפּט. אומעטיק האָט ער געענטפערט: „ניין.“

— וואָס האָט איך אָפּגעהאַלטן?

— איך... איך בין געווען אַ קריגס־געפאַנגענער. געווען אויפן פאַרם. דערנאָך האָט מען מיך צוריקגעשיקט קיין דייטשלאַנד צום מערב־פראָנט.

— און ווען מען שיקט אייך קעגן די סאָוועטן?

פריץ האָט געשוויגן.

— וואָס איז אייער פּאָליטישע איינשטעלונג?

— איך בין מיט מיין גאַנצער נשמה פאַר סאָוועטישער רוסלאַנד.

— איצט רעדט איר אַזוי. אָבער דעמאָלט? דעמאָלט ווען די רעוואָלוציע האָט זיך מיט די לעצטע כחות געראַנגלט מיט דעם דייטשישן מיליטאַריזם, וואו זענט איר געווען? פאַרוואָס זענט איר ניט געקומען צו אונדז, ווי הונדערטער אַנדערע דייטשישע אַרבעטער זענען געקומען?

פריץ האָט ניט געוואָגט צו ענטפערן. ער האָט זיך געפילט דערדריקט, פאַרניכטעט.

— וואָס דענקט איר צו טאָן אין סאָוועטן־לאַנד?

— איך וויל זיין צוזאַמען מיט מיין פרוי און קינד. וויל אַרבעטן. וויל ברויט און אַ רואיק לעבן.

— אַזוי, אַ רואיק לעבן...

דער אויספרעגער האָט אַ ווײַלע געהאַלטן זיינע אויגן אויף פריצן. און בענדערמויערן האָט זיך געדאַכט, אַז מיט זיין בליק נעמט ער אים דורך און דורך. און אפשר אין די עטלעכע מינוטן ווערט זיין שיקזאַל באַשלאָסן.

— קומט אין אַ חודש אַרום. איך מוז נאָך אַ מאָל אָנפרעגן אין מאָסקווע.
פריץ איז אַרויס. מיט זיך האָט ער מיטגעטראָגן דעם שווערן געמיט, אָנגעזאָגט פון די שפּיציקע אויגן פון דעם אויספרעגער. ער האָט בשום אופן ניט געקענט באַנעמען, אין וואָס עס ליגט זיין שולד? צי דען איז עס אַ זינד צו זוכן אַ זאָט, רואיק לעבן מיט דער פאַמיליע?
זיין בקשה פאַר אַן אַריינפאָר־וויזע קיין סאָוועטן־לאַנד איז אָפּגעזאָגט געוואָרן.

דריטער טייל

אַ טאָג ווערט געבאָרן

קאַפּיטל פופצן

דער יונגער פרילינג־טאָג פון סוף מאַי האָט זיך ערשט גענומען אַרויס־שיילן פון דער נאַכטיקייט. דער אַמאָליקער דאָרף־טענצער, גריגאָרענקאָ, אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן, האָט מונטער געשפּרייזט אויף זיין פּראַטעז צו דער געביידע פון קאָלעקטיוו „די רויטע דעסנאַ״.

פריש און זאַנפט איז געווען דער דרויסן. דער מזרח — צעליכטיקט; און צאַרטע ראָזיקע וואָלקנדלעך האָבן גיריק איינגעזאַפּט אין זיך די ערשטע זון־שטראַלן, געוואָלט פאַרהאַלטן זיי איידער זיי רייסן זיך אַרויס צו דער ברייטער גרינער וועלט.

אַ פרישע ווינטעלע האָט געמאַכט ציטערן די יונגע בלעטער, האָט דער־טראָגן די דופטן פון בעז, פון פיאַלקעס, האָט דרייצנדיקער געלאָזט פילן די יונגקייט פון טאָג.

אַפאַנאַס גריגאָרענקאָ האָט געוואָרפן זיין בליק אויף אַלע זייטן און, ווי אַ געניטער באַלעבאָס, געמאַכט זיינע באַטראַכטונגען. ער האָט געזוכט און גע־שאַפן אַלץ נייע פּלענער. ניט אומזיסט איז ער, יאָר־איין — יאָר־אויס, געווען דער פאָרזיצער פון דעם קאָלעקטיוו. אים איז געווען טייער יעדער קוסט, יעדעס בוימל, וואָס איז דאָ געוואַקסן. אים האָט געפרייט יעדער נייער פאַרקנדל, יעדער נייער דאַך. פאַר זיינע אויגן און דורך זיין מי איז דאָך דער קאָלעקטיוו אַזוי אויסגעשפּרייט געוואָרן. די פעלדער האָבן זיך געשפּרייט און געצויגן ווייט און ברייט, און האָבן פון איין זייט דערגרייכט די ליבאָוועד־ראָמנער אייזנבאַן און זיך אַראָפּגעלאָזן ביז דער דעסנאַ. דער קאָלעקטיוו האָט אַריינגענומען אין זיך טעלעכע דערפער און אויך אַ צוקער־זאַוואָד.

אַפאַנאַס האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק זיך אָפּצורוען אַביסל. ער האָט אָפּגעזיפצט: „עך, ווען ניט מיין פוס, אָ, וואָלט איך עס אַ שפּאַן געטאָן!״

דער פרימאָרגן איז געוואָרן אַלץ פולער און איז אָנגעפילט געוואָרן מיט פאַרשיידענע קלאַנגען. עס האָט אויפגעוואַכט די פויגל־וועלט. פריידיק האָבן זיך געצערטלט די ערשטע קלאַנגען פון די יונגע זי׳ען, וועלכע האָבן זיך ערשט געזעצט אויסברייען יונגע פייגעלעך. ערנסט און מיט אַזאַ אחריות האָבן די ערס זיך אַ לאָז געטאָן אין די פעלדער ברענגען שפּייז פאַר די זי׳ען.

דאָס פויגל־געזאַנג האָט אַפאַנאַסן אָנגעפילט מיט שטילן טרויער. ער,

אַפּאַנאַס, וועלכער האָט ליב געהאַט צו פּלאַנירן גרויסע זאַכן; ווען עס האָט אַזוי געפּרייט דאָס נייע לעבן, ער אַליין האָט זיין אייגענע נעסט ניט אויפ־געבויט. איצט, ווען דער אימפּעטיקער געלויף פון לעבן האָט זיך אַביסל איינ־געשטילט; ווען ס'איז שוין צוגעוואַקסן אַן אַנדער יוגנט, וואָס האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בוי פון לאַנד, — איצט האָט אַפּאַנאַס גריגאָרעוויטש געהאַט צייט אומצוקוקן זיך אַהינטער. איצט האָט ער שאַרפער דערפילט די בענקשאַפט נאָך אַן אייגענער פאַמיליע, נאָך אַן אייגענער היים.

ס'איז שוין אָבער געווען אַביסל צו שפּעט אָנצוהויבן. ער האָט שוין ניט געהאַט די אַמאָליקע כחות. ס'האָבן אָפּגעבליאַקעוועט און אויסגעפאַלן זיך די בלאָנדע האָר. ער האָט באַמערקט, אַז ער ווערט שווערלעך, אַז עס איז אים שווער צו באַוועגן זיך אויפן פּראַטעז, און אָפט, קומענדיק צו זיך אין צימער נאָך אַ טאָג פון פּרוכטבאַרער אַרבעט אַרום קאָלעקטיוו, פלעגט ער דערפילן די איינזאַמקייט. יעדער איז זיך צעגאַנגען צו זיין אייגענער היים, צו זיין פרוי און קינדער, נאָר ער אַליין איז ווי אַן אָפּגעהאַקטער פּניאַק...

ער האָט געוואוסט, ס'איז זיין אייגענע שולד, און דאָס האָט זיין פּאַר־דרוס נאָך שאַרפער געמאַכט. ער האָט ליב געהאַט טאַטיאַנאַן, נאָר זי האָט זיך באַצויגן צו אים עפּעס אַזוי מאָדנע. זי איז טאַקע געווען פריינטלעך, צור־געלאָזן. אָפט פלעגן זיי אוונטן פאַרברענגען צוזאַמען. און דאָך, ווען ער האָט געפּרוואווט רעדן מיט איר, אַז זיי זאָלן ווערן געזעצלעך מאַן־און־ווייב, פלעגט זי ווערן שטרענג. עפּעס האָט זי אָפּגעהאַלטן פון אים, און וואָס — האָט ער ניט געקענט פאַרשטיין. אים האָט דאָס געערגערט ביזן ביין. אָפט האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס איז אַלץ אַזוי ווייל ער איז אַ קאַליקע. די דאַכטעניש האָט אים אָנגעפילט מיט ביטערקייט.

געווען אַנדערע פרויען, וואָס האָבן אים ליב געהאַט, אָבער קיין איינע פון זיי איז אים ניט געווען אַזוי געפעלן ווי טאַטיאַנאַ. ער האָט אַלץ געוואַרט, געהאָפט, אַז זי וועט ענדערן איר באַציאונג צו אים. האָבן זיך די יאָרן דערווייל גערוקט און אַוועקגערוקט, און ער איז אַלץ מער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט פון בויען „די רויטע דעסנאַ"...

אַפּאַנאַס גריגאָרעוויטש האָט זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק, איז אַריינ־געגאַנגען אין דער פאַרוואַלטונגס־געביידע פונעם קאָלכאָז און איז צוגעקומען צו זיין טיר. אינעווייניק איז נאָך געווען טונקל. האָט ער אָנגעצונדן די עלעקטרישע ליכט.

פון דעם סקריפּ פון דער טיר, פון דעם שווערן גאַנג מיטן הילצערנעם פּראַטעז, און נאָך מער פון דעם שאַרפן אויפלייכט פון דער עלעקטריע, האָט

זיך אויפגעכאַפּט דער סטרוזש, וואַסילי, וועלכער איז געשלאָפן אין אַ דער־בייאיק צימערל.

ער איז אין די אונטערוועש קרעכצנדיק אַראָפּ פון זיין געלעגער און אַריינגעקוקט אין טיר.

— אַך, דאָס זענט איר, אַפאַנאַסי לאַריאָנאָוויטש? גוט מאָרגן אייך!

— גוט מאָרגן, וואַסילי טימאָפעיעוויטש, גוט מאָרגן! וואָס־זשע, דאָס צימער איז נאָך ניט אויפגערזמט?

— קיין צייט ניט געהאַט נעכטן אויפצוראָמען. איר זענט זיך שפּעט צעגאַנגען, און איך פיל זיך ניט גוט. עפּעס אַ שוואַכקייט. עך, עך! זייט מיין אַלטיטשקע איז געשטאָרבן, קרענק איך אַלץ. אַלט זיין איז קיין פרייד ניט. און איר, אַפאַנאַסי לאַריאָנאָוויטש, זיצט אַ ווײַלע אויפן גאַנעק. איך וועל זיך באַלד אַ נעם טאָן אויפראַמען. וואָס־זשע עפּעס אַזוי פרי היינט? די הענער האָבן דאָך נאָך אַפילו ניט געקרייעט.

— געקרייעט, לאַנג געקרייעט. און די פייגעלעך זינגען! עפּעס שלאָפט זיך ניט. איך האָב זיך דערמאָנט: פונקט מיט פופצן יאָר צוריק האָבן מיר געגרינדעט אונדזער קאָלכאָז. איך דערמאָן זיך: אויך דאָן, אין אַזאַ יונגן פרילינג־טאָג, האָט זיך מיר ניט געשלאָפן. בין איך דעמאָלט אַרויס גאַנץ פרי אין פעלד. געחלומט ווי וועט זיך דאָס אונדזער קאָלכאָז צעוואַקסן. און אָט — שוין פופצן יאָר אַריבער!...

— ניט שוין־זשע טאַקע פופצן יאָר אַריבער? — האָט מיט שטוינונג געפרעגט וואַסילי און איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער מיטן בעזעם אין דער האַנט.

— יאָ, פופצן יאָר.

— און איר'ט מיר גלויבן, אַפאַנאַסי לאַריאָנאָוויטש, איך האָב דאָך דאַן ניט געגלויבט אין אייער גאַנצער זאַך. געטראַכט: וואָס פאַר אַ קאָלעקטיוו קאָן מען בויען מיט אונדזערע פויערים? יעדערער ציט דאָך נאָר צו זיך אַליין.

אַפאַנאַס האָט געקוקט אויף וואַסילין:

— ניט בלויז דו אַליין, נאָר אַ סך האָבן דעמאָלט ניט געגלויבט. נו, אָבער איצט גלויבסטו?

— אַך, וואָס רעדט איר, אַפאַנאַסי לאַריאָנאָוויטש! ווי זאָל איך איצט ניט גלויבן? אַז איך זע דאָך מיט מיינע אייגענע אויגן! איך זע די קאָלאָנעס טראַקטאָרס אַרויספאָרן, ווי זיי גיבן דאָס אַ ריר די מאַמע־ערד און פאַסן מיט איבערגעקערטער שוואַרצערד צעלייגן זיך ווי לענטעס... איך זע דעם צייטיקן ווייץ זיך וויגנדיק אונטערן ווינטל, און ווי די שנייד־מאַשינעס פאָרן דאָס אַרויס און זאַמלען איין די געדעטעניש. גיי זוך די אַמאָליקע שמאָלע פאַסן

ערד מיט די מעזשעס, וואָס האָבן אָפּגעטיילט איין פעלד פון דעם אַנדערן — ניטאָ! ביטאָ שוין מער דאָס אַרויסשלאָגן זיך פון די כחות ביים אויסקאָרטשע־ווען אַ שטיקל פעלד. די טראַקטאָרס! אָהאָ! זיי גיבן עס אַ ריע אויף די וואָרצלען! אַ טייוולשער כוח ליגט אין זיי. אָבער דאַן . . .

אַפּאַנאַס האָט געזאָגט: „נו, דאַן, מיט פופצן יאָר צוריק, האָט זיך דאָס אַלץ ניט געגלויבט. האַ, וואַסילי?"

— נו, דעמאָלט! קיין זאַך איז ניט געווען. ניט קיין מאַשינעס, ניט קיין פערד. אַפילו דעם טייטש פון נאָמען „קאָלכאָז" ניט באַנומען. ניין, ניט געגלויבט, אַפּאַנאַסי לאַריאָנאָוויטש. זיך געטראַכט: מאַלע וואָס זיי זאָגן צו! אַז קיין טשוועקל צו פאַרקעווען אַ פערד איז דאָך ניט געווען צו קריגן. גע־טראַכט: באָלשעוויסטישע באַרימעריי.

אַפּאַנאַסן איז געווען זייער צום האַרצן צו הערן ווי וואַסיל רעדט פונעם אַמאָל.

— רעד, רעד, — האָט ער צו אים געזאָגט. — געדענקסטו אונדזער אָנהויב?

— צי איך געדענק? — האָט וואַסיל אַ צי געטאָן מיטן מויל. — אָט, ווי היינט געדענק איך. אָנגעהויבן האָבן דאָך גאָר די יידן פון שטעטל. ווי האָט ער געהייסן, דער סוחר? דער וואָס האָט געהאַט דעם גרויסן שטרוי־ און היי־זאַוואָד אין שטעטל? יאָ, אַ קלוגער ייד געווען, דער שליאָמקאַ גאָלדשטיין. געזען, אַז די אַלטע פּרנסות זענען אויסגערונען, אַז צום אַלטן וועט מען ניט צוריקגיין, האָט ער צונויפגענומען די יידן פון שטעטל און אין סטעפּניצקיס גוט זיך באַזעצט. פויערים האָבן געחוזקט: יידן, גאָר ערד־אַרבעטער? קיין יאָר וועלן זיי ניט אויסהאַלטן! אָבער ניין. זיי האָבן אויסגעהאַלטן. און נאָך ווי! אונדז אַביישפּיל געגעבן. דעמאָלט האָבן אַ סך פון אונדז, פויערים, זיך פאַרטראַכט: אויב זיי קענען אויפבויען אַ באַלעבאַטישקייט, פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר, פויערים, דאָס ניט קענען באַוויזן? דעמאָלט האָבן מיר געגרינדעט אונדזער קאָלעקטיוו. ס'איז אין אָנהויב ניט געגאַנגען אַזוי פויגלדיק. ניט איינמאָל האָבן מיר, פויערים, פאַרשאָלטן די נייע אויסטראַכטעניש, אָבער אומקערן זיך צום אַלטן איז נאָך שווערער געווען. און אָט, ווי דאָס איז אויפ־געגאַנגען!

אַפּאַנאַס איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין זכרונות. און די זכרונות זענען אים געווען אַזוי בענקשאַפטלעך, ליב . . .

— וואַסילי, — האָט ער געזאָגט, — איך געדענק ווי דו האָסט געקנייטשט דעם שטערן, ווען איך האָב דיר געזאָגט, אַז טראַקטאָרס קומען. האָסט ניט געגלויבט.

— נו, ווער האָט עס דען געקענט גלויבן? ע, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן ווען די טראַקטאָרס זענען דעם ערשטן מאָל אָנגעקומען פון דער באַן־סטאַנציע! אינגאַנצן דריי טראַקטאָרס. אין מיין לעבן האָב איך די שטאָלענע ברואים ניט געזען. געטראַכט: ווי וועט דיר אַ טראַקטאָר שניידן, אַקערן? אָן אַ סאָכע גאָר? אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז מיט יעדן גליד פון קערפּער דאַרף מען פילן די מאַמע־ערד, אַניט וועט זיך איר ברכה אָפּטאָן פון אונדז. אָבער אַז די דריי טראַקטאָרס זענען אַרויסגעפאָרן אין פעלד און האָבן גענומען שניידן ברייטע פּאַסן פון דער מוטערל־ערד, זענען אָפּגעווישט געוואָרן איין מעזשע נאָך דער אַנדערער. אויס מיינס־דיינס! דעמאָלט ערשט איז מיר דאָס האַרץ איינגעפאַלן. פאַרפאַלן אונדזער אַלט לעבן!

— נו, וואָס־זשע? בענקסטו טאַקע נאָך די אַלטע צייטן?

— וואָס רעדט איר? וואָס איז דאַרטן צו בענקען? ניטאָ די אַלטע זאָרגן. ווי שרייבט די וואַנט־צייטונג: „אָן אַקציאָנער בין איך אין אונדזער קאָלכאָז.“ עס איז מיינס, ווי יעדערנס. ניין, נאָכן אַלטן בענק איך ניט...

דער אַלטער, וואַסילי, האָט זיך גענומען אויפראַמען דעם צימער און אַפּאַנאַס גריגאָרענקאָ איז געבליבן זיצן איינער אַליין. די אויפגעוועקטע זכרונות האָבן שוין ניט אָפּגעלאָזט:

. . . קליין איז געווען דער אָנהויב און שווער איז געווען דער לאַנגער וועג! וויפיל עגמת־נפש און מאַטערנישן עס האָבן דאָס געהאַט די בויער! פון אַלע זייטן שטערענישן, אָפּהאַלטענישן. שווערער פון אַלץ איז אָבער געווען איבערצוברעכן די איינבילדעניש פון די פּויערים, זייער איינגעשפּאַרטקייט. איין זאַך האָבן זיי געהאַלטן אין איבערחזרן: צו וואָס דאַרפן מיר די נייע פּאַראַנדקעס? אונדזערע זיידעס, עלטער־זיידעס האָבן זיך זייערס געלעבט און מיר וועלן שוין אַזוי אויך אויסלעבן די יאָרן.

אַפּאַנאַס דערמאָנט זיך ווי ער האָט גערעדט צו זיי אויף זייער אייגענער פּויערשער שפּראַך:

— איר אַלע געדענקט ווען אין יעדן הויז איז געשטאַנען אַ באַזונדער שפּינדל. איר געדענקט ווי שווער עס איז אָנגעקומען יעדער אַרשין לייוונט. אַ קיילעכדיק יאָר פון שווערער פּראַצע, און דער רעזולטאַט — עטלעכע צענדליק אַרשין לייוונט. אָבער אַז עס זענען אַרויסגעקומען די נייע שפּינדל־שטולן און זיי האָבן זיך פאַראייניקט צעשטעלט אין איין גרויסער פאַבריק, — האָט לייוונט גענומען גיין!...

אַפּאַנאַס דערמאָנט זיך אָן אַנדער פאַרזאַמלונג. ער האָט פאַר די פּויערים געשילדערט דעם נייעם פאַרמעסט, פאַרטריבן די פינצטערניש פון זייערע אויגן:

— די גיגאַנטישע בויאונג, וואָס אונדזער לאַנד וועט דורכפירן: דער דניעפּראָסטראָי אויפן דרום, דער וואָלכאָוסטראָי אויפן צפון, די זאַוואָדן אויפן אוראַל און אויף דער וואָלגאָ, זיי וועלן איבעראַנדערשן דאָס גאַנצע לאַנד. און איר אַליין קענט ווערן די בויער פון אונדזער ליכטיקער צוקונפט. אויב עס איז נאָר פאַראַן דער ווילן צו לערנען, אַרבעטן און בויען — וועלן מיר עס דערגרייכן. האָבן מיר דען ניט צעשלאָגן די וויס־גוואַרדייצעס? האָבן מיר דען ניט צעקלאַפּט אין שטויב די אַלע שונאים? אויב מיר האָבן דאָס געקענט טאָן מיט הוילע הענט, אויסגעמאַטערטע פון לאַנגע יאָרן קריג, פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר ניט קענען בויען אין פרידן? ברידער! וואָס וועט זיין אייער ענטפער? ווער פון אייך וויל בלייבן שטעקן אין דעם אַלטן? ווער וויל וואָגן צו אַ נייעם לעבן? ווער?...

און ווי צעצונדן און צעשטורעמט פון די נייע וויזיעס האָט דער עולם זיך אַ וויג געטאָן, און עס האָבן זיך געהויבן הענט.

— פאַרשרייב מיך, גריגאָרענקאָ! כאָטשבי מאָרגן וועל איך אַריינטרעטן אין קאָלעקטיוו! — האָט אויסגערופן מאַרטינאָוו.

און ס׳האָט זיך אויך אויפגעהויבן סטעפּאַנענקאָ, אַ יונגער פאַרמעגלעכער פויער, צו וועמען אַ סך האָבן אַרויפגעקוקט: „פאַרשרייב מיך אויך, חבר גריגאָרענקאָ.“ נאָך סטעפּאַנענקאָס איינשרייבן האָבן זיך שוין אַ סך, אַ סך פאַרשריבן. און אַזוי האָט דער קאָלכאָז „די רויטע דעסנאַ“, אָנגעהויבן מיט דער קאָמונע פון דעקלאַסירטע יידן פון „ניי־לעבן“ און אַרומגעכאַפּט אַלץ ברייטערע און ברייטערע שטרעקעס, האָט איינגעשלונגען יערעמענקאָס כוטאָר און דעם צוקער־זאַוואָד מיט זיינע פעלדער, האָט אָוועקגעשפּאַנט איבער וועלדער...

איגנאַט יערעמענקאָ איז צוגעקומען צום גאַנעק, וואו גריגאָרענקאָ איז געזעסן:

— גוט מאָרגן, חבר פאָרזיצער!

— גוט מאָרגן, חבר בריגאַדיר! — האָט גריגאָרענקאָ אים געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— די אויפגאַבעס פון טאָג זענען פאַרטיק?

— פאַרטיק.

גריגאָרענקאָ האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַריינגעגאַנגען אין פאַר־וואַלטונגס־צימער. איגנאַט איז אים נאָכגעגאַנגען. וואָסיל האָט אויפגעהערט צו ראַמען.

אַפאַנאַס האָט דערלאַנגט איגנאַטן אַ פאַרשריבענעם בויגן פּאַפּיר.

— אַ נו, לאָמיר עס אָנקוקן. די טראַקטאָריסטן שטייען גרייט, וואַרעמען די מאַשינען.

— ניט אַביסל צופיל ? — האָט איגנאַט געפרעגט, דורכקוקנדיק דעם פּלאַן פאַרן טאָג.

— ניט צופיל. די צייט איז קורץ. מען מוז אויסנוצן דעם גוטן וועטער. לייג צו אַ פּליִיצע.

איגנאַט האָט אַ שמיץ געטאָן מיטן פּאַפּיר איבער די כאָלעוועס פון די שטיוול :

— גוט. מיר וועלן עס אויספירן.

באַגלייט פון אַפאַנאַסעס אויפמונטערנדיקן שמייכל, איז ער אַרויס.

וואַסיל האָט מיט די אויגן באַגלייט איגנאַטן ביז ער איז אַרונטערגעגאַנגען פונעם גאַנעק.

— אַ גוטער אַרבעטער, דער איגנאַט. די אַרבעט ברענט ביי אים אונטער די הענט. ער גיט אַ טרייב די שטאָלענע פּערדלעך, דעמאָלט, דאַכט זיך, ציטערט די ערד אונטער אים.

— אַ גוטער אַרבעטער. ניט אומזיסט איז ער דער הויפּט פון דער טראַקטאָר־בריגאַדע.

— און איך האָב אים שטענדיק געהאַלטן פאַר אַ שונא פון אונדזער זאַך. אַלץ צוגעקוקט זיך צו אים מיט חשד. אַ קולאַק, ער וועט קיינמאָל אַנדערש ניט ווערן. ווי אַ וואָלף וועט אים ציען צום וואַלד, צו זיין אייגענעם כוטאָר. און איצט . . . ניט פאַרשטענדלעך.

אַפאַנאַס האָט צופרידן זיך צוגעהערט צו וואַסילס רייד. אָט דער וואַסיל, מיט זיין איינפאַכקייט און דירעקטקייט, האָט שוין ניט איינמאָל אַפאַנאַסן אַרויסגעפירט אויף ערנסטע באַטראַכטונגען. — יאָ, איגנאַט ! דאָס וואָס ס'איז פאַרגעקומען מיט איגנאַטן איז דאָך אַזוי ביישפּילדיק.

אַפאַנאַס דערמאָנט זיך ווי דאָס איז פאָרגעקומען :

איגנאַט איז געקומען צוריק פון פאַרשיקונג. ער איז צוריקגעקומען פון „בעלמאָסטראָי" און געבראַכט זיינע פּאַפּירן. די ג.פּ.או. האָט באַשטעטיקט : איגנאַט יערעמענקאָ האָט זיך אויסגעצייכנט אויף דער אַרבעט פון בעלמאָ־סטראָי. ער האָט דאָרט מיט זיין אַרבעט פאַרן אויפבוי פון דעם סאָציאַליס־טישן פאָטערלאַנד זיך פאַרדינט, אַז ס'זאָלן צוריק אויפגעשטעלט ווערן זיינע רעכט און זיינע פריערדיקע חטאים זאָלן אים אָפּגעווישט ווערן.

ער, איגנאַט, האָט דאַן גערעדט און דערציילט, ווי ס'האָט אים געצויגן אַהיים. ניט צום אייגענעם כוטאָר זיינעם, נאָר צו טאַטיאַנאַן. ער האָט זיך מיט איר געהאַט גע'גט, ווען ער איז פאַרמשפּט געוואָרן צו פאַרשיקונג. נאָר

דאָס האַרץ האָט געבענקט... און דאָרט, אויף זיין פאַרשיקונג, האָט ער טיף אין זיך אַ סך איבערגעלעבט. ער האָט דערזען זיינע טעותן. טאַטיאַנאַ איז אים אין זיין דמיון דערשינען ווי אַ וועג־ווייזערין, ניט ווי אַ פרוי... ער איז איצט גאָר אַן אַנדערער.

איגנאַטס ווערטער האָבן אויף אַפאַנאַסן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. איצט, אַזוי טראַכטנדיק וועגן דעם, דערמאָנט זיך אַפאַנאַס, ווי זיין אייגן האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן, בעת איגנאַט האָט אַזוי וואַרעם, כמעט מיט פאַרהייליקונג, גערעדט וועגן טאַטיאַנאַן. ער האָט דאַן ביי זיך געטראַכט: „זע נאָר, אַט דער בעל־תשובה איז שוין באַלד בעסער פון מיר אַליין..."

פון דער אַנדערער זייט האָט אים זיין שטעלע אין סאָוועט צוגעוואוינט צו קוקן מיט פאַרזיכטיקייט אויף יעדן בעל־תשובה. וואָרים פון דערפאַרונג האָט ער געוואוסט, אַז ניט אַזוי גרינג קומט אַן דעם אַלטן קולאַקישן דיבוק אַרויס־צוטרייבן... דאַן האָט אַפאַנאַס געזאָגט צו איגנאַטן: „רעדסט פיין. גוטע רייד. דאַך, ס'וואָלט גוט געווען ווען דו שרייבסט אַן דיין חרטה. גיב איבער אויפן פאַפיר אַלץ, פאַרבאַרג גאָרניט, וועלן מיר זען...

עס איז אַריבער אַ וואָך, צוויי. אַפאַנאַס האָט זיך אַלץ צוגעקוקט צו איגנאַטן. געווען איז איגנאַט גאָר אַן אַנדער מענטש. קיין סימן פון פאַר־ביטערונג. פאַרקערט: ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי בליק פון אונטער די אַנגעסופּעטע ברעמען איז איצט אַזוי לויטער. ער האָט ליב געהאַט די אַרבעט. מיטן טראַקטאָר האָט ער אַרודעוועט זייער גוט. געקענט אים פאַנאַנדערנעמען, פאַרריכטן. נאָר דער פאַרדאַכט, וואָס איז ביי אים געווען איינגעוואָרצלט צו יענעם איגנאַט פון אַמאָל, האָט אַלץ ניט אָפּגעלאָזט.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז איגנאַט געקומען צו אַפאַנאַסן און געבראַכט אַ גערדיכט־אָנגעשריבענעם העפט. ער האָט עס אים דערלאַנגט:

— אַט האָסטו וואָס כ'האָב אַריינגעשריבן. אַלץ דערציילט, ווי דו האָסט געוואָלט. לייען, וועסטו זען. צוגעמאַטערט זיך אַביסל, אַ שווערע זאַך דאָס שרייבן, — אָבער אַט איז עס.

איגנאַט האָט געגאַרט אַז מען זאָל דערזען ווי אמתדיק ער איז.

איצט דערמאָנט זיך אַפאַנאַס וואָס פאַר אַ טיפן איינדרוק דאָס פאַרשריבענע האָט געמאַכט אויף אים. דאָרט האָט איגנאַט דערציילט:

„...די רעוואָלוציע האָט מיך געטראָפן אין דייטשישער געפאַנגענשאַפט. געזעסן בין איך פאַרשפּאַרט אין אַ לאַגער פאַר רוסישע מלחמה־געפאַנגענע אינאיינעם מיט נאָך הונדערטער סאָלדאַטן, ווי איך. מען האָט אונדז שלעכט געשפּייזט. דאָס עסן האָט קוים געסטייעט איינצוהאַלטן די נשמה אין זיך. מיר האָבן, טעג גאַנצע, אַרומגעבלאָנקעט ווי שאָטנס. געבעטלט רחמנותדיק

ביי די פאַרבייגייער אַ שטיקל ברויט, אָן איבערבלייב פון אַ ניט־דעררויכערטן פאַפּיראָס. ניט איינמאָל האָבן אונדז די דייטשן אין פּנים געשפּיגן, באַליידיקט. מיר האָבן געליטן און זיך צוגעקוקט, ווי אייניקע גייען אויס ממש ווי ליכט.

„די בענקשאַפט נאָך דער היים איז געווען שטאַרק ביי אַלעמען.

„גאַנצע נעכט פלעג איך חלומען פון מיין כוטאָר. כ׳פאַרמאַך די אויגן — זינק באַלד אין אַ תהום . . . און אָט שווימען אַרויס פאַר מיר די ערטער, וואָס איך האָב געלעבט מיט זיי פון מיין קינדהייט אָן. אָט זע איך פאַר זיך אונדזער כוטאָר: די פעלדער, די לאָנקעס, די דעסנאַ, דעם וואַלד . . . אָט זע איך פאַר זיך אונדזער שטוב: דעם פעטן, גוט־שמעקעדיקן באָרשטש, וואָס מיין ווייב, טאַטיאַנאַ, דערלאַנגט מיר; די שטיקער רינדן־פלייש, דעם פעטן חזיר־פלייש, די שמאַנט פון מילך . . . אַזוי פלעגט זיך מיר חלומען, אָבער די וואָר פלעגט מאַטערן: פּוסטע חלומות.

„די נייעס פון דער רעוואָלוציע האָט אונדז דערפרייט. שוין ניט ווייט איז דער סוף פון אונדזערע ליידן. באַלד וועלן מיר זיך אומקערן אַהיים. איך האָב געגומען האָפן, אַז באַלד וועל איך, ווי אַמאָל, ווידער זיין דער באַלעבאָס פון מיין אייגענעם לעבן. כ׳וועל מיין פעלד פאַרבעסערן, וועל באַקומען פּריצישע ערד, וועל צוקויפן נאָך אָקסן . . .

„די חברים אין לאַגער האָבן אָנגעהויבן הייסע דיסקוסיעס וועגן דער צוקונפט פון רוסלאַנד. און דאָ זענען מיר אַלע געווען צעטיילט. די פּויערים האָבן רק גערעדט וועגן די פּריצישע גיטער. יעדערער האָט גיריק נאָך גע־טראַכט וועגן די נייע צוגעטיילטע ערד־חלקים. דאָן זיינען צווישן אונדז געווען אויך אַזוינע, וואָס האָבן אויסגעלייגט פּלענער פאַר פּאַרטייען. מען האָט זיך אַרומגעריסן, אַרומגעאַמפּערט.

„אָט די אַלע דיסקוסיעס זענען מיך ווייניק אָנגעגאַנגען. איין זאַך האָט מיך געאַרט: מיין כוטאָר און מיין אָנגעהאָרעוועט פאַרמעגן זאָל בלייבן מיינס! איך וועל קומען צוריק צו מיינע פעלדער, וועל אַרויסגיין פאַרטאָג מיט די אָקסן אַקערן, און זאָל זיך די וועלט רודערן! איך האָב מיר מיינע פעלדער, מיינע אָקסן, מיין אַרבעט, מיין טאַטיאַנאַ . . .

„און אָט זענען מיר שוין אויף דעם וועג צוריק אַהיים. שוין אויפן וועג האָב איך דערפילט, אַז דאָס נייע איז ניט ווי איך האָב געמיינט. ס׳איז עפּעס אַנדערש. איך האָב געטראָפן מענטשן, וואָס זענען געווען פאַרביטערט. ספיקות האָבן מיך גענומען נאָגן, אָבער איך האָב זיי אָפּגעשטופּט פון זיך. זאָל איך נאָר קומען צוריק אַהיים. אַלץ וועט זיך שוין דאָרט אויסגלייכן.

„און אָט בין איך שוין אינדערהיים. פון דערווייטנס זע איך מיין כוטאָר. איך קוק צום קוימען — ער רויכערט זיך ניט. עס איז שטיל אַרום. די

פּעלדער שטייען ניט באַארבעט. אַט שטיי איך שוין ביי דער טיר. דאָס האַרץ קלאַפּט. איך עפן זי אויף. עס איז טונקל און שטיל אינעווייניק ווי אין אַ מדבר. איך האָב גערופן, געזוכט מיין פרוי, טאַטיאַנאַן, אָבער איך האָב זי ניט געפונען.

„האָב איך געוואַרט און געוואַרט און אין האַרצן איז אַריין אַן אימה. בין איך אַוועק צו דער שטאַל. די קי שטייען און מאַלעגיירען, דאָס פערד איז ניטאָ. געלאָפן צוריק אין שטוב. ערשט מיין פאָטער איז געלעגן און געשלאָפן. איך האָב אים קוים דערקענט. אַזוי אַלט איז ער געוואָרן. כ׳האָב אים אויפגעוועקט און זיך געלאָזט דערקענען צו אים.

„ער האָט זיך פאַרוואונדערט און אַזוי ווי דערשראָקן מיך אָנגעקוקט. באַלד איז ער מיר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז און זיינע אַלטע אויגן האָבן געגאָסן טרערן. דערנאָך זענען מיר ביידע אַריין אין גרויסן צימער, געקניט פאַר דעם בילד פון גאָטס מוטער און געזאָגט תפילה.

„וועגן טאַטיאַנאַן האָט ער ניט געוואָלט רעדן. בלויז די ליפּן זיינע האָבן זיך שטיל באַוועגט. דערנאָך האָט ער מיר אַנטפּלעקט דעם סוד: טאַטיאַנאַ האָט זיך „צונויפגעשמעקט” מיט אַן אַנדערן. און מיט וועמען? — מיט אַ דייטש!... פון אים אַ קינד געהאַט... ערגעץ אין שטעטל איז זי.

„מיר איז ביטער געוואָרן. איך האָב זיך פון ווייטיק אָנגעטרונקען און בין אַוועק אין שטעטל. בין געגאַנגען זי שלאָגן, פאַר די האָר שלעפּן, צוריק אין כוטאָר!

„אַז איך בין געקומען אין שטעטל און דערזען טאַטיאַנאַן, האָט דאָס האַרץ ביי מיר אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן. אַ וואַרעמע כוואַליע האָט אין מיר אַ פלייץ געטאָן. אַ ליבשאַפט אין מיין נשמה איז אויפגעוועקט געוואָרן. איך בין שוין געווען גרייט איר אַלץ צו פאַרגעבן, אַבי צוריק צו זיין מיט איר, אַבי דאָס אַלטע גוטע לעבן זאָל צוריק איינגעשטעלט ווערן. אָבער אַז זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן און מיך אָנגעקוקט, האָט מיר אַ שניט געטאָן אין האַרצן. עפּעס איז זי גאָר אַן אַנדערע. עפּעס קוקן אירע אויגן אַזוי קאַלט און פרעמד.

„כ׳האָב זיך צעהיצט, געוואָלט זי איבערוועלטיקן מיט געוואַלט. אָבער עפּעס אַ מאָדנע כוח האָט מיינע הענט איינגעהאַלטן. עפּעס האָב איך דערפילט: ניטאָ שוין מער ביי מיר די אַמאָליקע שליטה איבער איר.

„דערנאָך בין איך צו איר אַהיים געגאַנגען. זי איז געקומען פון דער אַרבעט און איז ווידער געוועזן, דאַכט זיך, צוגעלאָזן ווי די אַמאָליקע טאַטיאַנאַ, מיין ווייב... נאָר אַז איך האָב אויף צו־מאָרגנס זיך צערעדט מיט איר וועגן צוריקגיין צו מיר, האָב איך זיך אָנגעשטויסן גאָר אויף אַן אַנדער טאַטיאַנאַ.

ווידער איז זי געווען די זעלביקע, וואָס נעכטן, בעת איך האָב זי געטראָפן אין סאָוועט. דער מאַן, דער כוטאָר, באַלעבאַטישקייט — דאָס אַלץ איז איר געווען ווייט און פרעמד. וואָס פאַר אַ טייוול האָט זיך אין איר פאַרקליבן? ניט פאַר־שטענדלעך איז דאָס מיר געווען, פרעמד. און ווער איז אין דעם אַלץ שולדיק? — האָב איך מיר געטראַכט — די באָלשעוויקעס, די נייע פאַראָנדקעס, די נייע לערעס, און אַ כעס האָט זיך אין מיר אויפגעהויבן. ניט גוט, ניט גוט — האָב איך צאָרנדיק גערעדט.

„פון דעמאָלט אָן האָב איך געהאַסט די סאָוועטן. ביי מיר איז רעכט געווען דאָס אַלטע לעבן. זאָל זיין אַפילו אַ צאַר. אַלץ וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געטאָן, האָט פאַר מיר ניט געטויגט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אויפגעטאָן, איז געווען: צעשטערן, צעברעכן און באַ־רויבן דאָס אָנגעזאַמלטע פאַרמעגן פון דורות. אָבער זיי אַליין וועלן גאָרניט קענען אויפבויען. אַלץ וועט גיין צו חורבן. און אָט אויף יענעם טאָג פון באַנקראָט האָב איך געוואַרט. אויף יענעם טאָג האָב איך געהאָפט. און געמיינט האָב איך, אַז אין יעדן אָרט זע איך באַשיינפערלעך, ווי עס קומט און גייט די פולשטענדיקע רואינע.

„איך האָב געזען און געהערט: מען האָט אַגיטירט די פויערים, זיי זאָלן אָפּגעבן די מותרות פון קאַרטאָפל, ווייל די אַרבעטער אין די שטעט הונגערן. זיי האָבן עס געדאַרפט צושטעלן צו דער באַן. פון אָנהייב זענען די פויערים געווען איינגעשפּאַרט. ניט צוגעשטעלט. דערנאָך האָט די אַגיטאַציע דאָך געווירקט און זיי האָבן די קאַרטאָפל צוגעשטעלט צו דער באַן. עטלעכע טעג איז די קאַרטאָפל געלעגן און געוואַרט מען זאָל עס אָנלאָדן אין די וואַגאָנעס און אָפּפירן צו די שטעט. אָבער די וואַגאָנעס זענען ניט אָנגעקומען. דערווייל האָט אַ פרעסטל געכאַפּט. קיינער האָט די קאַרטאָפל ניט איינגעדעקט. ווער זאָל דער קאָפּ דאַרן? ס'איז דאָך ניט אונדזערס מער! ס'איז דאָך דער רעגירונגס — זאָל זי זיך זאָרגן! און די קאַרטאָפל זענען געלעגן און גע־פרוירן. איך האָב זיך דאַן געריבן די הענט פון הנאה: „רעכט אויף אייך!"

„און אַזוי איז געווען אומעטום. אין שטאָט האָט מען צונויפגענומען די מאַשינען ביי די קוסטאַרן. זיי געטריבן דורך דעם אויפן „טאָלטשאָק". געזאָגט האָט מען, אַז מען וועט פאַבריקן פאַר זיי אויפשטעלן. זייַנען אַוועק וואָכן — און גאָרניט. דערווייל זענען די מאַשינען רואינירט געוואָרן. כ'האָב ווידער געזען, אַז איך בין גערעכט.

„די פויערים האָט מען איינגערעדט: „גייט אין דער קאָמונע. דאָרט איז אייער רעטונג. קאָלכאָזן בויט. מען וועט אייך העלפן מיט הלוואות, געבן אייך טראַקטאָרס, שנייד־מאַשינען, דרעש־מאַשינען." אָנגעהויבן האָט מען מיט

צונויפטרייבן אין אַלגעמיינע שטאַלן די פויערישע אויסגעהאָרעוועטע פערד, אָרעמינקע בהמות. קיין איין ריכטיקער באַלעבאָס איז דאָרטן ניט געווען. אַלץ האַלעדריגעס. אין די שטאַלן זענען די פערד געשטאַנען ניט אַנגעטרונקען אין צייט. די רוקנס זענען געווען אָנגעריבן פון ניט־צוגעפּאַסטע כאָמוטן. זייערע קעפּ זענען אַראָפּגעהאַנגען. אויך דאָ האָב איך געזען, ווי אַלץ גייט צו גרונט. צו גרונט גייט די גאַנצע באַלעבאַטישקייט. און אַלץ ווייל ס'איז ניטאָ קיין באַלעבאָס. אָן אַ באַלעבאָס קען מען זיך ניט באַגיין. ס'הייסט, אָן קולאַק וועט מען זיך ניט באַגיין. ווייל אַ קולאַק מיינט: אַ גוטער באַלעבאָס. אָן אים וועט מען דאָס לאַנד ניט אַרויספירן פון גרוב. אָן אים וועט אַלץ חרוב ווערן.

„אַזוי זיכער בין איך געווען אין דעם, אַז איך האָב געדולדיק איבער־געטראָגן די אַלע סאָוועטישע פאַראָרדענונגען. איבערגעטראָגן — און גע־וואַרט... מיין חלק ערד האָט מען געשניטן, האָב איך פאַרקלעמט די ציין און געשוויגן. כ'האָב אָבער אַ סך פון דער תבואה באַהאַלטן. און ווען די פויערשע אָרעמקייט איז דערנאָך געקומען, אויסגעגראָבן מיין אָפּגעשפּאָרטן ברויט פון די גרובן און עס אָפּגעשריבן, דעמאָלט האָב איך שוין ניט אויסגעהאַלטן. ס'האָט געפּלאַצט מיין געדולד. איך האָב געכאַפּט אַ דובינע און מיט דעם אויפן אָרט אָוועקגעלייגט סענקאָ קוזמינען.

„מען האָט מיך געמשפּט און פאַרשיקט אויף פופצן יאָר. נאָך איך האָב אויף מיינע מעשים קיין חרטה ניט געהאַט. ס'איז אין מיר אַלץ געוואַקסן די פאַרביטערונג. אין טורמע פלעג איך זיך נאָכפרעגן ביי די נייע אַרעסטאַנטן, וואָס עס טוט זיך אויף דער פריי. איך האָב אַלץ געזוכט אַ באַשטעטיקונג פאַר מיינע טראַכטונגען, אַז די באַלשעוויקעס גייען מיט שנעלע שפּאַנען צו זייער סוף. און האָט עמעצער דערציילט עפּעס אַנדערש — האָב איך ניט געגלויבט.

„אַזוי זענען פאַרביי פינף יאָר.

„איינמאָל האָט מען אונדז אַלעמען צונויפגערופן אין ברייטן הויף פון טורמע. און אַ „טשעקיסט" האָט געהאַלטן פאַר אונדז אַ רעדע. אַזוי און אַזוי, חברים־אַרעסטאַנטן, מען גייט בויען אַ קאַנאַל, און איר וועט זיין די בויער. דער קאַנאַל וועט צונויפבינדן דעם ווייסן ים מיטן באַלטישן ים. ער האָט אַרויסגענומען אַ גרויסע לאַנד־קאַרטע, געפירט מיטן שטעקעלע איבער דעם און באַוויזן, וואו דער קאַנאַל וועט פליסן, ווי ער וועט איבעראַנדערשן די גאַנצע וויניק־אַנטוויקלטע געגנט.

„מיר, אַרעסטאַנטן, האָבן זיך צוגעהערט מיט אומגלויבן. דער עולם האָט געחוזקט: באַלשעוויסטישע מעשיות... איינער האָט אַפילו אַ פרעג געטאָן: „נו, סאָציאַליזם האָט איר שוין אויפגעבויט?"

„דער עולם האָט שטאַרק געלאַכט. נאָר דער טשעקיסט איז גאָרניט

נתפעל געוואָרן און געענטפערט, אַז דאָס טאַקע וויל מען בויען. דער קאַנאַל, האָט ער געזאָגט, איז אויך סאָציאַליזם; אַז דאָס איז פאַר אונדזער אייגענער טובה וועגן, אַז מיר קענען אויסקויפן מיט גוטער אַרבעט אונדזערע פאַר־ברעכנס קעגן דער אַרבעטער־מלוכה און דערנאָך אַרויסקומען נייע, פרייע בירגער.

„און אָט האָט מען אונדז צוזאַמענגענומען און געפירט. די וואָך איז געווען ניט קיין שווערע. איך האָב געגומען טראַכטן פון מאַכן פליטה. אָבער וואוהין? אויב ניט אין מיין כוטאָר, אויב אין אַ קאָמונע אַריין — איז מיר אַלץ איינס ווי אין טורמע.

„מיר זיינען אַריין אין וואַגאָנעס און אָפּגעפאָרן צו דער אַרבעט. איך האָב זיך געגומען צוקוקן צו די פאַרביילויפנדיקע פעלדער, דערפער, סטאַנציעס. צוגעקוקט זיך ווי מענטשן גייען אָנגעטאָן. ערשט איך האָב דערזען: דער חורבן אין לאַנד איז גאָרניט ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט. עס זיינען, פאַר־קערט, פאַראַן נייע הייזער, נייע שטאַלן, נייע פאַרקאָנעס. אויף די סטאַנציעס האָב איך געזען אַ סך נייע וואָקזאַלן. די פראַכט־הייזער זענען געוואָרן אויס־געברייטערט מיט נייע פלאַטפאָרמעס. און מענטשן האָב איך דערזען מיט אויפגעהויבענע קעפּ, מיט שמייכלענדיקע פּנימער, אין נייע קליידער.

„אַזוי גאָר? הייסט עס — עס בויט זיך פאָרט! דעם ערשטן ברוך אין מיין קעגנערשאַפט צו די סאָוועטן האָב איך דערפילט אויפן וועג.

„אָבער אַז מיר זענען אָנגעקומען אויפן פּלאַץ, האָב איך ווידער איינגעזען, ווי גערעכט איך בין פריער געווען. אומעטום זענען געווען אָנגעוואָרפן קלעצער, אָנגעהורדעטע קאַסטנס, באַראַקן — ניט־דערבויטע. איך האָב אַלץ גע־טראַכט, אַז עס פעלט אַ באַלעבאָס, אַז ס'איז ניטאָ קיין אָרדענונג.

„אין דער כמורנער וואַלדיקער סביבה, צווישן פרעמדע מענטשן, האָב איך זיך דערפילט שרעקלעך איינזאַם. איך האָב בייז גענומען טראַכטן, אַז דאָס האָבן „זיי" ספּעציעל אויסגעטראַכט אַ גיהנום, כדי די אַרעסטאַנטן אומ־צוברענגען. דאָס איז בלויז אַזאַ מין קאַטאָרגע, האָט זיך מיר גענומען דאַכטן. און ווידער האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַנטלויפן, לויפן דורך די וועלדער. און אויב ס'איז אמת, וואָס איינער האָט דערציילט, אַז הינטער די וועלדער געפינט זיך פינלאַנד, איז דאָך די רעטונג גאָר נאָענט. אַזוי האָב איך געטראַכט.

„מען האָט גערופן אין באָד. די געביידע פון דער באָד איז געווען אָן אַ זייט פון די וואוינונג־באַראַקן, און פון דער טיר האָט געשלאָגן גערדיכטע פאַרע. אַ טשאַדיקער רויך איז געגאַנגען פון קוימען, און די ברעגן פון דער טיר זענען געווען באַוואַקסן מיט ווייס אייז.

„איך בין געגאַנגען אינאייִנעם מיט די אַנדערע, האָב זיך אויסגעטאָן אין פּאַדערצימער און אַריין אינעווייניק. דורך דער פּאַרע האָב איך געזען נאַקעטע געשטאַלטן. מיר איז געוואָרן נאָך מער אומהיימלעך. ווער זענען די פּאַר־נעפּלטע הוילע לייבער? ביסלעכווייז האָב איך דורך דער פּאַרע געגומען דער־קענען געזיכטער. וואָס פאַר אַ פאַרשיידנקייט פון פעלקער! אויף דער פּאָד־לאָגע זענען געזעסן בוריאַטן און האָבן געטרונקען הייסן טיי. אין אַ זייט האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען עטלעכע טורקמענער, אין אַן אַנדער ווינקל איז געווען אַ גרופּע יידן. איך האָב באַמערקט, אַז יעדע נאַציאָנאַליטעט, אַפילו נאַקעטערהייט, האַלט זיך דאָ נאָענט איינער צו דעם אַנדערן.

„ווען איך בין אַרויס פון באָד האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מען האָט צו־גענומען פון מיר מיין לעצטע פּויערישקייט פון אַמאָל. מען האָט מיר דער־לאַנגט פרישע וועש און קליידער פון אַרבעטער־לאַגער, וואָס האָבן געשמעקט מיט קאַרבאָלקע און אַנדערע דיזינפעקציעס. און כאָטש מיין אַלטער הילוך איז שוין געווען גוט צעטראָגן, האָב איך זיך דאָך דערפילט באַרויבט פון מיין לעצטן אַנהאַלט, און דאָס האָט מיך געמאַכט פילן טרויעריק און נאָך מער אויסגעוואָרצלט.

„דערווייל איז צוגעפאַלן אָוונט. מען האָט אונדז, די ביי־אָנגעקומענע, גע־באָדענע אַרעסטאַנטן, געפירט עסן וועטשערע. מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע באַראַקן. פון ערגעץ־וואו האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון אַ האַר־מאָשקע. אַלט־באַקאַנטע קלאַנגען האָבן דערמאָנט טעג פון דער גליקלעכער פאַרגאַנגענהייט. עס זענען אויפגעשוואומען אין זכרון די פּאַהוליאַנקעס אין דאָרף. דאָס האַרץ אין מיר האָט געוויינט. ווידער האָב איך געטראַכט וועגן אַנטלויפן.

„אַ באַזונדערער באַראַק האָט געדינט צו שפּייזן די אַרבעטער אין לאַגער. מיר האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט ביי די לאַנגע טישן. איך האָב אַלץ געקוקט אויף די פּנימער פון מיינע שכנים און זיך ניט געקענט פאַנאַנדערקלייבן: ווער זענען זיי? עפּעס האָב איך מורא געהאַט פאַרן פרעמדן שטאָטישן מענטשן. און כאָטש מיר זענען אַלע געווען אָנגעטאָן אין דעם זעלבן אָנטועכץ פון אַרבעטער־לאַגער, האָט זיך מיר פאַרט אַלץ געדאַכט, אַז דאָס זיינען שטאָטישע אַרעסטאַנטן, און אַז אַלע שטאָטישע אַרעסטאַנטן זענען גנבים, שווינדלער. עפּעס האָט מיך אָפּגעשטופּט פון זיי. מיר האָט זיך געטראַכט: זיי זענען טאָקע דאָ פאַר פאַרברעכנס. אָבער איך לייד דאָ אומזיסט. איך לייד פאַר מיין זאַך. איך וויל זיין, ווי געווען, אַ פּויער, מיט אַ כוטאָר, מיט אַ היים, און „זיי", די באָלשעוויקעס, לאָזן ניט.

„מען האָט דערלאַנגט דאָס עסן. טאָצן הויך־אָנגעשניטענעם שוואַרץ־ברויט. איך האָב אויסגעצויגן מיין האַנט און פאַרכאַפּט עטלעכע גרויסע

שטיקער ברויט. נאָך אייניקע פון די ניי־אָנגעקומענע האָבן געטאָן דאָס זעלבע.
„די אַלטע אַרבעטער האָבן אויף אונדז אַ קוק געטאָן מאָדנע.
„— כאַפּן איז ניטאָ צו וואָס, — האָבן זיי געזאָגט. — מען וועט געבן געגנוג צום עסן. אַרבעט נאָר.
„דערנאָך האָט מען אויסגעשטעלט טעלער. דער קוכער האָט אויף רעדלעך צוגעפּירט אַ קעסל גוט־שמעקעדיקן באָרשטש און אָנגעגאָסן יעדערן אַ פולן טעלער. גוטער באָרשטש געווען. כ'האָב געבעטן נאָך אַ טעלער. מען האָט מיר עס געגעבן. דערנאָך האָט מען דערלאַנגט פלייש. איך האָב געגעסן צו זעט. אויפן מאָמענט איז מיר די שווערקייט אַרונטער פון האַרצן און מיט אַ לייכטערן געמיט בין איך געגאַנגען צו מיין באַראַק שלאָפן.
„די וואוינונגס־באַראַקן זענען אַלע געווען ענלעך איינער צום אַנדערן. לאַנגע הילצערנע געביידעס, איבעווייניק צעטיילט אין באַזונדערע קעמערלעך, ווי די צימערלעך אין אַ וואַגאָן פון אייזנבאַן. אין יעדן צימערל — פיר בעטלעך, צוויי אונטן און צוויי אויבן. איבער דער גאַנצער לענג פון באַראַק איז געווען אַ לאַנגער קאָרידאָר, וואָס האָט זיך אויסגעברייטערט אינמיטן. דאָרטן, אינמיטן באַראַק, איז געווען אַן אייזערן אויוועלע מיט בלעכענע רערן, וועלכע האָבן זיך געצויגן איבער'ן הויך. ס'איז אין באַראַק געווען וואַרעם.
„ווען איך בין אַריין, זענען אַרום אויוון געזעסן אַרבעטער פאַרטיפט אין אַ שמועס. דאָך האָט מען זיך באַלד אומגעקוקט אויף מיר, מיך פריינטלעך אויפגענומען און זיך נאָכגעפרעגט ווער איך בין. זיי האָבן מיר אָנגעוויזן מיין פּלאַץ און געזאָגט: מען בויט אַ נייעם באַראַק. אַז ער וועט פאַרטיק ווערן, וועט זיין באַקוועמער.
„איך האָב באַדאַנקט און האָב זיך געלייגט אויף מיין נייעם געלעגער. און כאָטש איך בין געווען מיד פון דעם גאַנצן אומבייט: פון דער רייזע, פון דעם באָדן זיך און אַפילו פון דעם שווערן מאָלצייט, דאָך האָב איך ניט געקענט איינשלאָפן. איך האָב זיך מיט נייגעריקייט צוגעהערט ווענן וואָס די אַרבעטער רעדן דאָס אַזוי היציק ביים אויוועלע. מאָדנע רייד. אומפאַרשטענדלעכע: וועגן אויספילן די אויפגאַבעס, וועגן איבערשטייגן און איבעריאָגן די אַנדערע אַרטעלן, דערהויפּט: „איבעריאָגן!"
„איך האָב אַוודאי געמוזט שטאַרק איינשלאָפן, ווייל איך האָב ניט געהערט דעם סוף פון זייער געשפּרעך. ווען איך האָב זיך שפּעטער אויפגעכאַפּט, איז ביים אויוועלע שוין קיינער ניט געווען. אין באַראַק איז געווען פינצטער. בלויז פון אויוון האָט נאָך געשלאָגן עטוואָס ליכט.
„איך האָב זיך אויפגעזעצט. מיין שכן אויף דער אַנדער זייט איז קענטיק אויך ניט געשלאָפן. ער האָט זיך אויפגעהויבן, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף

דער האַנט און אָנגעהויבן רעדן מיט מיר. צווישן מיר און אים האָט זיך פאַר־בונדן אַזאַ געשפּרעך: ער האָט געזאָגט:

„— אַ פּרישער?

„— ערשט היינט אָנגעקומען.

„— שוין לאַנג אַרעסטירט?

„— שוין עטלעכע יאָר.

„— וואָס הערט זיך עפּעס אויף דער פריי?

„איך האָב איינגעשטעלט און געזאָגט: — זיי רואינירן אונדז אַלעמען.

„— ווער ביזטו? אַ פּויער?

„— אַן אמתער, ריכטיקער פּויער.

„— אַ קולאַק?

„דאָס וואָרט „קולאַק" אין זיין מויל האָט געקלונגען ניט באַליידיקנדיק. דאָך האָט עס מיר ווי געטאָן. שטענדיק האָבן זיי נאָכגעשיקט דאָס וואָרט „קולאַק" ווי אַ באַשולדיקונג. כ'האָב געשוויגן.

„— פאַרוואָס האָט מען דיך אַרעסטירט? — האָט ער ווייטער געפרעגט.

„— פאַר אויסבאַהאַלטן דעם קאָרן און פאַר קעגנשטעלן זיך דער מאַכט.

„— וואָס הערט זיך עפּעס דאָרטן? אויף דער פריי? מען זאָגט: זיי בויען אַ סך.

„— בויען? איך גלויב ניט.

„— דאָך! מען שרייבט אַזוי פיל אין די גאַזעטן!

„— באָלשעוויסטישע אויסטראַכטענישן.

„— דו ביזט דאָך אַ סך אַדורכגעפאָרן. האָסטו גאָרניט געזען?

„כ'האָב אַ מינוט געשוויגן און דערנאָך געזאָגט: „יאָ, געזען אַ פּאָר נייע הייזער, אַ פּאָר נייע פאַרקאַנעס."

„ער האָט זיך אַ בויג געטאָן צו מיר און געזאָגט:

„— אָט דאָס איז עס, ברודערל! מיר זענען געשלאָגן. זיי בויען, זיי האָבן אַ פּלאַן. און מיר? מיר זענען אָפּגעראַמטע, באַזייטיקטע. פאַר אונדז איז געזינטער שלום צו מאַכן. פאַרשטייסט? שלום מאַכן!

„דעם שכנס רייד האָבן געוואונען מיין צוטרוי. דאָך האָט מיין האַרץ זיך נאָך גע'עקשנט קעגן אים.

„מיר האָבן ביידע אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָב איך אים אַ טאָרקע געטאָן:

„— וואָס איז דאָרטן הינטער די וועלדער? עמעצער האָט געזאָגט: פינ־לאַנד. איז עס אמת?

„— און אַז פינלאַנד, איז וואָס? וואָס קומט דיר פון דעם אַרויס?

„— דערקלייבן זיך אַהין, אַט וואָס. אַנטלויפן אויף דער פריי.
„דער שכן האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:
„— ווייסט ניט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ קירצערער וועג צו דער פריי?
„איך בין געבליבן געפּלעפט: — וואָס, אַ קירצערער?
„און דער שכן האָט געזאָגט:
„— יאָ, אַ קירצערער. אַז דו וועסט גוט אַן אַרבעט טאָן ביים קאַנאַל, זיך אויסצייכענען, וועסטו אַרויס פריי און נאָך מיט אַ באַלוינונג דערצו!
„מער האָבן מיר ניט גערעדט. דער שכן איז איינגעשלאָפן. מיר איז שווערלעך געווען צו פאַרמאַכן די אויגן. זיינע רייד האָבן מיך אַזוי ווי צעשפּאָלטן.
„עס איז נאָך געווען גאַנץ פינצטער ווען דער גלאָק האָט געקלונגען. די טיר האָט זיך גענומען עפענען און פאַרמאַכן. יעדעס מאָל פלעגט אַריינשטראָמען קאַלטע לופט. איך האָב אויפגעציטערט. ניט פריילעך איז מיר געווען אויפן האַרצן: נאָך גאַנצע צען יאָר אַזוי?!... נאָר טראַכטן קיין סך איז קיין צייט ניט געווען. כ׳האָב זיך, ווי די אַנדערע, געוואַשן און אָנגעפּעלצט אויף זיך אַלץ וואָס כ׳האָב געקענט, און געגאַנגען אינאיינעם מיט די אַנדערע טרינקען טיי. דער וואַרעמער טיי מיטן פרישן ברויט האָט דערוואַרעמט די ביינער. דער שלאָף איז פון זיי אויסגעדרונגען.
„דער בריגאַדיר איז צוגעקומען צו מיר.
„— אַ ביייער נאָך?
„— נעכטן געקומען.
„— וואָס קענסטו?
„— אַ פּויער בין איך. אין באַלעבאַטישקייט האָב איך אַלץ געטאָן.
„— און סטאָליאַרעווען קענסטו?
„— ס׳איז אויסגעקומען אויך דאָס צו טאָן אין באַלעבאַטישקייט.
„— גוט!... פּעטרונקין! — האָט ער אַ רוף געטאָן.
„עס איז צוגעקומען דער פּעטרונקין — אַ מיטל־וואוקסיקער, געפּאַקטער פּויער, מיט אַ פריינטלעכן פּנים. ער האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס.
„— גוט זעמליאַק! — האָט ער וואַרעם געזאָגט. — נעם דאָרטן דאָס קעסטל געצייג.
„מיר איז געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. פּעטרונקין, האָט זיך מיר געדאַכט, איז אַן אייגענער. ער האָט מיר אויסגעקוקט זייער פּויעריש.
„מיר האָבן זיך געשטעלט בויען אַ באַראַק. די ווענט זענען שוין געווען פאַרטיק. איצט האָט מען געלייגט די קראָקוועס פון דאַך. אַן אַרבעט, וואָס מיר איז אָפט אויסגעקומען צו טאָן אינדערהיים.

„פון אָנהויב האָב איך געאַרבעט אָן חשק. פעטרונקין האָט מיך אָפט צוגעמוטיקט, אָבער אָן באַפעלערישקייט. גיכער זענען עס געווען פריינטלעכע עצות צו אַן אָנפאַנגער. אינגיכן בין איך אַליין אַריינגעפאַלן אין דעם אימפּעט פון דער אַרבעט.

„צום האַלבן טאָג זענען מיר פּאַרטיק געוואָרן מיט די קראַקוועס. מיר האָבן אַוועקגעלייגט דאָס געציייג און זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען. מען האָט געבראַכט עסן, — און טאַקע גוט געקעכטס. פעטרונקין איז געווען פריילעך און גוט צו מיר. ער האָט געהייסן מיר געבן נאָך אַ פּאַרציע, און מיר געקלאַפּט אויף דער פּלייצע, אַז איך בין עס ווערט, אַז איך קען די מלאכה.

„דעם אַנדערן האַלבן טאָג האָט זיך מיר געאַרבעט אַ סך פריילעכער. מיך האָט נאָר געמאַטערט: וואָס פאַר אַן אַרבעטער־לאַגער איז דאָס? דו אַרבעטסט דאָ כמעט ווי פאַר זיך. קיינער שטייט דאָ ניט איבער דיר מיט דער בייטש, אָדער נאַגאַיקע. מען שפּייזט דיך גאָר מענטשלעך. מען היט ניט יעדן טראָט דיינעם. דער געדאַנק וועגן „אַנטלויפן" האָט ביי מיר גענומען צערונען ווערן. אַ נייער געדאַנק האָט זיך גענומען אויספּיקן: אפשר קען מען דאָ אויך לעבן?... דאָס ערשטע מאָל, זינט איך בין געווען אַרעסטירט, האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ חשק צו באַנעמען זאַכן. איך האָב דערזען עפּעס נייעס.

„איך האָב זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו די מענטשן אַרום מיר. כ'האָב געוואוסט, אַז יעדערער פון זיי איז דאָ פאַר אַ פאַרברעכן. אָבער מאָדנע: אייניקע פון זיי אַרבעטן מיט אַזוי פיל איבערגעגעבנקייט, אַקוראַט ווי דער קאַנאַל וואָלט געווען זייער אייגנס.

„און וואָס איז דאָס פאַר אַ קאַנאַל? איך האָב זיך גענומען צוקוקן צו די בילדער און דיאַגראַמען פון קאַנאַל, וואָס זענען געהאַנגען אויף דער וואַנט פון שפּייז־צימער באַראַק. אַזעלכע בילדער און דיאַגראַמען האָט מען געקענט זען אומעטום, נאָר איך פלעג זיך פריער צו זיי ניט צוקוקן.

„איין גרויסע לאַנגע קאַרטע האָט געוויזן דעם לאַנגן וועג פון ווייסן ים. דער וועג האָט זיך געצויגן אַרום נאָרוועגיע, דורך דעם באַלטישן ים ביז לענינגראַד. די לענג פון וועג איז געווען זעקס הונדערט מייל און האָט געדויערט זיבעצן טעג. אָבער אַ ליניע מיט רויטן האָט געוויזן דעם נייעם קורצן וועג. מען דאַרף בלויז דורכשניידן צוויי הונדערט און פערציק קילאָמעטער פון שטיין און בלאָטעס און די גאַנצע פּאַרלאָרענע, האַלב־פּוסטע געגנט וועט אויפלעבן. עלעקטרישע סטאַנציעס וועלן אויפגעבויט ווערן. אַלץ וועט פליסן דורכן קאַנאַל. אין קאַרעליע איז דאָ אייזן, קופּער, גאָלד, גראַניט צום בויען.

„אין מיר האָט זיך צעשפּילט אַ גראַנגלעניש: יאָ גלויבן, ניט גלויבן?

איך בין צעריסן געוואָרן פון די ווידערשפּרעכנדיקע געפילן אין מיר. פון איין זייט האָט מיין איינגעפונדעוועטער ניט־גלויבן מיך געמאַכט צווייפלען אין די אַלע בילדער און דיאַגראַמען. פון דער צווייטער זייט, אָבער, האָב איך גענומען גאַרן צו דערגרונטעווען זיך צום אמת. אפשר טאַקע יאָ? אפשר בויט זיך טאַקע? איך האָב אַזוי ראַנגלענדיק זיך מיט זיך אַליין באַשלאָסן ניט צו סאַבאָטאַזשעווען, נאָר צו אַרבעטן, העלפן.

„אין יאַנואַר־חודש זיינען דאָך די טעג קורצע. די קעלט איז גרויס. די אָפּטע זאַווערוכעס בלענדן די אויגן. איך, אינאיינעם מיט נאָך טויזנטער אַזעלכע ווי איך, האָב געגראָבן דעם קאַנאַל־גרונט. אַ טייך האָט מען געהאַט פאַרשפּאַרט מיט אַ דאַמבע. און דעם דעק פון דער טייך האָבן מיר געמאַכט טיפער, די זייטן אויסגעגלייכט. הילצערנע צווייאיקע ווענט זענען אויסגעוואַקסן ביי די זייטן. אין די שפּאַלטן פון די צווייאיקע ווענט, אויף יעדער זייט טייך, האָט מען אַריינגעגאָסן בערג מיט צעמענט. דרילן האָבן געבויערט די שטיינער, זיי אויפגעריסן מיט דינאַמיט. די טאַטשקעניקעס האָבן אָנגעלאָדן זייערע טאַטשקעס און איבער אַ שמאָלן הילצערנעם וועג געפירט אַרויפצו. די שלעפּ־קראַנען האָבן אויפגעהויבן די שווערע שטיינער און זיי אַריינגעוואָרפן אין די „פאָרדן“ — די וועגענער אויף צוויי רעדער מיט צוויי פערד אין שפּאַן.

„אַזוי האָבן מיר געאַרבעט ביז פרילינג. איך האָב געזען, ווי די גאַנצע געגנט הויבט אָן אָנצונעמען אַן אַנדער אויסזען. עס שיילט זיך אַרויס דער אָנבליק פון קאַנאַל. דאָך טיף אין מיר איז נאָך אַלץ געווען אַ ניט־גלויביקייט. ס'איז עפּעס אַ ווילד בויען, וואָס מען בויט. ס'וועט זיך ניט איינגעבן. און איינמאָל, אין אַ נאַכט, האָט זיך טאַקע אויסגעדאַכט, אַז איך בין גערעכט. עס איז אַזוי געווען: די פרילינג־וואַסערן האָבן אָנגעפילט די דאַמבע ביז די ברעגן. מען האָט געפּרואווט אָפּציען דאָס וואַסער, נאָר ס'האָט ווייניק געהאָלפן. דאָס וואַסער האָט געהאַלטן אין איין צוקומען. אינמיטן נאַכט האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער קרעכץ. די דאַמבע ברעכט איין. די אַלע באַראַקן זענען אויפגעציטערט געוואָרן. מענטשן זענען געלאָפן צו דער דאַמבע פון אַלע זייטן. דער אינזשענער ווילענטשיק איז שוין געווען אויפן פּלאַץ. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בלויז אַ קליינער טייל פון דער דאַמבע האָט זיך דורכגעריסן. מען איז געלאָפן, געבראַכט זעק, לאָפּעטעס. מען האָט פיבעריש אָנגעפילט די זעק. אַ לעבעדיקע קייט פון טויזנטער מענטשן האָבן די זעק איבערגעגעבן צו מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען ביזן האַלדז אין קאַלטן וואַסער און האָבן אונטער דער אָנווייזונג פון אינזשענער פאַרלייגט דעם דורכרייס.

„דער קאַמף קעגן דורכרייס האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק.

„און אָט איז ענדלעך געקומען דער טאָג, ווען דער קאַנאַל האָט געדאַרפט

געעפנט ווערן. און מען האָט זיך געגרייט צו דעם ווי צום גרעסטן יום־טוב. מיט צוויי טעג פריער האָט מען אויפגעריסן די לעצטע דאַמבע, וואָס האָט פאַר־שפּאַרט דאָס וואַסער. איצט האָט זיך דאָס וואַסער אַלץ מער און מער געהויבן. דער קאַנאַל האָט זיך גענומען אָנפילן.

„די ערשטע שיף דאַרף דורכפאָרן. מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף דער לענג פון קאַנאַל. אַלעמענס אויגן זענען אָנגעשטרענגט געווען צו דער זייט, פון וואַנען עס האָט געדאַרפט אָנקומען דער ערשטער פּאַראַכאָד. און אַט האָט זיך פון ווייטנס באַוויזן אַ שוואַרצער פלעק. דער עולם האָט איינגעהאַלטן די אָטעמס. ביסלעכווייז האָט זיך די שיף אַרויסגעשיילט אין פולער פּראַכט. אויסגעפּוצט מיט פאָנען און פאַרשיידענע פּלאַקאַטן, מיט אַ יום־טובדיק אָנ־געטאָענעם עולם פון די פירער, אינזשענערן און סתם אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער אַרבעט, אויף דער אויבערשטער דעק, איז די שיף גרויסאַרטיק און מיט רואיקייט געשוואומען פאַראויס.

„אַ מאָדנע פרייד האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. אַ שטאָלץ. די לופט איז פאַרהילכט געוואָרן מיט הורא־געשרייען. די היטלען זענען געפלויגן אינדער־הויך. די בריגאַדירן האָבן זיך געוואָרפן קושן מיט די שלאָגלער. ביי אַנדערע זענען טרערן פון פרייד געשטאַנען אין די אויגן.

„— אָט איז עס! אונדזערס! אויפגעבויט! אונדזערס!

„אויך איך האָב זיך געפרייט. בין גערירט געווען ביז דער טיפעניש פון מיין נשמה. נאָר אַז איך בין געקומען אין באַראַק און געבליבן מיט זיך אַליין, האָב איך זיך דערפילט אויסגעליידיקט, אינגאַנצן אָן כחות, און עס איז מיר געוואָרן זייער טרויעריק אויפן האַרצן. הייסט עס: ס'אַרבעט דאָך פאָרט. קען טאַקע זיין, אַז זייערע רייד וועגן סאָציאַליזם זענען ניט קיין באָלשעוויסטישע אויסטראַכטענישן? קען דאָך טאַקע זיין, אַז זיי האָבן עפּעס אַ פּלאַן און עס וועט טאַקע יאָ אַרבעטן. אויף וואָס־זשע האָב איך געהאַפט? צוליב וואָס געקעמפט? דאָס אייגענע לעבן זיך רואינירט? אָך, ביטער איז מיר דאַן געווען, ביטער! מיט קיין ווערטער קען איך ניט איבערגעבן וואָס איך האָב דורכ־געטראַכט, דורכגעלעבט און דורכגעליטן אין אָט יענעם חודש פון פאַרענדיקן דעם קאַנאַל ביז צו מיין באַפרייאונג.

„מיך האָט געמאַטערט אַ ווייטיק, אַ מיטלייד צו זיך אַליין, נאָר איך האָב זיך ניט געשאַנעוועט. פאַרקערט: איך האָב אַליין געריסן פון זיך פאָסן און ס'איז מיר אַזש טרויעריק געוואָרן: איך האָב דאָך געקענט, ווי אַ וואָרעם, אָפּלעבן אַ לעבן גראַבנדיק מיט די אָקסן אין דער ערד, אין דער צייט ווען איך קען, ווי טויזנטער אַנדערע, ווערן דער בויער פון גרויסע זאַכן. און פאַר־וואָס האָב איך זיך אַזוי, ביז בלוט, געקלאַמערט אָן דעם אַלט־איינגעשטעלטן

פויערשן לעבן? דאָס אַלטע פויערשע לעבן האָט דאָך אַזוי פאַרשקלאַפט, אַז עס איז קיין צייט ניט געווען צו לערנען, צו טראַכטן. איצט ערשט האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין טאַטיאַנאַן, און זיך דערפילט שולדיק קעגן איר. זי האָט דערזען אַ ברייטערן הימל, און איז אַוועק לערנען זיך פאַר אַגראָנאָם. אָבער איך?...

„און דעמאָלט האָב איך איינגעזען: אַליין האָב איך מיין לעבן רואינירט. און . . . מיין גאַנצער האַס צו די באָלשעוויקעס איז אויסגערונען געוואָרן. ערשט דאַן האָב איך אָנגעהויבן באַנעמען אין וואָס זייער כוח באַשטייט. נייע געדאַנקען האָבן גענומען אַריינדרינגען אין מיין קאָפּ. איך האָב זיך דער־מאָנט די רייד פון אַ רעדנער, וואָס האָט אַמאָל צו אונדז אַזוי גערעדט: „די באָלשעוויקעס האָבן אַרויסגעפירט דאָס אָרעמע פויערשאַפט פון שווערן פינצטערן לעבן, און עס גענומען פירן צו דער ברייט; פאַנאַנדערגעבונדן די שטריק, וואָס האָבן דאָס געהאַלטן דורות־לאַנג געפּענטעט: צעריסן די אַלטע קייטן און די אַלטע געוואוינהייטן, — האָבן פון דער טיף גענומען שלאָגן גרויסע פאָלקס־קרעפטן, און ס'האָט זיך גענומען אויפהויבן אַ נײַ און גרויס לעבן...”

„אַמאָל, אַז איך האָב געהערט די רייד, זענען זיי מיר בלויז פאַרביי פאַר די אויערן... איצט אָבער האָבן זיי זיך שוין צעקלונגען אין מיינע אויערן און זיך גענומען אַריינזאַפּן אין מיין האַרץ אַריין.

„און עס האָבן זיך גענומען וועבן אין מיין מוח נייע בילדער. דאַכט זיך די פּלאַקאַטן אויף דער וואַנט, די דיאַגראַמען האָבן גענומען רעדן צו מיר. און אָט האָט אין מיין דמיון די גאַנצע געגנט אויפגעלעבט פאַר מיר. איך האָב געזען פאַר זיך, ווי עלעקטרישע סטאַנציעס, מיט טויזנטער ליכט־לעמפּלעך, רייסן אויף די פינצטערניש; איך האָב געזען זעג־מילן, וואָס שניידן דעם אוראַלטן וואַלד. איך האָב דערזען נייע ישובים, וואו פריער האָט געהערשט אַ וויסטעניש, און נייע קאָלכאָזן מיט זייערע ברייט־פאַנאַנדערגעוואָרפענע פעל־דער; איך האָב דערזען אייזנבאַנען, וואָס ווערן געבויט. און אַלץ פון וועמען? טאַקע פון אונדזערע פויערים! מיין האַרץ האָט באַשלאָסן: איך וועל ווערן איינער פון זיי. איך האָב געוואָלט פאַרבלייבן אין דער נייער, זיך אויפבויענ־דיקער געגנט, אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט מיך אויך געצויגן צוריק אַהיים, צו טאַטיאַנאַן. איך האָב געוואָלט פאַר איר עפענען מיין האַרץ... און ווען מען האָט מיך באַפרייט, האָב איך געבעטן, אַז מען זאָל מיך שיקן אויף טראַקטאָר־קורסן, כדי דערנאָך צו קומען צו טאַטיאַנאַן אינגאַנצן אַ באַנייטער.

„אָט דאָס איז עס וואָס מיט מיר האָט זיך פאַרלאָפן. אָנגעשריבן — פיל איך זיך איצט אַזוי גרינג, אַזוי גוט...”

**
*

אַפּאַנאַס גריגאָרענקאָ האָט אַוועקגעלייגט דאָס העפטל און איז לאַנג געזעסן אומבאַוועגלעך, אַריינגעטאָן אין רעיונות. איגנאַטס ווידוי האָט אים טיף גע־רירט. אָט דאָס איז די עכטע רוסישע נשמה: אויב ליב האָבן — איז מיט דעם גאַנצן האַרץ! אויב ליידן — איז פאַר אַ גערעכטער זאַך. אויב דו האָסט דעם אמת געפונען, — טאָ זשאַלעווע ניט זיך מקריב צו זיין פאַר אים...

איצט איז זיין געפיל פון אייפערזוכט צו איגנאַטן אינגאַנצן אָפּגעשטופּט געוואָרן. איגנאַט איז מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן אין זיינע אויגן. אויף צו־מאָרגנס, ווען איגנאַט איז, ווי געוויינלעך, געקומען צו דער אַרבעט, האָט אים גריגאָרענקאָ באַגעגנט מיט אַ סך וואַרעמקייט.

— נו, אַ דאַנק דיר, איגנאַט יעפּימאָוויטש. באַפרייט האָסטו מיך פון אַ סך זאָרג. דערפרייט מיין האַרץ. וועסט אפשר נעמען אויף זיך צו זיין דער בריגאַדיר פון אונדזער טראַקטאָר־קאָלאָנע? די קאָלכאָזניקעס זאָגן: אַ טראַק־טאָריסט ביזטו אַ גוטער. די ערד ציטערט אונטער דיר בעת דו פאָרסט אַרויס אין פעלד מיטן טראַקטאָר.

אויף איגנאַטס פּנים האָט זיך צעלייגט אַ צופרידענער שמייכל. ער האָט געזאָגט:

— ליב האָב איך די שטאָלענע „פערדלעך". מאָדנע אַפילו צו טראַכטן: ווי האָב איך עס געקענט אַמאָל נאָכגיין שפּאַן נאָך שפּאַן די לאַנגזאַמע אָקסן: צאָב־צאָבע, צאָב־צאָבע. יאָ, אַן אומגעדולדיקער בין איך געוואָרן. טאַקע שפּעט געקומען צום שכל און איצט דאַכט זיך מיר: אַזוי פיל אַרבעט נאָך פאַראַן צו טאָן...

— נו, גוט אַזוי! גראַטוליר איך דיך, חבר בריגאַדיר.

— איך דאַנק דיר, חבר פאָרזיצער, — האָט איגנאַט געזאָגט אין זעלבן טאָן און געדריקט גריגאָרענקאָס אויסגעשטרעקטע האַנט.

ביידנס אויגן האָבן זיך געטראָפן. אין ביידנס בליקן איז געווען די אָפנ־קייט און גוטזעליקייט פון דער באַנייטער רוסישער נשמה.

קאַפּיטל זעכצן

אין אָוונט פון דעם זעלביקן טאָג זענען אַפאַנאַס גריגאָרענקאָ און אַבראַשאַ פינקל געגאַנגען צו טאַטיאַנאַן.

טאַטיאַנאַ, וואָס איז איצט געווען אַגראָנאָם פון קאָלכאָז „די רויטע דעסנאַ", האָט געוואוינט איינע אַליין אין אַ פיינער שטוב מיט אַ גרויסן אָפענעם גאַנעק. דאָ, האָבן זיי געוואוסט, וועלן זיי טרעפן די יוגנט. דאָ פלעגט אויך איגנאַט יערעמענקאָ זיין אַן אָפטער גאַסט.

די ערשטע צייט, נאָך איגנאַטס צוריקקומען, פלעגן זיינע באַזוכן זיך לייגן טאַטיאַנאַן ווי אַ שווערע לאַסט אויף איר געמיט. זי האָט נאָר־וואָס געהאַט פאַרבונדן זיך מיט פריץ בענדערמויער אין דייטשלאַנד. פריץ האָט איר גע־שריבן באַגייסטערטע בריוו. באַלד, באַלד וועט ער קומען צו איר, צום זון, און זיי וועלן זיך ווידער צונויפקומען. דער זון וועט מער ניט זיין אָן אַ פאָטער. איר טרוים וועט פאַרווירקלעכט ווערן...

טאַטיאַנאַ ווייסט ניט וואָס עס האָט געטראָפן, נאָר די בריוו זענען פלוצים אָפגעהאַקט געוואָרן. פריץ האָט אויפגעהערט צו שרייבן. דאָך האָט זי יעדן טאָג געוואַרט אויף דער בשורה, אַז פריץ קומט צופאָרן...

און גראָד דאַן איז איגנאַט געקומען. טאַטיאַנאַ האָט אים באַגעגנט ווי אַן אַלטן פריינט, אָן ביטערקייט. מער ווי פריינטשאַפט צו אים איז ניט געווען אין איר האַרץ, אָבער אין זיינע אויגן האָט זי געזען די אַלטע געפילן צו איר. ער פלעגט אָפזיצן ביי איר שטונדן־לאַנג אַ שווייגנדיקער, און זי האָט געוואוסט וואָס עס גליט ביי אים אויף דער נשמה. נאָר וואָס האָט זי געקענט טאָן? זי האָט געפילט: צווישן זיי שטייט נאָך אַלץ אַ מחיצה.

אַזוי האָבן זיך טעג, מאָנאַטן און יאָרן גערוקט. צווישן טאַטיאַנאַן און איגנאַטן האָט זיך איינגעשטעלט אַ וואַרעמע פריינטשאַפט. די באַגערן האָבן זיך אָפגעקילט. ביידע האָבן געהאַט מער פאַרשטענדעניש און איינזעעניש איינער פאַרן צווייטן.

ווען גריגאָרענקאָ און פינקל זענען צוגעקומען צום גאַנעק האָבן זיי דער־זען, אַז זיי האָבן זיך ניט אָפגענאַרט. פונוויטנס נאָך האָבן זיי דערהערט דאָס פריילעכע געלעכטער פון סאָניע קראַנץ.

זי, סאָניע, די טאָכטער פון דער אַמאָליקער היטלמאַכערין, אסתר קראַנץ,

איז איצט דאָס ווייב פון דעם שוין־דערוואַקסענעם אַנדרעי, טאַטיאַנאַס זון. זי איז צוריקגעקומען פון שטאָט, וואו זי האָט זיך געלערנט, און איז איינגעשטאַנען ביי איר שוויגער, טאַטיאַנאַ. אַנדרעי אַליין איז געווען אין דער אַרמיי. צוליב איר, צוליב סאַניען, פלעגט זיך דאָס אַהער צונויפקלייבן די יוגנט, וואָס פלעגט יעדן זומער קומען אַהיים אויף וואַקאַציע און צולייגן אַ האַנט צו דער אַרבעט פון קאָלכאָז. העגט האָבן דעמאָלט, אין די זומער־מאָנאַטן, שטענדיק געפּעלט און די אַרבעט האָט געברענט...

די זון האָט זיך געזעצט. אויף די אָפּגעריסענע דיבע וואָלקנדלעך האָבן זיך ראָזיק געשפּילט די נידעריקע שטראַלן. דער בייטאָגיקער קאָך פון דער אַרבעט איז אָפּגעשטאַרבן. נאַכט־רואיקייט און פרידלעכקייט איז געווען אַרום.

טאַטיאַנאַ איז געזעסן און זיך צוגעקוקט צו דער פריילעכער, אימפּעטיקער יוגנט. זי האָט געטראַכט: וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע יוגנט דאָס איז! מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט און רואיקייט זיי קוקן עס אין דער צוקונפט אַריין. און עס האָט זיך איר דערמאָנט איר אייגענע, אין טרויער פאַרגאַנגענע, קינדהייט און יוגנט.

די יוגנט האָט דערזען די אָנקומענדיקע און מען איז שטיל געוואָרן.

— און אָט האָסטו דיר די גאַנצע יוגנט! אָרגאַניזיר זיך פון איר אַ דראַמאַטישע סעקציע, — האָט גריגאָרענקאָ געזאָגט צו אַבראַשאַן און דערביי אָנגעקוקט די יונגע מענטשן מיט וואַרעמקייט.

די יונגעלייט האָבן זיך פאַנאַנדערגערוקט. אָפּגעגעבן די געסט צוויי שטולן און באַלד זיי אַרומגערינגלט נייגעריקע, אויפגעלעבטע:

— וואָס עפּעס גאָר מיט אַמאָל אַ דראַמאַטישע סעקציע? צי דען איז איצט די צייט צו שפּילן טעאַטער?

אַבראַשאַ האָט זיי אַלעמען אָנגעקוקט מיט זיינע גוטמוטיקע, עטוואָס־קורצזיכטיקע אויגן:

— איר ווייסט דען ניט? מיר האָבן דאָך איצט אַ יובילייט. עס ווערט פּונקט פופצן יאָר זינט אונדזער קאָלעקטיוו האָט זיך געגרינדעט. ווי עס איז דאַרף מען די דאָזיקע געלעגנהייט יום־טובן. חבר גריגאָרענקאָ שלאָגט פאָר דורכצופירן אַ פייערלעכע פאַרזאַמלונג מיט געזאַנג, דעקלאַמאַציעס און אַ טעאַטער־שפּיל. נו, וואָס־זשע זאָגט איר, חברה?

— דאָס קאָן מען דאָך אָבער ניט מאַכן באַלד. מען מוז זיך פריער צוגרייטן כאָטש אַ וואָכן דריי־פיר. אַניט וועלן מיר דאָך די שכנישע קאָלכאָזניקעס אין די אויגן ניט קענען קוקן.

— גוט, — האָט געזאָגט גריגאָרענקאָ. — לייגן מיר עס אָפּ אויף סוף יוני, ווען דער פאַרזיי פון די תבואות וועט שוין זיין פאַראיבער.

— אויסגעצייכנט! אָפּגערעדט! — האָבן זיך דערהערט אויפגעלעבטע שטימען.

— חבר פינקל, דעקלאַמירט אונדז דערווייל עפּעס פון אייער אַלטן רעפּער־טואַר, — האָט סאָניע קראַנץ געבעטן.

— גוט, טאַקע אַזוי! — האָבן אַנדערע אונטערגעהאַלטן.

האָט פינקל געזאָגט:

— וואָס רעדט איר, חברים? ס'איז אייך נאָך אַלץ ניט מיאוס געוואָרן צו הערן די לידעלעך פון די אַלטע? דעקלאַמירט איר בעסער פון די נייע זאַכן!

נאָר חברה איז ניט אָפּגעשטאַנען. געוואוסט: אַבראַשאַ פינקל האָט ליב צו לאָזן זיך בעטן. קוים אָבער הויבט ער אָן, ווען זיך שוין אַ שאָט טאָן דעקלאַמאַציעס, געזאַנגען, וואָס זענען עלטער פון אים אַליין. נאָר ווען אַבראַשאַ פאַלט אַריין אין אַ שטימונג און ער דעקלאַמירט, לעבן זיי אויף מיט אַזוי פיל שטאַרקייט און נשמהדיקייט, אַז זיי ווערן ניט מיד זיי צו הערן.

אַבראַשאַ פינקל און זיין פרוי, פאַניאַ סאַלאַמאַנאַוונאַ, האָבן אויך גע־וואוינט אין קאָלכאָז. ער איז דאָ געווען אַ בוכהאַלטער און זי האָט געהאַט דעם אויפזיכט איבער דעם קינדערגאָרטן. זיי האָבן חתונה געהאַט גלייך ביי דער גרינדונג פון קאָלכאָז „ניי־לעבן" און זיך באַזעצט טאַקע דאָרטן, אינאיינעם מיט אירע עלטערן.

דער אַלטער, שלמה גאָלדשטיין, האָט אין „ניי־לעבן" זיך אויפסניי גע־פונען. אַרבעט איז געווען איבערגענוג, און שוועריקייטן — אַ סך, נאָר שלמה גאָלדשטיין האָט זיי מיט עקשנות בייגעקומען. דאָס באַלעבאַטישקייט פון קאָל־כאָז איז געוואַקסן. די דעקלאַסירטע זענען געקומען צו זיך און שוין געמאַכט נייע פּלענער ווי צו פאַרגרעסערן דאָס באַלעבאַטישקייט.

איצט האָט ער, גאָלדשטיין, זיך געפונען נעענטער צו זיין איידעם אַבראַם פינקל, ווי צו זיינע אייגענע זין און שניר, וועלכע האָבן זיך אַלץ ניט געקענט צופּאַסן צום אחריותדיקן לעבן אין קאָלעקטיוו. און דווקא אַבראַשאַ פינקל, דער אינטעליגענט, האָט אויסער זיין בוכהאַלטעריע, זיך אויסגעלערנט איינ־צושפּאַנען אַ פערד, אָנלאָדן אַ וואָגן תבואה און טאָן נאָך אַנדערע אַרבעטן. נאָר איבערהויפּט איז זיין אָנוועזנקייט אין קאָלכאָז געווען וויכטיק, ווען עס פלעגן זיין שוועריקייטן און די שוואַכמוטיקע פלעגן פאַרלירן קוראַזש און זענען געווען גרייט צו אַנטלויפן. דעמאָלט איז ער געווען אַ גרויסע הילף צום אַלטן גאָלדשטיין. זיין וואָרט, זיין פעסטקייט פלעגט אַלעמענס געמיט צוריק אויפהויבן.

נאָך דעם אַלטנס טויט, האָט זיך דער קליינער קאָלכאָז „ניי־לעבן" אַריינ־געגאָסן אין גרויסן קאָלעקטיוו „די רויטע דעסנאַ", וואָס האָט זיך ערשט אָנ־

געהויבן צו בויען. אַבראַשאַ פינקל איז דעמאָלט אַריבערגעגאַנגען וואוינען ביים הויפּט־קאָנטאָר פון קאָלעקטיוו...

די יוגנט האָט אַלץ ניט אָפּגעלאָזט:

— נו־זשע, חבר פינקל, גיט אונדז עפּעס אַ נומער.

אַבראַשאַ פינקל האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן צו דעקלאַמירן זיין אַלט־באַליבטע זאַך: „סאַקיאַ מוני".

טאַטיאַנאַ האָט פון אים די אויגן ניט אַרונטערגענומען. מיט אַמאָל זענען פאַרשוואונדן די יאָרן. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלץ האָט זיך אומגעקערט און זי פילט דעם זעלביקן פלאַטער אין דער נשמה, ווי דעמאָלט, אַמאָל, ווען זי, אַ יונגע, פלעגט שטיין הינטער דער טיר פון גאַנעק און זיך צוהערן צו אַבראַשאַס דעקלאַמאַציעס. אַבראַשאַ פינקל, דער אויפמונטערער פון דער אַמאָליקער שטעטלשער יוגנט.

נאָך דער ערשטער דעקלאַמאַציע האָט מען אים שוין מער ניט געדאַרפט פיל בעטן. ער האָט שוין אַליין דעקלאַמירט און געזונגען. דערנאָך זענען גע־קומען געזאַנגען אין כאָר. ביז עס האָט זיך געעפנט אַ פענצטער פון אַ שטוב און אַ קול האָט שאַרף אויסגעשריען:

— עי, חברה, גענוג דאָרט איך די העלדזער צו רייסן! מאָרגן דאַרף מען אַרבעטן!

דער עולם איז זיך צעגאַנגען.

**
*

די פייערונג פון פופצנטן יובילי פון „די רויטע דעסנאַ" איז געווען געמאָלדן אין אַלע דערפער, וואָס האָבן באַלאַנגט צום קאָלעקטיוו. שוין מיט אַ טאָג פריער האָבן גענומען אָנקומען געסט בייצוואוינען די פייערונג. געקומען איז צומייסטנס יוגנט, וואָס האָט אָנגעפילט די גאַסן מיט געלעכטער און געזאַנג. אין קלוב האָט די דראַמאַטישע סעקציע געמאַכט די לעצטע פּראָבן. דער זאַל איז געווען אויסגעפוצט מיט בלומען און פּלאַקאַטן. איבער דער סצענע — אַ קראַנץ פון בלויע קאָרן־בלימעלעך.

אין שפּייז־צימער פון קאָלכאָז האָט מען צוגעגרייט אַ פּאַסיקן מאָלצייט, און אומעטום האָט זיך געפילט די געהויבענע שטימונג פון יום־טוב.

אינדערפרי איז דער גרויסער שפּייז־צימער פון קאָלכאָז געווען באַזעצט מיט אייגענע אַרבעטער און מיט געקומענע געסט. די ראַדיאָ האָט געשפּילט טאַנץ־מוזיק. דער עולם איז נאָר־וואָס פאַרטיק געוואָרן מיטן ערשטן געריכט, ווען די מוזיק איז מיט אַמאָל אָפּגעהאַקט געוואָרן. די ראַדיאָ איז געבליבן שטום. אַ ווייל האָט מען געוואַרט. דערנאָך האָבן זיך די בליקן מיט פאַר־

וואונדערונג און דערוואַרטונג אויפגעהויבן צו דער ראַדיאָ. די געשפּאַנטקייט איז געשטיגן... ענדלעך איז געקומען די קורצע מעלדונג פון דעם אויסרופער:

— חבר מאָלאָטאָוו, וויצע־פּרעמיער פון דער סאָוועט־רעגירונג, גייט מאַכן אַ דערקלערונג.

גלייך האָט חבר מאָלאָטאָוו גענומען רעדן:

— די סאָוועטישע רעגירונג האָט מיך באַפולמעכטיקט צו מאַכן די פאָלגנ־דיקע דערקלערונג: היינט, פיר אַזייגער אינדערפרי, אָן שום פּרעטענזיעס צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָן קיין שום קריגס־דערקלערונג, איז די דייטשישע אַרמיי באַפאַלן אונדזער לאַנד!...

אַלע ביי דער קאָלכאָז־פּייערונג זענען געבליבן פאַרשטיינערט.

— מלחמה? — האָבן אויגן געפרעגט אומגלויביק און מיט ציטער. — ווי קען עס זיין?... וואָס, דייטשן אַטאַקירן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד?

מאָלאָטאָוו האָט ווייטער גערעדט: — אונדזער זאַך איז אַ גערעכטע. דער שונא וועט ווערן צעשלאָגן. דער זיג וועט זיין אונדזערער!

— דער נאַצי וועט צעשלאָגן ווערן! — האָט אויפגעכוואַליעט ביי יעדערן אין האַרצן. ס'איז מאָמענטאַל געבאָרן געוואָרן אַן אַנטשלאָסנקייט:

— מלחמה?!... נו, מיר, וואָס קאָנען בויען, וועלן אויך מוזן קאָנען פאַר־טיידיקן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד!

אַ ווייל איז מען נאָך אָבער געזעסן פאַרגליווערט. באַלד, אָבער, האָט מען אויפגעהויבן די בליקן, ווי מען וואָלט געזוכט דעם שכנס אויגן. די אַנטריסטונג האָט זיך גענומען הויבן אַלץ שאַרפער און שאַרפער:

— פאַשיסטישע הינט! מיר וועלן אייך שוין געבן צו שמעקן פּולווער!...

— זיי האָבן אָנגעהויבן, מיר וועלן ענדיקן!...

— דערשטיקן וועלן מיר זיי, די עקדישן!...

— צום קאַמף פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד!...

דערצאָרנטע און אויפגערעגטע האָט מען זיך גענומען קלייבן אין דעם גרויסן זאַל פון קאָלעקטיוו. ס'זענען געקומען צולויפן די פרויען. דאָ און דאָרטן האָט אַן עלטערע פרוי שטיל געוויינט. אַן אַנדערע האָט זיך צע־יאָמערט. מען האָט געוואָרפן צו איר פאַרדריסלעכע בליקן, נאָר געזאָגט האָט מען גאָרניט. יעדן איינעם האָט זיך געוואָלט אַ וואָרט פון אַ טרייסטער, וואָס זאָל פאַרטרייבן די שאָטנס פון ספיקות, וואָס האָבן ערגעץ־וואו אינדערטיף געלויערט. באַלד איז אַרויסגעקומען גריגאָרענקאָ. גערעכט האָט זיך, אַז ער הינקט היינט מער ווי אַלעמאָל. מיט מער אַנטשלאָסנקייט האָט זיין הילצערנער פוס געקלאַפּט אויפן דיל. זיין פנים איז געווען אַ שוואַרצע כמאַרע. נאָר די אויגן און דאָס שטאַרק־צוזאַמענגעדריקטע מויל — שטרענג און אַנטשלאָסן —

האָבן אָנגעדייט, אַז באַלד וועט די כמאַרע אויפגעריסן ווערן מיט בליץ און שטורעם. שוין דאָס אַליין האָט געשטאַרקט. אַלע אויגן זענען געווען אויף אים. צו אים האָט מען געהאַט צוטרוי. מען האָט געוואוסט: ער, וואָס האָט אַזוי געליטן אין דער ערשטער מלחמה מיט די דייטשן, און וועלכער האָט זיין לעבן געווידמעט פאַר דעם אויפבוי פון אַ ניי לעבן, ער וועט זיכער האָבן דאָס ריכטיקע וואָרט.

און אַז ער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט זיך געדאַכט, אַז ניט קיין ווערטער וואַרפט ער, נאָר שטיקער פון זיין אויסגעווייטיקטער נשמה. שטיקער פייער־דיקן אמת, וואָס האָבן צעצונדן בלוט און מוח מיט וויזיע און גלויבן, מיט מוט און אַנטשלאָסנקייט.

— חברים קאָלכאָזניקעס! — האָט ער אָנגעהויבן. — מיר האָבן זיך היינט געקליבן צו פייערן אַ יום־טוב פון פרידלעכן אויפבוי, דעם אויפבוי פון אונ־דזער קאָלכאָז. אונדזער קאָלכאָז איז דאָך בלויז אַ קליין טיילכעלע פון דעם גרויסן אויפבוי, וואָס אונדזער לאַנד האָט אויפגעשטעלט פאַר די לעצטע פופצן־צוואַנציק יאָר. אָט דעם קאָלכאָז, אָט דאָס אַרומיקע נייע לעבן האָט איר, קאָלכאָזניקעס, געבויט מיט שווייס און בלוט! איר געדענקט נאָך גוט, ווי שווער עס איז געווען דאָס לעבן פון דעם פויער אין דעם אַלטן רוסלאַנד און ווי רואינירט דאָס פויערטום איז געווען נאָך פיר יאָר מלחמה און דריי יאָר בירגער־קריג. מיט שווערער האָרעוואַניע, ניט זשאַלעווענדיק די אייגענע לעבנס, האָט איר אויפגעבויט אַ בליענדיקע באַלעבאַטישקייט!

„איצט קומט דער שונא דאָס אַלץ צו פאַרניכטן. אונדזערע בליענדיקע פעלדער, אונדזערע יונג־פאַרזעצטע סעדער, אונדזערע שטאַלן און אונדזער מילך־ווירטשאַפט; אונדזערע טראַקטאָרס און קאָמביינען; אונדזערע נייע געביידעס און אינסטיטוציעס; אונדזערע דירות און אונדזערע קלובן, — אַלץ, אַלץ, וואָס מיר האָבן אַזוי מסירת־נפשדיק און עקשנותדיק געבויט, אָט דאָס אַלץ וויל דער שונא ביי אונדז אַוועקנעמען!...

„ער וויל פאַרכאַפּן אונדזערע פאַבריקן, וואָס זענען אונדזער שטאָלץ און אונדזער צוקונפט. מיט וויפיל מאַטערניש און אָנשטרענגונגען איז אונדז גע־לונגען אויפצובויען אָט די נייע גיגאַנט־פאַבריקן! די אימפעריאַליסטישע מלחמה, דער בירגער־קריג און די ניט־געראָטעניש פון נייַנצן־איין־און־צוואַנציק, האָט דאָך אונדז איבערגעלאָזן אַזאַ טרויעריקע ירושה!... דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען צעשטערט. די פאַבריקן זענען געשטאַנען, ווייל עס זענען ניט געווען קיין רויע מאַטעריאַלן, קיין קוילן... די הונגעריקע אַרבעטער זענען זיך צעלאָפן אין די דערפער נאָך אַ שטיקל ברויט. דער טראַנספּאָרט, די באַנען, זענען געווען רואינירט, און דאָך האָבן מיר ניט אַראָפּגעלאָזן די

העַנט. מיר האָבן אָנגעהויבן די אַרבעט פון אויפבוי מיט פולן גלויבן אין אַ בעסערער צוקונפט. מיט הוילע הענט האָב מיר אָנגעהויבן אויפצושטעלן די רואינירטע פאַבריקן. אונדז האָט דאַן געליכטיקט דער גרויסער אידעאַל פון אונדזער אומפאַרגעסלעכן לערער חבר לענין, — דער אידעאַל אויפצובויען אַ בעסער לעבן פאַר דעם האָרעפּאַשנעם מענטשן, פאַרן אַרבעטער, פאַרן פויער...

„אונדזער רעגירונג האָט אָבער תמיד געוואוסט, אַז דער שונא קוקט אויף אונדזערע אויפטואונגען מיט טייוול־בליקן. בויענדיק דאָס לאַנד, האָט די סאָוועט־רעגירונג דערביי אויך געבויט די רויטע אַרמיי. זי אויסגעשטאַט מיט בייעסטן געווער, מיט די בעסטע מאַשינען. מיר האָבן געהאָפט, אַז דער שונא וועט ניט וואַגן צו שטערן אונדזער פרידלעך לעבן, אָבער מיר האָבן אַ טעות געהאַט. ער האָט יאָ געוואַגט, נאָר עס טאָר אים ניט געלינגען!!! ער וויל אונדזערע פעלדער, אונדזער ברויט, ער וויל אונדזער אויל, ער וויל אונדזערע לעבנס! אָבער מיט אונדזערע לעבנס וועלן מיר ברעכן דעם פיינט. מיר זיינען גרייט!“

און גריגאָרענקאָ האָט מיט גרויסן עקסטאַז פאַרענדיקט:

— אַלע, ווי איינער, וועלן מיר קעמפן פאַר אונדזערע היימען, פעלדער, לאַנקעס, וועלדער! פאַר אונדזערע פאַבריקן! פאַר אונדזער ניי לעבן! מיר וועלן קעמפן ביז וואַנען די פאַשיסטישע חיה וועט צעשמעטערט ווערן, ביז וואַנען די שוואַרצע און ברוינע פלאַג וועט פאַרטריבן ווערן פון דער ערד. קיין שפור טאָר פון זיי ניט בלייבן!

— זאָל יעדערער וואַכזאַם שטיין אויף זיין פּאָסטן. זאָל יעדערער טאָן זיין חלק מיט נאָך מער אייפערדיקייט ווי פריער. אָן מורא, אָן פּאַניק. מוטיק וועלן מיר באַגעגענען אַלע געפאַרן. ס׳וועט זיין אַ מלחמה פון גאַנצן פאָלק — אַ פאָטערלענדישע מלחמה. אַ פאָלק וואָס קען אַזוי בויען, וואָס קען אַזוי גלויבן, וועט אויך קענען קעמפן! מיר וועלן פאַרניכטן דעם שונא! אונדזער זיג איז זיכער!

— און איצט, — האָט גריגאָרענקאָ זיך אַ נויג געטאָן צו די הינטער־קוליסן פון דער בינע, — איצט, חברים, גייט אָן מיט דעם פייערלעכן טייל פון אונדזער היינטיקן יום־טוב. דעם שונא וועט ניט געלינגען אונדז צו אַנט־מוטיקן.

ער איז אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרמע. זיין אָרט האָט פאַרנומען אַבראַשאַ פינקל. דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן איבער דער בינע. אויסגעפּוצט אין יום־טובדיקע קליידער איז געשטאַנען דער כאָר. חבר פינקל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. פון צענדליקער יונגע ברוסטן האָט זיך שטאַרק און מעכטיק, ווי אַן ענטפער דעם שונא, אַ הויב געטאָן אַ געזאַנג. אַ געזאַנג פון

בויער און קעמפער. די טענער פון ליד, ווי אַן אָפּקלאַנג פון גריגאָרענקאָס רעדן, האָט אויפגעהויבן די צעכוואַליעטע געמיטער פון גרויסן עולם, און אין זיי אַריינגעטראָגן מונטערקייט און קרבן־גרייטקייט. די טענער האָבן געבראַכט דעם אָטעם פון דער מוטערל־ערד און אָנגעפילט די מענטשלעכע הערצער מיט גלויבן אין אויפבוי און אין זיג.

קאַפּיטל זיבעצן

ס'איז געווען דער דרייסיקסטער טאָג אין יוני. דער ניינטער טאָג זינט די דייטשן האָבן אָנגעהויבן די מלחמה און דער ערשטער טאָג זינט אַנדרעי אָודעיענקאָ, טאַטיאַנאַס זון, איז ניט געווען אונטער פייער.

אַנדרעיס פּאָלק האָט אויפגענומען אויף זיך די ערשטע אַטאַקעס פון שונאס אָנגריף. אַכט טעג נאָכאַנאַנד האָט דער פּאָלק געהאַלטן אין אָפּשלאָגן זיינע כסדרדיקע אַטאַקעס. און דער שונא, ניט געקוקט אויף זיינע פאַרלוסטן, האָט אַלץ ניט אויפגעהערט אָנצוגרייפן. נאָך יעדער אָפּגעשלאָגענער פראָנטאַלער אַטאַקע, האָט דער שונא געזוכט צו פאַרכאַפּן די פלאַנגען מיט קלאַמערן, און אַנדרעיס פּאָלק איז געצוואונגען געווען אָפּצוטרעטן טאָג נאָך טאָג.

ערשט צום סוף פון אַכטן טאָג איז דער פּאָלק אַרויסגעפירט געוואָרן פון דעם פייער. אַן אַנדער מיליטערישע אָפּטיילונג האָט פאַרנומען דעם סעקטאָר אויפן פראָנט, כדי צו געבן די ערשטע מידע קעמפער אַביסל אָפּרו.

דער שונא איז צייטווייליק פאַרהאַלטן געוואָרן. אַנדרעי אָודעיענקאָ, מיט זיינע חברים, האָבן גערוט אין אַ קליין דערפל. דער אַנדערהאַלבן צענדליק ווייסרוסישע שטיבלעך, געבויט פון קלעצער מיט שטרויענע דעכער, איז גע־שטאַנען נאָענט צו אַ וואַלד. הינטער די הויפן, באַהאַלטנדיק זיך צווישן קוסטעס, האָט זיך געצויגן אַ טייכל.

אַנדרעיען האָט אַ ציִ געטאָן צום טייכל. זיין פליסן און זיין פליסטערן האָט אַנדרעיען דערמאָנט אָן רו, אָן פרידן... און דאָ האָט אַנדרעיען, אויף זיין גוף, גאָר געבריט דער שמוץ, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט פון די אַכט טעג בראַנד.

אַנדרעי האָט שנעל אַ וואָרף אַראָפּ געטאָן פון זיך די זאַכן, זיך אַ שווענק אָפּ געטאָן אין דעם פלאַכן שטראָמל און זיך דערפרישט. דערנאָך צוריקגעאיילט צום פּאָלק.

ס'איז געווען צייט צו עסן. די סאָלדאַטן האָבן שוין געאיילט מיט זייערע קעסעלעך צו דער מיליטערישער קיך. אַנדרעי האָט גענומען זיין קעסעלע און זיך געשטעלט אין ריי מיט די אַנדערע.

דער קוכער, סוסאַיעוו, האָט זיי באַגעגנט מיט אַ וואָזשנעם פּנים. ער האָט צוגעשמייכלט צו די ווערטלעך, וואָס יעדערער האָט געהאַט צו זאָגן, האָט אָנגעגאָסן יעדערן מיט אַ פולער האַנט און געטיילט גרויסע שטיקער ברויט.

— נו, עסט אײַך געזונטערהייט, קינדערלעך! עסט און שלאָגט גוט די פּאַשיסטן, אַ בראָך אויף זיי!

— איין בראָך איז ווייניק! — האָבן סאָלדאַטן זופנדיק אָפּגעענטפערט.

עסנדיק זיין מאָלצייט האָט אַנדרעי געטראַכט פון זיין מאַמען, טאַטיאַנאַ, און פון זיין פרוי, סאָניע. וואָס טוען זיי איצט? וואָס הערט זיך אין קאָלכאָז? ער האָט צו זיי די גאַנצע צייט ניט געשריבן. די מלחמה איז געקומען אַזוי פּלוצלונג. די שלאַכטן האָבן זיך ראַש צעפלאַקערט און עס איז קיין צייט ניט געווען צו שרייבן. איצט מוז ער זיי אָנשרייבן אַ בריוו.

אַנדרעי האָט אין רוקזאַק אויפגעזוכט אַ בלייפעדער, פּאַפּיר, אויסגעזוכט אַן איינזאַמען פּלאַץ אויפן גראָז אונטער אַ בוים, און זיך געזעצט שרייבן:

„טייערע מוטער און טייערע פרוי מיינע, סאָניע: זייט מוחל, וואָס איך האָב צו אײַך די גאַנצע צייט ניט געשריבן. היינט איז דער ערשטער טאָג, וואָס אונדזער פּאָלק איז אַרויס פון די בסדרדיקע שלאַכטן..."

און נאָך אַ ווייל טראַכטן, פאַרגעזעצט:

„יאָ, דאָס אומדערוואַרטעטע איז געשען. אַן שום פּראָוואָקאַציע פון אונדזער זייט, איז דער שונא אונדז באַפאַלן. ער איז אונדז באַפאַלן אין די פריע שעהען פון באַגינען. זיינע טאַנקען האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קעגן אונדזערע אַנטי־טאַנק באַטאַרייען. אונדזערע האַרמאַטן האָבן אָנגעהויבן צו דערלאַנגען פייער. אָט אַזוי האָב איך געקראָגן די ערשטע שלאַכט־טויפונג.

„איצט, נאָך אַכט טעג פון בסדרדיקן קאַמף, ווייס איך ווי שווער און ביטער דער געראַנגל וועט זיין, און ווי ברוטאַל און גרויזאַם דער שונא איז.

„נעכטן, נאָך אַ קאָנטר־אַטאַקע, האָבן מיר אַרויסגעשטויסן און פאַרנומען אַ דאָרף, וואו דער שונא האָט געבאַלעבאַטעוועט עטלעכע טעג. די שלאַכט האָט זיך צעפלאַקערט אין גרויען באַגינען. די דורך נאַכט אָפּגעקילטע ערד האָט געאָטעמט מיט פרישקייט. די זון האָט נאָך ניט באַוויזן אויסצוטריקענען דעם טוי פון די גראָזן, ווען מיר האָבן זיך אַריינגעריסן אין דאָרף. דאָס בילד איז געווען אַ שוידערלעכס. די הייזער האָבן געפלאַקערט. די טירן פון די שטאַלן זענען געווען ברייט צעעפנט. קיין לעבעדיקע מענטשן האָט מען ניט געזען. בלויז די בהמות האָבן אַרומגעבלאָנקעט ווי פאַרלוירן. אויף די ביימער, באַלויכטענע פון זון־אויפגאַנג, האָבן זיך געוויגט אויפגעהאַנגענע פויערים. לעבן אַ שייער איז געלעגן אַ יונגער פויער מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ און, אינעווייניק, גלייך לעבן שוועל פון שייער, אַ פאַרגוואַלטיקטע, דערהרגעטע פרוי מיט צעריסענע קליידער.

ס'האָט אויפגעכוואַליעט אַ גוואַלדיקע שנאה צום שונא, צום שענדער פון אונדזערע פרויען, מוטערס. ס'האָט זיך צעברענט אַ געפעכט. מיר האָבן

זיך אַ לאָז געטאָן און באַגעגנט די פאַשיסטן אין אַ באַיאָנעטן־אַטאַקע. צווישן די אונדזעריקע זענען שוין מער ניט געווען קיין מידע און אָפּגעשטאַנענע. אין אונדז האָט געוועלטיקט אַ שרעקלעכער כּוח. איך האָב געשלאָגן, געשטאָכן, געריסן און געטראָטן. אין מיר און פון מיר האָט געשריגן אַ שטאַרקע שטימע: אַ טויט דער גיפטיקער שלאַנג!"

אַנדרעי האָט איבערגעהאַקט און זיך פאַרטראַכט. שפּעטער האָט ער צו־געשריבן:

„. . . פאַרגיט מיר, מײַנע טײַערע. איך האָב ניט געהאַט קיין מוט אָוועק־צושיקן אײַך דעם בריוו. דו, מוטער, וועסט מיך ניט פאַרשטיין. דו וועסט ניט גלויבן, אַז דאָס שרײַבט דיר דײַן זון, דײַן אַנדרעי. אונדזערע בריוו זענען דאָך שטענדיק געווען אַזעלכע וואַרעמע, אַזעלכע האַרציקע. און מיר האָבן דאָך שטענדיק געהאַט אַזוי פיל צו זאָגן איינער דעם אַנדערן. דו, מאַמע, פלעגסט מיר שרײַבן מיט פרייד וועגן די אויפטואונגען אין קאָלכאָז „די רויטע דעסנאַ". דאָס איז געווען אַ שטיק פון דײַן לעבן און דײַן שטאָלץ. דײַן לעבן איז געווען אָנגעפילט מיט האָפענונגען און פלענער פון אויפטו, פון שאַפונג. און איצט... איצט שרײַב איך דיר גאָר וועגן טויטן, שלאָגן, טרעטן...

„און דו, סאָניע? מיט וואָס פאַר אַ פרייד פלעגסטו מיר דאָס שרײַבן וועגן דײַנע טעג אין אוניווערסיטעט! געחלומט פון דעם גליקלעכן טאָג, ווען דו וועסט ענדיקן דײַנע שטודיעס און טראָגן דײַן קענטעניש צום מענטש. און איצט... איצט מוז איך שרײַבן בלויז פון און וועגן פאַרוויסטונג. ווי דער שונא לאָזט אַלץ אָוועק מיט פײַער: די שול־געבײַדעס פאַר אונדזערע קינדער, די שפּיטאָלן, די קלובן פאַר דער יוגנט, די פּרוואָוו־אַמבולאַטאָריעס, — אַלץ וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן מיט אַזוי פיל מי, אַזוי פיל שווייס און בלוט, ווערט פאַרניכטעט. . . ."

***

„. . . איך האָב ווידער ניט באַוויזן צו ענדיקן מײַן שרײַבן און אָוועק־שיקן אײַך דעם בריוו. אונדזער טייל איז ווידער אַרײַן אין שלאַכט. מיר טרעטן צוריק, אָבער דער שונא דאַרף טײַער צאָלן פאַר יעדן שפּאַן ערד. איך ווייס ניט, טײַערע מאַמע און טײַערע סאָניעטשקע, ווען איך וועל קענען שרײַבן און ווען איך וועל אײַך קענען אָפּשיקן דעם בריוו. איך ווייס ניט, צי מיר איז נאָך באַשערט ווען עס איז אײַך צו זען. נאָר שרײַבן מוז איך אין די קורצע ווײַלעס צווישן שלאַכט און שלאַכט. כ'מוז . . .

„נעכטן איז געפאַלן קאָליאַ מוראַוווטשיק. זינט ער איז געווען אין פּאָלק, האָב איך זיך מיט אים זייער גוט צוזאַמענגעלעבט, האָב אים ליב באַקומען.

ער איז געווען אַזוי יונג, נאָך ניט קיין פולע צוואַנציק יאָר. ווען די שיסעריי האָט אויפגעהערט און עס איז שטיל געוואָרן, בין איך צוגעקומען צו אים. ער איז שוין געווען אויסגעגאַנגען. ער איז געלעגן אויף דער ערד מיט אָנגעבלאָזענע באַקן, מיט דעם מויל עטוואָס אָפן. ער איז אַזוי גיריק געווען צו לעבן, צו פריילעכקייט. ער פלעגט אַזוי האַרציק זינגען און לאַכן. נאָר נאָך מער מערקווירדיק איז געווען אין אים די טיפקייט מיט וועלכער ער האָט, ניט געקוקט אויף זיין יוגנטלעכקייט, זיך באַציִגן צום לעבן. ער פלעגט זאָגן: „איך בין קעגן היטלערן דערפאַר ווייל איך וויל לעבן. איך בין פאַר פרייהייט, און ער איז פאַר קנעכטשאַפט. איך האָב ליב די מענטשן, און ער האָט כלומרשט נאָר ליב „אַריער"..." אָט אַזוי פלעגט קאַליאַ רעדן און אונדז מוטיקן.

„מיר האָבן קוים באַוויזן צו באַערדיקן די געפאַלענע, ווי עס האָבן זיך באַוויזן די „וועק־זייגערס". פינף גרינע באַמבערס מיט שוואַרצע קרייצן אויף דעם עק פון יעדן פליגל. זיי זענען געפלויגן אין גלייכער פאָרמאַציע און באַשאָסן אונדז מיט קליינע באָמבעטשקעס, וועלכע זענען, גליקלעכערווייז, געפאַלן ווייט פון אונדז און קיינעם ניט געשאַדט. אומעטיקע און טרויעריקע פאַרלאָזן מיר דעם פרישן סאָלדאַטן־קבר. שלאָפט רואיק, טייערע חברים. מיר וועלן נאָך צוריקקומען אַהער און אייך אָוועקשטעלן אַ דענקמאָל פאַר אייער העלדישקייט. דערווייל וועלן מיר טראָגן טייער אייער אָנדענק אין אונדזערע הערצער..."

**
*

און ווידער האָט אַנדרעי צוגעשריבן צום בריוו:

„... שוין דעם צווייטן טאָג ווי מיר האַלטן זיך פעסט. דעם שונא איז ניט געלונגען אונדז אַרויסצוקלאַפּן פון די פּאָזיציעס, נאָר ער לאָזט ניט אָפּ. נאָכדעם ווי זיין באַהאַגלען אונדז מיט באָמבעס האָט ניט געהאָלפן אונדז אַרויסצושטויסן, האָט ער פאַרטראַכט עפּעס אַנדערש. דריי אויסשפּיר־עראָפּלאַנען האָבן לאַנג געקרייזט און באַטראַכט די געגנט, הינטער אונדזערע פּאָזיציעס. מיר האָבן זיך געכאַפּט, אַז זיי פּלאַנעווען אַ פּאַראַשוטן־לאַנדונג.

„מיר אַלע זענען געבליבן אין אַנגעשטרענגטער דערוואַרטונג. אין אַ צוויי־דריי שעה שפּעטער האָט זיך דערהערט דער רויש פון מאָטאָרן. צען טראַנספּאָרט־עראָפּלאַנען האָבן זיך באַוויזן נידעריק איבער אונדזערע קעפּ, גרויסע, גראָב־בייכיקע, מיט צוויי מאָטאָרן און געפאַרבטע אין שוואַרץ און געל.

„איין אויסשפּיר־עראָפּלאַנען איז געגאַנגען פאָראויס און גענומען מאַכן קרייזן איבער אַן אָפענעם פעלד. די טראַנספּאָרט־עראָפּלאַנען האָבן אים נאָכגעפאָלגט. קענטיק, אַז דעם שונאס פליער האָבן זיך געפילט זיכער. זיי האָבן

אָבער אוודאי ניט געוואוסט, אַז מיר האָבן פאַר זיי צוגעגרייט אַ וואַרעמע באַגעגעניש.

„דער בויך פונעם ערשטן טראַנספאָרט האָט זיך געעפנט און אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן שמוציקן רויך, ווי אַ גרויע שמאַטע. אָבער דאָס איז ניט געווען קיין רויך. דאָס זענען געווען פאַראַשוטיסטן אין גרויען אָנטועכץ. אַ ווײַלע האָט יעדער פון די פאַראַשוטיסטן געהאַלטן אין פליען אין דער זעלבער ריכטונג פון עראָפּלאַן, געטראָגן פון דער אינערציע. באַלד האָבן זיך אָבער אָן עפן געטאָן די פאַראַשוטן און די מענטשן אין גרויען האָבן אָנגעהויבן שוועבן אין דער לופטן.

„אויף דעם האָבן מיר נאָר געוואַרט.

„— פייער! — האָט אויסגעשריגן אונדזער קאָמאַנדיר פּעטראָוו.

„מיר, וואָס זענען געלעגן באַהאַלטן אין עק וואַלד און אין הויכן קאָרן, האָבן אָנגעהויבן דערלאַנגען מיט אויטאָמאַטן און מאַשין־געווער. דאָס פייער פון אונדזער געווער האָט אָנגעפילט די לופט. אויף דעם האָבן זיך די פאַראַ־שוטיסטן גאָרניט געריכט. באַלד זענען איניקע פאַראַשוטן דורכגעלעכערט געוואָרן. אַ פּאָר סעקונדעס שפּעטער און פון די אויפגעבלאָזענע פאַראַשוטן זענען געבליבן שטיקער לאַנגע פּאַסן. די פאַראַשוטיסטן, וואָס זענען נאָך אַלץ געווען צוגעבונדן צו די לאַנגע פּאַסמעס, האָבן זיך איצט געטראָגן שנעל אַרונטער. זייערע פיס האָבן באַרירט די ערד און באַלד זיך אונטערגעבראָכן ווי שטרויענע. זיי זענען אַנידערגעפאַלן — קיינמאָל מער ניט אויפצושטיין.

„אָבער איניקע פון די פאַראַשוטיסטן איז פאָרט געלונגען צו דערגרייכן אומבאַשעדיקט אויף דער ערד. אונדזערע יאַטן האָבן אויך דאָס דערוואַרט. די גאַנצע געגנט, אַרום דעם אָפענעם פעלד, איז שוין פריער געווען אַרומגערינגלט מיט אונדזעריקע. איינציקווייז זענען זיי געכאַפּט און דערשאָסן געוואָרן.

„פאַרנאַכט־צו האָט דער קאָמאַנדיר, פּעטראָוו, פאַררופן אַ באַראַטונג און זיך נאָכגעפרעגט וועגן אונדזערע פאַרלוסטן. מיר האָבן געהאַט דריי געפאַלענע און זעכצן פאַרוואונדעטע. פּעטראָוו האָט ניט געקאָנט גלויבן, אַז מיר זענען אָפּגעקומען מיט אַזעלכע קליינע פאַרלוסטן.

„אויף פּעטראָווס פּנים, מער ווי אויף יעדן פון אונדז, זעט זיך אָן די באַ־גייסטערונג פאַר דער היינטיקער אָפּעראַציע. ניט ווייניקער ווי צוויי הונדערט פאַשיסטן אָוועקגעלייגט. ער האָט שטאַרק געלויבט דעם אויספירער, טשער־נאָוו, וואָס האָט באַצייטנס אויסגעפונען דעם שונאס לאַנדונג־פּלאַץ, און דאָס האָט געגעבן אַ געלעגנהייט אונדזערע יאַטן זיך גוט צוצוגרייטן.

„אָבער נאָך דער באַגייסטערונג איז געקומען פּעטראָווס אומדערוואַר־טעטער באַפעל: „צוגרייטן זיך אָפּצוטרעטן!“

„אָפּצוטרעטן? קיינער האָט דאָס ניט אָפּגעפרעגט. אָבער די אַנטוישונג און פאַרוואונדערונג איז געווען אויסגעדריקט ביי יעדן אויפן פּנים. מיר האָבן זיך אין אָט דער פּאָזיציע אַביסל איינגעלעבט. עס איז געווען אַ גוט־איינגע־אָרדנטער קאָלכאָז. אַרום האָבן זיך ברייט־שפּעדיק געצויגן פעלדער מיט קאָרן. די גאָלדענע זאַנגען זענען שוין געווען אָנגעגאָסן. וואָס וועט איצט זיין מיט דער גערעטעניש? מיט די פּויערים?

„איך האָב אַ קוק געטאָן אויף פּעטראָוון. אונדזערע בליקן האָבן זיך גע־טראָפן, פאַרהאַלטן זיך אַ ווײַלע. דערנאָך זענען מיינע בליקן געלאָפן צום צייטיקדיקן קאָרן, צו די כאַטעס.

„— אָט וואָס, חבר אָוודעיענקאָ, — האָט פּעטראָוו געזאָגט. — פאַררופט די פּויערים. מען דאַרף זיי צוגרייטן, ניט איבערלאָזן די גערעטעניש פאַרן שונא!

„איינציקוויז האָבן די פּויערים זיך צונויפגעקליבן אויף דער לאָנקעלע און זיך צעזעצט אויף דער ערד אין אַ האַלב־קרייז. די פּנימער — ערנסטע, פאַרזאָרגטע. מיר, די סאָלדאַטן, זיצן אויך אויף דער ערד, אין פאָרנט פון זיי. איין פּעטראָוו שטייט. ער איז איצט געווען נערוועז. געקוועטשט מיט די פינגער דעם לעדערנעם פּאַסעק פון זיין רעקל. פּעטראָוו איז אַן אומדער־שראָקענער קאָמאַנדיר, אָבער ווען עס קומט צו רעדן, פאַרלירט ער זיך.

„— חברים קאָלכאָזניקעס! — האָט ער אָנגעהויבן הייזעריקלעך. — שווערע צייטן לעבט איבער אונדזער מוטערל רוסלאַנד. דער גרויזאַמער שונא איז געקומען אַהער צו באַרויבן אונדז, צו פּליגדערן די מי פון אונדזער האָרע־וואַניע. דאָס וועט אָבער ניט געשען! קיין איין זעקל ברויט טאָרן מיר אים ניט איבערלאָזן. ניט קיין ברויט, נאָר טויט און הונגער זאָל ער דאָ געפינען!

„— חברים! מיר טרעטן אָפּ. איר, וואָס וועט דאָ פאַרבלייבן, וועט פאַר־זעצן דעם קאַמף קעגן שונא. סאַבאָטאַזשירט אַלע זיינע פאַראָרדענונגען. אַנטלויפט אין די וועלדער און פירט אַ גערילע־קאַמף. רייסט פון אים שטיקער, ביז וואַנען מיר וועלן צוריקקומען און אים פאַרטרייבן פון אונדזער ערד אויף אייביק! פאַרשטאַנען?...

„אַ ווײַלע איז שטיל געווען. דערנאָך האָט זיך אויפגעהויבן דער פאַר־זיצער פון קאָלכאָז:

„— וואָס איז דאָ צו רעדן, חבר קאָמאַנדיר? מיר פאַרשטייען. צי דען זענען מיר ניט קיין רוסן? אָבער מיט די פעלדער, ווי? מען דאַרף דאָך באַלד שניידן?

„— שניידן? און דער שונא זאָל דאָס דערנאָך אָוועקנעמען? ניין! מיט פייער אָראָפּלאָזן ביזן לעצטן זאַנג!...

„פּייער ?! טייל פּויערים זיצן געפּלעפּטע, דערשלאָגענע. ס'איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז עס האָט זיך געהערט דאָס גרילצן פון די גרילן.

„— און מיר וועלן פאַרברענען! דעם שונא דאָס ניט איבערלאָזן! — האָבן זיך דערהערט אַ סך שטימען פון די פּויערים. — אַליין וועלן מיר בעסער פון הונגער פּוכניען, אָבער דער שונא וועט זיך ביי אונדז ניט איינלעבן! ניין, איינטויטן וועט ער זיך דאָ..."

**
*

„ווידער טרעטן מיר אָפּ. מיר ציען זיך צום מזרח, און דער שונא איז אומעטום. דער פראָנט איז ניט קיין באַשטענדיקער. אָט האָט די אויסשפּיר־קאָמאַנדע געבראַכט אַ באַריכט, אַז דער שונא האָט זיך באַוויזן אויפן לינקן פליגל. אָט איז ער גאָר הינטער אונדז, און באַלד ווידער פון אַן אַנדער זייט. פּעטראָוו איז אויסגעצייכנט די טעג. מיר גליטשן זיך אַרויס פונעם שונאס גרייך אונטערן צודעק פון די נעכט. די פאַרבינדונג מיט אונדזער אַרמיי איז איבערגעריסן. איצט זענען מיר אינגאַנצן אָנגעוויזן אויף אונדזערע אייגענע כחות. חבר פּעטראָוו ווייסט עס. ער באַפעלט אָפּצוטרעטן דורכן וואַלד. מיר זענען נאָך אַלץ אַ היפּשע מיליטערישע אָפּטיילונג, מיט אַרטילעריע, מיט לאַסט־וועגענער און מיט פורן. בייטאָג באַהאַלטן מיר זיך, מערסטנס, אין די וועלדער. רוען אַ גאַנצן טאָג. ביינאַכט באַוועגן מיר זיך ווידער.

„נעכטן זענען צו אונדז געקומען צוויי מענטשן פון „יענער זייט". זיך געראַטעוועט פון די דייטשן. זיי זענען געקומען צו קריכן אויף די ביז בלוט־צעדראַפּעטע הענט און מיט געשוואָלענע פיס. ווען זיי האָבן אונדז דערזען, האָבן זיי זיך צעכליפּעט ווי קינדער. אָ, וואָס זיי דערציילן זיך אָן! ווי בלוטיק דער שונא איז! ווי שרעקלעך!..."

**
*

„... איך שרייב און שרייב. איך מוז שרייבן — אפשר וועט עס דערגיין צו אייך. אַלערליי שטימונגען גייען אַדורך דורכן האַרץ...

„עס איז געווען אַ זומערדיקער נאָך האַלב־טאָג. איך בין געלעגן אין וואַלד און דורך דעם צווישן־ליכט פון די ביימער געהאַלטן וואַך. אַ קוקאַווקע האָט זיך מיט אַמאָל אַזוי פריידלעך צעקוקוט... אַ מינוט האָט זיך געלאָזן פאַרגעסן די מלחמה. איך האָב געטראַכט וועגן אייך, מיינע טייערע מוטער און סאָניע. געטראַכט וועגן אונדזערע פריידלעכע פאַרנאַכטן אין קאָלכאָז, ווען אַרומגע־רינגלט מיט פריינט און חברים, מיר האָבן אַזוי אָנגענעם און פריילעך פאַר־בראַכט. ערשט איצט באַגרייף איך, ווי גוט דאָס לעבן איז געווען. איצט, דאָ

אין וואַלד, האָב איך אַזוי שטאַרק דערפילט ווי שטאַרק עס ווילט זיך לעבן. איך בין דאָך נאָך אַזוי יונג. קוים עטלעכע און צוואַנציק יאָר. איך וויל אַר־בעטן, בויען, שאַפן. איך וויל האָבן קינדער און זיך פרייען מיט זייער ליכטיקן גאַנג אין לעבן. איך וויל זען די מענטשן פריי פון זאָרג פאַרן מאָרגן. איך וויל לעבן און זען די מענטשן פאַראייניקט אין אַ זיכערער, איי אַ ליכטיקער צוקונפט."

***

„היינט איז צו אונדז צוגעשטאַנען אַ יידיש מיידל. זי איז צוגעקומען צו אונדזער פּאַטרול און איז אַנידערגעפאַלן. מיר האָבן זי געפּרואווט באַרואיקן, און פאַר אַ לאַנגע צייט איז דאָס אונדז ניט געלונגען. דער גאַנצער קערפּער אירער האָט געצוקט פון כליפּען. אונדזעריקע זענען שוין געוואוינט צו אַזעלכע רירנדיקע סצענעס. די אַלע, וואָס ראַטעווען זיך פון „יענער זייט", ראַטעווען זיך קוים מיטן לעבן און דערציילן וועגן די גרוילן, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט. נאָר זי, די יידישקע, האָט ניט געדאַרפט רעדן. איר צעפּייניקטע צאַרטקייט האָט אונדז אַ סך דערציילט. מיר האָבן געזאָגט צו איר, אַז מיר וועלן איר העלפן. איינער, אַן אונדזעריקער, האָט אַ זאָג געטאָן, אַז מ'דאַרף אויף איר רחמנות האָבן.

דאָ האָט זי זיך געגעבן אַ גלייך־אויס און געזאָגט: „פאַרוואָס רחמנות? איך וועל זיך שלאָגן ווי איר. גיט מיר אַ ביקס. לערנט מיך אויס שיסן."

„קוקנדיק אויף איר האָב איך לאַנג געטראַכט פון דיר, סאָוויעטישקע טייערע. כ'האָב דערקענט די בראַווקייט און די איינגעשפּאַרטקייט פון דיין פאָלק. איך בין שטאָלץ געווען, וואָס אַנטקעגן דער נאַצישער ראַסן־טעאָריע, האָבן מיר ביי אונדז פאַרברידערונג און פאַרשטענדיקונג צווישן פעלקער."

***

„. . . נאָך צוויי טעג פון שאַרפע שלאַכטן, רוען מיר היינט. דער שונא איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן און פאַר אַ ווײַלע איז פאַר אונדז פריי געווען דער וועג. מיר האָבן דאָס אויסגענוצט. מיר ציען אַלץ ווייטער און ווייטער צום מזרח. דער דניעפּער איז שוין הינטער אונדז. די דעסנאַ דאַרף שוין זיין ניט ווייט. אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר געווען אין באַוועגונג. אָן אָנצינדן ליכט, באַמיענדיק זיך ניט צו מאַכן קיין טומל, זענען מיר געגאַנגען. די אַרטילעריע האָט אויסגעקליבן זייטיקע, ניט־ברוקירטע וועגן. נאָר אַזוי איז אונדז גע־לונגען אַרויסצודרייען זיך פון שונאס קלאַמערן.

„איצט ליגן מיר אין וואַלד. די מידקייט האָט — ווי אַ שווערע מאַסע —

אַרומגעכאַפּט די גלידער. ס׳ווילט זיך ליגן און רוען, רוען. קיין זאַך ניט מער. מיר זענען אָפּגעריסן פון אונדזערע סאָוועטישע מענטשן און אַלערליי שווערע געדאַנקען גראָבן זיך אין מוח. פאַרסמען דאָס האַרץ. אַ שכן זאָגט: „מיר וועלן זיך קיינמאָל ניט אַרויסדרייען. דאָס איז דער סוף. מיר וועלן אומקומען.״ אַן אַנדערער האַלט אונטער: „אפשר אין קלענערע גרופּעס וואָלטן מיר זיך דורכגעריסן.״

„אַזעלכע געשפּרעכן הערט מען איצט אָפט צווישן די אונדזעריקע. אונדזער איינציקע האָפענונג איז, אַז מיר וועלן זיך דורכרייסן און זיך פאַראייניקן מיט אונדזער אַרמיי. ס׳איז שווער אויפן האַרצן...

***

„שוין צוויי וואָכן ווי מיר מאַרשירן כמעט אומגעשטערט צום מזרח. עס דערנעענטערן זיך היימישע ערטער. נעכטן ביי טאָג האָבן מיר אין וואַלד געפונען אונדזערן אַ פאַראַשוטיסט. איצט ווייסן מיר, אַז די רויטע אַרמיי איז ניט ווייט. מיר מוזן זיך דורכרייסן צו דער דעסנאַ און איבערגיין אויף דער לינקער זייט. דאָרטן זענען שוין אונדזעריקע. דאָס פילט אונדז אָן מיט כּח און מוט. עס זענען פאַרשוואונדן די שוואַרצזעער. איצט איז יעדערער באַפליגלט מיט האָפענונגען.

„ס׳איז לעבעדיק געוואָרן אין אונדזער לאַגער. מיר האָבן אַרויסגעשיקט אויסשפּירער אויף אַלע וועגן. איצט האָבן זיי אָפּגעגעבן זייער באַריכט צום חבר קאָמאַנדיר. צווישן אונדז און דער דעסנאַ געפינען זיך שיטערע טיילן פון דייטשישן אַוואַנגאַרד, וואָס יאָגט זיך צו פאַרנעמען דעם רעכטן ברעג און אונדז אָפּשניידן דעם וועג פון אַנטרינונג.

„היינט נאַך, היינט ביינאַכט מוזן מיר זיך דורכרייסן צו דער לינקער זייט. ס׳איז אונדזער לעצטער שאַנס.

„כ׳בין שוין ניט ווייט פון אייך, מיינע טייערע! אָט, און איך וועל אייך ווידער זען! דאָס האַרץ קלאַפּט מיט פרייד, מיינע ליבע! אונדזער פולע פרייד!...״

***

אַנדרעיס שרייבן איז ווידער איבערגעריסן געוואָרן. מען האָט אים און אַנדערע גערופן צום קאָמאַנדיר אויף אַ באַראַטונג.

פּעטראָוו, טיף פאַרטראַכט, איז געזעסן איבער אַ מאַפּע. אַ ווײַלע זענען זיינע אויגן געווען צוגעגליט צו אַ פּינטעלע אויף דער מאַפּע, וואָס האָט באַצייכנט דעם קאָלכאָז „די רויטע דעסנאַ״. דערנאָך האָט ער געמאָסטן דעם

שטח מיט אַ קאָלירטן בלייפעדער, פאַרצייכנט די לענג. ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, אַרומגענומען די אַנוועזנדיקע און געפרעגט:

— חברים! אפשר האָבן מיר צווישן אונדז איינעם אַ היגן, וואָס קען די געגנט דאָ? איך האָב פאַר אים אַ פאַראַנטוואָרטלעכע שליחות.

אַנדרעי האָט געזאָגט:

— איך, חבר קאָמאַנדיר! איך שטאַם דאָך פון קאָלכאָז „די רויטע דעסנאַ״. וואָס דאַרף איך טאָן?

און פעטראָוו האָט געזאָגט:

— דו וועסט זיך דורכגנבענען דורך דעם שיטערן דייטשישן אַוואַנגאַרד צום קאָלכאָז „רויטע דעסנאַ״. מאָביליזיר דאָרט יעדן, וואָס קען נאָר האַלטן געווער. ווען מיר וועלן אַ קלאַפּ טאָן אויף דורכצורייסן זיך, זאָלט איר אָנגרייפן פון יענער זייט. גרייט צו וואו נאָר אַ שיפל. פאַרשטאַנען?...

— פאַרשטאַנען, חבר קאָמאַנדיר!

אַנדרעי איז אַוועק מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. קען זיין, אַז נאָך היינט וועט ער זיין ביי די זייניקע, ביי דער מאַמען, ביי סאָניען...

קאַפּיטל אַכצן

דער אַוואַנגאַרד פון די דייטשן, וואָס האָט זיך אַ רוק געטאָן פאָראויס צו פאַרנעמען דעם רעכטן ברעג פון טייך דעסנאַ, און אָפּגעשניטן די רוסישע אָפּטיילונגען, איז געווען די מעכאַניזירטע קאַוואַלעריע. אויף נאַכט האָבן זיי דערגרייכט דאָס שטעטל ס. דאָ האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף נאַכטלעגער.

דאָס שטעטל ס. איז איצט געווען האַלב־ליידיק. די רוסישע הויפּט־קרעפטן זענען שוין מיט עטלעכע טעג פריער דורכגעגאַנגען און אַריבער אויף דער לינקער זייט פון טייך. מיט זיי איז אויך אַוועק אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג.

די איבערגעבליבענע מענטשן אין שטעטל האָבן געלעבט הינטער פאַר־קלאַפּטע טיר־און־טויער אין אומרואיקער דערוואַרטונג.

עס האָבן געהאַלטן אין דורכגיין מחנות פּליכטלינגען, אַנטרונענע. זיי האָבן דערציילט וועגן די גרוילן, וואָס די דייטשן ברענגען מיט זיך. אַלע האָבן זיי, אין איילעניש, געצויגן צום מזרח, צום לינקן ברעג פון דער דעסנאַ, ווי דאָרט וואָלט שוין געווען דאָס זיכערע אָרט פון אַנטרינונג.

פאַרנאַכט־צו זענען אָנגעקומען די דייטשן. אַ גאַנצן טאָג זענען די מענטשן אין שטעטל געלעגן פאַרטייעט אין שרעק. נאָר דער טאָג איז דורכגעגאַנגען שטיל. און מיט אַמאָל האָבן זיך די דייטשן באַוויזן אויפן שאָסיי, און פון אַלע זייטן. די גאַסן זענען פול געוואָרן מיט גערויש פון מאָטאָרן, מיט פייפן פון סיגנאַליסטן און מיט די טריט פון פאַטרולן.

די פאַרהאַקטע טירן זענען אויפגעריסן געוואָרן מיט קלעפּ פון די ביקסן. די דייטשן זענען אַריין, פאַריאָגט די מענטשן אין איין צימערל, אָדער גאָר אַרויסגעטריבן זיי אין דרויסן, און אַליין זיך צעלייגט ברייט און זיכער, ווי ביי זיך אינדערהיים. באַלד נאָכדעם האָבן זיי גענומען נישטערן אין די שפּייז־קעמערלעך, קעלערן. אַרויסגעשלעפּט אַלץ וואָס ס׳האָט זיך זיי געגלוסט, גוט זיך אָנגעפרעסן און, מידע פון אַ טאָג יאָגן זיך און פון היץ, זיך פאַרגרייט אויף געלעגער.

מיט אָט דער דייטשישער אָפּטיילונג איז אויך געקומען פריץ בינדער־מויער. איצט איז ער געלעגן אויף זיין געלעגער און זיך צוגעהערט צום שווערן אָטעמען און שנאָרכען פון די קאַוואַלעריסטן. ער איז געלעגן אַ וואַכער. יאָ, ער געדענקט גוט דאָס שטעטל. אַהערצו האָט דאָס אים יעפים קאַרפּאָוויטש

געהאַט געבראַכט איבערצוגעבן אין די הענט פון דער רוסישער מאַכט, נאָכדעם ווי ער האָט אים געפונען ביי טאַטיאַנאַס זייט אין יענער שיקזאַלפולער נאַכט...

איצט האָבן זיך דערינערונגען געיאָגט איינע נאָך דער אַנדערער. דער קאַלכאָז „די רויטע דעסנאַ", וואו טאַטיאַנאַ האָט געלעבט, דאַרף שוין זיין דאָ גאָר נאָענט. אפשר איז דאָרטן אויך זיין זון אַנדריושאַ...

און די אַלטע, ניט־באַפרידיקטע בענקשאַפט צו טרעפן זיי, צו זיין מיט זיי אינאיינעם, גייט איבער אין אַ שאַרפן ווייטיק. זענען זיי אפשר גאָר אומגעקומען דורך דער דייטשישער אַריינדרינגונג ?...

ער לעבט ווידער דורך די גאַנצע קייט פון געשעענישן, וועלכע האָבן אים, דעם שטילן, דעם זיך־וואַקלענדיקן, וואָס האָט געזוכט אַ שטיל ווינקעלע אין לעבן, געבראַכט אַזש אַהער און אַריינגעוואָרפן אין בראַנד פון מלחמה. ער זעט ווידעראַמאָל אין זיינע פאַרמאַכטע אויגן אַלץ וואָס ס'איז מיט אים געשען. יעדע איינצלהייט קומט אין זכרון, אַזוי ווי נעכטן וואָלט עס פאַסירט. פייערדיקע רינגען רינגלען אַרום זיין געשלאָסענעם בליק און ער זעט:

. . . זיי זענען געקומען נאָך אים אינמיטן נאַכט. דער מעטאַלענער קלאַפּ פון רעוואָלווער אין דער הילצערנער טיר האָט אים אויפגעריסן פון שלאָף. ער האָט אויפגעעפנט די טיר און עס האָבן זיך אַריינגעשטעלט פינף באַוואָפנטע געשטאַפּאָ־לייט.

ער איז אָפּגעטראָטן צוריק און זיך פאַררוקט צום בעט. ער איז געווען צעשראָקן. די ציינער האָבן ביי אים געקלאַפּט. יענע האָבן באַפוילן : פריץ בענדערמויער — טו זיך אָן !

— פאַרוואָס אַזוי אינמיטן נאַכט ?

דער ענטפער איז געווען אַ זעץ אין פּנים. ער איז אַנידערגעפאַלן אויף זיין בעטל. מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער אַרויפגעשלעפּט די קליידער. דערווייל האָבן בייזע הענט גענומען דורכזוכן די זאַכן, גענישטערט, צוגענומען אייניקע בריוו פון טאַטיאַנאַן. מען האָט אים געהייסן מיטנעמען אַ פּעקל קליידער און אים אַריינגעזעצט אין אַן אויטאָמאָביל. פון ביידע זייטן — שטורמיסטן מיט געצויגענע רעוואָלווערן.

מען האָט אים געבראַכט צו דער תפיסה. אַ שטורך פון אַ שטורמיסט אין זייט אַריין און ער איז אַריינגעשטופּט געוואָרן אינעווייניק.

די גרויסע קאַמער איז געווען פול מיט אַרעסטירטע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַן אַבלדיקער. און אַז אַן אַנדער אַרעסטאַנט האָט אים גענומען אויספרעגן פאַרוואָס מען האָט אים אַרעסטירט, האָט ער ניט געוואָלט רעדן. דאָ האָט יעדערער געהאַלטן שטאַרק פאַרשלאָסן זיין סוד. קיינער האָט ניט געטרויט דעם צווייטן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיי, די איבעריקע, קענען

טאַקע אפשר זיין פאַרברעכער, אָבער ער, פריץ בענדערמויער, ער איז דאָך אינגאַנצן אומשולדיק. אים האָט ווייניק אינטערעסירט די פּאָליטיק פון לאַנד. ער האָט געוואָלט אַרבעטן און ברויט. ער האָט געוואָלט לעבן שטיל און רואיק. ער האָט ניט געהאַט קיין גרויסע אַמביציעס. זאָל זיך די וועלט רעשן, אים גייט דאָס ווייניק אָן. אָבער פון די גרויליקע געשיכטעס פון די אַרעסטירטע, ווי די געשטאַפּאָ האָט זיי געפּייניקט, האָט ער דערזען, אַז די מערסטע זענען ניט קיין קרימינעלע פאַרברעכער. אָ, ווי די געשטאַפּאָ האָט זיי געפּייניקט! יעדן טאָג האָט מען עטלעכע אַרעסטירטע גערופן אויף פאַרהער. אייניקע זענען געקומען צוריק צעביילטע, צעשלאָגענע. זיי האָבן אָדער גאָרניט געוואָלט רעדן, אָדער געוואָרפן מיט קללות. אַנדערע זענען אינגאַנצן ניט געקומען צוריק און מען האָט זיך געסודעט, אַז מען האָט זיי פאַרשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אָדער גאָר דערשלאָגן צום טויט.

ענדלעך איז מען געקומען נאָך אים — פריץ בענדערמויער.

דאָס האַרץ איז אים איינגעפאַלן, בעת ער איז אַריין אין צימער פון אויספאַרשער. יענער איז געווען פאַרטאָן אין לייענען. דאָס האָט ער געלייענט זיין, פריצס, רעקאָרד. איבערן ראַנד פון די פּאַפּירן האָט דער אויספאָרשער אַ קוק געטאָן אויף פריצן און דערנאָך אויפגעהויבן דעם קאָפּ. בענדערמויער איז בלייך געוואָרן. ער איז געשטאַנען פאַר דעם געוועזענער אָפיצער פון זיין ראָטע, פאַר פאָן־האַקענזען! אָ ווייל האָבן ביידע זיך געמאָסטן מיט די בליקן. פריצן איז בליציק דורכגעגאַנגען אין זכרון זיין צוזאַמענשטויס מיט פאָן־האַקענזען נאָך דער רעוואָלוציע. דאָס אַראָפּרייסן די עפּאָלעטן זיינע. אָבער דאָס איז דאָך געווען אַזוי לאַנג צוריק. צי דען וועט מען אים איצט משפטן פאַר דעם? פריץ האָט דערשראָקן אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

אויף פאָן־האַקענזענס ליפּן האָט זיך צעלייגט אַ בייזער און נצחונדיקער שמייכל: „אַן אַלטער באַקאַנטער און אַן אַלטער פאַרברעכער! יאָ, יאָ!" און ער האָט אָנגעהויבן דעם פאַרהער.

ביי פריצן אין קאָפּ לעבן אויף אַלע איינצלהייטן:

— נאָמען?

— פרידריך בענדערמויער.

— באַשעפטיקונג?

— אייזן־אַרבעטער.

— פאַסיפיסט?

— קיינמאָל ניט באַלאַנגט צו קיין פּאַרטיי.

— לאַיגסט, הינטישער זון! — איז פאָן־האַקענזען אויפגעשפּרונגען. — ווער האָט אויפן פראָנט געפירט אַגיטאַציע פאַר שלום?

— בלויז דערפֿאַר, וואָס איך בין מיד געווען פֿון מלחמה. געוואָלט עס זאָל שוין שנעלער אַ סוף נעמען. געוואָלט גיכער אַהיים גיין.

— אַהיים געוואָלט! אַהיים געוואָלט! — האָט פֿאָן־האַקענזען אים נאָכגעקרימט. — יאָ, און דערמיט געהאָלפֿן די מאַרקסיסטן אַריינשטעקן דייטשלאַנד אַ מעסער אין רוקן, ווען מ'האָט נאָך געקענט זיך דערשלאָגן צו אַ זיג. ביסטו אַ מיטגליד פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי?

— קיינמאָל ניט געווען.

— דו האָסט דאָך דאָן געבראַכט די „רויטע זעלבסט־הילף". זיך געשטעלט קעגן דער מאַכט ביי אַן אַרויסשטעלונג פֿון אַ דירה?

בענדערמויער האָט געשוויגן.

— מיר ווייסן אַלץ. זיי זיך בעסער מודה. שטייסט אַוודאי אין פֿאַרבינדונג מיט רוסישע קאָמוניסטן?

— ניין. ניין.

— געווען אין רוסלאַנד?

— יאָ. איך בין דאָרטן געווען אַ קריגס־געפֿאַנגענער.

— האָסט אָבער ווידער געוואָלט פֿאָרן אַהין, אַ־יאָ?

— יאָ.

— און אויך איצט שרייבסטו זיך איבער מיט רוסישע קאָמוניסטן. האַלטסט אָן אַ קאָנטאַקט!

— דאָס לייקן איך.

— לייקנסט, אַז דו האַלטסט אָן קאָרעספּאָנדענץ מיט רוסישע קאָמוניסטן?

— איך לייקן עס.

— האַנס! רוף אַריין יאַהאַן לעדערקע.

האַנס איז אַרויס און איז באַלד אַריין מיטן באַאַמטן פֿון פּאָסט־אַמט, לעדערקע, אָנגעטאָן אין אַ ברוינעם נאַצישן אוניפֿאָרם. לעדערקע האָט סאַלוטירט: הייל היטלער!

פֿאָן־האַקענזען האָט געפֿרעגט:

— קאַמעראַד לעדערקע, קוקט זיך גוט איין. קענט איר די פּערזאָן?

— יאָ, איך קען אים.

— איז דאָס דער זעלביקער, וואָס פֿלעגט קריגן בריוו פֿון רוסלאַנד?

— יאָ. דאָס איז ער.

— זענען די בריוו געווען אויפֿן אַדרעס פֿון פּאָסט־אַמט „ביז אויפֿפֿאָדערונג"?

— יאָ. אַזוי איז עס געווען.

— לייקנסט נאָך אַלץ? — האָט פּאַן־האַקענזען מיט נצחון און טייוולשער בייזקייט אַ קוק געטאָן אויף פּריצן.

— ניין. דאָס לייקן איך ניט.

— פאַרוואָס פלעגסטו קריגן בריוו אויף אַ פאַרשטעלטן אופן? פאַרוואָס האָסטו ניט אָנגעגעבן דיין אייגענעם נאָמען, אַדרעס?

פּריץ בענדערמויער איז אַ ווילע געווען אין פאַרלעגנהייט. צי זאָל ער זיי דערציילן דעם אמת. נו, יאָ. איצט קען ער אויסזאָגן. זיין פרוי איז דאָך שוין מער ניט צווישן די לעבעדיקע.

— איך האָב ניט געקענט אָנגעבן דעם היים־אַדרעס, ווייל כ'האָב ניט געוואָלט מיין פרוי זאָל וויסן פון דעם.

— אַך, ווי רירנדיק, אַ געהיימע ליבע! און האָסט דערוואַרט, מיר זאָלן עס גלויבן?! וואָס־זשע פלעגט מען שרייבן צו דיר פון רוסלאַנד? בלויז ליבע־בריוו?

— געוויינלעכע בריוו.

— געוויינלעכע? אפשר ווילסטו מיר זאָלן פאַר דיר פאַרלייענען אייניקע בריוו?

פאָן־האַקענזען האָט פון טיש אויפגעהויבן אַ בריוו און פאַרגעלייענט עטלעכע שורות, אונטערגעשטראָכענע מיט רויטן בלייפעדער. עס איז געווען טאַטיאַנאַס בריוו פון זשעלעזנאָוואָדסק, וואו זי האָט מיט באַגייסטערונג גע־רעדט וועגן דעם נייעם לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— איז דאָס ניט קיין קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע? — האָט דער אויס־פאָרשער געדונערט.

— פאַר מיר איז דאָס אַ בריוו פון אַ נאָענטן מענטשן.

— דו לייקנסט נאָך אַלץ? זאָג, ווער איז פאַרשטעלט אונטער דעם נאָמען פון „טאַטיאַנאַ אָודעיענקאָ“?

— איך זאָג זיך אָפּ צו ענטפערן.

— אַזוי גאָר? נו, דאָס וועלן מיר זען.

פאָן־האַקענזען האָט זיך אָפּגעוואָרפן צום ווענטל פון שטול, האָט אַ רגע געטראַכט און רואיק אַרויסגערעדט: „דרייסיק.“

די צוויי שטורמיסטן, וואָס זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען הינטער פּריצן, האָבן קענטיק געוואַרט אויף דעם. גלייך האָבן זיי אים אַ נעם געטאָן און אַוועקגעשלעפּט אין קעלער. דאָרטן ערשט, אין קעלער, האָט בענדערמויער באַגריפן, וואָס פאָן־האַקענזענס וואָרט „דרייסיק“ האָט באַדייט.

אין קעלער, באַלויכטן מיט מאַטאָוון שיין פון אַ קליינעם עלעקטרישן ליכט, זענען געזעסן אַרום טיש „ברוינע“ און געשפּילט קאָרטן. ביי פּריצס

באַוויזן זיך, האָבן זיי אַוועקגעלייגט די קאָרטן און, אויפגעלעבטע, זיך אויפ־געהויבן.

— „דרייסיק", — האָט שפּיציק אַ זאָג געטאָן איינער פון די צוויי שטורמיסטן.

באַלד איז פּריץ אַרומגערינגלט געוואָרן פון די תּליינים. מערדערישע פּנימער האָבן צעקרימט געלאַכט. פון אַ פלאַכער כּלי ביי דער וואַנט האָבן זיי אַ נעם געטאָן לאַנגע בייטשן, איינגעוויקלט אין וואַסער. באַלד איז ער, פּריץ, שוין געלעגן אַ הוילער אויפן טיש. אייזן־שטאַרקע הענט האָבן געהאַלטן איינ־געקלאַמערט זיין קאָפּ, זיינע פיס.

די בייטש האָט אַ פלי געטאָן און זיך אַריינגעשניטן אין זיין לייב. קעגן זיין ווילן האָט ער אַרויסגעלאָזן אַ שרעקלעכן געשריי. דער צווייטער שמיץ, דער דריטער, פערטער. זיי זענען געקומען ניט שנעל איינער נאָך דעם אַנדערן, נאָר מיט געמאָסטענער לאַנגזאַמער פּינקטלעכקייט. ביי יעדן שמיץ — בלוטיק־שניידנדיקע ווייטיקן — בעסער שוין דער טויט! נאָך צען, צי צוועלף קלעפּ, האָט ער בלויז געפילט אַ טעמפּן זעץ אין קאָפּ פון יעדן קלאַפּ. קיין כּוח צו שרייען האָט ער שוין ניט געהאַט. ווען אַלץ איז געווען פאַראיבער, האָט מען אים אַוועקגעשלעפּט אין אַ באַזונדער תּפיסה־קעמערל און אים אַ שליידער געטאָן אויפן דיל.

אַ גאַנצע נאַכט האָט פּריץ זיך געקאָרטשעט אין יסורים. ווען ער איז עטוואָס געקומען צו זיך, האָט ער געטראַכט: ער וועט באַגיין זעלבסטמאָרד. ער קען שוין מער די יסורים ניט איבערטראָגן. נאָר אויך צו דעם איז שוין ביי אים קיין כּוח ניט געבליבן.

נאָך דעם האָבן זיי אים אַ היפּשע צייט צורו געלאָזן, ווי זיי וואָלטן גאָר אָן אים פאַרגעסן. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז פּריץ בענדערמויער צו זיך געקומען.

דער צווייטער פאַרהער איז שוין געווען געפירט ניט פון פאָן־האַקענזען, נאָר פון אַן אַנדערן. דער נייער אויספאָרשער האָט באַנוצט גאַנץ אַנדערע מיטלען. ער האָט גערעדט פריינטלעך, כּמעט פאָטערלעך: זענען די בריוו געווען אין שיפער? וואָס האָט דער שרייבער פון די בריוו געמיינט מיט דעם און יענעם אויסדרוק? זאָל ער, פּריץ בענדערמויער, זיך מודה זיין: מיט וועמען ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג. דאַן קען ער אַפילו היינט שוין זיין פריי. און ווער פלעגט איבערזעצן פאַר אים די בריוו? זיי זענען דאָך געווען אין רוסיש.

פּריץ האָט געזאָגט:

— וואָס הייסט ווער? ער קען דאָך אַליין גוט רוסיש. ער איז געווען אין

רוסלאַנד פאַרן קריג. און אין דער מלחמה איז ער דאָרטן געווען אַ קריגס־געפאַנגענער און געאַרבעט אויף אַ פערמע אין אוקראַינע. דאָרטן טאַקע האָט זיך טאַטיאַנאַ פאַרליבט אין אים. און דאָס איז עס. דאָס אַלץ. פאַרוואָס גלויבט מען אים ניט?

דער אויספאָרשער האָט זיך פאַרטראַכט. דאַכט זיך געוואָרן נאָך פריינט־לעכער, האָט אָנגעבאָטן אַ סיגאַרעטל, און בעת פריץ האָט פאַרצויגן דאָס סיגאַרעטל, האָט דער אויספאָרשער עפּעס פאַרשריבן אין פּאַפּיר. דערנאָך גענומען רעדן ווייך, האַרציק־צוגעלאָזן: ער וואָלט אים, בענדערמויערן, גע־וואָלט העלפן. ער גלויבט אים. אָבער ער קען גאָרניט טאָן, וואָרים אַנטקעגן בענדערמויערן רעדן זייַנע אייגענע מעשים. זיין צוזאַמענשטויס מיט פאָן־האַקענזען. זיין אַרויסרופן די רויטע זעלבסט־הילף. זיין קאָרעספּאָנדירן מיט די רויטע. עס דראָען אים ווייטערדיקע שטרענגע אויספאָרשונגען. און דער־נאָך — לאַנגע יאָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. קען ער, ליידער, פאַר אים גאָרניט טאָן. סיידן... סיידן ער וועט טאָן איין קלייניקייט: ער וועט גרייט זיין צו שטעלן זיך צום דינסט צו יעדער צייט, ווען דאָס „רייך" וועט זיך אין אים נויטיקן. זאָל ער באַווייזן מיט מעשים, אַז ער איז ניט קיין קעגנער פון דער נייער אָרדענונג.

— וואָסער דינסט? ער איז דאָך אַ דייטש. ניט ערגער פון אַנדערע. ער וועט טאָן וואָס אַלע בירגער טוען.

— ניין. איך מיין, — האָט דער נייער אויספאָרשער געצויגן, — צו ספּעציעלער דינסט. איר קענט דאָך רוסיש. און מיר דאַרפן האָבן מענטשן, וואָס קענען איבערזעצן און רעדן רוסיש.

טיף אין האַרצן האָט פריצן עפּעס געשראָקן. צי שטעקט דאָ ניט קיין פאַסטקע? ער האָט זיך געוואַקלט. אָבער דער קעלער מיט דער גרויל פון עקזעקוציע האָט אַ שוועב געטאָן פאַר אים. ניין. אַלץ, נאָר ניט נאָכאַמאָל גיין אין קעלער...

די גאַנצע צייט פון בענדערמויערס וואַקלען־זיך האָט דער אויספאָרשער פון אים די אויגן ניט אַרונטערגענומען און אַלץ געפאָרשט פריצעס פּנים. זיין געניטער בליק פון אַ פּאָליציסט האָט געזען, אַז ער האָט זיין ציל דערגרייכט. ווען ער האָט צוגעשאַרט דאָס פּאַפּיר, פריץ זאָל עס אונטערשרייבן, האָט דער לעצטער זיך אינסטינקטיוו אָפּגערוקט. אָבער דער בליק פון אויספאָרשערס אויגן האָט אים אַלץ נאָכגעפאָלגט. פריץ האָט גענומען די פּען און גיך אונטערגעשריבן.

אַפילו דעמאָלט, ווען ער האָט שוין אָװעקגעלייגט זיין חתימה, האָט ער נאָך אַלץ געטראַכט, אַז ער באַגייט מיט דעם ניט קיין פאַרברעכן. בלויז איבער־

זעצן און אַרויסהעלפן די מאַכט מיט זיין קענטעניש אין רוסיש, וואו־זשע איז דאָ דאָס פאַרברעכן? און דאָך... דאָך האָט ער ניט געקענט באַפרייען זיך פון אַ פאַרגעפיל, אַז ער האָט אַפּגעטאָן עפּעס אַ נידערטרעכטיקע זאַך. ער האָט זיך געפּרואווט באַרויִקן. דאָס שולד־געפיל האָט אים אָבער אַלץ ניט אָפּ־געלאָזט. דאָס האָט אים געטריבן פון דערהיים, פון מענטשן. זיין באַליבט פּלאַץ צו פאַרברענגען איז געוואָרן די קנייפּע. ווידער האָט ער אָנגעהויבן שיכורן. פלעגט זיך אָנטרינקען יעדן זונטיק און פאַרטרינקען יעדן פּפעניג.

די איינציקע זאַך, וואָס האָט אים פון שיכרות אַרויסגעראַטעוועט, איז געווען זיין לוסט צו אַרבעט. און אַרבעט האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אַ סך. און מיט דעם איז אויך געקומען אַן אַנדערע שטימונג ביי פּריצן. די אַרבעט־לאָזע אין אַלגעמיין האָבן זיך דאַן דערפילט אויפגעהייטערטער, זיכערער. ס׳האָט געהייסן, אַז די נייע רעגירונג האָט פאַר אַלעמען אַרבעט. אויס מיט אַרבעטלאָזיקייט! אמת, די הויפּט־אַרבעטן זענען געגאַנגען אויף באַוואָפענונג, אָבער אָבי אַרבעט. יעדער האָט געציטערט אַרויסצוזאָגן אָדער אַרויסצואווייזן אַ צווייפל.

נאָר פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן געליאַרעמט מיט אַלערליי גליקן...

איבער די גאַסן האָבן זיך אָפט געצויגן פּאַראַדן פון מיליטער. ביים קלאַנג פון מיליטערישן אָרקעסטער, פלעגן זיך פאַנאַנדערעפענען די פענצטער פון די שטובן און פרויען מיט צעשטראַלטע בליקן פלעגן פריידיק סאַלוטירן, שרייען, רופן.

ניט באַמערקטערהייט איז אויך פּריץ אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דעם ענטוזיאַזם פון די אַרומיקע. ווער ווייסט? — האָט ער געטראַכט. — אפשר איז ער, היטלער, טאַקע גערעכט? אמת, ער, פּריץ בענדערמויער, איז געווען קעגן די גוואַלדטאַטן און ער האָט פאַר היטלערן ניט געשטימט. אָבער איצטער, אַז היטלער איז געוואָרן דער הויפּט פון דער רעגירונג, איצט וועט ער זיך אַוודאי אויפפירן אַנדערש. ער וועט זיכער ווערן שטאַטסמענישער און וועט רעספּעקטירן געזעץ און אייניקייט. עס וועט זיך איינשטעלן דאָס לעבן און אַלץ וועט זיין גוט.

— מען דאַרף וואַרטן און זען, — האָט ער געטראַכט. — נאָך אַלעמען איז דאָך דאָס אַ נייער פאַרזוך, און אין אָנהויב איז פאַרשטענדלעך, אַז עס זענען מעגלעך עקסצעסן. — אַזוי האָט ער, פּריץ, שוין כמעט ווי באַרעכטיקט די געשטאַפּאָ־גרוילטאַטן.

דערווייל איז דאָס לעבן געגאַנגען אימפּעטיקער ווי פריער. די גאַסן זענען פול געווען מיט מענטשן, וואָס האָבן הויך געטראָגן זייערע קעפּ. די פענצטער אין די קראָמען זענען געווען פול מיט ברוינע אוניפאָרמען. די רייכע האָבן

געאײַלט צו זײערע שנײדער און באַשטעלט ברוינע אָנצוגן.

אין די סקווערן האָבן זיך מושטירט יונגע סאָלדאַטן. די מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפּילט די זײַטן פון די טראָטואַרן, האָבן דערפון אָנגעקוואָלן, געפּילט זיך שטאָלץ: דײַטשלאַנד איז ווידער אַ גרויסע מאַכט. פריץ איז מיטגעאַנגען מיטן שטראָם. דאָך האָט אים ניט אָפּגעלאָזן די שרעק: „צי וועט דאָס ניט ברענגען צו אַ נײַער מלחמה?"

און אָט איז געקומען אַ טאָג אין מערץ. היטלער האָט געבראָכן דעם ווערסאַלער אָפּמאַך און די נאַצי־אַרמיי האָט אַרײַנגעמאַרשירט אין רהײַנלאַנד. מלחמה? ניין! גאָרניט איז געשען. צו קיין מלחמה איז ניט געקומען. ענגלאַנד און פראַנקרײַך האָבן געשוויגן. אַלע דײַטשן זענען ווי פון דער הויט געקראָכן פון באַגײַסטערונג: „אונדזער פירער! אונדזער פירער!"

און פריץ בענדערמויער האָט געטראַכט: דער פירער איז דאָך טאַקע גערעכט; דער ווערסאַלער פרידן איז דאָך טאַקע געווען אַ שטיין אויף דײַטשלאַנדס האַלדז. אַזוי האָבן דאָך אַפילו די סאָציאַליסטן גערעדט. און אונדזער פירער האָט געוואָגט צו באַפרײַען אונדז פון דעם יאָך. און פריץ בענדערמויער, דער ניט־דרײַסטער, האָט געקראָגן מיטאַמאָל גוואַלדיקן דרך־ארץ פאַר געוואַגטקײַט.

דאַן זענען געקומען אַנדערע לאָזונגען: „הײַנט בלויז דײַטשלאַנד, מאָרגן די גאַנצע וועלט." און מען האָט זיך שוין מער ניט באַהאַלטן מיט די נײַע לאָזונגען. מען האָט זיי געוואָרפן הויך און אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט.

דערנאָך זענען געקומען אַנדערע דערשיטערנדיקע טעג: היטלער פאַרנעמט עסטרײַך... און ווידער האָט פריצן דאָס האַרץ געשראָקן: צי וועט דאָס איצט ניט פירן צו אַ בלוטבאָד? נאָר ניין. דער פירער איז ווידער און אָבער־אַמאָל געווען גערעכט. אַפּנים, אַז זײַן שטאַרקע, געוואַגטע האַנט וועט טאַקע געווינען פאַר דײַטשלאַנד אַלץ. און אפשר וועט זיך טאַקע אויך בעסער לעבן, מער לעבנס־רוים... און אַלע פריערדיקע פאַרדרוסן און קעגנערשאַפט צו דער נײַער אָרדענונג זענען בײַ אים פאַרטושט געוואָרן. בלויז אײן בילד האָט אים נאָך אַ לאַנגע צײַט געערגערט. אַ סצענע, ווי מען האָט אַרויסגעטריבן סאָציאַליסטן, געלערנטע און אַנדערע בכבודיקע לײַט אין די גאַסן, און זיי געצוואונגען צו ליגן אויף די קני און מיט באַרשט און וואַסער צו רײַבן די שטײַנער, אָפּצומעקן זײערע אַלטע לאָזונגען. אָט די דאָזיקע סצענע האָט אויף אַ קורצער ווײַלע פריצן אויפגערודערט. אָבער באַלד איז דאָס אויך אין אים אײַנגעשטילט געוואָרן. „דאָס זענען דאָך קלײניקײטן אין פאַרגלײַך מיט דעם גרויסן אויפטו און וואוילזײַן, וואָס די נײַע היטלער־אָרדענונג האָט געבראַכט." — אַזוי האָט זיך אים געטראַכט.

דערנאָך האָט דער שטורעם פון געשעענישן זיך געטראָגן מיט נאָך גרעסערער שנעלקייט. עס איז געקומען מינכען, ווען די הערשער פון די מעכטיקע רעגירונגען זענען געפלויגן צו היטלערן און זיך געבויגן פאַר זיין ווילן...

יעדע געשעעניש האָט ווידער באַשטעטיקט, אַז דער פירער איז אַלעמאָל גערעכט. דעם פירערס אויפטוען זענען באַזונגען געוואָרן אין אַלע צייטונגען. די ראַדיאָס האָבן טאָג און נאַכט איבערגעחזרט די לויבן צום גרויסן פירער און שטאַטסמאַן. און דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן אָן שום בלוט־פאַר־גיסונג. טאָ ווי האָט פריץ בענדערמויער געקענט זיין קעגן דעם? ווי האָט ער געקענט זיין קעגן דעם, אַז ביידע דייטשישע נאַציעס, עסטרייך און דייטש־לאַנד, זאָלן זיין פאַראייניקט, אָדער אַז די דייטשן אין סודעטן־לאַנד זאָלן געהערן צום דייטשן רייך? אַבי דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן אָן בלוט־פאַרגיסונג. אַבי מען האָט אים, פריץ בענדערמויערן, דערוווייל צורו געלאָזט.

דאַן איז געקומען דער אָנפאַל אויף פוילן, און פריץ האָט זיך שוין גענומען כאַפּן, אַז די אַלע פריערדיקע געשעענישן זענען בלויז געווען אַ פאָרשפּיל, וואָס האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט פירן צו מלחמה. דאָ האָט ער זיך אויסגעטשוכעט. אָבער — וואָס קאָן ער, איינער אַליין, אויפטאָן? און דערצו איז ער דאָך נאָך אַ מאַרקירטער. ער האָט דאָך אונטערגעשריבן אַ פּאַפּיר. איצט מוז ער ליגן איינגעלייגט. ער טאָר ניט אַריינפאַלן ווידעראַמאָל אין די הענט פון געשטאַפּאָ. ער מוז מיטגיין, מיטפאָלגן.

די געשעענישן האָבן זיך געקנוילט: קריג!

פריץ האָט, ווי אַלע, געשטורעמט קעגן ענגלאַנד. וואָס וויל זי? וואָס שטעלט זי זיך קעגן פירער? פאַרוואָס שטעלט זי זיך קעגן דעם אַריינמאַרש אין פוילן? ווען ניט די פאַרפלוכטע ענגלאַנד, וואָס וויל ניט שלום מאַכן מיט דער רעאַליטעט, וואָלט דאָך דייטשלאַנד שוין געהאַט גענוג לעבנס־רוים און עס וואָלט געווען פרידן אויף דער וועלט...

מלחמה. בראַנד פון קריג. דייטשלאַנד מוז דאָך איצט זיגן. דעם אָנפאַל אויף נאָרוועגיע, האָלאַנד, בעלגיע איז שוין לייכט געווען צו באַרעכטיקן. אַזוי פאָדערט דאָך די סטראַטעגיע. און ווי אַ באַווייז איז באַלד פאָרגעקומען דער צוזאַמענברוך פון פראַנקרייך. דער פירער האָט דאָס אַלץ פאָראויסגעזען. און, אינאיינעם מיט אַנדערע מיליאָנען, איז פריץ איצט זיכער געווען, אַז דער מאָרגן וועט ברענגען די גאַנצע וועלט צו דייטשלאַנדס פיס.

מיטאַמאָל, אין אָנהויב פרילינג 1941, האָט פריץ געקראָגן אַ מעלדונג, אַז ער זאָל זיך גלייך שטעלן צום דינסט. דאָס האָט אים שטאַרק צערודערט. הייסט עס טאַקע קריג מיט רוסלאַנד? ער האָט פריער אין דעם ניט גע־

גלויבט, הגם אַ סך האָבן דאָס פאָראויסגעזאָגט. איצט וועט ער מוזן קעמפן קעגן זיין טאַטיאַנאַן, קעגן זיין אייגענעם זון...

און ווידער האָט ער פּרובירט געפינען אַ באַרעכטיקונג: אַזוי דרייען זיך די רעדער פון דער געשיכטע, — האָט ער איבערגעחזרט אַ פראַזע, וואָס ער האָט ערגעץ־וואו געהערט. — עס איז מסתּא באַשערט געווען פון דער געשיכטע, אַז דייטשלאַנד זאָל ווערן די הערשערין פון דער וועלט. און אין דער אַרמייִ וועט ער אַליין דאָך זיין בלויז אַן איבערזעצער, און לייכטער מאַכן פאַר די רוסן צוצופאַסן זיך צו דער אָקופּאַציע־מאַכט. דאָס אַלץ.

אָבער שוין דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה האָט ער דערפילט, אַז זיין ראָלע איז גאָרניט אַזאַ אומשולדיק־לייכטע. מען האָט אים גערופן צו די ערשטע געפאַלענע רוסישע סאָלדאַטן. דאָס זענען געווען דריי יונגע רויט־אַרמייער. איינער איז געלעגן די הענט צעוואָרפן. אַ טשוב פון טונקל־בלאָנדע האָר האָט פאַרשטעלט אַ טייל פון פּנים. פריץ בענדערמויער האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים, אַרויסגענומען די פּאַפּירן פון זיין רוק־זאַק, געלייענט און פאַרשריבן. ער האָט געדאַרפט זוכן סודות. אַזוי ביים צווייטן און ביים דריטן געפאַלענעם. געדאַרפט קריכן אין זייערע קעשענעס, זעק, אין זייער בלוט...

פון דעמאָלט אָן האָט ער קיין איין טאָג ניט געהאַט אָן טיפע אַנגסטן. ער האָט דערזען זיינע קאַמעראַדן אין זייער גרויליקער ברוטאַליטעט. אַזוינס האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזען. און יעדעס מאָל, ווען ער האָט געוואָלט זיי איינהאַמעווען אַביסל, איז ער אָפּגעשטופּט געוואָרן אָן אַ זייט.

פאַר פריצן הויבן זיך אויף פון דער פאַרגאַנגענהייט רירנדיקע און טראַגישע בילדער. עס קומען בילדער פון גוואַלדטאַט, פון רציחות, און ס'קומען בילדער פון מענטשלעכער העלדישקייט. ער דערמאָנט זיך:

מען האָט צו זיי געבראַכט עלף געפאַנגענע יונגע רוסישע פּויערים מיט געבונדענע הענט, און מ'האָט זיי פאַרשפּאַרט אין אַ שטאַל. אַ גאַנצן טאָג האָט מען זיי קיין עסן ניט געגעבן. קיין טראָפּן וואַסער אַפילו. דאָס האָט געזאָלט ברעכן זייער האַרטנעקיקייט. אים, פריצן, האָט מען געבראַכט צו די געפאַנגענע, ער זאָל רעדן צו זיי: „מען וועט זיי דערשיסן. פאַראַן איין וועג צו ראַטעווען זיך. זאָלן זיי אַרויסגעבן די קאָמוניסטישע רעדל־פירער. מען וועט זיי גוט שפּייזן, עס וועט זיי זיין וואויל און גוט, אויב זיי וועלן נאָר מיטאַרבעטן מיט דער אָקופּאַציע־מאַכט..."

אָבער קיינער פון זיי האָט זיך ניט געלאָזט איבעררעדן. שטייפער האָבן זיי צוזאַמענגעדריקט די ליפּן, אַז מען האָט אַזש געקענט הערן דאָס קריצן פון זייערע ציין. קיין וואָרט האָבן זיי ניט אַרויסגעגעבן.

— ענטפערט, בעסטיעס! — האָט דער קאַפּיטאַן געשריען און געפּאַכעט מיטן רעוואָלווער. — ענטפערט!

מען האָט זיי געלאָזט געבונדענע אין דער שטאַל. אין הויף — האָט מען געשטעלט תליות.

פריץ דערמאָנט זיך: ער האָט אַ גאַנצע נאַכט זיך ניט געקענט געפינען קיין רו. אַלץ אין אים האָט געשריען: „גיי, העלף זיי!" ער איז אויפגעשטאַנען אינמיטן דער נאַכט, האָט אָנגעפּילט צוויי פליאַגעס וואַסער און איז אַריין צו די אַרעסטירטע.

די פּויערים זענען געלעגן האַלב־פאַרחלשטע, מיט צוגעמאַכטע אויגן. פונעם סקריפּ פון דער טיר האָבן זיי אויפגעציטערט און צעעפנט די אויגן מיט שרעק: שוין? געקומען אונדז נעמען?

ער האָט געזאָגט: „געבראַכט אייך וואַסער", און האָט צוגעטראָגן די פליאַגעס צו זייערע פאַרשמאַכטע ליפּן. זיי זענען ניט גלייך צוגעפאַלן צום וואַסער. זיי האָבן אים אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט. דערנאָך זענען זיי דורשטיק צוגעפאַלן צו די העלדזלעך פון די פליאַגעס, ניט גערעדט, ניט געדאַנקט, נאָר דורשטיק געצויגן שליוק נאָך שליוק.

ביי איינעם פון די פּויערים האָט דאָס פּנים קאָנוואולסירט. די ליפּן האָבן אַ צי געטאָן דאָס וואַסער און באַלד עס אַ שפּיי געטאָן צוריק פריצן אין פּנים:

— אַוועק, דו פאַרשאָלטענע נשמה! איך וויל ניט פון קיין דייטש אַפילו קיין טראָפּן וואַסער.

דאָס אויסגעשפּיגענע וואַסער איז טראָפּנווייז גערונען פון פריצעס פּנים אַרונטער. פריץ איז געוואָרן קלענער, איינגעבויגענער. די העלדישקייט, די געוואַגטקייט פון דעם פּויער האָט אים באַזיגט. ער האָט שווייגנדיק געטיילט און געטיילט דאָס וואַסער, ביז אַלע האָבן געשטילט זייער דורשט.

ער איז געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער קעגן אָט דער שטאַרקייט פון די רוסן. פאַרוואָס איז ער אַליין, אינערלעך, אַזוי פּחדנותדיק? וואָס ציטערט ער אַזוי פאַר זיין לעבן? צו וואָס לעבן? און וואו איז דער אויסוועג? אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס ער האָט קיינמאָל קיין טיפע איבערצייגונגען ניט געהאַט? ער האָט געוואָלט בלויז אַ קליין ווינקעלע פאַר זיך. טשעפּעט מיך ניט און איך וועל קיינעם קיין בייז ניט טאָן. דאַכט זיך, אַזוי וויניק האָט ער דערוואַרט פון לעבן, און דאָך . . . וואָס־זשע טוט מען? ער קאָן מער ניט צוזען די ברוטאַליטעטן... אַנטלויפן? אַריבערגיין צו די רוסן? נו, און טאָמער גלויבן זיי אים ניט? זיי קענען דאָך אים נאָך דערשיסן...

און אין אָט דער נשמה־ראַנגלעניש האָבן זיך גערוקט די טעג. טעג —

אָנגעפּילטע מיט גרוילן. שווער אָפּצומעקן דאָס פון זכרון... אָט דערמאָנט ער זיך אין נאָך אַ פּאַסירונג:

. . . זיי האָבן נאָר־וואָס געהאַט פאַרנומען אַ רוסישן דאָרף. אים מיט נאָך פיר סאָלדאַטן האָט מען איינגעקוואַרטירט אין אַ קליין שטיבל. זיי זענען אַריין און דאָרט געטראָפן אַ יונגע פרוי איבערן וויגעלע פון אַ קליין קינד.

פריצעס קאַמעראַדן האָבן זיך איבערגעוואונקען. די יונגע פרוי איז גע־שטאַנען איבערן וויגעלע אַ צעשראָקענע, אַ הילפלאָזע. זי האָט דערפילט די געפאַר. און אָט האָבן די סאָלדאַטן גענומען צושטיין צו איר: זי זאָל זיי געבן פון איר באַהאַלטענער שפּייז. זי איז געשטאַנען און געשוויגן, זיך אַלץ ניט גערירט פונעם וויגעלע.

די סאָלדאַטן האָבן אַ נישטער געטאָן. געפונען אַ סלאָי מיט יאַגעדעס, עטלעכע אייער, מילך. זיי האָבן געגעסן צו זעט און דערנאָך פרעך זיך גענומען טשעפּען צו דער יונגער פרוי. פריץ האָט די קאַמעראַדן געפּרואווט איינשטילן, אָבער יענע זענען נאָך מער צערייצט געוואָרן. איינער האָט אַ צי געטאָן די פרוי צו זיך און גענומען אַנטבלויזן איר ברוסט. די פיר סאָלדאַטן האָבן זיך גענומען רייסן — ווער עס זאָל זיין דער ערשטער. אויפגעהיצטקייט פון חיות. און די פרוי, אַ פאַרצוקטע — צווישן זיי, צווישן פיס און הענט און מגושמדיקע לייבער.

און נאָך און נאָך בילדער שוועבן איצט פאַר זיינע אויגן. אַ בילד פון אַן אַלטער פרוי, וועלכע האָט געוואָלט אָפּראַטעווען פון די סאָלדאַטן איר לעצטע ציג. זי האָט זיך געוואָרפן צו זייערע פיס, געיאָמערט: „מיין איינציקע שפּייזערין איז זי, נעמט זי ניט אַוועק פון מיר!" זי האָט געקראָגן אַ בריקע מיט אַ פוס און די ציג איז פאַר אירע אויגן געשאָכטן געוואָרן... און אָט — אַ געשעעניש מיט אַ קליין קינד, וואָס אַ יידישע מאַמע האָט אין וואַלד באַהאַלטן. די סאָלדאַטן האָבן דאָס קינד געפונען, און איינער האָט עס אויפן באַיאָנעט אויפגעהויבן...

בילד נאָך בילד רייסן זיך אַרויס פון נעכטן און דרייען זיך, שווינדלען ווי פליגעלעך אַרום אַ גאַסן־ליכט אין אַ זומער־נאַכט. און נאָך אָט די בילדער קומען צו פריצן אויפן געדאַנק געשרייען. גאַנצע שטעטלעך שרייען. גאַנצע דערפער יאָמערן. געשרייען: „ראַטעוועט!" טראָגן זיך פון אַלע זייטן דורך דער נאַכט. און נאָך די געשרייען קומען פייערן. עס ברענט. פייער־צונגען הויבן זיך אין דער נאַכט אויף אַלע פיר ווינקלען פון דער וועלט. און עס שטיקט אים, ווי דער רויך וואָלט אָנגעפילט געווען מיטן סמאַליען פון מענטש־לעכע גופים. ער קען דאָס שוין מער ניט אויסהאַלטן. און אַזוי — נאַכט נאָך נאַכט.

מיטאַמאָל זענען זיינע געדאַנקען איבערגעריסן געוואָרן. די טיר האָט אויפגעפּראַלט און אַן עלעקטרישער שיין־וואַרפער האָט אויפגעריסן די נאַכטיקייט. עמעצער האָט גערופן: „בענדערמויער!״

— וואָס איז?

— דער קאַפּיטאַן רופט!

פּריץ האָט זיך אויפגעהויבן. מסתמא ווידער אַ נאַכטיקע אויפשפּירונג. דאָס האַרץ איז אים איינגעפאַלן. ערגער פאַר אַלץ האָט ער מורא פאַר די נאַכטיקע אויסשפּירונגען. און לעצטנס באַשטימען זיי דווקא פאַר אים אָט די פאַסקודנע אַרבעט. זיי זאָלן אים נאָר כאָטש ניט שיקן צום פּלאַץ, וואו טאַטיאַנאַ וואוינט. מען קומט דאָך אַלץ נעענטער אַהין...

פּריץ איז אַוועק צום קאַפּיטאַן, און יענער האָט געזאָגט:

— דאָ אַהער! טו אַ קוק אויף דער מאַפּע! זע, דאָ זענען מיר. דאָס איז דאָס שטעטל ס., און דאָ איז דאָס דאָרף „די רויטע דעסנאַ״, ביים סאַמע ברעג פון טייך. מיר מוזן אויסגעפינען דעם שונאס כחות. עס איז ניט קיין גרינגע אויפגאַבע. אָבער דו באַזיצסט די שפּראַך. פאַרשטעל זיך פאַר אַ פּויער, און געדענק: אויב דיר געלינגט, וועט זיך אונדז דאַן איינגעבן מיט איין מאָל אַריינצופּאַקן אַ גרויסן טייל רוסן אין אונדזער קלעם. מיר פאַרנעמען דעם רעכטן ברעג און זיי זענען קאַפּוט. און דו, דו וועסט קריגן אַ הויכע באַלוינונג...

בענדערמויער האָט געפילט ווי זיינע פיס ברעכן זיך אים אונטער. ניין. ער וויל ניט גיין. ער וויל ניט, ער וויל ניט...

— וואָס שטייסטו אַזוי? האָסט געהערט?

פּריץ האָט אויפגעציטערט, זיך אויסגעצויגן און סאַלוטירט: — יאָ. גאַנץ געוויס! איך גיי. אָבער, הער קאַפּיטאַן, צו ווייניק צייט. די זומער־נאַכט איז קורץ.

— קיין רייד! געגאַנגען!

פּריץ האָט זיך איבערגעטאָן אין אַן אַלטן ברוינעם רעקל, וואָס האָט פון דער אָפּגעבליאַקעוועטקייט אויסגעקוקט מער געל ווי ברוין. ער האָט אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אַ גרוי באַראַשקענע היטל, איז מיט שווערן געמיט אַרויס און איז פאַרשוואונדן אין דער פינצטערער נאַכט...

קאַפּיטל נײַנצן

די זון איז שוין געווען פֿאַרגאַנגען, נאָר עס איז נאָך געווען ליכטיק, ווען אַנדרעי אָוודעיענקאָ, איבערגעטאָן אין ציווילע קליידער פֿון אַן אוקראַיִנישן פּויער, האָט זיך אָוועקגעלאָזן אין זיין שליחות.

פֿון אָנהויב איז ער געגאַנגען מיטן ברעג פֿון וואַלד. דערנאָך האָט זיך דער וואַלד געענדיקט און אַ ברייט, אָפֿן פֿעלד האָט זיך געשפּרייט ווי ווייט דאָס אויג האָט געקענט כאַפּן. אַנדרעי איז געבליבן שטיין אַ ווייל און האָט פֿאָרזיכטיק אַרומגענומען דעם אָפֿענעם וועג.

עס איז שטיל געווען אַרום. עס האָבן זיך ניט געטראָגן קיין געזאַנגען פֿון די שניטער, וואָס פֿלעגן דאָ געוויינלעך הילכן אין דער דאָזיקער צייט. דעם ווייץ האָט מען שוין געהאַט אַראָפּגענומען. אַראָפּגענומען, קענטיק, פֿריער ווי אַלעמאָל און מסתמא ערגעץ אָוועקגעשיקט. די פֿעלדער זענען איצט געשטאַנען אַנטבלויזטע און פֿאַרשעמטע, וואָס מען האָט, פֿאַר דער צייט, אָפּגעשאָרן זייער פּראַכט.

מען האָט ניט געזען קיין לעבעדיקן מענטשן אין דרויסן. ניט קיין קי, און ניט קיין פֿערד. אַנדרעיען האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ שטייט אָנגעשפּיצט צו דעם געוואַלדיקן געראַנגל פֿון מענטש קעגן מענטש. נאָך אַמאָל פֿאָרזיכטיק אַרומקוקנדיק זיך, איז ער אַרויס אין וועג.

לאַנגזאַם האָט געענדערט דער אָוונט, און בין־השמשותדיקייט האָט אָנגע־ווייעט אויף אים נאָגנדיקע געפֿילן. ער האָט מיט פֿאַרשאַרפֿטער ליבשאַפֿט געקוקט אויף די היימישע ערטער. אָט דאָ, גאָר ניט ווייט, געפֿינט זיך דאָס דאָרף דימיטראָווקאָ. אַהערצו איז ער, אַנדרעי, איינמאָל אין אַ זומער אַרויס־געפֿאָרן מיט אַ גרופּע שילער, צו העלפֿן די פּויערים אַראָפּנעמען דאָס גע־רעטעניש פֿון טרוסקאַווקעס, וועלכע האָבן שנעל געדאַרפֿט איינגעזאַמלט ווערן. אין זיין זכרון זענען דורכגעגאַנגען די עטלעכע טעג, וואָס ער האָט דאָ פֿאַר־בראַכט. וויפֿיל זאָרגלאָזע פֿרייד, שטיפֿעריי עס איז דעמאָלט געווען. און אָט איז דאָס בערגל מיט זאַכאַרענקאָס ווינטמיל. די צעפֿליקטע פֿליגלען שטייען באַוועגלאָז. די מיל איז שוין לאַנג ניט באַנוצט געוואָרן, נאָר שטייט נאָך אַלץ אויפֿן בערגל, אַ צייכן פֿון אַמאָל.

אַנדרעי האָט זיך שטיל צוגעגנבעט צו זאַכאַרענקאָס שטוב. קיין סימן פֿון

לעבן איז דאָרט ניט געווען. אפשר האָבן זיי זיך באַהאַלטן? ער וועט אַנקלאַפּן. נאָר אויף זיין קלאַפּן אין פענצטער איז קיין ענטפער ניט געקומען. איז אַנדרעי געגאַנגען אַרום און אַרום און ערשט דאַן האָט ער דערזען, אַז די טירן זענען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. עס איז אים אומעטיק געוואָרן. ער מוז פאָרט אויס־געפינען, צי עס לויערן דאָ אַרום דייטשישע פּאַטרולן.

נאַכט איז צוגעפאַלן. איצט איז געווען זיכערער צו גיין. אַנדרעי איז גע־גאַנגען מיט שנעלע טריט. ס'וואָלט גוט געווען אַרויסצוגיין צום שאָסעי, וואָס ציט זיך גלייך צום קאָלכאָז „די רויטע דעסנאַ", אָבער דאָס איז צו ריזיקאַליש, צו אָפן.

זיין אויער האָט אויפגעכאַפּט דעם קלאַנג פון רעדער. ער איז אַנידער־געפאַלן אין די קוסטעס און געוואַרט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. ווען די פור איז שוין געווען גאָר נאָענט און ער איז געווען זיכער, אַז דאָס זיינען אייגענע, איז ער אַרויס פון באַהעלטעניש.

— העי, שטיי, זעמליאַק!

פון דעם פלוצלונגדיקן באַוויזן זיך פון אַ געשטאַלט אין דער טונקעלער נאַכט, פון דעם געשריי, האָט דער אַנטרייבער פון די פערד זיך שטאַרק דער־שראָקן און נאָך שטאַרקער זיי אַ שמיץ געטאָן. באַלד אָבער האָט ער זיך גע־כאַפּט, אַז דאָס רעדט צו אים אַן אייגענער, האָט ער איינגעצויגן די לייצעס און די פערד האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

אַנדרעי איז צוגעקומען. זיך אויסגעפרעגט, צי די דייטשן זענען דאָ פאַראַן.

— פאַראַן! פאַראַן אומעטום! די פאַרשאָלטענע. פון זיי טאַקע אַנטלויפן מיר. אפשר צופירן דיך אַביסל? זעץ זיך אַרויף!

— ניין! אַ דאַנק! — האָט אַנדרעי געזאָגט. — איך וועל שוין אַליין געפינען מיין וועג.

אַנדרעי איז געגאַנגען פּאַזע שאָסעי, האַלטנדיק זיך אין שאָטנדיקייט פון די קוסטעס. מיטאַמאָל האָט ער דייטלעך דערהערט ווי אַ מאָטאָרציקלעט יאָגט זיך אויפן שאָסעי אין זיין ריכטונג. ער האָט זיך פאַרטייעט אין גראָז. געוואַרט. דער מאָטאָרציקלעט איז אַריבערגעפאָרן און דערנאָך זיך אומגעהערט צוריק. מיט אַ שיין־ליכט האָט ער עפּעס געזוכט אין די זייטן פון שאָסעי, אָפּגעשטעלט זיך, אַרויסגענומען אַ מאַפּע און עפּעס נאָכגעפאָרשט. ער איז ווידער דורכ־געפאָרן זיך מיטן מאָטאָרציקלעט, זיך אָפּגעשטעלט לעבן ליגנדיקן אַנדרעיען, אַ וואָרף געטאָן דעם שיין־ליכט צו דער אַנדערער זייט פון שאָסעי און עס גע־האַלטן לאַנג, ביז ער איז זיכער געווען, אַז ער איז טאַקע אויפן ריכטיקן פּלאַץ. דאַן איז ער אַראָפּ פונעם מאָטאָרציקלעט, האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט דער

פֿלייצע צו אַנדרעיען און געווישט מיט אַ טיכל דעם שווייס און שטויב פֿונעם פּנים.

אַנדרעיען איז קלאָר געוואָרן, וואָס דער דייטש האָט דאָ געזוכט: דער שאָסעי צעצווייגט זיך דאָ. איין צווייג פֿירט גלייך צו דער דעסנאַ. דער צווייטער גייט אַוועק צום צפֿון אָן אַ זייט. „אַהאַ!" — האָט זיין מוח שנעל געאַרבעט. — „דער דייטש דאַרף געוויס דירעקטירן די באַוועגנדיקע מיליטער־טיילן, וואָס גייען צו דער דעסנאַ, אַז זיי זאָלן ניט אַראָפּ פֿון ריכטיקן וועג. דאָס טאָר אים אָבער ניט געלינגען. ער מוז אים אַראָפּראַמען."

אַנדרעי האָט אַרויסגענומען דעם באַהאַלטענעם קינזשאַל, האָט אים געהאַלטן צווישן די ציין און מיט קעצישע באַוועגונגען גענומען גנבענען זיך צום דייטש. דער דראַנג אָפּצוראַמען דעם דייטש האָט זיך געריסן פֿון יעדן אבר זיינעם. אַלץ איז אָנגעשפּיצט געוואָרן אין אים. די נאַכט איז געוואָרן דורכזיכטיקער. די חושים — שטאַרקער, שאַרפֿער. אָט, אָט! ער איז שוין גאָר נאָענט. נאָך עטלעכע טריט בלויז. דער דייטש האָט, דאַכט זיך, אויפֿגעכאַפּט פֿאַרדעכטיקע רוישן. ער האָט מיטאַמאָל אויפֿגעהויבן זיין קאָפּ און זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט פֿון דער נאַכט. אַנדרעי איז פֿאַרגליווערט געוואָרן. אָפּגעוואַרט און דערנאָך ווידער זיך גענומען רוקן. אָט איז שוין דער אָנשיט פֿון שאָסעי. איצט — אַ שפּרונג מיטן מעסער אין האַנט...

אָבער עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן פֿון אונטער אַנדרעיס פֿוס, און עס איז אַ פֿאַל אַראָפּ געטאָן. דער דייטש איז האַסטיק אויפֿגעשפּרונגען. זיין האַנט האָט זיך אַ צי געטאָן צום האַלטער פֿון רעוואָלווער. צו שפּעט. אַנדרעיס האַנט מיטן מעסער האָט אים אַ קלעם געטאָן ביים אויער און האָט אַ ריס געטאָן צום גאָרגל. די אַנדערע האַנט האָט אָנגעכאַפּט דעם דייטש ביי דער האַנט, וואָס האָט שוין געהאַלטן דעם רעוואָלווער, און זי געדרייט אַהינטער. ביידע האָבן זיך צוזאַמענגעקלאַמערט אין טויטלעכן פֿאַרמעסט און זענען אַנידערגעפֿאַלן אויף די שטיינער. אַנדרעיען איז געלונגען אַרויפֿצוכאַפּן זיך אויפֿן דייטש און צו האַלטן אים מיט זיינע קני. זיינע הענט, ווי קלאַמערן, האָבן זיך איינגעשטשעמעט אין יענעמס האַלדז. ער האָט דערפֿילט וואַרעם בלוט צווישן די פֿינגער. דער שווער־פֿאַרוואונדעטער דייטש האָט געקעמפּט מיט זיינע לעצטע כּחות. אַנדרעי האָט ניט אָפּגעלאָזט ביז וואַנען דער דייטש האָט ניט אויפֿגעהערט צו ווערן זיך, און ביז ער האָט ניט דערהערט יענעמס לעצטע אַגאָניע־כאָרכלען...

דעמאָלט האָט ער אַוועקגענומען זיינע הענט. אַ היפּשע ווייל איז ער אַליין געבליבן ליגן אָן כּחות. געלעגן און שווער געסאָפּעט.

דער זיך־דערנעענטערנדיקער גערויש פֿון מאָטאָרן און דער געקלאַנג פֿון

רעדער אויפן שאָסעי האָט אים געבראַכט צו זיך. ער האָט אַראָפּגעשלעפּט דעם טויטן קערפּער אין די קוסטעס, האָט אַראָפּגעריסן פון אים דעם אוניפאָרם און האָט עס זיך אָנגעטאָן, האָט אויפגעהויבן פון דער ערד דעם עלעקטרישן שיין־וואַרפער און איז צוריק אַרויף אויפן שאָסעי, אויפן אָרט, וואו דער דייטש איז פריער געזעסן. ער האָט גוט געוואוסט דעם שונאס סיגנאַל־סיסטעם. עטלעכע מאָל האָט ער געוואָרפן ליכט־סיגנאַלן צו די זיך־דערנעענטערנדיקע לייכטע טאַנקען.

אויפנעמענדיק די סיגנאַלן, האָבן די טאַנקען זיך אָפּגעשטעלט. דעמאָלט האָט אַנדרעי לאַנג געהאַלטן דאָס ליכט אין דער ריכטונג פון צפון. די טאַנקען האָבן אויפגענומען דעם סיגנאַל און האָבן זיך ווידער גערירט. עס האָט זיך דערהערט דאָס סקריפּען פון די שטאָלענע שלאַנגען. דער קאָלום האָט זיך פאַרקירעוועט צום צפון און איז באַלד פאַרשוואונדן.

ווען דער לעצטער טאַנק איז איינגעשלונגען געוואָרן פון דער פינצטער־קייט, האָט אַנדרעי פרייער אָפּגעאָטעמט. ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם דייטשישן אוניפאָרם און אים אַ שמיץ געטאָן אין דער ריכטונג פון די קוסטעס, וואו דער טויטער דייטש איז געלעגן. דערנאָך האָט ער אַ דריי געטאָן דאָס עלעקטרישע לעמפּל און נאָך אַמאָל געוואָרפן אַ שיין צום אָרט וואו דער טויטער שונא איז געלעגן. און מיט אַמאָל! ניט ווייט פון טויטן קערפּער האָט ער דערזען אַן איינגעשרומפּענע געשטאַלט פון אַ מענטשן אין אַ געלבלעך־ברוינעם רעקל, מיט אַ גרויער באַראַשקענער היטל. ווער איז עס? אַנדרעיס פינגער אויפן לעמפּל האָבן מאָמענטאַל אויסגעלאָשן דאָס ליכט, און ווידער איז אין אים אַלץ אָנגעשפּיצט געוואָרן צו דער נייער לויערנדיקער געפאַר. אין מוח: ווער ליגט דאָרט פאַרשטעקט אין גראָז? איז דאָס אַן אייגענער, אַן אומ־דזעריקער, צי איז דאָס דער שונא? האָט ער אַלץ געזען? וועט ער אים אַרויס־געבן? וועט ער זיך מיט אים פאַרמעסטן? זיין גאַנצע שליחות קאָן דאָך דורכפאַלן. ניין. אַנדרעי וועט ניט אָפּטרעטן! אויב עס איז דער שונא — דאַן וועט ער מוזן שטאַרבן, ווי פריער דער מאָטאָרציקליסט.

נאָר עפּעס האָט אַנדרעיען אָפּגעהאַלטן צו גיין אויסגעפינען. ער וועט בעסער צוּוואַרטן און זען, וואָס ס'וועט ווייטער זיין. דערווייל מוז ער זיך באַשיצן און זיין צוגעגרייט. אַנדרעי איז פאַרזיכטיק אָפּגעקראָכן און זיך פאַרשטעקט הינטער אַ קוסט, מיטן פּנים צו דער זייט, וואו די לויערנדיקע געשטאַלט איז געלעגן. ער האָט אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער און אַזוי, אין גרייטקייט, געלעגן אַן אַ ריר. די רגעס האָבן זיך געצויגן מוראדיק לאַנג. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער כאַפּט אויף גערוישן. ער האָט שטאַרקער געדריקט דעם שטאָל פון נאַגאַן. ביי דער ערשטער געפאַר וועט ער אַ וואָרף טאָן אַ

ליכט־שיין פון לעמפל און וועט דעם אָנפאַלער אַוועקלייגן. נאָר די מינוטן זענען געלאָפן און גאָרניט איז געשען. עס איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז אַנדרעיען האָט זיך געדאַכט, ער הערט דאָס לעבן פון די נאַכט־פליגעלעך. ער האָט נאָך אָפּגעוואַרט אַביסל און באַשלאָסן אויסצוגעפינען, צי די לויערנדיקע געשטאַלט ליגט נאָך דאָרט. דאָס ליכט פון לעמפל האָט דורכגעזיפּט די פינצטערקייט פון קוסט צו קוסט און נאָכאַמאָל באַלויכטן דעם טויטן דייטש. קיינער, אַחוץ אים, איז ניט געווען אַרום.

— ניטאָ שוין מער! נו, איצט געגאַנגען, שנעל! — אַנדרעי האָט זיך געלאָזן ווייטער אין וועג. אָט האָבן זיך גענומען שיטערן די קוסטעס. דער באָדן אונטער די פיס איז געוואָרן נאָכגיביקער, פייכטער. באַלד, ניט ווייט, דאַרף זיין אַ קליין טייכל. דער שאָסעי שפּאַנט דאָ איבער דעם טייכל מיט אַ בריקל. אפשר שטייען דאָ דייטשישע פּאַטרולן. ער האָט זיך פאַרנומען רעכטס. ער האָט ריכטיק באַנומען די געפאַר. ביי זיין דערנעענטערן זיך האָט ער דער־הערט עמעצן אויפשפּרינגען:

— האַלט! האַלט!

ער האָט זיך גענומען לויפן פון פּאַטרול. אַ שאָס האָט דורכגעבליצט. ער איז אַ פאַל געטאָן אין גראָז. שנעל, שנעל געפויזעט אויף אַלע פיר, וואָס ווייטער פון דעם אָרט וואו דער פּאַטרול איז געווען. די שיסעריי האָט אָנגעהאַלטן און האָט אויפגעהערט ערשט דאַן, ווען ער איז שוין געווען ווייט אָפּגעקראָכן. איז ער אויפגעשפּרונגען און ווידער זיך געלאָזט לויפן. ער איז געלאָפן און גע־לאָפן ביז ער האָט דערפילט, אַז עס סטאַיעט אים ניט מער קיין אָטעם. שוין ניט ווייט פון דאַנען דאַרף זיין דער קאָלכאָז „די רויטע דעסנאַ״. דעמאָלט איז ער געראַטעוועט. דעמאָלט האָט ער דערגרייכט זיין שליחות... איצט קאָן ער זיך פאַרגינען אָפּצוציען דעם אָטעם. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן גראָז, זיך אויסגעצויגן און אויסגעשפּרייט די הענט. דאָס האָט אים באַרואיקט. פון דער ערד, האָט זיך אים געדאַכט, פליסן אין אים כחות, און אַ זיכערקייט איז אין אים געוואַקסן, אַז ער וועט זיין שליחות אויספירן. ער וועט דערגרייכן דעם קאָלכאָז און אינאיינעם מיט די קאָלכאָזניקעס וועלן זיינע חברים זיך אַרויסרייסן פון דייטשישער אַרומרינגלונג.

איצט מוז ער, אַנדרעי, קלאָר באַטראַכטן וואָס ער האָט צו טאָן. דאָ, גאָר נאָענט, איז דאָס דאָרף יאַבלאָנאָווקאַ. אפשר זאָל ער פריער אַראָפּטרעטן אַהין און אויסגעפינען וואו די דייטשן זענען? און אפשר איז בעסער צו גיין גלייך צום קאָלכאָז? די מאַמע, סאָניע און אַלע היימישע מענטשן זענען אים געקומען אין געדאַנק. עס האָט אַ ציי געטאָן אַהין. ניין. ער וועט אין ערגעץ ניט אָפּ־שטעלן זיך. שנעלער, שנעלער טראָגט מיך, פיס, אַהין!...

אָט איז שוין דער קאַלכאָז. ער גייט אויף דעם אויסגעשניטענעם גראָז־וועג. פון ביידע זייטן ציען זיך די סעדער. עס הויערן אויף אין דער טונקל־קייט די געביידעס פון דער מילך־באַלעבאַטישקייט. אָט איז שוין די קאַלכאָז־קראָם, און אָט איז דאָס פאַרוואַלטונגס־הויז. אַלץ איז שטיל. מיד פון קאָכיקע קריגס־געשעענישן, פון גוואַלטיקער געשפאַנטקייט, פון היטן דעם קאַלכאָז, זענען די מענטשן פאַרזונקען געווען אין טעמפן שלאָף. אַפילו די הינט בילן ניט. קאָן עס דען זיין, אַז די קאַלכאָזניקעס זענען אַוועק און מיטגענומען זיי, די הינט, מיט זיך? איין פאַרקער צום ראָג און, אָט איז דער מאַמעס שטוב, דער גאַנעק... און ער דערזעט:

עמעצער שטייט ביי דער טיר. אַנדרעי נעמט אַרויס דאָס לעמפל, באַלייכט דעם גאַנעק. עמעצער אין אַ געלבלעך־ברוינעם רעקל מיט אַ באַראַשקענעם היטל אויפן קאָפּ! זע נאָר, עס איז דאָך דאָס זעלבע געשטאַלט, וואָס ער האָט געזען ליגנדיק אין די קוסטעס ביים שאָסיי. מאָדנע. ווער קאָן עס זיין? עפּעס שרייבט ער מיט קרייד אויף דער טיר...

— שטיי!!!

פון דעם פּלוצימדיקן אויסגעשריי און פון דעם אויפליכט אין דער אַרומיקער פינצטערקייט און שטילקייט, האָט דאָס געשטאַלט אין ברוינעם רעקל אויפגעציטערט. אויפגעהויבן די הענט אינדערהויך און אויסגעשריען: „קאַמעראַד! קאַמעראַד!“

— אַך, „קאַמעראַד“? אַ דייטש גאָר? — אַנדרעי האָט אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער. — וואָס טוסטו דאָ, ביי דער טיר? רעד! אָדער איך דערשיס דיך באַלד אויפן אָרט!...

אַ ווייל האָט דאָס געשטאַלט אין ברוינעם ניט געקענט רעדן. אַנדרעי האָט געזען, ווי דער דייטש שטייט צעשראָקן און ציטערט אינגאַנצן. עס איז ניט געווען קיין יונגער מאַן, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים, נאָר אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן. דאָס פּנים פול מיט אַנגסטן. די פּלייצעס עטוואָס געבויגן.

פריץ בענדערמויער האָט דאָס פּנים פון דעם יונגן רוס ניט געקענט זען אין דער פינצטערקייט, אָבער ער האָט אַרויסגעפילט פון זיין רעדן די שטאַלענע אַנטשלאָסנקייט און דעם האַס צו אַלע דייטשן. נעבעכדיק האָט ער געזאָגט אין רוסיש: „איך גיב זיך אונטער, טאָוואַרישטש.“

— וואָס פאַר אַ „טאָוואַרישטש“ בין איך דיר, דו נידערטרעכטיקער נאַצי?! וואָס האָסטו אויף דער טיר געשריבן? רוק זיך אָפּ, לאָז איבער־לייענען!

פריץ איז אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט. אַנדרעי האָט איבערגעלייענט: „227“.

— וואָס איז דאָס? עפּעס אַ געהיימער צייכן?

— אַ געהיימער, דאָס איז אמת. זי און איך האָבן בלויז פון דעם צייכן געוואוסט.

— וועמען מיינסטו? ווער איז דאָס די „זי“. רעדסט פאַרשטעלט. עס וועט דיר ניט געלינגען אַרויסצודרייען זיך. רעד אָפן. עפּעס אַ געהיימער צייכן פאַר די דייטשן?

— ניין. איך מיין, זי — טאַטיאַנאַ אָוודיעינקאָ, וואָס וואוינט דאָ. אַ נאָענטער פריינט איז זי — מיינער.

— לאַיגסט, דו הינטישער זון! ווי וואַגסטו אויסצוטראַכטן . . .

— ניין. איך זאָג ניט קיין ליגן. בין געקומען זי זען און ניט געטראָפן. לאָז איך איבער אַ צייכן, אַז איך בין דאָ געווען — האָט פריץ גערעדט נאָך אַלץ צעשראָקן, אָבער אַ צופרידענער, וואָס ער קאָן אויפקלערן זיין אַנוועזנהייט דאָ.

און מיטאַמאָל האָט דורך אַנדרעיס מוח דורכגעבליצט: קאָנווערטן מיט דער אויפשריפט „דאָ וואָסטרעבאָוואַניאַ 277“. די בריוו זענען דאָך געקומען פון זיין פאָטער אין דייטשלאַנד. נומער צוויי הונדערט זיבן און זיבעציק! דאָס איז דאָך דער „צייכן“, מיט וועלכן זיין מוטער פלעגט זיך איבערשרייבן. קאָן עס זיין . . . אַז אָט דער אָ . . . אַז דאָס איז זיין פאָטער?...

אַ שווייס האָט אַנדרעיען באַשלאָגן. דאָס אַנגעשטאָלטע, פאַרביטערטע האַרץ האָט ניט געוואָלט גלויבן, ניט געקאָנט גלויבן. ווי אַזוי? מיטאַמאָל? פון דער מאַמען האָט ער געהערט וועגן פאָטער, אָבער ניט געקענט אים. און איצט, אינמיטן פון אַ קריגס־שליחות, אינמיטן פון קריג — „פאָטער“ גאָר?

די האַנט, וואָס האָט געהאַלטן דעם רעוואָלווער און איז גרייט געווען, אַ רגע צוריק, אָפּצוראַמען דעם דייטש, ווי איינעם פון די קינדער־מערדער, שענדער פון פרויען, איז מאַכטלאָז אַרונטערגעפאַלן. אַנדרעי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן.

דער בום פון האַרמאַטן־קנאַלן האָט זיך מיטאַמאָל דערטראָגן פון דער ווייט. אַפּריער אַן איינצלנער, דערנאָך אַן אָפטערער, שטאַרקערער. אַנדרעי האָט זיך אויפגעכאַפּט. וואָס שטייט ער דאָ אַזוי? דאָס האָבן דאָך זיינע חברים אָנגעהויבן דעם דורכבראָך מיט אַ צוגרייטונג פון אַרטילעריע, און ער האָט זיין שליחות נאָך ניט דורכגעפירט. ער מוז דאָך אויפוועקן, מאָביליזירן די קאָל־כאָזניקעס!...

ער האָט אויפגעהויבן די אַראָפּגעלאָזטע האַנט און אויסגעשאָסן. דער קנאַל האָט דורכגעשריען אין דער נאַכטיקער שטילקייט און אויפגעוועקט די מענטשן. האַסטיק האָבן זיך געעפנט טירן, פענצטער. דערשראָקענע זענען די קאָלכאָז־

ניקעס אַרויס פון די שטיבער. ווער איז דאָס? דער שונא? אַנדרעי האָט אַנגעצונדן דאָס לעמפּל.

— זע נאַר! דאָס איז דאָך אַנדרעי אָודעיענקאָ! אונדזער אַגראָנאָמקעס זון! — האָבן שטימען געררעדט. — ווי קומסטו דאָ אַהער אינמיטן נאַכט? און ווער איז דער פּויער?

— ניט קיין פּויער איז דאָס, נאָר אַן איבערגעטאָנענער דייטש.

— אַ דייטש? פאַרשטעלט זיך פאַר אַ פּויער? ניט אַנדערש אַ שפּיאָן.

דראָענדיק האָבן זיך צו פּריצן אַ ריס געטאָן קאָלכאָזניקעס.

— טויטן אים גלייך אויף אָן אָרט!

— פאַרשאָלטענער פאַשיסט! שפּיאָן!

— אויף שטיקער אים צערייסן! צו וואָס זיך צערעמאָניעווען מיט אים?!

פּריץ האָט געציטערט מיט אַלע אברים. ער האָט געוואָלט רעדן, באַווייזן און ניט געקענט. ער האָט געשטאַמלט: „טאַטיאַנאַ, מיינע. איר וועט זען! מיין ווייב!...“

דאָס קלאַפּן פון די האַרמאַטן האָט דערטרונקען זיינע ווערטער. דער האָרי־זאָנט איז ליכטיק געוואָרן פון אויפגייענדיקע פייערן. די דראָענדיקע קאָל־כאָזניקעס האָבן ניט אויפגעהערט צו שימפן: „מערזאַוועץ! ליגנער! משוגע־נער הונט! אַ טויט!...“

אַנדרעי האָט באַפעלעריש אויפגעהויבן זיין האַנט:

— לאָזט אים אָפּ ביזן פאַרהער. דערווייל דאַרפן מיר זיך צוזאַמענעמען, מאָביליזירן זיך, באַוואָפענען, העלפן אונדזעריקע. זיי קומען! זיי דערנעענ־טערן זיך. און אים? ווער וועט זיך אונטערנעמען אים צו האַלטן?

— איך! — האָט זיך פון דעם עולם קאָלכאָזניקעס אַרויסגערוקט איגנאַט יערעמענקאָ. — איך וועל אים האַלטן. פון מיר וועט ער ניט אַנטלויפן!...

***

פּריץ בענדערמויער איז עטוואָס געקומען צו זיך. איגנאַט און נאָך אַ פּויער האָבן אים געבונדן די הענט. ער האָט זיך ניט קעגנגעשטעלט. אים איז איצט געווען אַלצאיינס. אָט איז עס — דער סוף פון לאַנגן וועג. דאָ, אין דער געגנט, זענען אויפגעגאַנגען זיינע חלומות, דאָ האָט ער איבערגעלעבט די פריידיקסטע טעג פון ליבע און האָפענונג, און דאָ וועט עס זיך פאַרענדיקן... און ביטער האָט אין אים די נשמה געוויינט. אָט האָט ער זיין זון געטראָפן. אַנדרעי! אָבער ער קען אים ניט זאָגן: „זון.“ און וואו איז זי, טאַטיאַנאַ? און ווער איז דאָס גאָר זיין שומר? — איגנאַט! פון וואַנען האָט ער זיך גענומען? איז ער מיט טאַטיאַנאַן?

איגנאַט האָט אים אַ שטורך געטאָן:

— אַריינגעפאַלן, אַ? נו, קיין צופיל צייט צו צערעמאַניעווען זיך מיט דיר איז ניטאָ. גיי!

פריץ האָט זיך גערירט. איגנאַט, מיטן נאָגאַן אין דער האַנט, איז אים נאָכגעגאַנגען פון הינטן. זיי זענען דורכגעגאַנגען די לאַנגע גאַס פון קאָלכאָז און אַרויס אין אָפענעם פעלד.

די זון האָט געהאַלטן אין אויפגיין. אירע ערשטע שטראַלן האָבן באַלויכטן די גרינע קעפלעך פון די ביימער. האָבן זיך געשפּילט מיט די טוי־טראָפּנס אויף די זיך לייכט־באַוועגנדיקע בלעטער. אויף דער ערד, אויף די אָפּ־געשניטענע פעלדער איז נאָך געווען נאַכטיקע פייכטקייט.

פוןביידע זייטן וועג האָבן זיך געצויגן יונגע פרוכט־ביימער. דאָס איז געווען דער סאָד, מיט וועלכן דער קאָלכאָז האָט אַזוי שטאָלצירט. עס האָבן היי־יאָר גוט געבליט די קאַרשן. זייער ווייסקייט האָט אַרויסגעבלאַנקט פאַר וויאַרסטן ווייט. און אָט דאָס אַלץ, וואָס מען האָט מיט אַזוי פיל מי געפלאַנצט און געפלעגט, וועט מען מוזן איבערלאָזן דעם שונא... מען ציט זיך צוריק טאָג נאָך טאָג. באַלד וועט מען אויך פון דאַנען מוזן אַוועקגיין. און איגנאַט דער־פילט די ביטערקייט פון די טעג מיט מפּלות. ער פילט אין דער לופטן דעם רויך פון פאַרברענטע כאַטעס. ער זעט די טרערן פון די אַנטלויפנדיקע מיט זייערע לעצטע פאַרמעגנס — געזאָלצענע, בלוטיקע טרערן...

פון דערווייטנס טראָגט זיך אַ געדיכטער שטויב. איגנאַט ווייסט שוין וואָס דאָס איז. אַן אָפּטע דערשיינונג אין די לעצטע טעג. דאָס טרייבט מען די לעצטע סטאַדעס בהמות אַוועק פון שונא. איבער אַלע וועגן בלאָנקען אַרום די איבערגעשראָקענע שעפּסן. און דער סטעפּ איז נאַס פון די ניט־אויסגע־מאָלקענע קי. די מילך רינט אַרויס פון די געשוואָלענע אייטערס.

און אָט איז דאָס פעלד... איגנאַט דערמאָנט זיך אַ טאָג, אַזאַ איינעם ווי היינט, דאָ אין פעלד. ער, טאַטיאַנאַ און זיין פאָטער, יעפים קאַרפּאָוויטש, האָבן צוזאַמען געאַרבעט. עס איז געווען דער לעצטער זומער פאַר דער מלחמה. טאַטיאַנאַ, וועלכע איז אַ לאַנגע צייט געווען אַן אומעטיקע, איז יענעם טאָג געווען גאָר אַן אַנדערע. מער צוגעלאָזט צו אים. מער אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט. און ער געדענקט, ווי זי האָט זיך דעמאָלט אַזוי צעזונגען אין פעלד. ווי שיין זי האָט געזונגען!...

באַלד דערנאָך איז געקומען די מלחמה און האָט אים, איגנאַטן, פון זיין היים אַוועקגעריסן. שפּעטער איז געקומען אָט יענער־אָ. פאַר דער גאַסט־פריינטלעכקייט, פאַר דעם זאַטן לעבן, וואָס מען האָט אים געגעבן, האָט ער

אָפּגעצאָלט — זיין ווייב אָוועקגערויבט... איז דאָס טאַקע ער, דער וואָס גייט איצט פּאַראויס?

אַ ברויזיקער כעס האָט איגנאַטן באַוועלטיקט. דער הענט־געבונדענער מענטש פּאַראויס פון אים, איז ביי אים געוואָרן דער צייכן פון אַלע אומגליקן. איגנאַט האָט אים אַ טרייסל געטאָן, אַ שליידער געטאָן צו דער ערד, אויס־געשאָסן — איינס, צוויי און דריי...

פריץ איז אַנידערגעפאַלן. אַ דין ריטשקעלע בלוט האָט זיך געצויגן אין שטויביקן וועג.

איגנאַט איז געשטאַנען איבער דעם גוססדיקן שונא אין מאָדנע פאַר־טעמפּטקייט. די געדאַנקען האָבן זיך ניט באַוועגט. ער האָט זיך געפילט דער־לייכטערט, אַקוראַט ווי אינאיינעם מיטן שונאס בלוט וואָלט אויך אויסגערונען זיין לאַנג־אָנגעלאָדענע פאַרביטערטקייט.

אין אָט דער פאַרטעמפּטקייט איז איגנאַט געשטאַנען לאַנג. דערנאָך האָט ער אַ טאַרקע געטאָן פריצן מיטן פוס — ער איז שוין געווען טויט. און דאַן איז אין אים אויפגעקומען אַ נאַגנדיקע הוילקייט, ווי אַלץ, וואָס האָט אים יאָרנ־לאַנג געמאַטערט, וואָלט אויפגעלייזט געוואָרן און עס וואָלט גאָרניט אַנדערש געבליבן נאָך וואָס צו לעבן. אַ רחמנות צו זיך אַליין, צו די אָוועקגעגאַנגענע יאָרן האָט אים אַרומגענומען: עך, עך! ווער וועט מיר געבן צוריק מיין גליק?...

לאַנגזאַם האָט איגנאַט צוריק אַריינגעלייגט דעם נאַגאַן אין שיידל און זיך אַרומגעקוקט. אויף דעם גאַנצן מערב־האָריזאָנט האָט זיך געהויבן אַ טומאַן פון רויך. דאָרטן האָבן געברענט די דערפער. דאָרטן האָט דער שונא צע־שטערט הונדערטער היימען. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיין קליינזעליקייט. ערשט איצט, אַז ער האָט זיין אייגענעם חשבון מיטן דייטש אונטערגעפירט, ערשט איצט ווייסט ער, אַז עס איז נאָך אָבער געבליבן אַ לענגערער, אַ וואָגיקערער חשבון מיט די דייטשן... ער האָט געוואָרפן אַ לויפנדיקן בליק צו דעם טויטן פריץ בענדערמויער און איז מיט איילנדיקע טריט אָוועק צום מערב, צום בראַנד פון שלאַכט...

***

די באַוואָפנטע קאָלכאָזניקעס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן ביים ברעג פון וואַלד. פון דאַנען האָבן זיי, פאַרשטעקט הינטער ביימער, געקאָנט האַלטן דעם שאָסעי אונטער פייער.

אַנדרעי האָט אַרויסגעשיקט אויסשפּירער: דעם פּופּצן־יאָריקן סטעפּאַ־נענקאָ און זיין חבר וואָלטשאַק. דערווייל איז מען געלעגן און געוואַרט. אַנדרעי

האָט געטראַכט: „עך, ווען מיר וואָלטן דאָ האָבן אַרטילעריע, איין באַטאַרייע כאָטש!...“

איגנאַט איז צוגעקומען צום וואַלד. מען האָט אים געגעבן אַ ביקס. ער האָט עטלעכע מאָל אויסגעפּרוּווט דעם שלאָס.

אַרום האַלבן טאָג האָבן די אויסשפּירער אָנגעזאָגט, אַז די דייטשישע אינפאַנטעריע דערנעענטערט זיך. אַלץ איז מיטאַמאָל אָנגעשפּיצט געוואָרן.

— מען דאַרף זייערע מאַטאָרן דאָ, ביים וועלדל, פאַרהאַלטן און דערלאַנגען פייער. ווער וועט זיך אונטערנעמען ביים שאָסעי זיי מיט גראַנאַטן צו באַ־פעלצן?

עס האָבן זיך געפונען עטלעכע פרייוויליקע און זיי זענען באַלד אַוועק־געקראָכן, שלענגלענדיק זיך צווישן די נידעריקע קוסטעס.

וואַרטן איז אויסגעקומען ניט לאַנג. עס האָט זיך דערהערט דער געקלאַנג פון אויטאָמאָבילן. די קאָלכאָזניקעס האָבן ניט באַוויזן צו פאַרהאַלטן די ערשטע געפאַנצערטע וועגענער, אָבער די נאָכפאָלגנדיקע לאַסט־אויטאָמאָבילן, פול מיט סאָלדאַטן, זענען פאַרוואָרפן געוואָרן מיט גראַנאַטן.

די אויפרייסן האָבן זיי אָפּגעשטעלט. די דייטשן זענען אַראָפּגעשפּרונגען. אַ שאַרפע איבערשיסעריי האָט זיך אָנגעהויבן.

די עטלעכע געפאַנצערטע אויטאָמאָבילן, דערזעענדיק, אַז די לאַסט־וועגענער זענען פאַרהאַלטן געוואָרן, האָבן זיך אויסגעדרייט אויף צוריק. אויף דעם האָט אַנדרעי טאַקע געוואַרט. ער און נאָך קאָלכאָזניקעס האָבן באַגעגנט די געפאַנצערטע אויטאָמאָבילן מיט פלעשער אויפרייס־שטאָף. דער גאַנצער שאָסעי איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום פון פייער. די לאַסט־מאַטאָרן האָבן געפלאַקערט, פון די רויכערנדיקע געפאַנצערטע אויטאָמאָבילן זענען אַרויסגעשפּרונגען דייטשן. די קאָלכאָזניקעס האָבן זיי אַרומגערינגלט און דערלאַנגט פייער.

צווישן אַלעמען האָט דער שוין ניט־יונגער איגנאַט זיך איצט אויסגעצייכנט. ער האָט זיך געריסן פאָראויס, ווי פון אינעווייניק אַרויס, מיט העלדנ־מוט פאַרן לאַנד און פאָלק און געוואָלט דערגאַנצן זיין פערזענלעכן חשבון, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געהאַט אונטערגעפירט...

דאָס געשלעג איז איצט געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. איגנאַט האָט אַרומגעוועט מיט דער ביקס, ווי איין אים וואָלט אַ שד געזעסן. ער האָט געשטאָכן, געשלאָגן מיטן האָלץ און אָפּגעוואָרפן אָן אַ זייט איין דייטש נאָכן צווייטן. מיטאַמאָל האָט ער ניט ווייט פון זיך דערזען אַנדרעיען אין טויטלעכן פאַר־מעסט מיט אַ ריזיקן דייטש. ער איז צוגעשפּרונגען און אין אַ רגע איז דער דייטש, אַ דורכגעשטאָכענער, געלעגן אויפן שאָסעי.

די לעצטע, זיך נאָך ווערנדיקע, דייטשן זיינען איינציקווייז דערשאָסן גע־וואָרן. די קאָלכאָזניקעס האָבן צוזאַמענגעקליבן די געפאַלענע און פאַר־וואונדעטע. צווישן די לעצטע איז אויך געווען אינגאַט יערעמענקאָ. אַ לעצטע קויל פון אַ דייטש האָט אים געטראָפן.

פון דערווייטנס האָט זיך דערטראָגן אַ דונערנדיקער הוראַ־געשריי. ער האָט דערגרייכט ביזן וואַלד און אָפּגעגאַנגען מיט עכאָס. דאָס האָבן די אַרומ־גערינגלטע טיילן פון דער רויטער אַרמיי זיך דורכגעריסן און גענומען שטראָמען אַרויף צום שאָסיי.

אַנדרעיען האָבן די ווייטע הוראַ־געשרייען אַ הויב געטאָן:

— ברידערלעך; דאָס זענען זיי!... אונדזעריקע! זיך דורכגעריסן!... — און ער האָט זיך געלאָזן אַנטקעגן די אָנקומענדיקע. די קאָלכאָזניקעס נאָך אים, טראָגנדיק זייער הוראַ־געשריי אַנטקעגן. דער גאַנצער סטעפּ איז אָנגעפילט געוואָרן מיטן מעכטיקן רוסישן זיג־הילך.

דער קאָמאַנדיר פּעטראָוו איז געווען דער ערשטער צו דערזען אַנדרעיען.

— אָודעיענקאָ! — האָט ער אָן אָטעם אויסגעשריען און זיך געוואָרפן אים אויפן האַלדז. — מיר האָבן זיך פּאָרט דורכגעריסן. ברידערלעך! אָט איז ער! אונדזער אָודעיענקאָ! ער האָט די פאַשיסטן פאַרהאַלטן. אונדז געגעבן אַ מעגלעכקייט צו דערלאַנגען זיי פייער. אַנו, הויבט אים! הויבט אים!...

— לאָזט אָפּ! — האָט אַנדרעי זיך געבעטן.

עמעצער האָט אַ זונג געטאָן: „פעלדער, איר פעלדער . . .‟ און די פרייד, וואָס האָט געשוימט ביי יעדערן, האָט אונטערגעכאַפּט דאָס ליד און עס האָט זיך צעטראָגן כוואַליעדיק ווי גאָלדענע זאַנגען, ווייט און ברייט:

פעלדער, איר פעלדער,
פעלדער, עך, איר גרינע פעלדער,
רייטן, אוי, איבער פעלדער העלדן,
עך, די דרייסטע העלדן־רויטאַרמייער . . .

קאַפּיטל צוואַנציק

דעם טויטן קערפּער פון פריץ בענדערמויער האָבן די קאָלכאָזניקעס גע־פונען אויפן וועג און האָבן אים געבראַכט צום שפּיטאָל. און ווען מען האָט דורכגעזוכט די זאַכן, האָט מען, אינאיינעם מיט די דייטשישע דאָקומענטן, געפונען אַן אַלטן קאָנווערט מיט אַ בילד פון טאַטיאַנאַן און דעם קליינעם אַנדריושאַ.

עמעצער האָט טעלעפאָנירט אין שכנותדיקן דאָרף, וואו טאַטיאַנאַ איז געווען אַוועקגעפאָרן העלפן איינזאַמלען דעם שניט.

טאַטיאַנאַ איז געקומען. מען האָט איר געוויזן דעם קאָנווערט, וואָס מען האָט ביי דעם טויטן געפונען. טאַטיאַנאַ האָט ניט געקענט באַגרייפן די גאַנצע זאַך... זי האָט אָנגעקוקט דעם מת. פריץ? זאָל דאָס זיין ער, איר פריץ? איר געליבטער און דער פאָטער פון איר קינד? אָבער דאָס איז דאָך אוממעגלעך. פונוואַנען האָט ער זיך מיטאַמאָל גענומען אַהער? ניט אַנדערש, ער איז גע־קומען מיט דער דייטשישער אַרמיי... אויף דעם האָבן עדות געזאָגט זיינע דאָקומענטן...

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני, ווי זי וואָלט אים וועלן בעסער אָנ־קוקן. יאָ, דער, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד, איז געווען איר פריץ. ער האָט דאָך אַמאָל אַזוי פיל געמיינט צו איר... איצט איז ער און די גאַנצע געשיכטע געווען ניט מער ווי אַן אָפּגעדאַרט בלאַט פון איר לעבן, ווייט און פרעמד. ביטער האָט זי געטראַכט: „אָ, פריץ! ווי אַזוי האָסטו געקאָנט גיין מיט די פאַרכאַפּער? קעגן מיר, קעגן מיין זון? קעגן זיך אַליין? ביזט דאָך אויך אַ האַרעפּאַשניק, אַ פּויערס אַ זון...“

טאַטיאַנאַ האָט זיך אויפגעהויבן, זיך אַרומגעקוקט. זי איז איצט איינע אַליין געווען אין צימער. די אַרומיקע זענען אַרויס און האָבן זי איבערגעלאָזט אַליין מיט איר צער. איר איז געווען טרויעריק, אָבער קיין טרערן זענען ניט געפאַלן. מאָדנע, — האָט זי געטראַכט, — ווי דאָס לעבן פּלאָנטערט זיך, קנוילט זיך אָפּ, און פּלאָנטערט זיך ווידער... ניין. כאָטש איר האַרץ טוט ווײ, פילט זי, אַז דאָס איז דער לעצטער פּלאָנטער. איצט מוז עס גיין צו קלאָרקייט...

זי איז אַרויס און שטיל פאַרמאַכט די טיר. אַלץ, וואָס עס איז געבליבן הינטער דער טיר, איז געווען אַן אָפּגעשלאָסענער קאַפּיטל פון איר לעבן, וואָס

האָט שוין צום ווייטערדיקן קאַמף קיין שייכות ניט...

גוסינאָוו, דער דאָקטער פון שפּיטאָל, האָט זי דערזען אין קאָרידאָר:

— חברטע אָודעיענקאָ! איך טאַקע וויל איך זען. אַ פאַרוואונדעטער וויל אייך זען.

— אַ פאַרוואונדעטער? ווער?

— איגנאַט יערעמענקאָ.

אַ שאַרפער ווייטיק האָט איר אַ שניט געטאָן אין האַרצן. איצט איז אַלץ, וואָס האָט זיי פריער צעשיידט, געווען אָפּגעווישט. און זי האָט דערפילט אַ נאָענטקייט, וואָס בינדט זי צוזאַמען מיט אָט דעם מענטשן. אַ נייער בונד. ער האָט פאַרן פאָטערלאַנד זיין בלוט פאַרגאָסן. פאַר זייער נייעם לעבן...

זי איז אַריין אין צימער פון שפּיטאָל. איגנאַט איז געלעגן אין בעטל ביים פענצטער און געקוקט אין דרויסן. זי איז צוגעקומען, זיך איבערגעבויגן איבער אים און צאַרט, מיט די ליפּן, באַרירט זיין שטערן, ווי אַ מאַמע באַרירט דעם שטערן פון אַ קינד, צו זען צי דאָס קינד האָט, חלילה, ניט קיין היץ:

— ווי פילסטו, איגנאַט?

איגנאַטן איז פון אָט דעם צאַרטן באַריר פון אירע ליפּן און פון די פּאָר ווערטער גוט און גרינג געוואָרן. דאַנקבאַרע טרערן זענען געשטאַנען אין זיינע אויגן. זי האָט פאַרשטאַנען און פאַרגעבן... ער האָט דערפילט: ער מוז איצט זאָגן דאָס, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט דורכגעווייטיקט. ער האָט זיך אויפגעזעצט.

— ניטע, איגנאַט! ליג רואיק! — האָט זי אַ זאָג געטאָן.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. די זון איז באַר־וואָס אויפגעגאַנגען. דער גאַנצער מזרח איז געווען גאָלדיק־רויט. ווייט און ברייט האָבן זיך געצויגן די אָנטבלויזטע פעלדער מיטן אָפּגעשניטע־נעם געלן שטרוי. ליב און היימיש איז אים געווען דאָס בילד פון די שטיבער און דער בלויער ראַנד פון וואַלד אויפן האָריזאָנט.

מיט אָנשטרענגונג האָט איגנאַט גערעדט:

— זע, טאַטיאַנאַ, ווי אין רויטן גלי ווערט געבוירן אַ נייער טאָג... זע, ווי די זון גייט אויף איבער אונדזערע פעלדער, אונדזער מי... איצט איז דער שונא געקומען אַלץ אָוועקצונעמען. איך, דו, אַנדערע — אַלע איינאיינעם וועלן מיר קעמפן... ביזן לעצטן...

מער האָט איגנאַט ניט געקאָנט רעדן. ער איז צוריקגעפאַלן אויפן קישן.

טאַטיאַנאַ האָט אים באַרואיקט. געגלעט זיינע באַקן, געווישט זיינע טרערן און דערביי ניט געפילט, ווי אויך פון אירע באַקן זענען גערונען רייכע און לויטערע טרערן איבער די באַקן...